STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01660

VARSHEVER PURIM-SHPILER

Isaac Turkow-Grudberg

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. טורקאָוו — גרודבערג

וואַרשעווער פּורים־שפּילער

יצחק טורקאָוו-גרודבערג

ווארשעווער פּורים-שפּילער

(היסטאָרישער ראָמאַן)

פאַרלאַג יידיש בוך ווארשע 1956

IZAAK TURKOW-GRUDBERG

WESOŁKOWIE WARSZAWSCY

(powieść historyczna)

Redaktor: B. Heller
רעדאַקטאָר: ב. העלער

Okładkę projektował: I. Rejzman
הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Wydawnictwo „Idisz Buch"
Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 7482. Nakład 5,000 egz. Druk ukończono w grudniu 1956 r.
Ark. druk. 20. Ark. wyd. 18. Pap. druk. mat. III kl. 61×86 cm g 70
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, ul, Tarczyńska 3. B-7-58517

ערשטער טייל

א

צוריק אהיים

I

דער פּאָסט־דיליזשאַנס האָט זיך שווער געהוידעט איבער די צערונצלטע שמאָלע וועגן פון דער קיעלצער געגנט, איינוויגנדיק די פּאַסאַזשירן אין א דרימל. אפילו דאָס אָפטע אויפטרייסלען ביים ארויסקלעטערן פון גריבער און דער געקלימפּער פון געשמידטע רעדער איבער די שטיינער, וואָס האָבן געסטאַרטשעט לענגאויס דעם וועג, — האָבן נישט געקאָנט ארויסשטויסן די פּאסאזשירן פון זייער פארגליווערטקייט. זעלטן ווען האָט עמעצער זיך געווענדט מיט א וואָרט צו זיין שכן, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן צי יענער לעבט נאָך, און ווייטער בנעימותדיק אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. א געדיכט שנאָרכן בלויז האָט עדות געזאָגט וועגן די פּאסאזשירן, אז זיי לעבן. זייערע גופים האָבן זיך געוויגט צום ריטם פון דער טרייסלעניש, לייכט זיך אָנגעשטויסן, און קיינער האָט שוין אפילו נישט געפּרוווט איבערצובעטן זיין שכן פאַר א קלאַפּ אָדער שטויס. אַפּנים, אַז דאָס פעלן פון פרויען אין דיליזשאַנס האָט די אַלע מענטשן — געקליידעטע אין פיינע רייזע־מלבושים, מיט עלעגאַנטע לעדערנע סאַקוואָיאַזשן, די פּיס אַרומגעוויקלט מיט דיקע וואָלענע פּלעדן — באַפרייט פון די העפלעכקייט־צווימען, צו וועלכע זיי זענען, משפּטנדיק לויט זייער אויסזען, געווען געווינט פון זייערע יינגסטע יאָרן. עס האָט אויסגעזען, ווי אלע פּאסאזשירן במעט וואָלטן געהערט צו איין געזעלשאַפט. געפאָרן זענען זיי אויך אלע פון איין אָרט: די — מיט פולע, לאַנגע וואָנסן — בלאָנדע, טונקל־שאַטענע און גרויע, און די — מיט עלעגאַנטע, אויסגעפּיצטע באַקנבערד אָדער

שיטערע פּאַוואָריטן. בלויז צוויי יונגע פּאַסאַזשירן אין ווינקל פון דער הינטערשטער באַנק האָבן אויסגעזען פרעמדע אין דער געזעלשאַפט. אפשר צוליב די לייכטע פעלערינעס און העכערע גרויע צילינדער־היט, וואָס האָבן עדות געזאָגט וועגן זייער קומען פון אַ ווייטערן אויסלאַנד; און אפשר צוליב דער קאָרעקטער צוריקגעהאַלטנקייט פון די צוויי אויסלענדישע געסט. די גאַנצע צייט פון קראָקע אָן האָבן זיי נישט גערעדט מיט קיינעם, אויף פראַגן בלויז געענטפערט מיט אַ קאַרג, גאָרנישט זאָגנדיק וואָרט. קיינעם פון די איבעריקע פּאַסאַזשירן האָט זיך נישט געגלוסט צו פאַרטיפן אין דעם.

יעדער פון זיי איז געפאָרן צו זיך אַהיים, אין זיין גוט, פון וואַנען ער האָט, מיטן הסכם פון גובערנאַטאָר, זיך אַרויסגעריסן קיין קראָקע באַראַטן זיך מיט זיינס גלייכן וועגן די ענינים פון הייבן די לאַנדווירטשאַפט, און פאַרענדיקט די באַראַטונג מיט באַזוכן די קראָקעווער ווינקעלעך, וואָס זענען געווען פאַרזאָרגט מיט אַלטן שליאַכעצקן מעד און יונגע פויערישע מיידלעך. האָבן זיי טאַקע איצט געדרימלט, געשנאָרכט און מעלה־גירהט אין זכרון די אָנגענעמע שעהן, פאַרבראַכטע אין קראָקע, פאַרן צוריקקומען אין די אייגענע הויפן, צו ווייבער, קינדער, שוויגערס, עקאָנאָמען, קאַרבאָוועס, פויערים, דינערשאַפט, צום לאַנגוויל פון שמועסן מיט שכנים — נענטערע און ווייטערע — אַזעלכע, וואָס חלומען נאָך אין דער שטיל וועגן אַ פּוילישע קעניגרייך אָן דעם פעלדמאַרשאַל פּאַסקיעוויטש, אָדער אַזעלכע, וואָס עסן זיך אויף מיט טראַכטענישן וועגן אַ בכבודיקן שידוך פאַר די פאַרזעסענע טעכטער.

פון די ביימער פאַזע וועג זענען די לעצטע געלע בלעטער געפאַלן אויף דער פייכטער ערד. די פאַרנאַכטיקע האַרבסטיקע קילקייט איז אַריינגעדרונגען אין דיליזשאַנס, געפּרוּווט אַדורכנעמען די פּאַסאַזשירן. קיינעם האָט עס אָבער נישט געאַרט, אַחוץ די צוויי, — מן־הסתם טאַקע אויסלענדער — וואָס האָבן זיך געטוליעט איינער צום צווייטן.

דער פּאָסט־האָרן האָט אַלץ אָפטער אָנגעהויבן צו הילכן. נאָוועמבערצייט אין דער באַרגיקער קעלצער געגנט האָט די פינצטערניש ליב אַרומצוהילן אַלץ און אַלעמען, נישט צולאָזן פון ערגעץ קיין אָפּשיין פון ליכט. קאָן מען זיך נישט ווילנדיק אָנשטויסן אויף אַ וואָגן, אַ קו, אָדער גאָר אויף אַ קינד. נאָר דאָסמאָל איז די פאָרזיכטיקייט פון פּאָטשטער געווען אָן איבעריקע: קיין לעבעדיקן מענטשן זעט מען נישט אַרום, קיין באַשעפעניש, קיין סימן פון לעבן. אין זייער נאַקעטקייט ליגן די פעלדער, טריב סטאַרטשען די אָפּגעפליקטע ביימער. זעלטן ווען באַווייזט זיך אַ כאַטע

נישט ווייט פון וועג, זעט זי אויס אַרייגגעוואַקסן אין דער ערד, צוגעדריקט צו איר מיטן דאַך פון ווילדע שטרוי־סנאָפּעס, אָן אַ רויך פון קוימען, וועלכן מען זעט כמעט נישט אַרויס פון שטרוי־דאַך, אָן אַ ליכט אין פענצטער. פון ערגעץ ווייט קאָן מען צייטנווייז דערהערן אַ טויב געבילעריי פון הינט אַלט ענטפער אויפן פאָסט־האָרן — און דאָס ווערט גלייך דערטרונקען אין געקלימפּער פון געשמידטע רעדער, אין טופּען פון די פערדישע קאָפּיטעס, אַלץ אַרום שלאָפט — נאָך טיפער, ווי די הערן, וואָס פאָרן אין דיליזשאַנס. עס וואַכט נאָר דער פּאָמשטער אויף די קאָזלעס, און עס וואַכן די צוויי פּאַסאַזשירן אין ווינקל פון דיליזשאַנס.

נישט ווייט איז שוין די קרעטשמע, וווּ מען וועט זיך אָפּשטעלן. לאַנג אין אַזאַ פינצטערניש וועט דאָך דער דיליזשאַנס נישט פאָרן. די פערד גייבן מיט זייער הירזשען אויך צו וויסן, אַז זיי זענען מיד און עס הלומט זיך שוין זיי דער טעם פון האָבער. באַלד דערזעען זיך טאַקע ליכט פון לאַמטערנס, עס דערטראָגט זיך דער גערויש פון מענטשלעכע שטימען. דער האָרן צעהילכט זיך פרייליכער, די פערד גיבן אַ האַסטיקן ריס — מען דערנענטערט זיך צו דער פּאָמשט־סטאַציע.

מיט בראַוווּר, קנאַקנדיק מיט דער בייטש, טרייבט דער קוטשער זיינע דריי פּאָר פערד צום פּלעצל ביי אַ גרויסער כאַטע, וואָס שיינט מיט ליכט פון אַלע פענצטער. די פּאַסאַזשירן כאַפּן זיך אויף לעבהאַפטיק־וואַכיקע, הייבן זיך אָן צו געזעגענען, פאַרבעטן זיך קעגנזייטיק, זאָגן זיך צו צו באַזוכן, לאַכן הילכיק. אַ פעסטער „טפפר”, אַ שאַרפער צי די לייצן האַלט איין די פאַרענגדיקע פערד, וואָס הייבן אָן צו קאָפּען די ערד אונטער זיך, צופרידענע פון דעם איבערגעקומענעם געלויף. פון די אָפּוואַרטנדיקע קאָמשן לויפן קוטשערס, לאָקייען, פּאַכאָלקעס צום אָנגעקומענעם דיליזשאַנס. זיי כאַפּן די סאַקוואָיאַזשן פון זייערע הערן, דראַפּען זיך אַרויף אויפן דאַך פון דיליזשאַנס, כדי פון דאָרט אַראָפּצושלעפּן דעם שווערן באַגאַזש. א היציקע לעבהאַפטיקייט שלאָגט פון אַלעמען, ווי די פּאַרע פון די פערד. שטרענגע רופן פון די הערן, לעצטע געזעגענונגען, געלעכטערס.

די צוויי יונגע פּאַסאַזשירן, מיט קליינע סאַקוואָיאַזשלעך אין די הענט, גייען אַרויס די לעצטע פון דיליזשאַנס. מידע טריט פירן זיי אין דער ריכטונג פון די באַלויכטענע פענצטער. דאָ וועלן זיי מן־הסתם איבערנעכטיקן.

II

די טונקעלע שיין פון אַן אייל-קנויט האָט געוואָרפן אומהיימלעכע שאָטנס, וואָס האָבן זיך געדראַפּעט צו די גראָבע בעלקעס פון באַלקן.

ביים טיש זענען געזעסן ביידע יונגע פּאַסאַזשירן. זיי האָבן נאָר וואָס פאַרענדיקט דאָס עסן. אָן די פּעלערינעס און צילינדער-הייטן האָט זיך בולטער אַרויסגעזען די באַשיידנקייט פון זייערע מלבושים. אויפבליצן פון דער קנויט האָבן דריטלעך באַלויכטן זייערע פּנימער. איינער האָט אויסגעזען צו זיין העכער, ברייטפּלייציקער, מיושבדיקער. איבער זיין הויכן שטערן האָבן זיך געקרייזלט טונקל-בלאָנדע האָר, געצויגן זיך אין פולע פּאַוואָריטן לענגאויס דעם אויסגעצויגענעם פּנים, וואָס איז אויפן לאַנגן האַלדז אַרויסגעוואָקסן פון די ברייטע פּלייצעס ווי אַ שמאָלע פּאַלמע פון אַ גרויסער דאָניצע, אַ געהאָדעוועטע אין אָראַנזשעריעס. ער איז געווען ערנסט, פאַרטראַכט, אָבער האָט נישט אויסגעזען צו זיין אַ מאָמענטאַלע פאַרטראַכטקייט, נאָר אַ פאַרגליווערטע מאַסקע פון ערנסטקייט. דער צווייטער האָט אויסגעזען צו זיין נידעריקער און שמעלער, נאָר דאָס פּנים קיילעכדיקער, מיט שוואַרצע, צעשויבערטע האָר איבערן נידעריקן שטערן און קירצערע פּאַוואָריטן. ער איז אויך געווען פאַרטראַכט, נאָר די פאַרטראַכטקייט איז געווען אַ באַוועגלעכע, ער האָט אָפט געקנייטשט דעם שטערן, דער אויסדרוק פון פּנים האָט זיך געביטן. זיין גאַנץ אויסזען איז געווען פרעמד די שווייגנדיקע טונקלקייט. ער האָט לסוף נישט אויסגעטראָגן די געדיכטע שטימונג און שפּיל אַ זאָג געטאָן:

— דאָס ערגסטע זענען מיר איבערגעקומען, אמת, הענריק?

דאָס איז געווען ווי געפרעגט און באַשטעטיקט גלייכצייטיק. די ווערטער זענען אַ לענגערע צייט געהאָנגען אין דער לופט, ביז דער חבר האָט זיך אָנגערופן, קוים באַוועגנדיק מיט די ליפּן, נישט עפענענדיק די אויגן:

— יאָ, איזאַק. כ'מיין, אַז איצט קאָנען מיר שוין זיין רואיק.

— רואיק, רואיק, איך קאָן עס נישט... — זיינע הענט האָבן האַסטיק געפלאַטערט. — די מונדירן פון די צאַרסקע זשאַנדאַרמען ביי דער גרענעץ... דאָס בלוט האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַריין. כ'האָב געפילט, די פינגער רייסן זיך צום צינגל פון דער ביקס, וואָס אין דער האַנט פון זשאַנדאַרם. די רויכן פון דער סמאָקער שלאַכט, די פייערן פון וואָליע האָבן געבריט אין די אויגן...

אַ שאַרפערער טאָן האָט אַ צישע געטאָן:

— באַהערש זיך, איזאַק. מיר זענען האַנדלס־רייזנדע, וואָס פאָרן אַהיים פון ווין, פאַרגעס עס נישט... אין וואַרשע וועלן מיר אפשר קאָנען צראָפּוואַרפן פון זיך די פרעמדע פעל, צוזאַמען דערמיט... — ער האָט מיט דער האַנט אָנגערירט די קעשענע, וווּ ס'איז געווען באַהאַלטן זיין רייזע־פּאַספּאָרט.

איזאַק האָט זיך אויף אַ רגע באַרויִקט. ווידער אַ געדיכטע שטילקייט. אָבער באַלד האָט זיך זיין שטערן אויפסניי צערונצלט, די הענט — צעפּלאַטערט, די אויגן — צעבליצט. ער האָט זיך ווידער צעברויזט:

— רויִק... אַלץ איז דאָ רויִק אַרום, אַלץ. אין קראָקע זאָרגלאָזע זאַטקייט, טעמפּע גלייכגילטיקייט. וואָס איז פאַר זיי פאָטערלאַנד? געשעפטן, כיבודים, הייזער, הייזלעך. אונטערן שוץ פון זיין מאַיעסטעט דעם קייזער און קעניג... און דאָ, פון דער זייט, ווערט אַלץ דערשטיקט פון פּאַסקיעוויטשעס אָטעם. די פּריצים, וואָס האָבן שלום געמאַכט, זענען צופרידן, דער פויער בייגט זיך אין דרייען, און דאָס פאָטערלאַנד איז טויט... ערשט מיט פינף יאָר צוריק האָט דאָך אַלץ דערוואַכט. מען האָט געקעמפט, בלוט פאַרגאָסן. און איצט: אַלץ פאַרשטומט, דערוואָרגן, קיין סימן פון לעבן, אַ שטיין אויפן דנאָ פון וואַסער...

הענריק האָט אומצופרידן פאַרצויגן די ברעמען. דעם חבר האָט ער זייער ליב געהאַט. צוזאַמען זענען זיי אַוועק פון דער וואַרשעווער ראַבינערשול, מיט די ערשטע יידישע פריוויליקע, אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, אין די הייסע טעג פון דעצעמבער 1830, צו קעמפן פאַר פוילנס פרייהייט. צוזאַמען דורכגעמאַכט די שלאַכטן, צוזאַמען זענען זיי געלאָפן איבער דער גרענעץ, געוואַנדערט פיר יאָר איבער פרעמדע שטעט און לענדער. דאָס בינדט דאָך עפּעס צו מענטשן! און ער האָט ליב געהאַט דעם חבר פאַר זיין לעבנס־לוסט, פרייִדיקייט, — פאַר דאָס אַלץ, וואָס איז געווען אַ היפּוך צו זיין אייגענער באַזאַכטער מוחדיקייט. זיי ביידע שטעלן מיט זיך פאָר עס אידעאַל פון אַ היינטצייטיקן אויפגעקלערטן פּוילישן ייד, נאָכמער — דעם אידעאַל פון אַ פרייען מענטשן. אויף קיין איין מינוט איז אים דורך די אַלע יאָרן פון וואַנדערונגען אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז ער, הענריק, איז אייגנטלעך דער שטאַרקערער צד פון זיי ביידן — ער קריגט דאָך געלט פון דער משפּחה, אַדאַנק דעם האָבן זיי זיך געקאָנט ווי עס איז דורכמאַטערן. גיין, וועגן דעם האָט ער נישט געטראַכט. ער איז אָבער געווען זיכער ביי זיך, אַז ער זעט אַ סך זאַכן קלאָרער, ווי זיין חבר, ער איז נענטער צום אמתן לעבן, כאָטש דער קאָפּ איז שטענדיק פול געווען מיט מחשבות וועגן

וועלט־זאַכן, מיט טראַכטעניש וועגן נשמה און אייביקייט. איזאַק האָט דאָך קיינמאָל נישט געטראַכט אַזוי טיף, ווי ער; איזאַק פלעגט אויפפלאַקערן, ווי טרוקן שטרוי, געלאָזט זיך מיטרייסן מיט מאָמענטאַלע געפילן. האָט ער דען געטראַכט וועגן מאָרגן, וועגן דער צוקונפט? אַלץ האָט ער געוואָלט, ס'זאָל ווערן באַלד, אויפן אָרט, אויף דער מינוט. שטענדיק געברענט מיט זיין אומגעדולדיקייט, און נישט איינמאָל גורם געווען, זיי זאָלן זיך ביידע אָפּבריען. און איצט, ווען זיי זענען שוין אויף דער שוועל פון דער היים... מען דאַרף דאָך קוקן אַ ביסל רעאַלער אויפן לעבן. פון דער היים שרייבט מען, אַז אין לאַנד איז אַ שטילע אַמנעסטיע. די היציקסטע האָבן זיך איינגעשטילט, באַרואיקט. דער פעלדמאַרשאַל פּאַסקיעוויטש וויל איצט באַהערשן די געמיטער, לאָזן פאַרהיילן די וווּנדן פון אויפשטאַנד. די געוועזענע אויפשטענדלער טשעפּעט מען שוין נישט, מען לאָזט צורו די יידן, מען מאַכט מיט זיי געשעפטן... דעם פאָטערס ברודער, דער פעטער גאַטשע אונגער, פירט ריזיקע פאָדריאַדן, בויט אַ פעסטונג אין וואַרשע. אונטער זיין שוץ וועלן זיי ביידע זיכער קאָנען אומבאַמערקט אַריין אין אַ גאַרמאַל, רואיק לעבן אין דער היים. נישטאָ מער קיין כוח צום היימלאָזן אַרומשלעפּן זיך איבער דער וועלט. מען דאַרף אַ ביסל קומען צו זיך. שפּעטער, מיט דער צייט, וועט מען זיך אָננעמען מיט נייע כוחות, וועט מען ווידער קאָנען טראַכטן עפּעס צו טאָן... נישט שלאָגן מיט הייסע קעפּ אין קאַלטע, פעסטע מויערן... און דער איזאַק ברענט, רוט נישט, ער קאָן נאָך ברענגען אַן אומגליק אויף ביידן. וואָס קאָן אים איזאַק פאָרוואַרפן? ער וויל דאָך אויך זיין גוטס. און ער איז זיכער אויפריכטיקער מיט איזאַקן, ווי יענער מיט אים, הענריקן. ער ווייסט אויסגעצייכנט, אַז איזאַק האָט סודות פאַר אים, פאַר זיין נאָענטסטן חבר. פלעגט ער דען נישט פאַרשווינדן ווערן מיטן דעפּוטאַט ברעזאַ, מיט פאַרשידענע היציקעפּ פון פוילישן דעמאָקראַטישן פאַריין? שטענדיק האָט איזאַק געהאַט פאַרבינדונגען מיט די ראַדיקאַלן אויף דער עמיגראַציע און אים, הענריקן, נישט געוואָלט אַפילו דערציילן, וועגן וואָס מען רעדט צווישן זיי. מיט וועלכן רעכט האָט ער פאַרלוירן דעם צוטרוי? באשר ער, הענריק, איז אַ באַלעבאַטישער זון און נישט קיין זון פון אַ פּרייליכמאַכער, אַ בדחן? באשר ער האָט אַ פאַמיליע, און איזאַק איז אַ יתום... עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן דער אומצוטרוי. ער האָט פאַריבל געהאַט און גלייכצייטיק זיך געשראָקן פאַר איזאַקס עפּעס אַ ווילדן אויפטו.

דאָך האָט ער זיך באַהערשט און, ווי זיין שטייגער, זאַכלעך דערמאָנט:

— מיר האָבן געהאַט אָפּגערעדט אין אויסלאַנד: קיין איין וואָרט וועגן אויפשטאַנד, וועגן פּאָליטיק. אין דער היים וועלן מיר זען. דאָרט וועלן מיר באַשליסן וואָס ווייטער. אמת, מיר האָבן אָפּגערעדט? און דו האָלטסט נישט קיין וואָרט. ווילסט, מיר זאָלן זיך אויסגליטשן פאַרן אַהיימקומען? נישט שווער צו דערפירן דערצו. געדענק אָבער: וועסט אונדז ביידן אומגליקלעך מאַכן. — די ווערטער האָבן שוין געקלונגען כמעט דראָענדיק. — אויב דיין געוויסן לאָזט דיך, קאָנסטו טאָן, ווי דו ווילסט...

ער האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון בענקל און מיט געמאָסטענע טריט אַוועק צום געלעגער, אָנגעהויבן זיך אויסצוטאָן. ער איז געווען זיכער, אַז אויף אַ שטיקל צייט וועט עס באַרויקן איזאַקן. די זיכערקייט האָט אים גופא באַרויקט. ער האָט זיך אַליין געוואָלט באַפעסטיקן אין דעם געדאַנק און האָט שוין זאַכלעך צוגעגעבן, ווי עס וואָלט קיין שום אַמפערגיש נישט געווען צווישן זיי:

— פאַרגעס נישט, אַז באַגינען פאָרן מיר ווייטער. ס'וואָלט נישט געשאַדט אַ פּאָר שעה זיך אויסצושלאָפן נאָך דעם גאַנצן טאָג האָצקעניש. איך בין מיד.

די לעצטע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן מיט אַ טאָן, וואָס האָט באַדייט, אַז מער וויל ער נישט פירן קיין שמועסן — ס'איז די העכסטע צייט צו פאַרלעשן דעם אייל־קנויט.

אַ רגע איז נאָך איזאַק געזעסן ביים טיש, פאַרקוקט אין דעם צאַנקענדיקן ליכט פון קנייטל. ניין, ער קאָן נאָך אַלץ נישט צעקייען דעם חבר זיינעם. ווי געביטן ער האָט זיך! עס זענען דאָך קוים אַ פּאָר יאָר פאַרביי, ווי זיי האָבן זיך צוזאַמען באַגייסטערט פאַר זייער חברים, לייבל הערגישם, פּאַטריאָטישער אָדע, וואָס האָט גערופן צום אויפשטאַנד, וועלכע זיי פלעגן אָן אויפהער רעציטירן בעת די איבעררייסן אין די לימודים אין דער האַביגער־שול; צוזאַמען מיט אים איז ער אַוועק זיך שלאָגן מיטן צאַרס חיילות... ער, הענריק, האָט דאָך אויף אַן אמת אויסגעשטעלט זיין קאָפּ אויף דעם שונאס קוילן, כדי צו ראַטעווען אים, איזאַקן, וואָס האָט זיך שוין געהאַט געזעגנט מיטן לעבן... צוזאַמען האָבן זיי מיטגעמאַכט דעם שווערן וואַנדער־וועג פון דער פּוילישער פּאַטריאָטישער עמיגראַציע, געחלומט וועגן פרייהייט פאַר פּויערים און גלייכע רעכט פאַר יידן, געוואַרעמט די נשמה ביי דעם גרויסן פייער, וואָס איז אָנגעצונדן געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אויפריכטיק גערעדט קעגן אָרעמקייט און פאַר=

שקלאַפונג, כאָטש ער איז נישט געווען אַ קינד פון דער גאַס, אַ יתום, ווי ער, איטשע דעם בדחנס; צוזאַמען האָבן זיי געחלומט וועגן אַ יושרדיקער קאָמונע, ווי עס האָט געפּרעדיקט באַבעף, וועגן אַ וועלט, אין וועלכער אַלע געטער וועלן אָפּגעשאַפט ווערן און ס'וועט בלייבן איין גאָט — דער מענטש, איין ציל אין לעבן — פרייד און גליק פון מענטשן... צי איז דאָס אַלץ אין אים געווען נישט אויפריכטיק? ניין, אין דעם איז ער הענריקן נישט חושד. ער האָט מיט דעם זעלבן אייפער, ווי ער, איזאַק, געטאַדלט דעם דיקטאַטאָר כלאָפּיצקי, וועלכן זיי אַלע האָבן געהאַלטן פאַרן הויפּטשולדיקן אין דורכפאַל פון אויפשטאַנד... געפייערט קעגן גובערנאַטאָר, גענעראַל כזשאַנאָווסקי... הענריק האָט עס דאָך באַצייכנט דעם קריגס־מיניסטער מאָראַווסקי, אַז ער איז אַ האַלבער גענעראַל, אַ האַלבער דיכטער און אַ גאַנצער יעזואיט און אַנטיסעמיט. דאָס ווערטל איז געוואָרן אַ שלאָגוואָרט אין די ראַדיקאַלע קרייזן. איז וואָס דער מער מיט אים? פאַרוואָס איז ער מיט יעדן חודש אויף עמיגראַציע געוואָרן אַלץ פאַרשלאָסענער אין זיך, אַלץ פרעמדער זייערע חלומות, זייער גלויבן? וואָס האָט עס זיך איז אים איבערגעקערט?

דער פלאַם פון דער קנויט האָט זיך אַראָפּגעזעצט אין דער ברייט און ביים שפּיץ זיך צעטיילט אין צוויי שמעלערע פלעמלעך. איזאַק האָט זיך פאַרקוקט אין דער שפּאַלט צווישן די פלעמלעך. פון רויך איז אַרויסגעשווומען אַ צעבוואַליעט רעדל, געוויגט זיך צאַנקנדיק, אַרומגעטאַנצט פאַר זיינע אויגן. ער האָט זיך אָן אויפהער איינגעקוקט אין דעם רעדל, געוואָלט פאַרטרייבן זיין צעבוואַליעטקייט, איינהאַלטן עס אויף אַן אָרט. דאָס רעדל האָט עפּעס אָנגעהויבן צו שמייכלען צו אים, באַרויִקט זיך און אין אים איז אַריינגעשווומען אַ קיילעכדיק צעשמייכלט פּנים מיט צוויי געדיכטע באַקנבערד. דאָס פּנים איז אים געווען קענטיקלעך... ווו האָט ער עס געזען? איזאַק האָט געקנייטשט דעם שטערן, איינגעקוועטשט זיך אין די קעמערלעך פון מוח: ער מוז זיך דערמאָנען, ווו ער האָט געזען דאָס פּנים... נוט, גוט, ער האָט געזען פאַר זיך דעם פירער פון די, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין אויפשטאַנד און דאָך געטאָן אַלץ, אַז דער אויפשטאַנד זאָל נישט זיגן, זאָל נישט ווערן קיין פאָלקס־אויפשטאַנד, זאָל נישט באַדראָען זייער דורותדיקער הערשאַפט:

— טשאַרטאָריסקי! פירשט טשאַרטאָריסקי!

בליצשנעל האָט זיך דאָס פירשטלעכע פּנים צונויפגעגאָסן מיט זיין חברס, הענריקס פּנים. וואָס פאַר אַן אומזין! ווי קומט איינער צום צווייטן... און דאָך האָט אים דער געדאַנק נישט אויפגעהערט צו נאָגן אין מוח. נישט

שוין זשע זאָל זיין נאָענטסטער חבר אוועק אין די פירשטלעכע וועגן? לעולם איז דאָך דער פירשט אויך א מענטש מיט א גוט האַרץ, א טראָכטנדיקער, א פילנדיקער, א מיטפילנדיקער... מעגלעך, מעגלעך! דער רוח ווייסט! ווייזט אויס, אַז דאָס האַרץ האָט אים טאַקע גוט געוואָרנט נישט אריינצוציען העניקן אין די קרייזן פון דער עמיגראַציע, וועלכע איזאַק האָט געהאַלטן פאַר די אמתע אויסדריקער פון פוילנס פרייהייט, נישט אריינצוציען אים אין דער קאָנספּיראַציע, וואָס האָט אים פאַרטרויט עמעס צו טאָן אין וואַרשע... דער ריס צווישן זיי וועט, דוכט זיך, אלץ שטאַרקער.

ער האָט א קוק געטאָן אויפן בעט: העניק איז שוין געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט א מאַסקע פון רואיקייט אויפן פנים. טאַקע צייט צו שלאָפן. איזאַק האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוטאָן, אוועקגעלייגט דעם ראָק, דאַן זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און אַרומגעטאַפּט זיך אונטערן העמד, ווי ער וואָלט דאָרט געהאַט באַהאַלטן עפּעס א גרויסן אוצר. אַלץ איז אין אָרדענונג. מיט א זיפץ פון דערלייכטערונג האָט ער א שטאַרקן בלאָז געטאָן אין אייל-קנויט.

פינצטערניש האָט איינגעהילט אַלץ אַרום.

III

דער רעגן האָט אָן אויפהער געגאָסן. די צעווייקטע וועגן האָבן געהאַמעוועט דעם דיליזשאַנס, שווער געמאַכט אים דורכצושלאָגן זיך קיין וואַרשע. דער גאַנצער וואָגן איז געווען אויסגעבאָדן אין בלאָטע. די פערד האָבן געביסן דעם געשפּאַן — זיי האָבן נישט געקאָנט שלעפּן אַזוי שנעל, ווי עס האָט זיך געגלוסט דעם קוטשער, וועלכער האָט אָן אויפהער אונטערגעשמיסן מיט זיין בייטש די צעפּאַרעטע זאַדן, צוגעבנדיק דערצו פעטע קללות.

דאָסמאָל זענען אין דיליזשאַנס געווען פאַרשידנאַרטיקע פּאַסאַזשירן: א וואַרשעווער סוחר, וואָס האָט געאיילט אַהיים, א צופרידענער פון געקויפטן שטיקל וואַלד. ער האָט שוין די ביימער באַרעכנט אויף געהילץ און אין קאָפּ געחשבונט דעם ריווח; אַן אָפּגעקומענע פריציש פּאָרל מיט א טאָכטער, וועלכע מען האָט געפירט קיין וואַרשע — טאָמער וועט גאָט צושיקן א שידוך; א פּאָר פאַרשוינען, וועלכע ס'איז סתם שווער געווען צו דערקענען, ווער זיי זענען — דער אויסזען און הולך זייערער האָט זיי מיט גאָר=

גישט כאראקטעריזירט. אין דער געזעלשאפט האָבן זיך העגריק מיט אי־
זאקן געפילט א ביסל פרייער. זיי זענען זיכער געווען, אז דאָס איז צוליב
דער געמישטער געזעלשאפט, און אפשר איז די פרייקייט געקומען דערפון,
וואָס זיי זענען שוין אוועק נאָר וויט פון דער גרענעץ, פון דער שרעק פאַר
א זשאנדארמען־קאָנטראָל? אײנס איז זיכער — זיי האָבן פארלוירן די
שטייפקייט פון דעם ערשטן טאָג רייזע. איזאק האָט אפילו אייניקע מאָל
געהאט חשק ארייגצולאָזן זיך אין א שמועס, דערגייין עפּעס וועגן לעבן,
וועגן די שטימונגען אין לאַנד. העגריק האָט אים אָבער יעדעס מאָל מיט
א צופּ ביי דער האנט, מיט א בביוונדיקן הוסט, איבערגעריסן דעם אָנגע־
הויבענעם שמועס.

ביי העגריקן האָט דאָס דערנעענטערן זיך צו ווארשע ארויסגערופן
נאָך א געפּרעסטערע ערנסטקייט, ווי שטענדיק. ביי איזאקן — א פאַר־
שטארקטן אומגעדולד. עס האָט זיך אים זייער געוואָלט וויסן, נאָך פאַרן
אָנקומען, ווי עס זעט אויס די שטאָט, צי האָט זי זיך געענדערט דורך די
יאָרן, ווי לעבט מען דאָרט.

דורך וואגען זיי פאָרן אריין קיין ווארשע האָט זיי ביידן גישט איג־
טערעסירט. ס'איז זיי אַלץ אײנס געווען — דער עיקר איז דערפאָרן אהין.
זיי האָבן גישט נאָכגעפרעגט, דורך וועלכער ראָגאטקע דער דיליזשאנס
פאָרט אריין. נאָר דערנעענטערנדיק זיך צו דער ראָגאטקע, האָט איזאק אין
דער בלאָטיקער ארומקייט דערזען א חורבה פון א הייזל, וואָס האָט אים
אויסגעזען צו זיין באקאנט. א דערמאָנונג האָט אים מיט א הייסער כוואַליע
אָ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אריין.

— ווו זענען מיר? — די אומרואיקע פראגע איז געווען געווענדט
צום אקעגנאיבערדיקן פאסאזשיר.

— וואָליע, — איז געקומען א גלייכגילטיקער ענטפער.

איזאק האָט א פאַל צוריק געטאָן אויף זיין באנק. אויך העגריק האָט
לייכט אויפגעציטערט. אין בין־השמשות, דורכן געדיכטן רעגן־שלייער,
האָבן זיי געפרווט זיך אײנקוקן אין דער געגנט. איזאק האָט ארומגעקלא־
מערט העגריקס האנט און זיך צעטרייסלט, ווי ער וואָלט ערשט איצט
דערפילט די פייכטע קאלטע לופט. דאָ, אויף די פעלדער, אין דער געגנט
איז עס דאָך געשען! זייער לעצטע שלאכט...

פאַר זיינע אויגן האָבן אויפגעפלאַמט די פייערן פון דער וואָליער
שלאכט. אין די קנוילן האָט ער דערזען פאַר זיך דאָס פּנים פון א בלוי־
אויגיקן רוסישן סאָלדאט, מיט וועלכן ער האָט זיך צונויפגעטראָפן אין

האַנט־געפּעכט. די ווייטיקלעכע גרימאַסע, וואָס איז געקומען נאָך אַן אויגנבליק פון גרויסער פאַרווונדערונג, ווען איזאַק האָט אין אים אַריינגעשטאָכן זיין באַגנעט. גלייך נאָכדעם איז אַרויסגעשווומען אַ כמאַריק, באַבערדיקט פּנים פון אַן עלטערן סאָלדאַט, וועלכער האָט מיט ערנסטער געלאַסנקייט, ווי נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת, אויפגעהויבן זיין שווערע ביקס, אַ פּאָכע געטאָן מיט איר אין דער לופטן... איידער איזאַק האָט נאָך באַוויזן אַרויסצושלעפּן דעם באַגנעט פון זיין קרבן, האָט דער באַבערדיקטער אַראָפּגעלאָזט די ביקס אויף איזאַקס פּלייצעס. און איידער ער האָט באַוויזן אומצופאַלן פון קלאַפּ, איז ער נאָך דורכגעשטאָכן געוואָרן פון אַ באַגנעט, וואָס איז אויסגעוואַקסן ערגעץ פון דער זייט.

צו וואָס? צו וואָס איז דאָס אַלץ געווען? אין נאָמען פון וואָס איז געווען דאָס פאַרגאָסענע בלוט, טויט, חורבות. איז אַלץ געווען אומזיסט? ניין, אויף קיין איין רגע האָט ער נישט געוואָלט גלויבן, אַז אומזיסט. ער האָט זיין יונג לעבן געשטעלט אין קאָן פאַר דער גרויסער האָפענונג, מיט וועלכער עס האָט געאָטעמט כמעט די גאַנצע יוגנט פון דער ראַבינער־שול, די זעלבע האָפענונג, וואָס האָט באַגייסטערט די יונגע אָפיצירן, וועלכע זענען אַרויס אין אויפשטאַנד, און מיט זיי — פּשוטע פּוילישע פאָלקס־מענטשן פון די וואַרשעווער הינטער־גאַסן. אַלע האָבן זיי געגלויבט, אַז זיי וועלן אויסקעמפן אַ פריי פּוילן און אַ בעסער לעבן, פאַרטרייבנדיק דעם צאַרס טיראַניע, די הערשאַפט פון דעם ווילדן קאָנסטאַנטין, זייערע טרייע דינער פון דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע, מיט דעם נאַמיעסטניקס פירשטלעכער געליבטער. אַ פריי פּוילן! אַ פריי פּוילן, וואָס וועט אַלעמען געבן פרייהייט, — דער חלום האָט געקאָנט אָנצינדן צו דער גרעסטער העלדישקייט. און ער האָט אָנגעצונדן!... עס איז אָבער געווען אַ חלום בלויז. ער איז צערונגען געוואָרן אין דער פּוילישער וואָר. אָך, די וואָר פון פּוילישן לעבן, ווו דער גרעסטער טייל פון פאָלק, דער פּויער, איז אויסערן לעבן! וויאַזוי האָבן זיי געקאָנט, אָן דעם אָנשפּאַר אין דעם גרעסטן טייל פון פאָלק, אַנטקעגנשטעלן זיך דער מאַכט פון צאַר מיט די פאַרבינדעטע זיינע — די חיילות פון עסטרייכישן קייזער און פּרייסישן קעניג? האָט דען געקאָנט זיגן דער אויפשטאַנד, ווען דער פּויער האָט נישט געקאָנט פון אים הערהערן דעם רוף, וואָס זאָל אים אויפרייסן צום קאַמף: פרייהייט און ערד! אָבער פאַר דעם האָבן די כלאָפּיצקיס און מאַראַווסקיס מער מורא געהאַט, ווי פאַרן צאַרס טיראַניע. דאָס מוז דאָך פאַרשטיין אַ קינד אַפילו. אין ברען פון געפעכט האָט מען אפשר נישט געטראַכט וועגן דעם. אָבער

אויף עמיגראַציע איז עס דאָך אַזוי קלאָר דורך איזאַקן פאַרשטאַנען געוואָרן.

מיט זייטיקע בליקן האָט העניריק אָנגעשטרענגט געקוקט אויף אַ זאַקן. ער האָט מורא געהאַט פאַר זיינס אַן אומבאַרעכנטן אויסברוך דאָ, אויפן אָרט פון זייערע שווערע איבערלעבונגען. די איבערלעבונגען זענען שוין ווייטע פאַרגאַנגענהייט, און ביי העניריקן האָט דאָס וואָליער שלאַכטפעלד נישט אַרויסגערופן קיין חשבון-הנפש. דעם חשבון האָט ער געמאַכט אין משך פון לעצטן יאָר וואַנדערונגען. דער סך-הכל דערפון איז געווען: מידקייט. אין קאַמף האָט ער זיך טאַקע געוואָרפן מיט דעם זעלבן גלויבן, וואָס אַלע, מיט דעם זעלבן חלום וועגן אַ פריי פוילן. נאָר דאָס זענען געווען געפילן, און איצט איז אַ צייט פון חשבון. דאָס איז אַ טרוקענע מלאכה, זי טאָר נישט באַווירקט ווערן פון געפילן. ביער טרוקענער, קאַלטער חשבון זייגער האָט געפירט צו אַ סוחרישער פעסטשטעלונג: באַנקראָט. פאַרשפּילט. דאַרף מען רעגולירן די חובות, ווי עס לאָזט זיך, און אָנהייבן אויפסניי אַ געשעפט — מעג זיין אונטער אַן אַנדער פירמע. שטילערהייט, אין זיך, קאָן מען ווייטער פּיעסטעווען דעם חלום, לאָזן זיך אַ יום-טובדיק ווינקעלע אין דער נשמה. אַ חלום פאַר יום-טובים. אָבער אין דער וואָכן מוז מען פירן דאָס געשעפט אונטער דער נייער פירמע, אפשר וועט מען זיך דערוואַרטן צו בעסערע צייטן פון כולו יום-טוב. איצט איז מען מיד, צעבראָכן, מען דאַרף מנוחה, מנוחה... דאָס האָט ער געהאַט צו געפינען אין דער היים. די יאָרן לויפן דאָך. אַ לעבן קאָן מען דאָך נישט אָפּחלומען! מען דאַרף לעבן...

וויפל ער האָט נישט געפרווט צו איבערצייגן וועגן דעם זיין חבר, איז עס אים אַליין נישט געלונגען. די לופט אין אויסלאַנד אַליין, די פאַרטרוימטקייט פון די היצקעפ — דאָס אַלץ האָט געשטערט. די וואַרשעווער לופט וועט אים אפשר אויסהיילן. אַזוי ווי אים, העניריקן, האָבן שוין אויסגעהיילט די בריוו פון דער היים. יעדער בריוו האָט געאָטעמט מיט וואַרשע. איזאַק האָט עס, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט פילן. ווי קאָן ער בכלל פילן, וואָס דאָס איז אַ היים? אַ קינד פון דער גאַס... צי קאָן ער דען איבערלעבן די דערנענטערונג צו דער היים, ווי עס לעבט איבער העניריק?

דער דיליזשאַנס איז, טשלאַפענדיק מיט די רעדער ביז אַ העלפט אין דער בלאָטע, פאַרפאָרן אויפן פלאַץ פון דער וואַרשעווער דיליזשאַנסן-סטאַציע.

דער רעגן האָט געטריפט מיט פינצטערקייט פון האַרבסטיקן אָוונט. צום יידישן רעוויר — צום וווין־פערטל, וו ס'איז געווען די היים פון הענריקס משפחה, איז געווען אַ מהלך ווייט. איז אויסגעקומען צו כאַפּן דעם ערשטן טאַראַנטאַס מיט אַן אויפגעהויבענער בויד און הייסן פירן זיך אויף דער פראַנטשישקאַנער גאַס. לכתחילה האָט זיך דער קוטשער געקרימט: מען קאָן דערטרינקען ווערן אין די בלאָטעס פון די נישט ברוקירטע יידישע גאַסן. נאָר אַזוי ווי די אויסלענדישע פּאַסאַזשירן האָבן זיך נישט געדונגען וועגן פּרייז, האָט ער וואַזשנע אַ צי געטאָן די לייטשעס און אָנגעהויבן טרייבן דאָס פערדל פון ליכט־קרייז אויפן פּלאַץ אין אַ פּעך־שוואַרצער שמאָלקייט פון געסלעך.

הענריק האָט זיך ברייטלעך אָנגעלענט אויפן אָנשפּאַר פון סקריפּענדיקן געזעס און לייכטער אָפּגעאָטעמט: באַלד וועט ער זיין אין דער היים... דאָס געפיל האָט איזאַק נישט געהאַט. ביי אים האָט זיך אייגנטלעך די היים שוין אָנגעהויבן נאָכן אַריבערפאָרן די ראָגאַטקע. איצט האָט ער פאַרבייפאָרנדיק געפּרוווט פון דער בודע אַרויסקוקן אויף די גאַסן, וו דאָס טעכיקע קלעפּיקייט איז זעלטן דורכגעשניטן געוואָרן דורך אַ געלן שטראַל פון נעפּלדיקער לאַמטערן־ליכט אויף אַן עק גאַס און נאָך זעלטענער — דורך אַ מאַט־גרינלעכער שיין פון אַ באַלויכטענעם פענצטער. די זעלטענע אויפשיינען האָבן פאַר זיינע אויגן אַנטפּלעקט בילדער פון משונהדיקע טורעמס. שטאַרק אָנגעשטרענגנדיק דעם בליק האָט ער אין זיי דערקענט בוירושטאָוואַניעס. דאָס האָט אים אַ ביסל אויפגעהייטערט: מען בויט, הייסט עס מען לעבט. וואַרשע וואַקסט. אפשר... ווען זיי זענען זֻבער אַריינגעפאָרן אין גבול פון יידישן רעוויר, איז אויך ער אַוועקגעפאַלן אויפן אָנלען פון געזעס: דאָ זענען נישט געווען די קיילעכדיקע און שפּיציקע גאַס־שטיינער, וואָס האָבן געמאַכט כסדר אויפשפּרינגען דעם טאַראַנטאַס און אַרויסגערופן דעם אָפּהילך פון פערדישע קאָפּיטעס. דורך דער געדיכטער בלאָטע האָט דאָס פערד קוים געשלעפּט דעם וואָגן, נישט געקוקט אויפן בייזן אונטערטרייבן פון קוטשער. אין אָפּשיין פון פענצטער־ליכט האָט מען געזען שנעל־איילנדיקע מענטשלעכע שאָטנס, וואָס האָבן געשלאָפּט מיט די שטיוול אין בלאָטע, אונטערהייבנדיק מיט די הענט די מאַנטלען און קאַפּאָטעס. די געשטאַלטן האָבן דערמאָנט אין וואַנדערער, וועלכע רייסן זיך דורך אַ שטורעם־ווינט צו אַ ווייט־באַלויכטענעם פּונקט, וו זיי האָפן צו

געפינען אַ שוץ־אָרט. קיין פּנימער איז נישט געווען אַרויסצוזען אונטער די ברייטע קאַפּעליוש־ראַנדן און דאַשקעס פון טיפע היטלען.

דער טאַראַנטאַס איז פאַרפאָרן פאַר אַ גרויסער דריישטאָקיקער מויער, שטאַרקער באַלויכטן ווי די מערהייט הייזער אויף דער פראַנטישישקאַנער גאַס.

— ענדלעך! — האָט זיך אַרויסגעריסן פון הענריקס ברוסט, ווען ער האָט אַריבערגעשפּאַנט דאָס שטיקל בלאָטע און דערפילט דעם פעסטן באָדן אונטערן טויער.

גלייכצייטיק איז אים איזאַק נאָכגעגאַנגען, שלעפנדיק דאָס קליינע סאַקוואָיאַזשל, ווי אַ שווערע מאַסע. די טיר פון טונקל־באַלויכטענעם קאָרידאָר האָט זיי געעפנט אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן. זיין הולך — דער אויסגעריבענער ספּענצער, די שווערע שטיוול און דאָס אויסגעקראָכענע באַראַשקענע היטל אויפן קאָפּ — האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז אַ משרת. פאַר הענריקן איז עס געווען דער ערשטער באַווייז: די עלטערנס בריוו וועגן גוטע געשעפטן זענען מן הסתם נישט געווען קיין פּוסטע רייד. ער האָט געלאָזן געגעבן דעם יונגנמאַן אין דער האַנט אַריין זיין סאַקוואָיאַזש, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פעלערינע, און, ברענגענדיק אויף זיך אין אָרדענונג די מלבושים, געעפנט די טיר פון צימער. עס האָבן זיך פון דאָרט געהערט שטימעס פון דערוואַקסענע און קינדערישע קולעכלעך. ער איז שטיין געבליבן אויף דער שוועל, פאַרבלענדט פון שיין פון די גראָבע וואַקסענע ליכט, וואָס האָבן געטריפט אין הענגלייכטער אינמיטן שטוב און אין איינצלנע לייכטערס אין אַלע ווינקלען. און באַלד איז ער פאַרהילכט געוואָרן פון פריידיקע אויסגעשרייען, הענט האָבן אים אַרומגעכאַפּט. אין דעם כליפּען פון דער פרוי, וואָס האָט אים אָן ווערטער געדריקט צו זיך, אין דער געזאַלציענער פייכטקייט, וועלכע ער האָט דערפילט אויף זיינע ליפּן, האָט ער דערקענט, אַז דאָס איז זיין מאַמע.

— נו, שוין, גענוג, וועסט זיך נאָך צייט האָבן אָנצווויינען... — ער האָט דערקענט די אומגעדולדיקע שטימע פון זיין פאָטער, דערפילט, ווי יענער נעמט אים אַריין פעסט אין די אָרעמס, דריקט אים צו זיך און פירט אים צום טיש. — ברוך־הבא! רו זיך אָפּ פון וועג, זעץ זיך אַוועק...

אַ לייכטער ציטער האָט זיך געפילט אין זיין שטים. ער האָט עס גלייך גובר געווען און באַפעלעריש פאַרענדיקט:

— ביילע, הייס בעסער דערלאַנגען אַ גלעזל וואַרעמס. זעסט דאָך: ער זשיפּעט קוים.

אין צימער איז געוואָרן אַ לויפעניש. מען האָט עפּעס געשטעלט אויף דעם געגרייטן טיש, אויף וועלכן ס'זענען נאָך פאַרבליבן שיריים פון כיבוד־באַגריסונגען פון אַלע זייטן:

— ליב אייך אייער גאַסט... ברוך־הבא... ס'קאָצל קומט, הענעכל...

די שטול, ווו הענעך איז אַוועקגעזעצט געוואָרן דורכן טאַטן, איז כהרף־עין באַקלעפּט געוואָרן דורך אַ האַלבן טוץ קינדער — קלענערע און גרעסערע. די גרעסערע האָבן גייענדיק באַטראַכט דעם ברודער פון די מרחקים, די קלענערע האָבן געצופּט די פּאָלעס פון זיין ראָק, געריסן אים ביי די אַרבל. איינער, אַן אויסגעפּוצט און אויסגעצערטלט יינגעלע פון אַ יאָר פיר, האָט זיך, מעשה־באַלעבאָס, אַרויפגעקאַראַבקעוועט אויף די קני און עקשנותדיק אים געשלעפּט ביי דער גאָמבע, כדי צו ציען די אויפמערקזאַמקייט בלויז אויף זיך.

— אונדזער בן־זקונימל, אונדזער בנימינדל. — האָט דער פאָטער פאָרגעשטעלט הענעכן זיין אומבאַקאַנט ברודערל. אין טאָן זיינעם האָט זיך געפילט, אַז בנימינען איז אַלץ דערלויבט, די ווערטער האָבן געוואָרנט, הענעך זאָל זיך נאָר נישט פּרוּוון אַ בייזער טאָן אויף אים.

הענעך האָט וועגן דעם אַפילו נישט געטראַכט. ער האָט בכלל נישט געטראַכט. אַ טומל האָט זיך געקנוילט אין זיין מוח. אַ נעפּל, ווי דער קאַפּעטש פון אַלע ברענענדיקע ליכט, האָט אים פאַרשטעלט די אויגן. די וואַרעמקייט, וואָס איז פון אַלע זייטן געפלאָסן צו אים, האָט זיך צעגאָסן איבער זיין גוף. „כ'בין אין דער היים! אין דער היים!“ — דער איינציקער געדאַנק האָט זיך דורכגעריסן אין אים דורכן נעפּל, דורכן טומל.

אין אַ ווינקל פון קאָרידאָר איז נאָך אַלץ געשטאַנען איזאַק, נישט באַמערקט דורך קיינעם פון די אַריין־ און אַרויסלויפנדיקע. ער האָט געהערט דעם טומל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן מיט הענעכס אַריינקום אין יענעם צימער, געזען די האַוועניש פון מענטשן. אים איז אָבער נאָכמער קאַלעמוטנע געוואָרן אויפן האַרצן: „ווי קום איך אַהער? אַ נישט געבעטענער גאַסט אויף דער שמחה... אפשר זיך גאָר שטילערהייט אָפּטראָגן פון דאַנען? נאָר וווהין? צו וועמען גיין?“ אויף אים וואַרט אין דרויסן די רעגנדיקע פוילקייט און געדיכטקייט פון דער בלאָטע.

פון צימער איז אַרויס דער יונגערמאַן, וואָס האָט זיי פריער געעפנט די טיר. ער האָט באַמערקט איזאַקס פאַרלעגנהייט:

— דער הער וואָלט אפשר אויסגעטאָן דאָס נאַסע מלבוש און אַריין אין זאַל זיך אָנוואַרעמען... מען דערלאַנגט שוין כיבוד... — ער האָט עס

געזאָגט שטיל, ווי מורא האָבנדיק מיט עפּעס אַ נישט פּאַסיק וואָרט איזאַקן צו באַליידיקן.

— כ'בין דאָ אַ נישט געבעטענער גאַסט. — אַ בלאַסער שמייכל אויף איזאַקס ליפּן האָט אים נאָענט געמאַכט דעם יונגנמאַן. — איר זענט אַן אייגענער, אַ קרוב?

— חלילה. אַ משרת. שלמהלע משרת בין איך. — אַ שטיפעריש פריילעכקייט האָט באַשיינט די ווערטער. — כ'זע דען, חס־ושלום, אויס אויף אַן אונגער?

די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן סודותדיק. נאָר אַזעלכע לוסטיקע פייערלעך האָבן זיך אָנגעצונדן אין זייגע אויגן, ווי ער וואָלט געהאַט די זי־כערקייט, אַז ער האָט געזאָגט דעם בעסטן וויץ. איזאַק האָט זיך טאַקע לייכט צעלאַכט.

— כ'וויים נישט, כ'קען נישט די אונגערם. אויסער איינעם. וועלכן כ'קען... אפשר. — דאָס לעצטע וואָרט האָט געקלונגען, ווי אַן עכאָ פון אַ געדאַנק, וואָס האָט איזאַקן באַומרואיקט זינט אַ צייט.

שלמהלע האָט אויפגעכאַפּט דאָס לעצטע וואָרט, דעם תוך פון דעם וואָרט, און פאַרלעגן אַרויפגערוקט דאָס באַראַשקענע היטל: „וואָס טוט מען מיט דעם מאָרגעם גאַסט?“ אָבער באַלד האָט זיך דערהערט העגריקס היימערע שטים, וועלכע האָט איצט צום ערשטן מאָל, דוכט זיך, צוריקבאַ־קומען דעם קלאַנג, וואָס איז איזאַקן געווען באַקאַנט פון די יאָרן, ווען זיי האָבן געשטיפט אין דער ראַבינער־שול:

— קום אַריין, איזאַק. כ'האָב גאָרנישט באַמערקט, אַז דו ביסט דאָרט שטיין געבליבן. — עס האָט אויסגעזען, ווי העגריק וואָלט זיך פאַרענטפערט.

פלינק האָט שלמהלע אַראָפּגעצויגן פון אים די נאַסע פעלערינע, אַ נעם געטאָן דעם סאַקוואָיאַזש און לייכט אַ שטויס געטאָן איזאַקן אין דער ריכ־טונג פון זאַל.

אין דער ברייט־צעעפנטער טיר, דורך וועלכער העגריק האָט אים אַריינגעפירט, כדי פאָרצושטעלן פאַר דער פאַמיליע און געסט, האָבן איזאַקן פאַרבלענדט די ליכט. ער האָט נישט באַמערקט די קאַלט־העפלעכע בליקן פון באַלעבאָס, די נייגעריקע בליקן פון אַלע געסט און עלטערע קינדער, וואָס האָבן פון זיין פנים געוואָלט אַרויסלייענען ווער און וואָס ער איז, די צע־טומלטקייט פון די קליינע קינדער, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן צו שלייכן אין די ווינקעלער, אַחוץ בנימינדלען. ער האָט זיך צוגעקייקלט צו איזאַקן, פעסט אַ שלעפּ געטאָן אים ביי דער פאָלע פון ראָק, ציענדיק אין דער ריכטונג

צום טיש. עס האָבן דאָרט פּילקאָלירן געוונקען קאַראַפֿקעס מיט משקה, טעלערלעך מיט איינגעמאַכטס, מאַצן מיט פּרוכטן און געבעקס.

V

א'זאַק האָט אויפֿגעריסן די פֿאַרשלאָפֿענע אויגן און דערזען זיין חבר העניריקן — אין אַ קאָלירטן טערקישן שלאָפֿראָק — שטיין איבער זיין בעט, אַן אָפּגעוואַשענער, אָפּגעפֿרישטער. די קנייטשן פֿון זיין הויכן שטערן זענען געווען אויסגעגלאַטיקט. אַ צופֿרידענער שמייכל האָט געריט אין די ווינקלען פֿון זיין מויל:

— אַזוי שלאָפֿן! האָסט זיך איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע און צוועלף שעה געלעגן ווי אין היגערפֿלעט...

מיט פֿאַרווירטע בליקן האָט זיך איזאַק אַרומגעקוקט, אויפֿגעזעצט זיך אויפֿן געלעגער און פֿאַרקוקט זיך אויף די טונקל-ברוינע ווענט פֿון צימער. אויף זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערוויקלען די בילדער פֿון נעכטיקן אָוונט: דער קאַלטער קבלת-פּנים פֿון בעריש אונגערן מיט זיינע חשיבותדיק-אָנגעצויגענע פּראַגן; זיין ווייבס לייזנדיקע בליקן, וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט אים, איזאַקן, פֿאַריבל גענומען פֿאַר די פֿאָר יאָר פֿון איר זונס וואַנדערונגען און ליידן; בנימינדלס טראָציקע צוגעלאָזנקייט צו אים; די פֿאַרלוירענע שמייכלען פֿון די געסט — דאָס זענען, מן הסתם, געווען נענטערע און ווייטערע קרובים, וואָס מוזן זיין אָפּהענגיק פֿון די אונגערס... דערנאָך — די פֿאָר בריענדיקע לחיימס, וואָס האָבן אים אינגאַנצן צעגומען. אַצינד האָט ער זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען, ווי שלמהלע האָט אים כמעט אַרויסגעטראָגן אויף די הענט פֿון זאַל, אַראָפּגעצויגן פֿון אים די אויבערשטע מלבושים און איינגעוויקלט אין געלעגער.

העניריק האָט דערווייל זאָרגלאָז גערעדט, ענטפֿערנדיק אויף פּראַגן, וועלכע איזאַק האָט אים נאָך נישט געשטעלט:

— דאָס איז הערווייל מיין צימער, ס'הייסט... אונדזער צימער. דערוויל. מיר פֿאַרנעמען טאַקע דעם גאַנצן שטאָק, ס'איז מיין פֿעטער גאַטשעס הויז, נאָר די משפּחה איז, קיין עין-הרע, גענוג גרויס... און משרתים... ווען מיר ווען צו זיך קומען פֿון וועג, וועט מען אַ טראַכט טאָן וועגן עפּעס באַקוועמערס.

ער האָט גערעדט אָן אויפֿהער, געפּלאַפּלט: איזאַקס שגעל שיכור ווערן

נעבטן אין אָוונט האָט אַלעמען זייער אויפֿגעהייטערט, באַזונדערס זיין
יונגסטן ברודערל, בנימינדל... ס'איז פֿריילעך ביי זיי אין שטוב. דעם פֿאָ=
טערס מאַנופֿאַקטור=געשעפֿט איז קיין עין=הרע אויסגעוואַקסן, פֿאַרנעמט דעם
גאַנצן פּאַרטער פֿון דעם הויז וווּ זיי וווינען. אַחוץ דעם, איז דער פֿאָטער
אויך אַ שטיקל שותּף צום פֿעטער נאַטשעס געשעפֿטן, נו, און דער פֿעטער
נאַטשע!... אים קען גאַנץ וואַרשע: דער הויפּט=צושטעלער פֿון דער פֿעסטונג=
בויונג, אַ ל' וועראַנט פֿאַר דער אַרמיי, אַ מיוחס ביי קהל און מלכות... עס
רעדט זיך שוין אַפֿילו, אַז פֿעטער נאַטשע וויל אים, העניקן, באַשעפֿטיקן
ביי זיך. נו, וואָס, צו זיינע געשעפֿטן וועט זיכער נישט שאַטן צו האָבן אַ
מענטשן, וואָס איז אויסגעוועזן אַ וועלט, דערצו נאָך אַן אייגענעם, אויף וועמען
מען קאָן זיך פֿאַרלאָזן... מן=הסתם וועט זיך פֿאַר איזאַקן אויך געפֿינען
עפּעס אַן אַרבעט.

געפּרוּווט האָט ער עס אַלץ צו דערציילן ווי אַגב=אורחאדיק, געמאַכט
אַן אָנשטעל, אַז ער נעמט זיך גאָרנישט איבער מיט די גליקן, וואָס דער=
וואַרטן. איזאַק האָט אים די גאַנצע צייט נישט איבערגעריסן — עקשנות=
דיק געקוקט אין זיין פּנים און געפּרוּווט פֿון דאָרט אַרויסלייענען, וואָס זיין
חבר דערזאָגט נישט מיט זיינע רייד. ווען ער האָט אָבער געהערט, אַז עס
רעדט זיך אויך וועגן אַן אַרבעט פֿאַר אים ביי געשעפֿטן מיטן מיליטער,
מיט אַ פֿעסטונג פֿאַר פּאַסקיעוויטשן, פֿאַרן צאַר, האָט ער זיך נערוועז אַ
דריי געטאָן.

— ביסט אַוודאי הונגעריק, — האָט העניק געפּרוּווט אויסטייטשן
איזאַקס נערוועזיטעט, — וואַש זיך אַרום. דער משרת וועט הייצט זיין דיין
אָרדינאַנס... כ'האָב דיך אַוואַנסירט צו אַן אָפֿיציר...

ער האָט זיך צעלאַכט מיט הנאה פֿון אייגענעם וויץ. געזען אָבער, אַז
אויך דאָס מאַכט נישט קיין איינדרוק, האָט ער באַשלאָסן איבערצורייסן
דעם שמועס:

— כ'וועל זיך דערווייל גיין אַ שפּיל טאָן מיט די קינדער. און דורכ=
שמועסן זיך מיט דער מאַמען... זי ציטערט איבער מיר, ווי איבער בנימינ=
דלען...

ווידער אַ געלעכטער, נאָר שוין דייטלעך אַ געקינצלטער. ער איז אַרויס
פֿון צימער, איבערלאָזנדיק נאָך זיך דעם שאָרך פֿון זיידענעם שלאָפֿראָק.
באַלד דערנאָך איז אַריינגעקומען שלמהלע משרת. איזאַק האָט זיך נישט
געוואָלט לאָזן באַדינען דורך אים, ער האָט אים אָבער פֿאַרהאַלטן, כּדי צו
כאַפּן אַ שמועס. עס האָט זיך אים פֿאַרבענקט צו רעדן פּראָסטע ווערטער

און הערן פּראָסטע ווערטער. אין העגריקס ווערטער האָט ער געפילט נישט אויפריכטיקייט, פאַרשטעלטקייט. אפשר איז ער געווען אומגערעכט צו זיין חבר? „מעגלעך, — האָט ער געטראַכט, — מעגלעך איך בין אומגערעכט. אָבער כ'פיל אַזוי, כ'קאָן מיר נישט העלפן“.

פרישטיק האָט ער נישט געוואָלט גיין עסן אין זאַל אַריין. בעסער דאָ, וועט ער זיך קאָנען אומגעשטערט דורכשמועסן מיטן משרת.

נאָר שלמהלע איז געווען קאַרג אויף אַ וואָרט. איזאַק איז אים טאַקע געפעלן געוואָרן, ער האָט אים ממש ליב באַקומען פון דער נעכטיקער באַגעגעניש אָן, אָבער דאָך... פאָרט אַ מקורב פון די אונגערס. „נישט מיינס ס'גאַל“ — האָט אים געבליצט אין מוח. אפשר טאַקע אַ ווייטער קרוב? — אַז נישט, וואָלט מען אים נישט געגעבן קיין געלעגער אין איין צימער מיטן בכור פון די באַלעבאַטים. שלמהלע האָט מיט יעדן וואָרט געזוכט אויסצומיידן די געפאַר פון צופיל אָפנהאַרציקייט פאַרן גאַסט, ווי אַ בלינדער, וואָס זוכט מיט זיין שטעקן אויסצומיידן אַ פאַלשן טריט.

— איר זענט שוין לאַנג אין דעם הויז? — איזאַק האָט איינגעביסן אַ פריש זעמעלע.

— דאָס צווייטע יאָר בין איך דאָ אַ משרת. — שלמהלע האָט מיט אַ כיוון אונטערגעשטראָכן דאָס לעצטע וואָרט.

נאָך אַ פראַגע און ווידער אַ קורצער, פאַרשלייערטער ענטפער. אַזוי איייניקע מאָל, ביז עס האָט אָנגעהויבן איזאַקן צו פאַרדריסן. בעת זייער ערשטער באַגעגעניש, נעכטן אין אָוונט, האָט ער אין שלמהלעס פּנים דערקענט אַ פאַרשייטע אָפנקייט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אין אים וועט ער געפינען אפשר דעם איינציקן מענטש אין דעם הויז, מיט וועלכן מען קאָן אָפנהאַרציק זיך דורכשמועסן: געוויר ווערן וועגן עפּעס, געפינען אַן אָנווייזונג, ווי זיך דאָ צו האַלטן, וואָס צו טאָן. מיטאַמאָל — אַזאַ עקשנותדיקע נישט הערזאָגטקייט אין די ענטפערס, אַזאַ דרייען זיך אויפן קנאַפּל: ס'הייסט געענטפערט און ס'איז גאָרנישט געזאָגט. „וואָס פאַר אַ רוח איז עס זינט נעכטן אַריין אין דעם יונג?“ — האָט איזאַק, קייענדיק דאָס עסן, געטראַכט צווישן איין פראַגע און אַ צווייטער. ער האָט געזוכט די נאָענטקייט פון מענטשן, אַ וואַרעמקייט, וואָס איז מקרב. געפילט האָט ער אָבער, אַז ער מוז זיך דערוועגן שלמהלעס צוטרוי, נאָר דערמיט וועט ער קאָנען גובר זיין די צוריקגעהאַלטנקייט, וועלכע קילט אַזש. די וואַנט, וועלכע איז אומגעריכט אויסגעוואַקסן צווישן זיי, וועט ער אפשר קאָנען צעשטערן מיט

אייגענער אַפּנהאַרציקייט, וואָס זאָל מאַכן יענעם דערפילן, אַז ער גיט זיך ממש איבער אין זיינע הענט.

— כ'דערקען נישט די מענטשן, כ'פלעג דאָך צו זיי אַריינקומען מיט יאָרן צוריק... פאַרן אויפשטאַנד... — איזאַק האָט מיט אַ כיוון אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט, וואָס מען פלעגט אַזוי ציטערן צו דערמאָנען, — אַנדערע מענטשן...

— אַנדערע צייטן, — האָט שלמהלע אַרויסגעברומט.

— יאָ, אַנדערע צייטן. גוטע צייטן, האַ? — שלמהלע האָט געשוויגן, נישט געוואָלט זיך לאָזן פאַנגען אויף דער פראַגע. — גוטע געשעפטן... די געשעפטן גייען גוט ביי די אונגערס, אמת?

— נישט צו פאַרזינדיקן, מיר באַקלאָגן זיך נישט... — אַן אויסגע־קרומט שמייכעלע האָט זיך דורכגעשלענגלט איבער שלמהלעס פנים.

— ווען איך בין אַוועק צום אויפשטאַנד צוזאַמען מיט העגריקן, מיט העגעבן...

שלמהלע האָט אַ צאַפּל געטאָן, ווי ס'וואָלט אים עפּעס אַ ברי געטאָן. צוגעלאָפן צו דער טיר, זיך איינגעהערט: נישטאָ קיינער? געעפנט, אַרויס־געקוקט און שוין אַ בערואיקטער שטיל געזאָגט:

— צו וואָס רעדסט דער הער? — אין טאָן איז געווען אַ לייכטער פאַר־וווּרף. — אין דעם הויז איז אסור צו רעדן וועגן דעם... דער יונגער הער איז געפאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן. אַזוי ווייסן אַלע. שוין לאַנג, איידער ס'איז נאָך געווען דער... די מהומה. און דער הער איז דעם יונגן הערס אַ קרוב. אויך פון אויסלאַנד. אַלע ווייסן עס. אַלע דאַרפן אַזוי רעדן.

אַ הילכיק געלעכטער האָט שלמהלען צעטומלט. אין איזאַקס אויגן האָבן זיך צעשפּילט שטיפערישע פייערלעך.

— דאָס איז אַן איינפאַל! ס'געפעלט מיר! איטשע דעם ברחנס — אַ קרוב פון די אונגערס... ס'קליידט מיר צום פּנים? זאָג דעם אמת, ברודער?

— איך... וואָס איך... וואָס קאָן איך ווּיסן... כ'בין אַ משרת.

— גיין, ברודער, וועסט זיך שוין ביי מיר נישט אַרויסדרייען. כ'האָב דיך געפאַקט. ווייסט איצט אַזעלכע סודות, ביסטו דאָך אויך טריף־פסול. וועסט שוין איצט אַוועקוואַרפן די קונצן און רעדן מיט מיר אָפן. אלא נישט... — איזאַק האָט זיך פאַרקרימט און געגעבן אַ מאַך אַזעלכע משונה־דיקע העוויות מיט די הענט, אַז שלמהלע האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן דאָס געלעכטער.

— מען דאַרף נישט שרעקן... — ער האָט זיך נאָך געראַנגלט מיטן געלעכטער. — שלמהלע איז נישט פון די שרעקעוודיקע.

— איז אַוודאי גוט. איך האָב פיינט שרעקעוודיקע. אפשר דערפאַר ביסטו מיר גלייך געפעלן געוואָרן. ביסט אַ גוטער ברודער, אמת? אַזעלכע האָב איך ליב.

עס האָט צעטייעט דאָס אייז פון שלמהלעס אומצוטרוי. ער האָט זיך צערעדט. גערעדט האָט ער קורץ, אָפּגעהאַקטע זאַצן, זוכנדיק אָפּטמאָל אַ וואָרט. נאָך פאַר איזאַקן איז אַלץ געווען פאַרשטענדלעך. איינגיכן איז ער געוויר געוואָרן וועגן די אונגערס אַלץ, וואָס עס האָט אים אינטערעסירט: בעריש אונגער פירט גרויסע געשעפטן. זיין חשיבות וואַקסט מיט יעדן טאָג צוליב די אייגענע מסחרים און צוליב זיין ברודער נאַטשע. דער הער האָט גאָרנישט געהערט וועגן נאַטשע אונגער? ס'איז דאָך אַ מלך אין וואַרשע. ס'ציטערט פאַר אים קהל און נאָכמער — די סתם באַלעבאַטים אין רעוויר. פאַרוואָס די באַלעבאַטים? די באַלמעלאָכעס און משרתים האָבן אים אין לויוויטש. וואָס קאָן ער זיי אָפּטאָן? סיווי פעלט זיי אוים אַ פאָר טעג צו דער וואָך. און טאָמער וואָס — שווייגט נישט יאָסל גוויאַזדאַ. דער הער ווייסט נישט, ווער גוויאַזדאַ איז? טאַקע? — דאָס האָט אויסגעזען אומגלויבלעך אין שלמהלעס אויגן. וואָס הייסט — נישט קענען גוויאַזדאַ? ווער ער איז? — אַ פשוטער ייד, האַלט אַ פעדער אין האַנט און לאָזט קיינעם נישט שפייען אין קאַשע. אַ מענטש אָן פחד, אָהאָ, וואָס פאַר אַ מענטש! אונדזער פריינד, דער פריינד פון אָרעמען מענטשן. ער האָט נישט מורא פאַר אונגערן, פאַר די קראַדניקעס פון קהל, פאַר די גבירישע תקיפים, ווי רב יאַנקל עפּשטיין, צי טעוועלע טעפּליץ. ער האָט זיי אין לויוויטש... זיי זענען נאָך די מילדע, מאַכן דעם אָנשטעל פון קהלס פאַרזאָרגער. נאָר נאַטשע אונגער. אָהאָ! דאָס איז אַ העכט! ער בויט די פעסטונג. אַ שמאַלץ-גרוב איז עס. ס'איז גענוג ר' נאַטשע זאָל גאָר פעטער ווערן, דער נאַמיעסטניק זאָל, חלילה, נישט אויסגיין פון הונגער און אַ גאַנצע רייע, וואָס ציט זיך פון נאַטשעס קאַנטאָר צום נאַמיעסטניקס פאַלאַץ. יאָ, מען קאָן איצט מאַכן אַ גילדן. וואַרשע וואַקסט, מען בויט, מען פירט, מען שלעפּט פון אַלע זייטן. יידן ווערן רייך. יענע יידן, די פון די געשעפטן, פאָדריאַדן. אין זייער זכות שטעלן זיך אויף די פיס אָפּגעקומענע פוילישע מאַגנאַטן. פריצים זענען געוואָרן שותפים מיט זייערע מאָשקעס, אַבי געשעפטן...

— אויסגעביטן פוילנס פרייהייט פאַר געשעפטן מיט יידן און מיט

פאַסקיעוויטש, פּאַנאָוויע שליאַכטאַ... — איזאַק האָט פאַר זיך געמאַכט אַ סך־הכל פון שלמהלעס דערציילונג.

די באַמערקונג האָט נישט איבערגעריסן אויף לאַנג שלמהלעס דערציילונג. זי איז איצט געפלאָסן פריי, אָן שטערונגען; אַפילו ווען ס'האָט אויסגעפעלט אַ וואָרט, אַפילו מיט פוילישע ווערטער אַריינגעמישט, מיט די הענט דערזאָגט. די דערציילונג האָט אים אַלץ מער אָנגעצונדן, ער האָט אָבער נישט פאַרגעסן די שטים צו דעמפן, ווי אַ געניטער קאָנספּיראַטאָר, וואָס געדענקט, אַז אויך ווענט קאָנען האָבן אויערן. דאָס פאָלק, דער פּשוטער מענטש, שפּאַנט ווי אַן אָקס אין יאָך. דער פוילישער און דער יידישער. פאַרן יידישן אָרעמאַן בלייבט גאָרנישט פון דעם רייכן טיש פון די יאַקובאָוויטשעס, זילבערשטיינס, עפּינגערס, עפּשטיינס, טעפּליצעס, אונגערס און די אַנדערע גדולים. די פּראָווינצער צאָלן בלוטיקע גראָשנס פאַרן טאָג־צעטל, די אָרטיקע — דעם שטייער פאַר כשר פלייש. דאָס איז פאַר קהל, מען קלאָמפּערשט. דערווייל שטאָפּן אָן דערפון זייערע קעשענעס די צוויי מחותנים — עפּשטיין און טעפּליץ... דער הער וועט נישט דערקענען וואַרשע. די שטאָט וואַקסט, ס'וואַקסט די יידישע קהילה. נאָר מער פון אַלץ — די יידישע אָרעמקייט. פון די שטעטלעך זענען געקומען טויזנטער משפחות זוכן גליקן, און געפינען — דעם דלות. פינצטערע נאָרעס אין פריצישע שטאַלן. הונגער און שמוץ אין די חושכדיקע הינטערגעסלעך פון רעוויר. נישטאָ קיין גואל, נישטאָ קיין טאַטע פאַר זיי. די גבירים ווילן זיי אַרויספּטרן פון וואַרשע. די רבנים — זאָגן צו עולם־הבא. די דאַזאָרעס ליגן זיי אין דער לינקער פּיאַטע. איין יאָסל, יאָסל גוויאַזדאַ — ער זאָרגט פאַר זיי. טאַקע ווי אַ טאַטע. ער האָט נישט קיין מורא, רעדט, שרייבט, מונטערט. יאָ, ס'זענען דאָ אפשר אַנדערע אויך, וואָס נעמען זיך צום האַרצן. זיי שווייגן אָבער, קרעכצן אין דער שטיל. וואָס קאָן העלפן זייער קרעכצן? ווי מיינט דער הער?

איזאַק האָט איבערגעריסן דעם שטראָם פון שלמהס דערציילונג:

— רעד נישט צו מיר „דער הער". פּשוט: איזאַק, איטשע, ווי דו ווילסט. כ'בין נישט קיין אונגער. כ'בין איינער פון די, וואָס קרעכצן...

פאַרשעמט האָט שלמהלע אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— מיר וועלן בלייבן פריינד, אמת? — אַ וואַרעמקייט האָט געקלונגען אין איזאַקס ווערטער.

— און צווייטנס, אויב העגריק וועט דיך פרעגן, ווו איך בין אַהינגעקומען, מאַך זיך געפּגרט. כ'בין שוין לאַנג אַוועק, זאָלסטו זאָגן. אַוועק אין

שטאָט אַריין. אפשר וועגן געשעפטן, אפשר אויף אַ שפּאַציר. דו ווייסט גאָר־ נישט. ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ משרת...

שלמהלע האָט שוין בדעה געהאַט זיך צו באַליידיקן, נאָר איזאַקס שטיפערישקייט האָט אים ווידער געמאַכט שמייכלען. ער האָט שפּילעוודיק אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די פּעלערינע, אַ דריי געטאָן דעם צילינדער אין האַנט, ווי אַ קונצנמאַכער, און מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט פאַר־ נייגט זיך פאַר דעם געלעגער, אין וועלכן ער האָט זיך דורך דער נאַכט אַזוי גוט אויסגעגלייכט די ביינער.

— מען דאַרף גיין אין שטאָט אַריין. אַרומקוקן זיך... — האָט ער פריינדלעך אַ זאָג געטאָן צו שלמהלען אָנשטאָט אַ זיי־געזונט און שטיל זיך אַרויסגעשלייכט פון צימער.

אויף יענער זייט טיר איז אים שלמהלע פאַרלאָפן דעם וועג. ער האָט פאָרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט, כדי זיך איבערצייגן, צי קיינער פון די שטוב־ מענטשן זעט זיי נישט, און שטיל געעפנט פאַר איזאַקן די אַרויסגאַנג־טיר אויף די טרעפּ.

ב.

וואַרשעווער גאַסן

I

אַ גרויקייט האָט איינגעהילט די גאַס אין האַלב־פינצטערניש. עס האָט דאָסמאָל נישט גערעגנט, ס'איז נאָך ווייט געווען צום אָוונט, און אַלץ אַרום האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דער טאָג וואָלט זיך שוין געענדיקט. אפשר איז עס געווען פון דער בלאָטע, וואָס האָט ווי אויפגעווירענער, שמוציקער טייג מיט פאַרגליווערטע כוואַליעס פאַרגאָסן די געסלעך פון רעוויר; אפשר דער אומרו, וועלכער שוועבט אין דער לופטן, ווען דער אָנקומענדיקער ווינטער ראַנגלט זיך מיטן פאַרגייענדיקן גאָלדענעם פוילישן האַרבסט — איזאַק האָט זיך אין דעם נישט פאַנאַנדערגעקליבן. ער האָט נאָר געפילט, אַז אַ קאַלטע פייכטקייט דרינגט אַדורך זיינע ביינער, רופט אין אים אַרויס אַ לייכטן קדחת־ציטער. ער האָט זיך פעסטער איינגעהילט אין דער פעלערינע, שפּאַנענדיק איבער דער בלאָטע, וואָס האָט שוין אינגאַנצן באַקלעפּט זיינע שטיבלעטן, געלייגט זיך מיט דיקע פלעקן אויף זיינע גרויע הויזן. ער האָט געפּרוווט אויסצומיידן די ערטער, וואָס האָבן אים אויסגעזען צו זיין געפערלעך, אַריבערשפּאַנען צו אַ ברעט, אַ שטיין, איז ער מיט אַזאַ שפּרונג מערסטנטייל נאָכמער אַריינגעפאַלן — פון אונטער דעם ברעט האָט אַ שפּריץ געטאָן אויף אים אַ טונקעלער פאָנטאַן, וואָס האָט באַפאַרבט אַפילו אויבערשטע טיילן פון זיין פעלערינע. מינוטנווייז האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער שפּאַנט אַרום, ווי מיט צוויי־דריי יאָר צוריק, אַ הונגעריקער איבער די געסלעך פון אַ פּאַריזער פאָרשטאָט אין די פייכטע פּאַריזער ווינטער־טעג, ווען דער נעפּל פאַרוואַנדלט טאָג אין אָוונט. נאָר איצט איז ער דאָך זאַט, נישטאָ די גוט באַקאַנטע נאָגנדיקייט אונטערן האַרצן. גיין, דער אַרום איז אויך געווען אַן אַנדערער: דאָרט האָבן די גע־

פֿלדיקע גרויקייט הורכגעריסן הייטערע שטימען פֿון גאַסן־יינגלעך, די לעבהאַפֿטיקע באַוועגלעכקייט פֿון לוסטיקע פֿרויען, וואָס האָבן ביז איבער די קני פֿאַרהויבן די ברייטע קליידער און מיט געלעכטער אונטערגעיאָגט איינע די צווייטע — ווער פֿון זיי וועט פֿלינקער אַריבערשפּאַנען אַ בלאָטיק שטיקל גאַס. דאָ האָבן חושבדיקע מענטשלעכע סילועטן מיט אַ מאָדנער אויסערלעכער גלייכגילטיקייט געטאָפּטשעט אין דער געדיכטער פֿייכטקייט, אויסגלעטנדיק זי מיט די לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטעס, אָדער מיט לאַנגע, טריב־קאָלירקע פֿרויען־קליידער. נישט נאָר די, וואָס האָבן געאײַלט אין ביידע ריכטונגען, פֿאַרטיפֿטע אין זאָרגן: זיי האָבן נישט געקוקט פֿאַר זיך, אָנגעשטויסן זיך פֿאַרבייגייענדיק, נישט באַמערקנדיק עס אַפֿילו; נאָר אויך די, וואָס זענען געשטאַנען אין די טויערן, אונטער דאַשיקלעך, מיט קיישעלעך אין די הענט, און געוואַרט אויף אַ קונה — אויך אויף זיי איז געווען אויסגעגאָסן עפּעס אַ גלייכגילטיקייט פֿון פֿאַרמשפּטע, וועלכע האָבן זיך שוין באַוויזן צוצוגעוווינען צו זייער אורטייל.

איין יידענע האָט זיך אויף דעם מהלך פֿון אַ פּאָר גאַסן אַרויסגעריסן פֿון דער גלייכגילטיקייט. זי איז געשטאַנען אין אַ טויער, אַן אַרומגעוויקלטע אין טיכער, פֿון אונטער וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ יונג, פֿרי פֿאַרוועלקט פּנים. צוויי קליינע קינדערלעך זענען געווען איינגענורעט אין די ברייטע פֿאַלדן פֿון איר גרויער ספּודניצע. אַן אויסגעדאַרט מיידעלע פֿון אַ יאָר זעקס האָט אַרויפֿגעקוקט צו איר מיט גרויסע, שוואַרצע הונגער־אויגן, האַלטנדיק פֿאַר דער האַנט אַ יינגעלע פֿון אַ יאָר פֿינף, וועלכן די לאַנגע, אַשפּאַרביקע פֿאַהלעך האָבן כמעט פֿאַרשטעלט דאָס קליינטשיקע, איינגעדאַרטע פּנימל. זי האָט אין ריטם פֿון אַן אומרו געריסן דער פֿרוים האַנט און נאָך יעדן ריס איבערגעחזרט:

— מאַמע... חיימל איז צוריקגעקומען פֿון חדר. גיב אַ פּלעצעלע, מאַמע... גיב אַ פּלעצעלע...

די פֿרוי האָט כסדר אָפּגעשטויסן פֿון זיך דאָס קינדערישע הענטעלע און פֿאַרצווייפֿלט גערופֿן:

— פֿרישע, באַטעמטע פּלעצלעך, קויפֿט, יידן... גיי אַהיים! כ'וועל נישט געבן. ס'איז סחורה... פֿרישע, טעמעדיקע פּלעצלעך, קויפֿט, האַרעלע! פֿרישע...

ווי ס'וואָלט אים עפּעס אַ ביס געטאָן, איז איזאַק פֿאַרבייגעשפּרונגען דעם טויער מיט די פֿרישע פּלעצלעך. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נישט קיין גראָשן אין קעשענע. וואָס גיכער האָט ער שוין געוואָלט אַרויס=

קריגן זיך פון יידישן רעוויר צו דער ניי־שטאָט, נאָר ס'איז אים נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. וואָגנס, באַלאָדענע מיט סחורה, זענען קוים געשלעפּט געוואָרן דורך פערד, פון וועלכע עס האָט געפּאַרעט מיט אָנשטרענגונג. אין אַ שמאָל געסל האָבן זיך צונויפגעטראָפן צוויי וואָגנס פון אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען — האָבן זיי פאַרשטאָפּט די גאַס, אָנפילנדיק זי מיט קללות פון די באַלעגאָלעס און מיט אומגעדולדיקע אויסגעשרייען פון איילנדיקע פאַרבייגייער, וועלכע האָבן זיך נישט געקאָנט אַדורכבאַקומען. קללות, קללות, אַ פּאָכעניש מיט הענט. מיטאַמאָל איז דאָס אַלץ באַרואיקט געוואָרן: אַ פּאָר פאַרבייגייער האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו די וואָגנס פון ביידע זייטן. פּלייצעס און הענט האָבן געהאָלפן פאַנאַנדערנעמען די וועגענער, ביידע באַלעגאָלעס האָבן זיך דערלאַנגט די לעצטע, פעטע ווינטשעוואַניעס אויפן וועג און צוריקגעצויגן זיך פון וואַנען זיי זענען געקומען. די מענטשן האָבן זיך ווייטער געלאָזט טאָפּטשען אין זייער גאַנג.

האַרט פאַר ניי־שטאָט איז אַריינגעפאָרן אין געסל אַ רייכע קאָטש, געשפּאַנט אין צוויי גוט אויסגעקאָרמעטע פערד. די קאָטש האָט זיך געשניטן אַ וועג דורכן געסל, זינקענדיק ביז האַלבע רעדער. זי האָט געצווונגען די פאַרבייגייער ממש זיך איינקוועטשן אין די ווענט פון ביידע זייטן גאַס. געזעסן זענען אין איר צוויי יידיש־געקליידטע מענער. פון זייערע ביבערנע קאָלנערס און ביבערנע היטלען האָט מען נאָר אַרויסגעזען פיין צעקעמטע בערד. איזאַקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איינער פון זיי איז בעריש אונגער — עפּעס אַן ענלעכקייט האָט אים אַ שוועב געטאָן פאַר די אויגן. ער האָט אָבער נישט באַוויזן זיך בעסער איינצוקוקן — די קאָטש איז פאַרבייגעפאָרן. אַ פּאָר רגעס שפּעטער האָט שוין איזאַק לייכטער אָפּגעאָטעמט, דערפילנדיק אונטער די פיס די גאַסן־שטיינער פון דער ניי־שטאָט.

לכתחילה האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, ווי וועלנדיק אָפּפּוצן פון זיך די בלאָטע. נאָר גלייך האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — סיי ווי וועט עס אַזוי לייכט נישט אַראָפּ. האָט ער בלויז פאַריכט די פּעלערינע, אָנטאַפּנדיק זיך איינוועגס ביי דער ברוסט, און מיט פעסטע טריט אַ שפּאַן געטאָן אין דער ריכטונג פון דער סענאַטאָרן־גאַס.

II

די ניי־שטאָט איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער וועלט. געצירטע צווייאון הרייסטאָקיקע קאַמיעניצעס האָבן גדלותדיק אַריבערגעקוקט צו זיך פון

ביידע זייטן גאס. אין פראנט פון די קאמעניצעס האבן מיט זייערע פארביקע שילדן און אויסגעפוצטע שויפענצטער גערופן צו זיך די ווארשטאטן פון צעך-מייסטערס און געשעפטן פון חשובע בירגער. פון די מיט פארהאנגען פארהאנגענע קוואדראט-פענצטער אויף די שטאקן האבן ארויסגעקוקט בליענדיקע בלומען-טעפ. איבער די טויערן פון הייזער, אין נישעס, האבן דבקותדיק געהאוונט סקולפטור-פיגורן און אייל-בילדער פון קריסטלעכע הייליקע. און איבער אלעם האבן זיך געהויבן הויכע טורעמס און ברייטע פארטאלן פון קירכעס און קלויסטערס.

די קרומע געסלעך פון דער אלט-שטאט, וואס האבן זיך ביי די ראנדן איינגעביסן מיט שטשערבאטע ציין אין דער ניי-שטאט, האט איזאק אויסגעמיטן. איצט האט ער נישט געוואלט טרעפן עמעצן פון זיינע אמאליקע באקאנטע, וואס האבן געוווינט אויפן מקום. ער האט שנעל געאיילט דורך דער מעד-גאס אויפן אדרעס, וועלכער איז שוין זינט יארן געווען טיף פארקריצט אין זיין זכרון.

דער מענטש, צו וועמען ער איז איצט געגאנגען, איז אים געווען אומבאקאנט. ער האט זיך משער געווען, אז דאס מוז זיין א דייטש, ווי מען האט זיי גערופן צווישן יידן, דאס הייסט א ייד, וואס האט אויסערלעך באזייטיקט פון זיך אלע סימנים פון יידישקייט. ווען נישט, וואלט ער דאך נישט געקאנט וווינען אויסערן רעוויר. אפשר א גרויסער גביר? ע, זיכער נישט. פון די גרויסע גבירים האט זעלטן ווער געוואלט איינשטעלן זיין קאפ און די זאכן, מיט וועלכע ער קומט איצט, שמעקן מיט סכנות.

פון אומרו האט אים דאס הארץ א צאפל געטאן, ווען ער איז אריין אין הויף פון דער קאמיעניצע אקעגנאיבער דעם ריזיקן, האלב-רונדיקן פריטאס-פאלאץ. ער האט גלייך פארקערעוועט אין דער לינקער אפיצינע. די טונקלקייט אויף די שמאלע טרעפ איז אים גראד געווען צום הארצן, זי וועט נישט אויסגעבן זיין אומרו, ווען עמעצער זאל אים דא צופעליק טרעפן. נישט אומקוקנדיק זיך, איז ער האסטיק ארויף אויפן צווייטן שטאק, קנאפע קלאפט שטארק דריי מאל אין דער רעכטער טיר פון די טרעפ און איינגעהערט זיך. א קורצע צייט איז פארביי — פון יענער זייט טיר האבן זיך דערהערט טריט און שטימען. ווידער א קורצע שטילקייט, און א מענערשטים פרעגט אויף פויליש:

— ווער איז דארט?

— א מענטש פון ווען... — איזאק האט געפרווט צו באהערשן זיין קול. ער האט זיך איצט ארומגעקוקט, צי קיינער גייט נישט אויף די טרעפ.

די טיר האָט זיך מאָמענטאַל געעפנט. אין דער פינצטערניש פון קאָרידאָר האָט זיך דערהערט אַ שטילער ענטפער:

— דאָ איז מיין היים!

— זאָל רו אין איר הערשן.

די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער איזאַקן און אַ מענער־האַנט האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, דורכגעפירט דורכן טונקעלן קאָרידאָר אין אַ באַשיידענעם, געשמאַקפול איינגעאָרדנטן קאַבינעט. צוויי ליכט אויפן שרייבטיש האָבן געגעבן אַ קאַרגן שיין. ס'האָט אויסגעזען, ווי דער שרייבטיש איז איינגעפאַסט אין אַ טונקעלער ראַם פון צימער.

איזאַק האָט זיך פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט, איינגעקוקט אין באַלעבאָס. גאָרנישט האָט אין אים עדות געזאָגט, אַז ער איז אַ ייד. דער רייך־געהאָפטענער שטוב־ראָק, אַ ביסל אַלטמאָדיש, האָט זייער הארמאָניזירט מיט די פולע, דיקע, פריצישע וואָנסן, וואָס האָבן אינגאַנצן פאַרדעקט די אויבערשטע ליפ און די מויל־ווינקלען. איבערן הויכן שטערן האָבן געבוואַליעט אַרויפגעקעמטע בלאָנדע האָר. נייגעריק האָבן איזאַקן באַטראַכט אַ פּאָר מילדע, העל־בלויע אויגן. דער מאַן איז געווען העכער פאַר איזאַקן, ברייט־פלייציקער, נאָר אין זיין האַלטונג איז געווען עפּעס אַן איינגעבויגנקייט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער איז שטענדיק גרייט זיך צו פאַרנייגן פאַר עמעצן. איזאַק האָט לויטן ענטפער אויפן פאַראָל געהאַט די זיכערקייט, אַז דער מענטש איז איינער פון דער קאָנספּיראַציע. עס האָט זיך אים אָבער נישט געגלויבט, אַז דאָס זאָל זיין יענער, וועלכן ער דאַרף פערזענלעך איבערגעבן די שליחות.

— צי קאָן איך רעדן מיטן הער סאַלאָמאָן נייסמאַנד? — אין איזאַקס שטילן, געדעמפטן טאָן האָט זיך געפילט נישט דעצידירטקייט.

—איך בין סטאַניסלאַוו נייסמאַנד. — ער האָט העפלעך געשמייכלט, לייכט אונטערשטרייכנדיק דעם ערשטן נאָמען.

איזאַק האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט. נייסמאַנד האָט אים באַרואיקט מיט אַ באַוועגונג. האָט ער אויפגעשפּיליעט דאָס וועסטל און פון אונטערן העמד אַרויסגעצויגן אַ קליין פּעקעלע:

— דער בירגער פישער דריקט אויס די איבערצייגונג, אַז דורך אייך וועט עס דערגיין צו די ריכטיקע הענט.

נייסמאַנד האָט פאָרזיכטיק פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס פּעקעלע. עס זענען דאָרט געלעגן דינע פּאַפּירלעך, געדיכט באַדעקטע מיט דרוק־צייכנס.

איין בלעטעלע האָט ער גענומען צו דער ליכט און געלייענט, מאַרשטשענדיק דעם שטערן:

— ברידער ייִדן... — אַ שטילער זיפץ האָט באַגלייט די ווערטער. — ווידער דאָס זעלבע. שטענדיק דאָס זעלבע.

אַ מידער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין פאָטעל, אָנגעווייזנדיק איזאַקן דעם פאָטעל פון דער צווייטער זייט שרייבטיש.

— ווייט... ווייט זענען זיי דאָרט, אין אויסלאַנד, פון אונדזער לעבן...

— זיין שטים האָט געקלונגען מאַט. — וואָס ווייסן זיי וועגן ייִדן, די „ברידער ייִדן“ ביי אונדז, אין וואַרשע? ברידער... סיידן: עפּשטיין מיט טעפּליצן... עפּשטיין מיט פרענקלען, כאָטש דער ערשטער איז נאָך טראַדיציאָנעל געקליידט, און דער צווייטער האָט זיך שוין געשמדט. אָבער וואָס בינדט אונדז מיט דער פאַרפינצטערטער אָרעמקייט פון ייִדישן רעוויר? ניט מיר האָבן אַ וועג צו זיי, ניט זיי ווילן אונדז קענען.

דאָס בילד פון ייִדישן לעבן אין וואַרשע איז אָפּגעמאָלט געוואָרן פאַר איזאַקן מיט קאָלירן, אין וועלכע ער האָט דערזען די געדיכטקייט פון דער בלאָטע, וואָס איז נאָר וואָס דורך אים אויסגעטאָפּטשעט געוואָרן, גייענדיק אַהער. נאָר דאָס בילד איז דאָך שוין איזאַקן געווען באַקאַנט, ער האָט זיך געהאַט צוגעוווינט דערצו. פון נייסמאַנדס ווערטער איז אויסגעוואַקסן די גאָלדענע ראַם צו דעם בילד — די נעמען פון די גרויסע ייִדישע גבירים, וואָס ווערן רייכער פון טאָג צו טאָג: פאָדריאַדן, מלוכה־הלוואות, בויונגען, פאַבריקן, באַנק־געשעפטן.

— צווישן דער גרויסער מאַסע דלות, שמוץ, פינצטערניש און די גאָלדענע שפּיצן קריכן מיר אַרום, דאָס ביסל מענטשן מיט האַרץ, מיט געדאַנק, מיט געוויסן. מיר פוזען, ווי שוצלאָזע באַשעפענישן, צווישן זיי... מיר האָבן ליב פוילן, ווילן פוילנס פרייהייט... מיר האָבן אויך רחמנות אויף די אָרעמע ייִדישע קינדער. נאָר וואָס קאָנען מיר אויפטאָן? ליידער גאָרנישט. דער דלות האָט צו אונדז ניט קיין צוטרוי, האַלט אונדז פאַר פרעמדע. די גאָלדענע שפּיצן קוקן אויף אונדז גרינגשעציק אַראָפּ. מיר דאַרפן זיך פאַר זיי מיט נייגן און הויך אַרויפקוקן... שוואַכע מענטשעלעך זענען מיר... דאָס האַרץ און דער מוח ווילן אַ סך, טאָן קאָנען מיר גאָרנישט. גאָרנישט...

עס האָט זיך געפילט, אַז נייסמאַנדס רייד זענען דורכגעווייטיקט, דורכגעליטן. ער האָט זיך פאַרענטפערט פאַר איזאַקן, דורך אים געוואָלט דערגרייכן צו זיינע פריינד אין אויסלאַנד, אַפילו פאַרענטפערט זיך פאַר

זיך אַליין, פֿאַר די ספֿקות און פֿאַר דער אומצופֿרידנקייט פֿון זיך, וועלכע האָט אים שוין לאַנג געגנאָגט:

— ס'איז אומעטום אַזוי, ביי אַלע... פּוילישע פּאַטריאָטן מאַכן אויך שלום מיט דער לאַגע. שליסן שותּפֿות מיט יידישע גבֿירים און צאַרישע באַאַמטע. גענעראַלן, פֿירער, באַגייסטערער, האָבן שלום געמאַכט מיט דער לאַגע. און דאָס פֿאָלק קרעכצט, דאָס פֿאָלק שלעפּט דעם צאַרישן יאָך...

איזאַק האָט זיך אָנגעצונדן:

— דאָס פּוילישע פֿאָלק איז אַן אַנדער ענין. די פּוילישע דעמאָקראַטישע געזעלשאַפֿט האָט צו אים אירע וועגן. מען קאָן וועגן דעם זיין רויִק, די עמיגראַציע שלאָפֿט נישט. אָבער מיר, מיר דאַרפֿן זיין אַ בריק צו די יידן, צו דער יידישער אָרעמקייט... עפּשטיין און פֿרענקעל אינטערעסירן אונדז נישט...

— כ'ווייס, כ'ווייס... אַליין בין איך דאָך אויך אַ יאַקאָבינער. מיטן האַרץ, מיט דער נשמה... — ס'האָט ווידער אַ מידקייט אָפּגעקלונגען אין נייסמאַנדס שטים. — נאָר דאָס האָט נישט צו טאָן מיטן אמתן לעבן. אין לעבן בין איך נישט אַהין, נישט אַהער. אַ בערזע־מעקלער אין דינסט פֿון פֿרענקעלס באַנק־הויז. איר פֿאַרשטייט? אין דינסט... פֿון דער יידישער אָרעמקייט אַוועק, צו די פֿרענקעלס נישט דערגאַנגען... געבליבן אויפֿן האַלבן וועג... אַ פֿאַרלוירענער...

ס'איז געוואָרן קאַלעמוטנע איזאַקן אויפֿן האַרצן. אין ווין האָט ער אַזויפֿיל געהערט וועגן נייסמאַנדן. ער האָט געלייגט גרויסע האָפֿנונגען אויף דעם צוזאַמענטרעף. דער מענטש, וואָס זיצט אַקעגנאיבער אים, האָט געזאָלט זיין דער לייכטנדיקער פֿאַקל פֿאַר דער יידישער אָרעמקייט. און אָט האָט ער גאָר געטראָפֿן אַן אויסגעלאָשענעם פֿאַקל, פֿון וועלכן עס ווייעט מיט קעלט און אויסזיכטלאָזיקייט.

די אַנטוישונג האָט נייסמאַנד געמוזט אַרויסלייענען פֿון איזאַקס אויגן, האָט ער געוואָלט פֿאַרגלעטן דעם שלעכטן איינדרוק:

— איך זאָג זיך נישט אָפּ צו העלפֿן... כ'בין מיטן גאַנצן האַרצן... כ'האָב נאָך פֿאַרבינדונגען, גוטע פֿאַרבינדונגען מיט אויפֿגעקלערטע יידן, וואָס קומען צווישן פֿאָלק. זיי האָבן אַ צוטריט צו דער אָרעמקייט. אפֿשר אויך זייער צוטרוי... דער דאָקטאָר סטודענצקי, דער לערער זיבענבערג... כ'וועל זיי איבערגעבן די בלעטלעך... אפֿשר... דורך זיי...

פּלוצלונג האָט איזאַקן אויפֿגעטויכט אַ נאָמען, וואָס האָט זיך אַזוי

אַפּט איבערגעחזרט אין דער דערציילונג פון שלמהלען, יענעמס התפּעלות פאַר דעם אומבאַקאַנטן „פאָלקס־פריינד“.

— גוואַזדאַ קענט איר? יאָסל גוואַזדאַ? כ'האָב געהערט, ער איז זייער פּאָפּולער צווישן די פּשוטע מענטשן?

אַ לייכטער גרימאַס אויף גייסמאַנדס פּנים, ווי ער וואָלט דערפילט אַ שלעכטן ריח:

— כ'ווייס נישט... כ'ווייס נישט... כ'קען אים ווייניק. אַ מענטש פון פּעבל. נישט געבילדעט. אַ דעמאַגאָג... קען אַ ביסל פּויליש פון זיין פאַרקערן מיט פּויערים, מיט דער אונטערוועלט פון די ריבאַקעס... דערמיט אימפּאָנירט ער דעם המון... בכלל, אומפאַראַנטוואָרטלעך. קיין שום אָנזען צווישן ערנסטע מענטשן... ניין, ניין, מיט אים האָב איך גאָרנישט צו טאָן.

די צונג האָט איזאַקן אַ ברי געטאָן. עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אויף איר הייסע ווערטער, שפּאָטווערטער: וועגן דער בורזשואַזנמעקלערישער גליימשיקייט, וועגן דער צעקראָכענער פאַרקוקטקייט אין זיך... אָפּגעהאַלטן האָט אים די שבועה, וואָס ער האָט באַלייגט אין אויסלאַנד: האַנדלען פאַרזיכטיק, קיינעם נישט אָפּשטויסן, יעדן איינעם באַמיען זיך אויסצוניצן פאַר דער הייליקער זאַך. ער האָט אָנגעהויבן זיך צו געזעגענען.

— אפשר דאַרפט איר אַ פּריוואַטע הילף, מיין ליבער? געלט, אַרבעט, פאַרבינדונגען... שטענדיק גרייט צו אייער דינסט... צו אייער דינסט... אפשר אַ וווינונג... צייטווייליק? מיין טיר איז אָפן פאַר אייך...

— אַדאַנק פאַר דער ווויליהאַרציקייט. כ'נייטיק זיך נישט. כ'בין פאַרזאָרגט מיט אַלץ, בכלל מיט אַלץ... — אַ טראַציקייט האָט איזאַקן געשלאָגן אין קאָפּ אַריין, האָט ער זי פאַרדעקט אונטער אַ מאַסקע פון העפלעכקייט.
— אויב איך וועל אייך נייטיק זיין, קאָנט איר מיך לייכט אויפזוכן. איך וווין טאַקע אין יידישן רעוויר, אָבער מיין הויז איז דאָרט גוט באַקאַנט. איך וווין ביי דער פאַמיליע אונגער.

— אַ־אַ־אַ! — גייסמאַנד האָט זיך איבערגעבויגן ווי צום פאַרנייגן זיך שיף און מיט דרך־ארץ נאָכגעגאַנגען איזאַקן צום אַרויסגאַנג.

III

דער שניי האָט באַדעקט די געסלעך פון רעוויר. ס'איז איבערגעקומען אַ בלאַנקנדיקער וועג פאַר שליטלעך, וואָס האָבן מיט אַ פריילעכן געקלאַנג זיך לייכט דורכגעגליטשט, געשלעפּטע אָן אָנשטרענג דורך די מאָגערע

פערדלעך פון דראָשקאַזשעס. פון איין קראָם אין אַ צווייטער, פון געסל צו געסל האָבן יידן געשלעפּט שליטלעך מיט סחורה. קינדער האָבן פרייליך נאָכגעיאָגט די שליטנס. גליטשנדיק זיך איבערן קנאַקעדיקן שניי, געשליידערט שניי־קוילן אין זיך, אין די דורכגייער, וואָס האָבן זיך אַפילו נישט אומגעקוקט, פאַרטוענע אין זייערע עסקים.

בלומען האָבן געבליט אויף די שטענדיק טריבע פענצטער פון די אויסגעקרימטע הייזער. אמת, די בלומען האָבן נישט געהאַט די קאָלירן פון די בלומען־טעפּ אין די פענצטער פון דער ניי־שטאָט, דערפאַר האָבן זיי געלויכטן מיט אַ יום־טובדיקער זילבערקייט, ווי געהאַפטענע עטרות. די גאַסן און געסלעך האָבן דעריבער אויסגעזען יום־טובדיקער, שלווהדיקער, כאָטש די מענטשן זענען געוואָרן נאָך אָפּשטויסנדיקער, איינגעוויקלטע אין פאַרשידענע שמאַטעס, געלאַטעטע טיכער, צוויטן פון פוטערלעך און וואַטע. נישט אַזוי האַוועדיק זענען נאָר געווען די באַוועגונגען פון די מענטשן, מער באַזיניקט — דאָס פאַטשן מיט די הענט אין די שולטערן, דאָס צונאַנצן און צוטופען מיט די פיס, כדי זיך צו דערוואַרעמען.

צווישן די גייענדיקע שמאַטעס האָבן זיך שטאַרקער אויסגעטיילט די בייבערנע היטלעך, פוקסענע שטריימלעך, וואָס האָבן זיך צייטנווייז פאַרבייגעטראָגן אין די פרייליכע שליטנס, אָדער חשיבותדיק דורכגעשפּאַנט אַ גאַס.

אַז מען איז פון דער דרויסנדיקער קעלט אַריינגעקומען אין בעריש אונטערס שטוב, האָט אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט אַרומגעכאַפּט אַ מענטשן. אין אַלע צימערן פון אונטערס שטאָק האָט געקנאַקט דאָס פייער אין די אויוונס. שלמהלע משרת איז געלאָפן אין אַ פאַנאַנדערגעשפּילטן ספּענצער פון איין אויוון צום צווייטן, ווישנדיק דעם שווייס פון שטערן. אין דער קיך האָט אַ גאַנצן טאָג אַרומגעשמייעט די קעכין: געקאָכט און געפּרעגלט אין טעפּ, פאַנען, אויף פאַטעלניעס. די דינסטן האָבן געהאָלפן: אין איין אונטעריאָגן זי, געכאַפּט טאַצן מיט פאַרענדיקע טעפּלעך, וואַזעס, טעלערס און געטראָגן עס אויף צו דערכאַפּן די נשמה פון די אונטערס און די געסט, וואָס האָבן זיך אָן אויפהער געדרייט איבער די שטובן.

דער קורצער ווינטער־טאָג האָט זיך געענדיקט גלייך נאָכן מנחה. רב בעריש האָט אָפּגעבענטשט און אַ רוף געטאָן הענריקן צו זיך אין צימער אַריין, וואָס האָט געהייסן ביי אַלעמען „דעם באַלעבאָס קאַנטאָר“. בעריש האָט דערביי אָנגעזאָגט: ווער עס זאָל נישט קומען, וואָס פאַר אַ געשעפט — ער איז איצט פאַרנומען, מען זאָל אים נישט שטערן.

„עס גרייט זיך אַן ערנסטער שמועס“, — האָט הענריק פֿאַרשטאַנען. עס האָט אים אָבער נישט געשראָקן. ער איז געווען גרייט אַלץ נאָכצוגעבן זיין טאַטער, נישט צו אַמפּערן זיך מיט אים, טאָן, ווי יענער וועט הייסן. די פּאָר וואָכן רוען אין דער היים האָבן אים אויסגעגלייכט די ביינער, אָפּגעווישט פֿון אים די מידקייט. גלייכצייטיק האָבן זיי אַרויסגערופֿן ביי אים אַ פֿוילקייט פֿון אַ פֿעטער צעפּיעשטשעטער קאַץ. צו וואָס זיך איצט אַמפּערן מיטן טאַטן? ס'איז דאָך אים גוט אין דער היים. ליבע פֿון אַלעמען, דרך־ארץ פֿון די קלענערע קינדער, פֿון אָרעמע קרובים און דינערשאַפֿט — דאָס אַלץ האָט אים געוואַרעמט און פֿאַרוויגט אין אַ האַלבן דרימל. האָט ער זיך אַמאָל דערמאָנט וועגן די צרות, הוימלאָזיקייט, קעלט, נויט פֿון די וואַנדער־יאָרן — האָט אים אַ זיסער ציטער אַרומגעכאַפּט, פֿאַרגלייכנדיק עס מיט זיין איצטיק לעבן. פֿוילן... „פֿרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט“... יושר, וויסן און ברויט פֿאַרן פֿאָלק... אַלץ שיינע ווערטער. חלומות. אויף אַ סך יאָרן — פּוסטע חלומות. צוליב דעם זיך ברעכן דאָס לעבן? נאַרישקייטן! אומזין! ווער וועט עס עפּעס געבן, ווער וועט דערפֿון געהאָלפֿן ווערן? גענוג צו לעבן מיט חלומות... אונטער זיין הויכן שטערן איז לייכט, ווי אַ שוים וואָלט זיך דאָרט געבלעזלט. אין זיין גוף קוואַלן פֿרישע כוחות. ער פֿילט זיי, זעט זיי ממש בחוש. ער האָט עס אויך איבערגעלייענט אין שפּיגל, גראָד היינט: זיין פּנים איז פֿאַרקיילעכדיקט געוואָרן. דוכט זיך — די קיילעכדיקייט קלייבט אים. ער זעט אויס חשובער, וואָגיקער... אַיבעריקנס — וועגן דעם איז אויך נישט כדאי צו טראַכטן. בכלל ווייניקער טראַכטן — רוען...

ר' בעריש איז געזעסן אין אַ ברייטן פֿאָטער־שטול, געזיפֿקעט זיין שווערן ליולקע־ציבוק. ער האָט זיך פֿון אונטער די ברעמען אויפֿמערקזאַם איינגעקוקט אין זיין בכור, וועלכער האָט זיך באַקוועם כאַנאַנדערגעזעצט אין אַקעגנאיבערדיקן פֿאָטעל און געלאָזט רעדלעך רויך אין דער לופֿטן, זיפֿקענדיק די קליינע ליולקע. די פּאָר מינוטן רויקן שווייגן זענען פּלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן:

— נו, הענעך, וואָס ווייטער?

הענריק האָט אָנגעקוקט זיין טאַטער מיט אַ פֿאַרנעפּלטן בליק: וועגן וואָס גייט אים?

— כ'מיין תכלית. ביסט דאָך שוין, קיין עין־הרע, אַ זכר אין די יאָרן. עד מתי אַזוי... רעדלעך רויך אין דער לופֿטן?

— אויב דער טאַטעשי וויל, קאָן איך מאָרגן גיין זוכן אַ פּאָסטן.

ס'וועט זיך מן־הסתם עפּעס געפינען פאַר מיר אין וואַרשע. קיין לאַ־יצלח בין איך נישט. שפּראַכן, אַ פעדער אין האַנט. געזען אַ וועלט. קען רעדן מיט מענטשן... — די ווערטער זענען געפאַלן גלייכגילטיק, נאָר אינעווייניק, אין הענריקן, האָט אַ צאַפּל געטאָן מורא: נישט שוין זשע דערצו צילט דער פאָטער?

אַז אומצופרידענער הייב די ברעמען פון רב בעריש האָט הענריקן באַרואיקט:

— פאָסטן... שייך צו זאָגן. אונגער אַ שרייבערל ביי עמעצן? ס'פּאַסט מיר צום יחוס. פאַר נאַטשען אַזאַ בזיון... און איך אַליין? כ'בין דאָך אויך נישט אַבי ווער אין דער עיר ואם וואַרשע...

ער האָט זיך געברוגזט אויפן זון: ער מעג שוין וויסן, ווער עס איז די משפחה אונגער. ס'איז נישט מיט יאָרן צוריק, ברוך־השם. ער, בעריש, קאָן זיך איצט פאַרגינען צו האָבן אַ זון נישט קיין ראַבינער אָדער אַ לערער, נאָר עפּעס מער. זיינע געשעפטן... יאָ, ביי זיינע געשעפטן איז דאָ, געלויבט צו גאָט, וואָס צו טאָן, הענעך וואָלט אים געקאָנט גוט צונוצקומען אין די געשעפטן. אָבער — נאַטשע האָט גרעסערע געשעפטן, וויכטיקערע, דאָס מוז מען מודה זיין. מען קאָן זאָגן — מיליאָנען־געשעפטן. און איז אַליין, קיין קינדער האָט אים גאָט נישט באַשערט — וואָלט אפשר געווען א יושר, אַז הענעך זאָל אים צוהעלפן, דעם פעטער נאַטשע? אייגנטלעך זענען זיי סיי־ווי שותפים. ער האָט דאָך אויך אַ שטיקל חלק אין נאַטשעס געשעפטן. און בכלל — אַ מענטש אַליין, איבער הונדערט צוואַנציק יאָר — ווער ווייסט?

באַלד האָט ער אָבער אַליין זיך באַמיט צו פאַרטרייבן דעם געדאַנק: נישט דאָס איז דער עיקר, נישט וועגן דעם גייט עס... דער עיקר איז: הע־נעכס שפּראַכן, זיין כתב, באַנעמונג... נאַטשע פירט געשעפטן מיט די גרעסטע פריצים, מיטן נאַמיעסטניק אַליין — וואָלט דאָך הענעך געקאָנט באַווייזן, וואָס ער קען... און טאַקע אייגוועגס און אויף שטענדיק אָפּמעקן דעם חטא פון די יונגע יאָרן...

וועגן די זאַכן האָט שוין בעריש אָנגעהויבן רעדן שטילער, ער האָט פאַר זיך אַליין מורא געהאַט צו דערמאָנען דעם פלעק אויף זייער משפּחה: נו, יאָ, חיים בלום, אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַריין... געשטעלט דעם קאָפּ אין קאָן. צו וואָס? פאַר וועמען? די שענסטע פּוילישע משפחות זענען דערפון אַנטלאָפן... נו, מילא, גענוג וועגן דעם... אַנדערע צייטן. אַלע ווילן לעבן,

מאַכן געשעפטן... דער שמאַנט פון דער פּוילישער שליאַכטע וואָלט זיך געווונטשן צו האָבן אַזאַ אָנזען ביים גאַמיעסטניק, ווי נאַטשע האָט... העגער קאָן ווערן נאַטשעס רעכטע האַנט, קומען אין דער שענסטער גזעלשאַפט. און אפשר אַ שידוך? איז נישט צייט צו טראַכטן וועגן דעם? ער מיינט נישט, חלילה, דורך שדכנים... מען ווייסט, מען ווייסט, נייע צייטן. זאָל זיין ליבע. קומט מען צווישן מענטשן, געפינט מען זיך עפּעס... אַזוי זיצן אין דער היים, — ווי לאַנג איז דער שיר? נישט וועגן פאַרדינסטן גייט עס, חלילה, נאָר — תכלית...

— כ'ווייס נישט, צו וואָס דער טאַטעשי רעדט וועגן דעם. איך טראַכט דען אַנדערש? כ'האָב נאָר געמיינט: אפשר צו פרי זיך ווייזן אין שטאָט. פּאָליציאַנטן, זשאַנדאַרמען. טאָמער אַ מסירה?

אַ האַרציק געלעכטער האָט אַ הילך געטאָן. בעריש האָט זיך ממש פאַרקייכט. טרערן פון הנאה האָבן אים אַראָפּגעטריפט פון די אויגן און געבליבן אַ רגע הענגען פון ביידע זייטן באָרד.

— אונגערם מסרט מען נישט! פּאָליציאַנטן... זשאַנדאַרמען... נאַטשע האָט די גאַנצע פּאָליציי דאָ! — ער האָט זיך געקלאַפּט איבער די קעשענעס און ווייטער האַרציק געלאַכט.

פאַר העפלעכקייט וועגן האָט העגריק מיטגעלאַכט. אַ ביסל האָט ער זיך געשעמט דערפאַר.

— אם כן, מערטשעשעם נאָך שבת וועסטו אַריבערגיין צו נאַטשען. שבתצונאַכטס וועלן מיר מיט אים אָפּרעדן. כאָטש, לעולם איז שוין אַלץ אָפּגערעדט... מיר האָבן געטראַכט וועגן דיר... נו, און וואָס טוען מיר מיט דעם חבר דיינעם? — בעריש האָט אָנגעהויבן ווידער מיט אַ זאַכלעכן טאָן פון מסחר.

וועגן דעם האָט טאַקע העגריק נישט געטראַכט. ס'איז אים אַ ביסל פיינלעך געוואָרן. וואָס אַן אמת, האָט זיך איזאַק אין די לעצטע וואָכן נאָכמער דערווייטערט פון אים, כאָטש זיי האָבן צוזאַמען געוווינט, געטאָגט, גענעכטיקט. ער איז אָבער אינגאַנצן פאַרשלאָסן אין זיך, גלאָצט מיט די אויגן אין סופיט, לייענט ביכלעך, אָדער כאַפּט נאָר אַ שמועס מיטן משרת. פונדעסטוועגן — לאָזן אים אויף הפקר קאָן ער נישט. פאָרט אַ פאָר יאָר געווען צוזאַמענגעבונדן, שותפותדיקע זכרונות, איבערלעבונגען...

— אפשר איך עפּעס אַן אַרבעט ביים פעטער נאַטשע? — ער האָט געטראַכט אויפן קול, ווי ער וואָלט זיך אַליין געשטעלט די פראַגע.

— ניין, ניין, דאָס נישט! — רב בעריש האָט זיך אויפגעקאָכט. — באַטשע וויל נישט הערן וועגן אים. זיין יחוס, משפּיינס געזאָגט... אַזעלכן קאָנען נאָכגיין די חמאת נעורים...

וואָס אַז אמת, האָט ער וועגן דעם מיט באַטשען נישט גערעדט. ער האָט אָבער געהאַט די איבערצייגונג, אַז באַטשע דאַרף אַזוי ווי ער טראַכטן וועגן דעם. סוף־כל־סוף וועט זיין געזונטער הענעך זאָל זיך דערוויטערן פון דעם מאָרגעם חבר זיינעם. בעריש איז געווען זיכער, אַז אַלע צרות געמען זיך פון אים. אַ חידוש — אַ קינד פון דער גאַס. פּעבל בלייבט פּעבל.

— לאָזן אים אויף הפקר?... דער טאַטעשי פאַרשטייט דאָך...

— חלילה! נישט קיין יידישער דרך. שייך צו זאָגן אויף הפקר?.. בגימינדל האָט אים ליב ס׳חיות... אַ געלערנטער איז ער דאָך. די קינדער דאַרף מען צילערנען. אַ ביסל לימודי־חוץ האַרף מען היינט האָבן, נישט יענע צייטן... און אַ ביסל העלפן אין די חשבונות. מיינע געשעפטן צע־וואַקסן זיך אויך, קיין עין־הרע. זאָל ער געזונטערהייט בלייבן ביי אונדז. עלעהיי אַ גוווערנער, ווי עס פירט זיך אין די היינטצייטיקע שטובן, עלעהיי אַ בוכהאַלטער. מיר קאָנען זיך, ברוך־השם, פאַרגינען.

דערביי האָט זיך בעריש געטראַכט: אַז הענעך וועט זיין ביי באַטשען, איז דער חבר שוין נישט אַזוי געפערלעך. אין צוגוצקומען אין שטוב קאָן ער. פאַרוואָס נישט? ס׳וועט אויך צוגעבן אַ ביסל אָנזען די אונגערם.

„ס׳איז, הוכט זיך, מאַקע דאָס פּאַסיקסטע פאַר איזאַקן" — האָט זיך הענריק דערפרייט. פאַרשטייט זיך — ער וועט שוין אכטונג געבן, ס׳זאָל אים קיין עוולה נישט געשען. פאָרט אַ חבר... מיט דער צייט וועט ער אים אפשר אריבערנעמען צו זיך, אויף עפּעס פּאַסיקערס. פאַרוואָס נישט?

— מען קאָן שוין אריינלאָזן צו מיר וועגן געשעפטן... — ר׳ בעריש האָט אראָפּגעשריגן צו די טרעפּ, וואָס האָבן פון זיין קאַנטאָר געפירט גלייך אין זיין געשעפט אריין אונטן, אויפן פּאַרטער.

הענריק האָט אַ צופרידענער אויפגענומען דעם פאָטערס רוף אלס צייכן, אַז דער שמועס איז געענדיקט. רב בעריש האָט געשמייכלט אין דער באָרד אריין: ער איז אויך געווען צופרידן. לעולם האָט ער זיך אליין שטאַרק געשראָקן פאַרן שמועס מיטן זון, דעם בונטאָווש טשיק. נאָך אַלעם זענען זיי גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, די בונטאָווש טשיקעס...

IV

איזאַק האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער, געפּאָכעט מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיך געאַמפּערט מיט אַ נישט געזעענעם קעגנער. ער האָט געברומט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, אייניקע מאָל זיך בייסיק צעלאַכט. אייננטלעך האָט ער אַליין נישט געוווסט, וואָס עס קוועלט אים. — „לעולם דאַרף איך זיין צופרידן... וואָס פעלט מיר? כ'האָב אַלץ, ווען וואָס אַן אָרעמאַן קאָן חלומען: כ'בין זאַט, אָנגעטון, ס'איז וואַרעם... דער רוח זאָל עס נעמען!“.

זינט העניק איז אַריבער וווינען צו זיין פעטער נאַטשע אונגער, איז איזאַק געבליבן ממש דער באַלעבאָס פון זיין צימער. די שטוביקע מענטשן האָבן עס אַפּילו אַ נאָמען געגעבן: דעם לערערס חדר. העניקן פלעגט ער איצט ווייניק זען, ווייל יענער איז געווען אַ זעלטענער גאַסט ביי די עלטערן. געשעפטן, ווייזט זיך — ער האָט נישט קיין צייט. ווען ער איז געקומען מיט אַ וויזיט אַהיים, האָט ער אַפּילו קיינמאָל נישט פאַרגעסן אָפּצוטרעטן ביים חבר אין צימער, דורכשמועסן זיך בקיצור, בעיקר — דערציילן וועגן זיינע באַקאַנטשאַפטן, וועגן די געשעפטן. ביי דער געלעגנהייט ברענגען פאַר איזאַקן נייע ביכער — מייערע, אויסלענדישע. אָבער מיט יעדן באַזוך זענען די שמועסן געוואָרן קורצער, אָנגעצויגענער, העניק האָט זיך מיט יעדן מאָל אַלץ מער געאיילט. נישט קיין וואונדער — אַ פאַרנומענער מענטש. מען שמועסט אַפּילו, אַז ער שטייט אין שידוכים. און נישט מיט אַבי וועמען... מען רעדט אים אַ שידוך מיט די ראָזענס. אַ קלייניקייט צו זאָגן — מתחתן זיין זיך מיט יצחק־שמעון ראָזען! דאָס איז שוין נישט בלויז געלט און אייננערעדטער יחוס, ווי ביי נאַטשע אונגער, — דאָס איז אמתער יחוס, אָנזען ביי די סאַמע קאָרפּן־קעפּ, אַ טירל, וואָס פירט אין דער גרויסער וועלט פון באַנק־געשעפטן, פאַרבינדונגען מיט דאַנציק, פּאַריז, לאָנדאָן. אַ שפּאַס צו זאָגן — מען קאָן ווערן אַ בן־בית ביי די ראָטשילדים... קאָן ער האָבן צייט און געדולד צו איטשען דעם בדחנס?... ניין, צוליב דעם האָט איזאַק צו אים קיין טענות נישט געהאַט. אין דער אמתן איז עס אים אַפּילו ווייניק אָנגעגאַנגען, עס האָט זיך אים גאָרנישט געבענקט נאָכן חבר.

באַקלאָגן זיך אויף די שטוב־לייט קאָן איזאַק אויך נישט. די עלטערע קינדער באַמיען זיך כסדר אַרויסצווייזן זייער דרך־ארץ צו אים. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ שטרענגן אָנזאָג וועגן דעם... הענ־

ריקס ארבעט? — מעגלעך. און אפשר רב בעריש אליין. ס'פּאַסט פאר א בכבודיק הויז... צום לערנען זיך פון די קינדער קאָן ער אויך קיין טענות נישט האָבן, ווער פון זיי באַנעמט בעסער, ווער ערגער — אַלע ווייזן אָבער ארויס פּליים. נישט קיין וואונדער — דער טאטע איז שטרענג, ער שאנעוועט נישט. איין בנימינדל האָט ביי אים אלע רעכטן. און ער איז גראָד צו איזאקן צוגעבונדן שטארקער, ווי אלע. ביי איזאקן פארלירט בנימינדל זיין חוצפה, פארריסנקייט, אלע זיטן פון א צעפּיעשטשעט קינד. ער לערנט זיך נאָך נישט, אָבער יעדן טאָג מוז אים איזאַק דערציילן מעשיות, אויסגעטראכטע אָדער אמתע דערינערונגען פון זיינע וואנדערונגען. דער קליינער זיצט, פארקוקט אין אים, שלינגט יעדעס וואָרט, אָדער פארגייט זיך אין א הילכיק געלעכטער, ווען עפּעס ווייזט אים אויס צו זיין פריילעך. סוף=כל=סוף איז ער נישט קיין שלעכט קינד. פון די אויגן קוקט ביי אים אָפטמאָל ארויס אזויפיל קינדערישע נשמהדיקייט, אז איזאק האָט אים אפילו ליב באַקומען דערפאַר. ס'וואָלט געקאָנט ווערן פון אים אַ גוטער מענטש, ווען אלע ארום מאכן אים נישט קאליע מיטן נאָכגעבן אלע זיינע פארגלוסטונגען, מיטן לייגן זיך ממש אין דער לענג און אין דער ברייט פארן צעלאָזענעם בן=זקונימל... אַלע קינדער זענען נישט שלעכט. די מיטלסטע טאָכטער האָט א סך עגלעכקייט צו העניקן, אפילו אינגערלעכע — עפּעס אזא פארגליווערטע פארחלומקייט... אלע וואָלטן זיי געקאָנט זיין ווילע מענטשן, עס זאָל פון זיי קיין תל נישט מאכן דעם טאטנס עשירות און די חלומות וועגן פעטער נאטשעס אוצרות. און אויך נישט ווייניקער — דאָס הכנעהדיקע אונטערטאַנצן פאר זיי פון די אָרעמע קרובים, אייגייער, דינערשאפט. אין דער לופט ווערט דערפון אַן אומגעזעענער שטויב, וואָס לייגט זיך מיט א דיקן פלאַסט אויף די נשמות, מאכט פון זיי א גליווער. דער פלאסט ווערט אלץ דיקער אויף די נשמות און עס ווערט דערפון א גאַלער. — „געפרוירענער פּימשא“... — איזאק האָט זיך צעלאַכט פון דעם פארגלייך.

צום אלטן פּאָרפּאָלק, צו די באלעבאטים קאָן ער אויך קיין טענות נישט האָבן. די מאמע רעדט זעלטן א וואָרט — דאָס איז שוין געוואָרן ביי איר א טבע. מסתמא אָנגעוואָקסן אין משך פון יאָרן אונטערן שאָטן פון מאַנס יד=חזקהדיקייט. ביי אים מוז מען שווייגן — האָט זי זיך צוגעוווינט צום שווייגן. אמאָל שענקט זי נאָר איזאקן א בלאסן שמייכל, פון וועלכן עס קוקט ארויס א באהאלטענער צער. אפנים, אז דאָס עשירות האָט איר נישט געגעבן קיין גליק. „און אפשר, אז מען האָט, ווילט זיך נאָך מער... דערפון

דער צער... גיין, גיין!" — ער האָט אַליין פון זיך אַוועקגעטריבן דעם געדאַנק. זי מאַכט נישט דעם איינדרוק פון אַ פאַרריסענער גבירנטע. גיכער — פון אַ פאַריאָגטער מאַמען. אַ יידישע מאַמע, אַ פוסבענקעלע אין גן־עדן...

העלפן צו אים איז אפילו רב בעריש. וואָס אַן אמת, האָט ער געהאַט מיט אים בלויז איין קורצן שמועס — ווען ער האָט אים פאַרגעלייגט דעם פּאָסטן. „גוּווערנער" — האָט רב בעריש זייער חשיבותדיק געזאָגט, שטאַרק הנאה האָבנדיק פון דעם וואָרט. עס האָט געקלונגען אין זיין מויל ממש, ווי „גובערנאַטאָר"... אפשר וויל ער בעסער בוכהאַלטעריע — איז בּיטע זייער... ער האָט אים געציילטע ווערטער אויסגערעכנט, וואָס איזאַק וועט דאַרפן טאָן, פאָרגעשלאָגן באַדינגונגען: דירה, קעסט און אַ שכר — נישט איין לערער וואָלט זיך געהאַלטן גליקלעך פון אַזעלכע פאָר גילדן אַ חודש. דער עיקר — דאָקומענטן, אויסלענדישע, — „איר זענט אויס וו.ז, — האָט רב בעריש געזאָגט, — אַזוי וועט זיין בעסער. מען וועט פאַרשפּאָרן צו פרעגן קשיות. דאָס געוועזענע ווערט אויסגעמעקט".

שלמהלע משרת זאָגט אפילו, אַז רב בעריש טוט עס מער צוליב זיך, ווי צוליב איזאַקן. עס איז בכבודיקער צו האָבן אַן אויסלענדישן גוּווערנער ביי זיך אין שטוב. ס'איז נישט בלויז נגידיש — ס'איז שוין אַריסטאָקראַטיש, ווי ביי די בערזאָנס, ביי די פרענקעלס... זאָל עס אים וויל באַקומען, רב בערישן. דאָס אַרט נישט איזאַקן. און דאָך — דאָך פרעסט אים אַ וואָרעם, ס'טרייבט אַן אומרו. פאַרוואָס? פאַרוואָס?

גראָד איז שלמהלע אַריינגעקומען אַ קוק טאָן צום אויוון, האָט איזאַק אויסגעשטעלט אויף אים זיינע פאַרוויטלטע אויגן, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשריגן די לעצטע פראגע.

— וואָלט כאָטש דער לערער אַ ביסל אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, אויף דער לופט... שלמהלע האָט באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. — חדשים לאַנג זיצן אין חדר, נאָר מיט די קינדער, מיט ביכער. ס'קאָן נאָך פון זינען ברענגען. אַ מענטש מוז קומען צווישן מענטשן. אלא נישט, ווערט ער אויס מענטש... גוט אויסגעמענטשלט? כע, כע, כע.

ער האָט זיך מיטן געמאַכטן געלעכטער באַמיט צו פאַרוואַנדלען די ווערטער אין אַ וויץ — טאָמער איז עס צו שאַרף געזאָגט.

— נישטאָ וווּ צו גיין, צו וועמען. אַליין, אַליין געבליבן...

— ע, דאָס זאָל דער לערער נישט זאָגן... ווידער די זעלבע מעשה: אַ מענטש אַליין איז נישט קיין מענטש... זאָל דער לערער מיר מוחל זיין,

ס'האָט זיך אַרויסגעכאַפּט... — ווידער די מורא, צי ער האָט נישט איבערגעכאַפּט די מאָס.

— האָב נישט קיין מורא, כ'וועל זיך נישט באַליידיקן. ביסט דאָך געערכט. גערעכט. א מענטש אַליין איז טאַקע נישט קיין מענטש. און איך ווער אויס מענטש, אויס! — ער האָט פאַרצווייפלט א פּאָכע געטאָן מיט די הענט.

א רגע שטילקייט. ס'האָט זיך געהערט דאָס פריילעכע פלאַקערן אין אויוון. שלמהלע האָט באַזאָרגט אויסגעווישט זיינע הענט און זאַקענעם שירץ, אָנגענומען איזאַקן ביי דער האַנט און ווי א קליין קינד אים אוועקגעזעצט ביים טיש:

— לערער... — האָט ער אָנגעהויבן צו שטאַמלען, — זאָל מיר דער לערער מוחל זיין... כ'רעד פון האַרצן, ווי צו א ברודער. דאָס אַלץ דאָ... ס'איז גוט, א מחיה פאַר אַן אָרעמען מענטשן. אָן א היים, אָן א קרוב, אָן א גואל... אָט ווי איך. אפשר דערפאַר איז מיר דער לערער אַזוי ליב, א האַרץ פילט א האַרץ... דער לערער האָט א גוט האַרץ. פון ערשטן קוק האָב איך עס דערפילט. כ'זאָל אַזוי געזונט זיין, כ'זאָג צום גוטן: צווישן מענטשן, צווישן מענטשן. דאָס דאָ... בלויז פאַרן גוף. און די נשמה, האַ? פאַר דער נשמה איז ביי פּשוטע מענטשן... אַזאַ בין איך. זאָל מיר דער לערער מוחל זיין, כ'מיין אין נישט צו באַליידיקן... דער לערער איז צווישן הימל און ערד. נישט מיט אונדז, נישט מיט די אונטערס. פליט ער, הוידעט זיך. און די מחשבות פליען, א הינערפלעט... צוריק אויף דער ערד, לערער, פעסט, מיט ביידע פיס. די מחשבות וועלן ווערן אַנדערש, אַן אַנדער געמיט... לערער, פון ריינעם האַרצן זאָג איך עס.

אויפמערקזאַם האָט אים איזאַק געהערט, כסדר אַלץ אויפמערקזאַמער. יעדעס אָפּגעהאַקטע וואָרט, יעדער קורצער זאַץ פון שלמהלעס רייד האָט אָנגעהויבן אין זיין מוח צו באַקומען בלוט און פלייש. ווי פּשוט, ווי ריכטיק האָט דער פּראָסטער משרת, וואָס קען, דוכט זיך, נישט לייענען איבערגעלייענט אַלץ, וואָס טוט זיך ביי אים אין דער נשמה.

באַלד אָבער האָט די פיבערדיקייט פון די מחשבות אָפּגעריסן איזאַקן פון די באַטראַכטונגען, פאַרקערעוועט אים אויף איין פּונקט: — „ער קען נישט לייענען, קאָן נישט שרייבן. — ער פילט, אַז איך הוידע זיך צווישן צוויי וועלטן, פילט מיר מיט. און איך האָב אפילו נישט א טראַכט געטאָן. כ'קאָן דאָך עפענען פאַר אים א נייע וועלט, א וועלט פון געדאַנק, פון געפיל, וואָס קומט פון געדרוקטן וואָרט".

פּלוצלונג, אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— דו קענסט לייענען, שלמהלע?

דאַסמאָל האָט זיך אין שלמהלעס אויגן אַ מיניע געטאָן צעטומלטקייט:

— וואָס הייסט?

— נו, פּשוט: לייענען. אותיות, ווערטער, אַ ביכל, אַ ספר?

שלמהלע האָט זיך פאַרשעמט צעלאַכט. ער האָט גוטמוטיק אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען:

— פון וואַנען? פון טאַטן דעם באַלעגאָלע אין שטעטל? פון מיין ביד־נער דאָליע?

— האָסט דאָך געלערנט אין אַ חדר... עפּעס קענסטו דאָך?

פאַרלעגן האָט זיך שלמהלע געקראַצט אין פּאַטילניצע:

— דער רבי האָט געזאָגט: אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ. קינדער האָבן חוזק געמאַכט. דער רבי געשמיסן. נישט געברענגט קיין שכר־לימוד, געשמיסן. אַ שטיף געטאָן, געשמיסן. פאַרקוקט זיך, געשמיסן... אין דרויסן איז גע־ווען אַ זון, אַ וואַסער, טויבן, רחבות. האָט געצויגן אין דרויסן. איז דער קאָפּ געבליבן פּוסט. אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ.

— איך וועל דיך לערנען! כ׳וועל דיך לערנען לייענען און שרייבן. פון הייגט אָן. שוין! — איזאַק האָט זיך אָנגעצונדן, ווי ער וואָלט געפונען אַ פאַרענטפערונג פאַר אַלע זיינע פּלאָגן.

— אַ יישר־כוח, אַ יישר־כוח... — שלמהלע האָט געשיינט. — לאַנג געוואָלט, געחלשט עפּעס קענען... וויסן... נישט געהאַט די העזה צו בעטן... דעם לעצטן גראָשן וואָלט איך אוועקגעגעבן. כ׳וואָלט...

— וועגן דעם קיין וואָרט נישט מער. נישט פאַר געלט. נישט דערפאַר ווייל איך. פאַר דער נשמה, פאַרן מענטשן!... מאַקע שוין. מיר נעמען זיך צו דער אַרבעט!

אַן ערנסטקייט האָט זיך אויסגעגאָסן אויף שלמהלעס פּנים. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אַקעגנאיבער איזאַקן, געריבט פייערלעך, וואָגיק, באַזאַכט:

— איצט נישט, לערער. אַריינכאַפּן זיך אין אָוונט. שפּעט אין אָוונט, ווען אַלע שלאָפן. מען וועט נישט אַרומזוכן דעם משרת. דער קאָפּ וועט זיך אויסלופטערן פון דער האַוועניש... דערווייל... זאָל דער לערער אַרומ־גיין אין גאַס, גיין צווישן מענטשן. אויך דורכלופטערן דעם קאָפּ. אויב דער לערער וועט נאָך שפּעטער אויך האָבן חשק...

— וו זאָל איך גיין? סתם זיך אַרומשלעפּן איבער די גאַסן, ווי אַ ווינט אין פעלד? כ׳וויל נישט, כ׳וויל נישט.

— קומען צווישן מענטשן.

— כ'האָב קיינעם נישט, כ'קען קיינעם נישט. כ'בין דאָך א יתום... מיינע חברים פון יאָרן צוריק, ווער ווייסט, וווּ זיי ווינען? ווער זיי זענען?

— ווידער האָט זיך א פייערל צעפינקלט אין איזאקס אויגן. — פיר מיך צו דיינע מענטשן, צו דיינע פריינד, חברים... אפשר וועל איך צווישן זיי עמעצן געפינען... זיך געפינען...

— דער לערער זאָל נאָר וועלן... אדרבא... שבת נאָכמיטאָג... — גאָר שלמהלע האָט זיך גיך באהערשט אין זיין התפעלות. — מיר טרעפן זיך אין א שענק. א גראָבע לופט... ביליק ביר...

— גוט, גוט, נאָך בעסער!

דאָ איז שלמהלעס פנים אויפגעלויכטן געוואָרן. ער האָט זיך איבערגעבויגן צו איזאַקס שטול און סודותדיק אַ פרעג געטאָן:

— און אפשר... צו יאָסלען?

— וועלכער יאָסל?

— יאָסל... יאָסל גוויאזדא, — האָט שלמהלע שטיל אויסגעשעפטשעט.

איצט האָט זיך ערשט איזאק דערמאָנט. וועגן אים האָט ער דאָך געטראכט אין די ערשטע טעג פון זיין צוריקקומען. ווי האָט ער געקאָנט פארגעסן?

— גוט, וועסט מיך טאקע פירן צו יאָסלען.

די טיר האָט זיך געעפנט און עס האָט זיך אריינגעקאָליערט בנימינדל. לעבהאַפטיק האָט ער אַריבערגעשפּאַנט די שוועל און פריידיק געפּלאַפּלט:

— לעילאָ, לעילאָ...

באלד האָט זיך אָבער דאָס פנימל אָנגעבלאָזן. ער האָט צונויפגעדריקט די ברעמען, ווי וועלנדיק נאָכמאכן דעם טאטן:

— מעשולעס אלוים... שוין אלוים...

שלמהלע האָט א כאפּ געטאָן די מכשירים און, נישט קוקנדיק אויף איזאקן, שנעל געאיילט פון צימער:

— שוין, בנימינדל, שוין, יונגער הער... נאָך דעם איווון פאררעכטן.

דעם קינדס פנימל האָט זיך ווידער אויסגעלייטערט. ער האָט זיך צוגעדריקט צו איזאקס קני און לאשטשענדיק זיך געבעטן:

— לעילאָ, א מעשה...

א ווײַלע האָט זיך איזאק פארטראכט. ער האָט ערנסט א קוק געטאָן אויפן בעטנדיקן קינד, אַ נעם געטאָן עס אויף די קני און געפרעגט:

— פארוואָס האָסטו פארטריבן שלמהלען?

— אי דאָך א מעשולעם... — האָט זיך דאָס קינד פאַרוואונדערט.

— בכן? ער איז דאָך אזא ווילער, פרײלעכער בחור.

— נישט מײנס גלײכן... מעשולעם נישט מײנס גלײכן.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט?

— טאַטשי געזאָגט. — דאָס קינד האָט עס געזאָגט מיט אזא טאָן, ווי קעגן דעם קאָן שוין גאָרנישט בײשטײן.

— נו, און איך? איך בין יאָ דײנס גלײכן?

— טאַטשי זאָגט...

באַלד אָבער האָט זיך דאָס קינד צוריקגעכאַפּט, ווי עס וואָלט אויף אן אמת פאַרשטאַנען, אז דאָסמאָל דאַרף ער נישט איבערחזרן, וואָס דער טאַטע זאָגט. ער האָט זיך פעסטער צוגעטוליעט צו איזאַקן און מיט א כימרע שמײכעלע אַרויסגעפּליעמערט צו אים:

— דעם לעילאָ בנימינדל ליב...

איזאַק איז געווען פאַרקוקט אין א נישט זעבאַר פינטעלע און מעכאַניש געגלעט דעם קינדס קעפּל.

V

דער ערב־פרילינג האָט זיך געלאָזט פילן דורך די שאַרפע ווינטן. פון די בײמער זענען אַראָפּגעבלאָזן געוואָרן טײענדיקע שנײ־שטיקער, פון די דעכער, גזימסן, פענצטער זענען אַראָפּגעריסן געוואָרן אײז־סאָפּליעס. די זילבער־בלומען אין די פענצטער האָבן זיך אויסגעהויכט און אויפגעדעקט די צעקרימטע נאַקעטקײט פון די פענצטער. פון שנײ אויף די גאַסן, צעטראָטן דורך מענטשלעכע פיס, פערדישע קאָפּיטעס און רעדער פון וואָגנס, איז געוואָרן אײן גרויסע קאַלוזשע, וואָס האָט אין רעוויר געשאַפן דעם אײנדרוק פון א מוראדיקער פאַרפלײצונג.

דער שבת איז פול געווען מיט שטילקײט און שלעפעריקײט. נאָכן האַלבן טאָג האָט מען פאַרענדיקט די זמירות און געלאָזט זיך כאַפּן א דרימל נאָך דער סעודה, וואָס האָט אָנגעפּױשט די בײכער, געמאַכט קלעפּן זיך די אויגן. א פאַרבײגײער האָט זיך זעלטן באַוויזן אין גאַס, קײן באַלעבאַטישע ייִדן האָט מען בכלל נישט געזען. יונגוואַרג האָט זיך נאָך פאַרגינען ווו נישט ווו צו פאַרלאָזן די היים און דער עיקר — משרתים. זײ האָבן געאײלט צו זײערע חברים, ליבעס, כלות, אָדער אין א שענק אַרײן אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן פאַר דער גאַנצער וואָך.

געפירט דורך שלמהלען, האָט איזאַק געאײַלט מיט די ברייטע נאָ־לעוועס. איצט, אָן דער וואָכעדיקער באַוועגונג פון אַן אומצײַליקער מענטשן־מאַסע, האָט די גאַס אויסגעזען זייער רחבותדיק און לופטיק. די געמויערטע הײַזער — אײַנשטאָקיקע, צווייִשטאָקיקע און אפילו דרייִשטאָ־קיקע — האָבן זיך באַלעבאַטיש צעלייגט פון ביידע זייטן גאַס און גע־קוקט מיט גאווה אויף די אָרעמיקע שמאָלע, אײַנגעהויקערטע געסלעך.

זייער ציל איז געווען די שמאָלע מיליע. דאָרט זענען זיי דורך אַ טונ־קעלן טויער אַרײַן אין אַ קליין הייפל, וווּ עס האָט זיך געטוליעט צו דער מויער אַן אײַנגעזונקענדיקס הילצערן הײַזל. שלמהלע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. געעפנט האָט זיי אַ ברייטפּלייציקער יונגערמאַן. זײַן הולך — דער צעשפּיליעטער ספּענצער, דאָס הויך־פאַרדרוקטע קאַשקעטל און דער עיקר: די טוכענע שטעקשיך — האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז דאָ אַ בן־בית.

— יאָסל איז אין דער היים? — שלמהלע האָט סתם געשטעלט די פראַגע, ער איז געווען זיכער, אַז יאָ.

— ש... ש... שטילער. ער שלאָפט איצט.

א טיפע זאָרג האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף שלמהלעס פּנים:

— שוין ווידער, לא עלינו, קראַנק?

— אַ בלוט־שטורץ, די נאַכט. מען וואַרט אויפן רופא... — דער יונ־גערמאַן האָט ערשט איצט באַמערקט איזאַקס אויסלענדישע מלבושים. — אפשר זענען זי אַ רופא?

דער געפרעגטער האָט זיך דערפילט שולדיק, פאַרוואָס ער איז עס נישט. ער האָט זיך פאַרענטפערט:

— איך בין צופעליק, צוזאַמען געקומען... באַקענען זיך.

— נישט קיין היגער?

— כמעט... ס'הייסט: פון אויסלאַנד. נאָר שוין אַ היגער... — ער האָט געשטאַמלט פון פאַרלעגנהייט.

א זייטיקער בליק פון יונגמאַן איז געפאַלן אויף שלמהלען.

— אַן אייגענער מענטש... באמונות, — אין שלמהלעס טאָן האָט זיך געפילט די זיכערקייט, אַז ער איז נישט באַגאַנגען קיין שום חטא.

— אַ פּאַסקודנער וועטער אין דרויסן. מילא, געקומען, מוזט איר דאָ צוּוואַרטן, אין פאָדערהויז... אפשר וועט ער זיך באַלד אויפכאַפּן... ער האָט אָנגעוויזן אויף צוויי נידעריקע דרייפיסיקע בענקלעך און אַליין זיך שטיל אַרײַנגעשלײַכט צום קראַנקן אין חדר.

די שאָטנס אין פּאָדערהויז האָבן זיך געלייגט אויף די פּנימער. שלמהלע האָט זיך שטיל פאַרענטפערט:

— פאַרגעסן דעם לערער צו דערציילן... פון קאָפּ ארויס. — ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איזאַקן, איינרוימענדיק אים אין אויער: — גוויאַזדאַ איז לא=עלינו א חלוש. קרענקט. האַרבסט, פרילינג איז סכנות נפשות. די לונגען, געבער, אויסגעשפּיגן...

— א שווינדזיכטיקער?

— אַפּנים. לעבט אַליין אָן א ווייב, אָן קינד, אָן רינד. נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן. פון די ווענט בלאָזט, היט זיך נישט אָפּ. אַ מענטש איז נישט פון אייזן, ווערט א תל...

„ווייזט אויס, דער גוויאַזדא האָט אויך מיין גורל, — האָט זיך איזאַק פאַרטראַכט, — איינזאַם, פאַרלאָזן. כאָטש צווישן מענטשן, א וועגפירער פון אָרעמע מענטשן. דאָך...“.

— אליין... איינזאַם... — די ווערטער האָט ער שוין געטראַכט הויך.

— גוויאַזדאַ אליין? וואָס רעדט דער לערער... ער איז מיט אונדז. מיר זענען מיט אים. אלע מאָל, אלע מאָל... — שלמהלע האָט זיך אָנגעזונגען. — דעם בחור, וואָס האָט אונדז געעפנט, האָט דער לערער געזען? א וועבער=ארבעטער, אין דער מאַרימאָנטער מאַנופאַקטור. האַלבע מעת=לעתןביים וועב=שטול, פון דאָרט גלייך צו גוויאַזדאַ. טאָג ביי טאָג. שבת טרעט ער נישט אָפּ פון דער שוועל. ווי דער געטרייסטער ברודער, דער בעסטער טאַטע. ער איז נישט איינער: וועבער, באַלמעלאָכעס, משרתים. וואַרשעווער דלות איז מיט גוויאַזדאַן. שטענדיק. ער איז אונדזערער, מיר זיינע. שייך צו זאָגן: אליין...

דאָס פּאָדערהויז האָט זיך אָנגעהויבן אָנצופילן מיט יונגעלייט. אין א ווינקל האָבן זיך פאַרשטעקט צוויי שבתדיק אויסגעפּוצטע מיידלעך, וואָס האָבן צניעותדיק אַראָפּגעקוקט אויף דער ערד. באַין אופן האָט מען אין זיי נישט געקאָנט דערקענען פּאַריאָנטע דינסטן אין באַלעבאַטישע הייזער. אלע האָבן שוין, ווייזט אויס, געוווסט וועגן גוויאַזדאַס קראַנקהייט, זייער פאַרהאַלטן זיך אין פּאָדערהויז האָט עדות געזאָגט וועגן דעם. דערשלאָגן האָבן זיי קוים געשושקעט צווישן זיך: „געגאַנגען נאָכן רופא... אַשר... אַשר וועט אים געפינען... זיכער... מן=הסתם נישט אין דער היים... וועט אים געפינען... שבת... וועט געוויר ווערן — אליין קומען צו לויפן“.

איזאַק האָט זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צו די מענטשן. אין דער האַלבטונקלקייט האָט ער נישט געקאָנט גענוי באַטראַכטן זייערע פּנימער, ארויס=

לייענען עפּעס פון זיי. בולט האָט ער אָבער געזען: שלמהלע איז געראַכט. גוויאזדאַ איז נישט אליין. טאַקע צווישן מענטשן, צווישן ליבגדיקע מענטשן, פריינד. איצט איז ער נאָך נייגעריקער געוואָרן צו זען דעם גוויאזדאַ, צו דערגיין מיט וואָס ער האָט זיך דאָס דערוואָרבן אַזאַ ליבע פון מענטשן.

עס האָט זיך דערהערט צופאָרן אַ וואָגן. זיכער דער דאָקטאָר. ווער דען וואָלט געוואַגט אום שבת אַריינצופאָרן אין סאַמע געדיכטעניש פון רעוויר?

די טיר פון דרויסן האָט זיך האַסטיק אָן עפּן געטאָן. אין פּאָדערהויז איז אַריין אַן אייראָפּעיש געקליידטער יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, מיט אַ קליין רענצעלע אין דער האַנט. באַגלייט האָבן אים צוויי יונגעליט, געמאַכט פאַר אים אַ ברייטן וועג צווישן די וואַרטנדיקע.

-- כ'וועל בעטן רואיק. קיינער זאָל נישט אַריינקומען, נישט שטערן, ביז איך וועל ענדיקן די אונטערזוכונג. — שטיל און שטרענג האָט דער דאָקטאָר אַ זאָג געטאָן צו אַלע אַנוועזנדיקע, איבערלאָזנדיק דעם צילינדער און פּעלערינע אויף די הענט פון זיינע באַגלייטער.

צווישן עולם האָט ער באַמערקט איזאַקן, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו דער טיר פון קראַנקנס צימער. זיין אויסזען איז געווען אַזוי מאָדנע, אַז דער דאָקטאָר האָט מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט:

— זי... אַנטשולדיקן זי, פיליכט אויך אַן אַרצט?

— ניין, הער דאָקטאָר, איך בין צופעליק. געקומען צו גאַסט.. צופעליק.

— אַך, אַזוי, ביטע זייער... איך וועל אים גאָר אונטערזוכן. עפּעס פאַרשרייבן. מיין אַלטער פּאַציענט, איך קען אים שוין גוט. איין מאָמענט, ביטע אַנטשולדיקן. שפּעטער וועל איך מיט פאַרגעניגן פאָרזעצן דאָס געשפּרעך.

די טיר פון קראַנקנס צימער האָט זיך פאַרמאַכט הינטערן דאָקטאָר. אַ געשפּאַנטע שטילקייט האָט זיך פאַרקליבן אין פּאָדערהויז. אויף שפּיץ־פינגער האָבן זיך אייניקע צוגערוקט נאָענט צו דער טיר, מיט אויסגעבוי־גענע קעפּ זיך איינגעהערט, ווען גליקלעך וועלנדיק כאַפּן אַ וואָרט פון יענער זייט.

— דאָקטאָר סטודענצקי. אַ גילדענער רופא. נישט לאַנג אין וואַרשע און שוין באַרימט. — שלמהלע האָט עם איינגערוימט איזאַקן אויפן אויער.

פון טיר האָבן זיך דערהערט שטילע אויסרופן:

— ברוך־השם, נישט געפערלעך. דער רופא ווייצלט זיך. יאָסל האָט אַ לאַך געטאָן.

— ששש! — האָט מען זיי באַרואיקט. אויף אַלעמענס פּנימער האָט אָבער אַ שיין געגעבן אַ שטראַל פון דערלייכטערונג.

די טיר פון קראַנקנס צימער האָט זיך געעפנט ברייטער. ס'האָט זיך אין איר באַוויזן אַן אויסגעלייטערט פּנים פון דעם היימישן וועבער.

— בינעם! וואָס הערט זיך? וואָס זאָגט ער? — געשטיקטע פראַגן זענען געפאַלן פון אַלע זייטן.

— נישטאָ קיין סכנה. מנוחה, פלעגע, בעסערע וועטערן, און יאָסל וועט זיך שטעלן אויף די פיס.

אייניקע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. בינעם האָט זיי פאַרהאַלטן מיט אַ האַנט־באַוועגונג:

— אַריין טאָר מען נישט. ער דאַרף מנוחה... — ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געזוכט צווישן די אָנוועזנדיקע. — כאַוועשע, רייזל, ווער קאָן פאַרבלייבן עפעס אָפּקאָכן?

— איך!

— איך!

— איך!

— צוויי זאָלן נאָר אַריין. דער דאָקטאָר וועט זאָגן וואָס צו טאָן. — ער האָט לייכט געעפנט די טיר, דורכגעלאָזט צוויי פרויען און זיך געוואָנדן צו איזאַקן: — איר ווילט רעדן מיט יאָסלען?

— געוואָלט זיך מיט אים באַקענען. כ'האָב נישט געוווסט, אַז ער איז קראַנק...

— יאָסל קאָן נאָך נישט רעדן. צו שוואַך... דער דאָקטאָר וויל אייך זען. אויב איר ווילט... שלמהלע, קאָנסט אויך אַריינגיין.

נישט וואַרטנדיק אויף איזאַקס ענטפער האָט זיך שלמהלע אַריינגעגליטשט אין דער טיר און אַ שאָקל געטאָן פאַרבעטנדיק צו איזאַקן.

VI

אין דרייעק צווישן צוויי ווענט, ווי אַ שאַרפער קלין איינגעשניטן אין דעם לאַנגן צימער, איז געשטאַנען אַ שמאָלע, נידעריקע הילצערנע טאַכטע, אָנגעשוואָלן, מיט אַ שטרוי־זאַק. אויפן ברעג פון דער טאַכטע איז געזעסן דער דאָקטאָר, פאַרשטעלנדיק מיט זיך פאַר די אַריינקומענדיקע דעם קראַנקן. ער האָט הויך גערעדט, געלאַכט, וועלנדיק אויפהייטערן זיין פּאַ=

ציענט. ביים פֿלאַקערנדיקן פֿייער פֿון קיכל זענען געשטאַנען ביידע מיידלעך און אָנגעהויבן פּאָרען זיך ביי די טעפּלעך. שלמהלע איז גלייך צוגעגאַנגען צום געלעגער פֿון קראַנקן, איזאַק האָט זיך פֿאַרהאַלטן ביי דער שוועל. אַ בלאַסע שיין איז געפֿאַלן פֿון נידעריקן פֿענצטערל, דורכגעריסן זיך דורכן טונקל־קאָלירטן סיצענעם פֿאָרהענגל. ביים פֿענצטער איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש, ווי פֿון אַ שניידערישן וואַרשטאַט, באַלייגט מיט פּאַפּירן, ביכער, ספֿרים, פֿון צווישן וועלכע עס האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ גרויסער הילצערנער טינטער מיט אַ גענדזענער פֿעדער. אַרום טיש — דרייפֿיסיקע בענקלעך פֿון אַ שוסטער־וואַרשטאַט, דערנעבן — אַ נידעריקער אַלמער, הויך באַלאָדן מיט ספֿרים און ביכער. ביים סאַמע ברעג פֿון אַלמער ווי צוגעקלעפּט אַ לייכטער מיט אַ גראָב, ברענענדיק ליכט, וואָס האָט געוואָרפֿן אַ ציטערדיקע שיין אויף דעם ווינקל פֿון צימער. דער אָפּשיין פֿון דער קיך האָט זיך צונויפֿגעגאָסן אינמיטן שטוב מיט דער ציטערדיקער שיין, געשאַפֿן אַ ליכט־שפּיל פֿון אונטערגייענדיקער זון. די שפּרינגענדיקע ליכט־פֿלעקן האָבן געצויגן צו זיך, פֿאַראינטריגירט! איזאַק האָט זיך אין זיי פֿאַרקוקט און פֿאַרגעסן וועגן אַרום. אַ הייטערע שטים האָט אים אויפֿגעוועקט:

— קומט צו נענטער. זעצט אייך, ביטע. דערלאַנגט אַ בענקל דעם גאַסט. — ס'האָט זיך דערקענט די שטים פֿון דאָקטער.

גלייך האָט שלמהלע אונטערגערוקט אַ בענקל אַ פּאָר טריט פֿון געלעגער. צוקומענדיק צום בענקל, האָט איזאַק ערשט דערזען דאָס פּנים פֿון קראַנקן.

האַלב־זיצנדיק, ווי אויף אַ העסעבעט — מיט אַ קליין קישעלע הינטער די פּלייצעס — איז געלעגן גוויאַזדאַ. עס האָט אַרויסגעשיינט אַ פּאַרמעטן פּנים פֿון אַ יונגן מענטשן, אַרומגעקרייזלט מיט אַ קיילעכדיק, געלאָקט, שיטער בערדל פֿון טונקעלע האָר. אויף די באַקן האָבן ביי אים געשפּילט רויטלעכע פֿלעקן, ווי דער אָפּשיין פֿון דער קיך. צוגעשמידט צו זיך האָבן די מילדע ביר־אויגן — גרויסע, טרויעריקע און לוסטיקע, אָפֿענע, ברייט־אויפֿגעריסענע, ווי זיי וואָלטן אַלץ געוואָלט זאָגן און אַלץ געוואָלט געוואויר ווערן. אַ נייגעריקייט און פֿריינדלעכע צוגעלאָזנקייט האָט געשטראַלט פֿון די אויגן.

מיטן בליק און מיטן שמייכל, וואָס האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אויף די בלאַסע ליפּן, האָט גוויאַזדאַ פֿאַרבעטן זיין גאַסט צו זעצן זיך.

— הער גוויאַזדאַ טאָר הייַנט קיין סך נישט רעדן. דאָס שטרענגט אים

אָן. ער האָט אָבער געוואָלט זיך אומבאַדינגט באַקענען מיטן גאַסט, וועגן וועלכן מען האָט אים אַ סך דערציילט. נו, אַ שוואַנגערער ייִדענע און אַ חולה טאָר מען נישט אָפּזאָגן... און דעם אמת געזאָגט, האָב איך אויך זיך געוואָלט נענטער באַקענען מיט אייך...

— איך באַדויער זייער... כ'בין אַזוי אומגעלומפּערט אַרייַנגעפֿאַלן אַהער... — עס האָט זיך געפּילט ביי איזאַקן באַדויערן און מיטגעפֿיל צום קראַנקן. — געוואָלט האָב איך שוין לאַנג זיך באַקענען מיטן הער גוויאַזדאַ, אַדורכרעדן זיך... און גראָד הייַנט...

דער דאָקטאָר האָט איבערגעריסן:

— דעם קראַנקן דאַרף מען נישט באַדויערן, ס'ווירקט שלעכט אויפֿן געמיט. — ער האָט זיך באַמיט אַרייַנצוברענגען הייטערקייט אין דער שטימונג פֿון שקיעה. — איר וועט זיך נאָך אָפּנעמען, מיין הער. גוויאַזדאַ איז אַ האַרטע נוס. אָהאָ, ער לאָזט זיך נישט אַזוי לייַכט צעקנאַקן. אין צוויי וואָכן אַרום וועט ער ווידער אַרומשווימען, ווי אַ פֿיש אין וואַסער. טאָ לאָמיר איצט אַרייַנכאַפּן די געלעגנהייט. ער מוז שווייַגן, וועלן מיר רעדן... אָבער, אַנטשולדיקט, מיר זענען נאָך נישט באַקאַנט: מיין נאָמען איז סטודענצקי. דאָקטאָר משה סטודענצקי.

— איזאַק שערעשפּילער.

— שערעשפּילער? אַ מאָדנע נאָמען. עפּעס נישט פֿון הי. דאָ וואָלט מען אייַך פּשוט גערופֿן בּודחן.

— דער נאָמען איז אַ וויגער... איך אויך. און פֿון בּדחנים בין איך טאַקע נישט וויַיט.

דאָקטאָר סטודענצקי האָט דערהערט „ווין“, איז ער אייַנגעלעבט געוואָרן. ס'איז נאָענט צו זייַנע מקומות, צו זייַן געבורטס־אָרט. דאָס הייסט, ער איז פֿון אַ שטעטל העט־וויַיט אין מזרח־גאַליציע. אָבער ווין קען ער גוט. וואָדען? נישט קענען ווין, אַך, אַ שטאָט!... דאָס הייסט, שטודירט האָט ער אַליין נאָר אין בערלין. אָ, איזאַק קען בערלין אויך, געווען דאָרט? אינטערעסאַנט, אינטערעסאַנט... און אין פּאַריז, לאָנדאָן? נו, האָבן מיר דאָך צו טאָן מיט אַ וועלט־מענטש, אַן אייראָפּייער „פּאַר עקסעלאַנס“, נישט אמת? עס פֿרייט אים באמת. ער האָט זייער ליב צו רעדן וועגן דער וועלט, וועגן וועלט־שטעט, וועגן וועלט־זאַכן... יאָ, יאָ, ער איז טאַקע נישט מער ווי אַ רופֿא, נאָר אינטערעסירן אינטערעסירט ער זיך נישט בלויז מיט מענטשלעכע גופֿים, מענטשלעכע נשמות אינטערעסירן אים נישט ווייניקער. אַזוי ווי דעם הער גוויאַזדאַ... אפֿשר נישט מיט דעם זעלביקן דערפֿאָלג, אָבער דאָך...

גוויאזדא האָט מיט א שווערער באוועגונג אוועקגעמאכט די צעשוי־בערטע האָר פון הויכן שטערן און געפרווט אָפּשטעלן דעם דאָקטאָרס שטראָם רייד.

— כ'מיין אָנע שפּאס. דער הער גוויאזדא איז אן אמתער רופא פון נשמות... אָ, ער האָט מער פּאַציענטן, ווי איך. — דער דאָקטאָר האָט זיך ווידער צעלאכט פון אייגענעם וויץ. א כיטרע פלעמעלע האָט א בליץ געטאָן צו איזאקן: — איר, מיין הער, זענט אויך אהערגעקומען היילן די נשמה?

— מעגלעך. ס'וואָלט מיר... צונוצגעקומען.

דאָקטאָר סטודענצקי איז נאָך הייטערער געוואָרן. ער האָט זיך לעב־האפטיק אויפגעריסן פון דער טאכטע און צוגעגאנגען הארט צו איזאקן:

— יאָ, דער הער גוויאזדא מאכט פּאָרשריטן! נישט נאָר ווארשעווער נשמות היילט ער. ער גרייכט שוין קיין ווין... איר זענט א געבירטיקער א ווינער, צי פון מיינע מקומות? פון עפּעס א קאָלאָמיי, צי פּיידייעץ?

— איך... דאָס הייסט... מען קאָן זאָגן...

דאָס שטאמלען האָט דעם דאָקטאָר קלאָר געמאכט, אז איזאק איז אין א פארלעגנהייט, ער האָט דעריבער שנעל געביטן די טעמע. ווידער וועגן גוויאזדא און זיינע אויפטוען. נישט שוין זשע האָט דער גאסט גאָרנישט געהערט, וויאזוי גוויאזדא פירט די חברה „מעוז לדל“? ס'איז דאָך א מוס־טער פון א הילפס־קאַסע, פון אַ ליי־קאַסע פאַר אָרעמע מענטשן.

— איר זעט דעם פנקס, אָט דאָרט, אויפן טיש? דאָס איז דער פּנקס פון דער וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט. פאַר מיר איז ער וויכטיקער פון אַלע אינפאָרמאַציעס פון דאָזאָר. און גוויאַזדאַ איז פאַרן פשוטן וואַרשעווער יידן מער אויטאָריטעט, איר מעגט מיר גלויבן, ווי רב שלמה־זלמן פּאָזנער, שלמה אייגער צי יאַקוב עפּשטיין. יאָ, יאָ, זיינע עצות האָבן שוין נישט איין יידן אַרויסגעשלעפּט פון אַ גויט־לאַגע...

דער דאָקטאָר האָט זיך אַלץ מער באַגייסטערט פאַר גוויאַזדאַן און זיינע אויפטוען: זאָל זיין נאָמען נישט זיין סטודענצקי, אויב גוויאַזדאַ איז נישט קיין געניוס אין יורידישע פראַגן. ווען אין סענאַט זאָלן זיצן מענטשן מיט אַזעלכע קעפּ, ווי גוויאַזדאַ, וואָלט דאַן דער סענאַט אַרויסגעגעבן גוטע געזעצן...

— איך מיין נישט, חלילה, צו באַליידיקן דעם חשובן רב שלמה־זלמן ליפּשיץ, נאָר ווען גוויאַזדאַ זיצט אין בית־דין, וואָלטן אַלע דין־תורות בעסער געפּסקנט געוואָרן.

אין דער צייט פֿון שמועס איז צוריק אַרייַנגעקומען ביגעם, אַזוי שטיל און אומבאַמערקט, ווי ער איז פֿריער אַרויס. ער האָט געכאַפּט אַ בליק צו די טעפּלעך, עפּעס אייַנגערוימט די מיידלעך, שטיל זיך דורכגעשמועסט מיט שלמהלען. יענער האָט אים קוים געענטפֿערט אַ וואָרט. ער איז געזעסן גליקלעך־צעשמייכלט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו יעדן וואָרט גוטס, וואָס דער דאָקטאָר האָט גערעדט וועגן גוויאַזדאַן. ביגעם האָט זיך אויך צוגעהערט צום דאָקטאָרס לעצטע רייד. זיין ערנסטקייט האָט אָבער געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער דאָקטאָר אַנטדעקט דאָ נישט קיין שום אַמעריקע. ער און זיינס גלייכן ווייסן ווער גוויאַזדאַ איז און וויאַזוי אים צו שעצן. בלויז יאָסל אַליין האָט באַהאַלטן זיין פּנים אין די הענט, אַ פֿאַרשעמטער פֿון די שבחים, וואָס האָבן זיך געשאָטן אָן אויפֿהער. וואָלט שוין ענדלעך דער דאָקטאָר אויפֿגעהערט. ער קאָן זיך דאָך איצט אַפּילו נישט אַמפּערן מיט אים, ווייל ס'איז אים פֿאַרווערט צו רעדן. נאָר ס'איבלט דאָך פֿון די שבחים. מען קאָן טאַקע מייגען...

לכתחילה האָט איזאַק געמיינט, אַז דער דאָקטאָר וויצלט זיך. נאָר סטאָדענצקי האָט זיך אַלץ מער אַנגעצונדן, זיינע רייד זענען געוואָרן אַנגעוואָרעמט מיט אַזאַ אינערלעכער איבערצייגונג, אַז דאָס האָט איזאַקן אַרויסגעפֿירט פֿון טעות. ער האָט זיך דערמאָנט שלמהלס רייד וועגן גוויאַזדאַן. ביגעמס יראת־הכבודיק האַלטן די אָרדענונג אין שטוב, די פֿרייד פֿון די מיידלעך, וועלכע מען האָט צוגעלאָזט צום קיכל, דעם אומעט פֿון די אַלע, וואָס זענען געבליבן אין פֿאָדערהויז. ניין, דער דאָקטאָר מיינט עס טאַקע ערנסט.

אין איזאַקס זכרון האָבן אויפֿגעטויכט די געשטאַלטן פֿון די פֿאָלקס־טריבונען, וועלכע ער האָט באַגעגנט אויף דער עמיגראַציע. ער האָט זיי ווידער דערזען אין קרייז פֿון ליבנדיקע, פֿאַרגעטערנדיקע זיי מענטשן. ער האָט געפּרוּווט צו פֿאַרגלייכן גוויאַזדאַן מיט די טריבונען. יאָ, געווען עפּעס ענלעכס אין אויסדרוק פֿון די אויגן, אין דער גייסטיקער קראַפֿט, וואָס האָט געשטראַלט פֿון זיי. נאָר יענע האָבן זיך געריסן ווי געפּענטעטע ריזן, וועלכע ווילן פֿון זיך אַראָפּשלייַדערן די קייטן. זיי האָבן געקאָנט מיטרייסן מענטשן אין קאַמף — אויף די באַריקאַדן אין פּאַריז, צום אויפֿשטאַנד אין וואַרשע. יענע האָבן געטראָגן אין זיך דעם אָנזאָג פֿון שטורעם. און דער — דער אָטעמט מיט ליידן, אויסזיכטלאָזער ווי און פּיין פֿון נישט קאָנען אַרומנעמען די גאַנצע אָרעמקייט, צוטוליען צו זיך, אויסלייזן אָדער מיטרייסן צו אויסלייזונג. צי דערפֿאַר, ווייל די קראַנקהייט האָט אים צוגעשמידט צום בעט, פֿאַרהאַנגען זיין מויל מיט אַ שלאָס? צי שטעקן טאַקע אין דעם טי־

פערע סיבות? „כ'דאַרף דערגיין, דערגרונטעווען, וואָס עס איז בכוח דער דאָזיקער משונהדיקער טריבון, דער טריבון פון דער יידישער אָרעמקייט... כ'מוז עס דערגיין. ס'איז פאַר מיר אַ לעבנס־פראַגע, מיין אָרט אין לעבן"...

— אָבער מיר האָבן זיך שוין צופיל פאַררעדט. דעם קראַנקן מאַטערט עס. געגוג אויף היינט... נישט צולאָזן מער קיין מענטשן צו אים. — איצט האָט שוין דער דאָקטאָר איבערגעלאָזט פאַראָרדענונגען און באַפעלן בינע־מען. — אַ וואָך צייט בלויז דיזשורן. העכסטנס צוויי־דריי מענטשן. וואָס ווייניקער רעדן. רו און גוטע פלעגע. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך קומען אַ קוק טאָן.

בינעם האָט ערנסט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דערווייל, ליבער לאַנדסמאַן, — ווידער האָט זיך סטודענציקי פריי־לעך געוואָנדן צו איזאַקן, — פאַרבעט איך אייך צו זיך. ווו די דאַנילאָוו־טשעווסקע גאַס איז, ווייסט איר? מיין שטוב וועט איר דאָרט לייכט געפי־נען. יעדער וועט אייך אָנווייזן. גערן וועל איך מיט אייך שמועסן ביי אַ גלע־זעלע וויין... שטענדיק צו דינסט, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.. זייט געזונט, הער גוויאַזדאַ. אויף ווידערזען, ליבע מענטשן... איר, הער שערצשפּילער, ווינט אפשר אין מיין געגנט? דער פאַיעטאָן וואַרט אין דרויסן. ביטע, אפשר וועט איר זיך דורכפאָרן מיט מיר?

איזאַק האָט העפלעך באַדאַנקט, אָבער געוואָלט האָט ער שוין אַ ביסל אָפּרוען פון דאָקטאָרס באַרעדעוודיקייט. איז ער אַרויס פון קראַנקנס שטוב מיט שלמהלען, נישט רעדנדיק מיט אים קיין וואָרט אויפן גאַנצן וועג. ער האָט גערעדט מיט זיך, געווען פאַרטאָן אין זיינע מחשבות. ער מוז פרווון פאַנאַנדערוויקלען דאָס רעטעניש: דערגיין ווער עס איז אויף אַן אמת דער דאָזיקער מאָדנער פאָלקס־טריבון, פון וועלכנס מויל ער האָט נאָך קיין איין וואָרט נישט געהערט. ער מוז עס דערגיין!

VII

נאָך דער ערב־פרילינגדיקער אָדליגע האָט ווידער אַ שאָט געטאָן מיט געדיכטן שניי. די גאַסן זענען אויפסניי אָנגעפילט געוואָרן מיט לוסטיקן געקלאַנג פון שליטן־גלעקלעך.

די באַוועגונג אין רעוויר איז נאָך גרעסער געווען, ווי געוויינלעך. די כאַפּערס — משרתים, וואָס האָבן געלויערט ביי די געוועלבער אויף קונים

און ממש ביי די פּאָלעם אַרייַנגעשלעפּט זיי נאָך מציאות, וועלכע מען קאָן קריגן איינציק און אַליין אין דעם געשעפט — זענען דאָס מאָל געשטערט געוואָרן אין זייער אַרבעט: שמשים מיט פּאַרקאָלטנטע בערד און פוטערנע קוטשמעס אויף די קעפּ, באַהעלפערס, דערשוויצטע פון אַרומלויפן איבער די שנייאיקע גאַסן, משרתים און דינסטן, איבערוואַרפנדיק זיך מיט שטעב־ווערטלעך ביים אויסמיידן זיך אין וועג, — אַלע מיט אָנגעלאָדענע קיישלעך, מיט טאַצן שיין באַדעקטע, מיט פּעקלעך און טיטן, האָבן אייליק אַוועקגע־שטויסן די כאַפּערס, וואָס האָבן זיי געשטערט אין וועג. מען האָט געטראָגן שלח־מנות אין באַלעבאַטישע הייזער.

די שווערסטע האָרעוואַניע פון אַלע האָט דעם טאָג געהאַט שלמה'לע. רב בעריש אַנגער האָט זיך דאָס יאָר געוואָלט באַזונדערס באַווייזן. איצט קאָן ער שוין רואיק, אָן איבערלעבע הרהורים און אָן מורא אַ בייזע צונג זאָל אים נישט דערמאָנען זיין פאַרשוונדענעם בכור, צו וויסן טאָן אַלעמען, אַז ער וואַקסט, קיין עין־הרע, אין די פעדערן, אַז ער איז אַ בכבודיקער באַלעבאָס אין ק״ק וואַרשע. ער האָט פאַנאַנדערגעשיקט שלח־מנות אין אַלע עקן פון רעוויר, צו זיינע וויכטיקסטע קליענטן און באַקאַנטע אויף דאַנילאָוויטשעווסקע, קרולעווסקע, אפילו מאַרשאַלקאָווסקע. אַ פּאָר טעג איז דאָס גאַנצע הויז געגאַנגען כאָדאָראָם, מען האָט געבאַקן און געבראָטן, געמאַכט געצירטע צוקערוואַרג און דער עיקר — המן־טאַשן. זיין ביילעס המן־טאַשן האָבן געהאַט אַ שם אין וואַרשע! דאַרף מען טאַקע באַווייזן, אַז דער שם איז נישט קיין אומזיסטער. ער קאָן זיך עס פאַרגינען. ער האָט דאָסמאָל אפילו געשיקט שלח־מנות צו זיין קאָנקורענט רב איטשע מאיר אַלטער, וואָס האָט געהאַט זיין שניט־קראָם נישט וויט פון אים, אויף דער וואָלאָווע, צוגענומען ביי רב בערישן אַ סך פּראָווינצער קונים, חסידישע יידן, פאַר וועלכע אַלטער איז געווען דאָס אויבערשטע פון שטיסל. עס האָט שוין לעצטנס אויפגעהערט צו פאַרדריסן רב בערישן די קאָנקורענץ. זאָל זיך רב איטשע־מאיר האַלטן ביי די חסידישע קונים — ער, בעריש, האָט איצט אַ ווייטערן קוק. אים חלומען זיך אַנדערע קונים, אַנדערע גע־שעפטן. העכער אַוועקגיין צו נאַטשען גיט פּרוכטן. מען קאָן שוין די פּרוכטן איבערציילן אין גאָלד. זאָלן אַלטערן וויל באַקומען די גליקן פון שניטקראָם.

דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשלאָגן דער עיקר אויף שלמהלעס פּלייצעס. אמת, דאָס טראָגן שלח־מנות האָט זיך געלוינט. שלמהלע האָט פון אַזאַ טאָג אַרומלויפן אָפּגעשפּאָרט אַ שיינע פּאָר גילדן. אָבער ס'איז אים נישט

ניזהא געווען: ער וועט זיך דאָך נישט קאָנען טרעפֿן מיט די חברה פּורים־שפּילער, מיט וועלכע ער האָט געזאָלט מיטגיין מאַכן דאָס פּורים־שפּיל. עס איז אים שוין נישט געגאַנגען אין די פּאָר גילדן — די פּורים־שפּיל האָט אַריינגעבראַכט, ווען ס'איז מזלדיק אַוועק, אַ שיינע פּאָר גילדן, נישט ער־גער, ווי דאָס טראָגן שלח־מנות. נאָר אַ כפּרה דאָס געלט — די הנאה איז אַ שאָד. אויפֿגעלעבט איז מען דאָך געוואָרן ביי דער פּורים־שפּיל. אונטער דער מאַסקע פֿון אחשוורוש האָט מען געקאָנט אָפּטאָן אַלערליי שפּיצלעך, אויסשפּילן פֿאַרשידענע המצאהלעך, אויסלאַדן אַ גאַנצע וועלט מיט איינ־פֿאַלן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין משך פֿון אַ גאַנץ יאָר. דאָס אַליין ווערט אים געשטערט צוליב די שלח־מנות, וועלכע ער וועט מוזן אַרומ־טראָגן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. דער פֿאַרדרוס איז נאָך געוואַקסן צוליב אַן אַנדער זאַך: ער האָט צוגעזאָגט איזאַקן צונויפֿצופֿירן מיט די פּורים־שפּילער, איידער זיי וועלן גיין איבער די הייזער. געהאַט האָט ער דערביי אַ באַהאַלטענעם מיין: אפֿשר וועט עפּעס איזאַק פֿאַרריכטן, צו־געבן, אויסבעסערן — ער האָט דאָך אַזויפֿיל געזען אמתע טעאַטער־שפּילן אין דער גרויסער וועלט. ער וואָלט זיי געקאָנט העלפֿן, טאַקע פֿאַר זיי אַליין, פֿאַר זייער אייגענער הנאה וועגן. איזאַק האָט געהאַט צוגעזאָגט, חבֿרה פּורים־שפּילער האָבן זיך אָנגעכאַפּט און ממש גליקלעך געווען, און איצט וועט זיך פֿון דעם אַלעם אויסלאָזן אַ בוידעם.

איזאַק האָט אים אַפֿילו געהאַט באַרואיקט, אַז דאָס מוז נישט דווקא זיין לכּבֿוד פּורים. ער וועט זיך גערן טרעפֿן מיט דער חבֿרה פּורים־שפּילער שפּעטער אויך. ער וועט זען, וואָס זיי קאָנען, דערציילן, ווי עס זעט אויס אַן אמת טעאַטער, און אפֿשר צוהעלפֿן זיי צוגרייטן אַ שפּיל נישט בלויז אויף פּורים, נאָר ס'זאָל זיין ענלעך צו אַנדערע טעאַטער־שפּילן. ער זאָגט, אַז ער האָט עס אַליין אויך ליב. נישט איינמאָל טוט אים אַ צי אַ שפּיל צו טאָן.

אין דער אמתן, האָט טאַקע איזאַק אויך באַדויערט, וואָס עס ווערט צונישט דער היינטיקער פּלאַן. אינטערעסאַנט איז אָפּצופֿרישן די אַלטע פּורים־שפּילן. אפֿשר האָט די חבֿרה אַליין געענדערט עפּעס אין זיי, גע־מאַכט עפּעס נייעס. אַ פּורים־שפּיל איז דאָך לעולם אַן אָנהייב פֿון טעאַטער. איזאַק האָט שטאַרק ליב טעאַטער, האָט אַ נייגונג דערצו. העניריק האָט נישט איינמאָל געשפּאַסט, אַז אייגנטלעך דאַרף ער ווערן אַ קאָמעדיאַנט. ער האָט זיך עס היינט אויך דערמאָנט. אין קיישל שלח־מנות, וואָס ער האָט געשיקט איזאַקן, איז געלעגן צווישן זיסוואַרג און געטריקנטע פֿרוכטן

א פראנצויזיש ביכל. איזאק האָט זיך דערצו צוגעכאפּט שטארקער, ווי צו אלע זיסווארגן, עס איז געווען די דראמע „קראָמוועל“ פון דעם יונגן שרייבער וויקטאָר הוגאָ. הוגאָ איז פאר אים נישט געווען קיין אומבאקאנטער נאָמען. אין פאריז האָט שוין הוגאָ געהאט א שם פון א שטורמער פון אלטע הייליקייטן. צו איזאקס אויערן איז דערגאנגען וועגן דעם סקאנדאל, וואָס איז אויסגעבראָכן אין פאריז, בעת דער פאָרשטעלונג פון הוגאָס אַן אַנדער דראַמע „הערנאני“. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ שרייבער, וואָס איז אומצופרידן מיטן הערשנדיקן סדר=עולם. ער רעדט וועגן דעם אָפן אין זיינע ווערק. איצט, אזוי ווייט פון הוגאָ און פון דער פאריזער לופט, איז אונטערגעקומען די געלעגנהייט אָן אָטעם צו טאָן מיט דעם שטורמישן גייסט פון שרייבער... ווי קאָן מען זיך אָפּזאָגן פון אזא פארגעניגן?

שווער איז איזאקן אָנגעקומען צו צעקייען געדאנקען אין א שפּראך, אין וועלכער ער איז בכלל נישט געווען צו היימיש. דאָס האָט נאָכמער פארשטארקט זיין חשק צו פארשטיין דאָס בוך, נאָך און נאָכאמאָל לייענען, ביז עס איז פאר אים קלאָר געוואָרן דער געדאנק. די דראמע אליין איז אים נישט געווען אַזוי שטאַרק צום האַרצן. צופיל איז דאָרט געשען, צו פלוצלונג און אומדערווארט זענען פאָרגעקומען זאכן און צופיל איז דאָרט גערעדט געוואָרן. און אפשר פארשטייט ער נישט אזוי גוט, דערפאר דערגייט עס נישט צו אים? אָבער דאָס איז נישט וויכטיק — די הקדמה צו דער דראמע איז פאר אים געווען אַן אנטפּלעקונג. דאָ האָט הוגאָ ערשט ארויסגעוויזן זיין באגער צו שטורעמען גלויבונגען, וואָס זענען זינט יאָרהונדערטער געווען פארהייליקט. ער האָט גערופן צו פארמענטשלעכן דאָס טעאטער, צו דערנענטערן עס צום פאָלק. דאָס איז א נייער געדאנק. אויף דעם איז זיך כדאי אָפּצושטעלן.

וואָס פאר א פארבינדונג האָט עס אייגנטלעך מיט די פורים=שפילער, מיט וועלכע ער האָט זיך געזאָלט טרעפן? עס האָט א פארבינדונג!... איצט האָט ער מיט וואָס צו זיי צו קומען. דאָס, וואָס ער האָט ארויסגעלייענט פון דעם ביכל, וועט ער זיך באמיען זיי איבערצודערציילן אין א פּשוטער שפּראך, עס זאָל זיי ווערן פארשטענדלעך. דאָס וועט איינגאנצן מוזן ענדערן זייער אויפן פורים=שפּילעווען, אויב זיי האַלטן זיך נאָך דערביי, וואָס ער האָט געקענט פאר זיין אוועקפאָרן פון ווארשע. און עס גלייבט זיך עפּעס נישט, זיי זאָלן זיך נישט האלטן דערביי, זיי זאָלן האָבן זיך געענדערט.

ער האָט זיך דערמאָנט: ער האָט זיך אָפּגערעדט מיטן דאָקטאָר סטו=

דענקי. מיט אַ כּיוון האָט ער עס געטאָן — נישט געהאַט קיין חשק צו פֿאַר־בלייבן אויף דער גבֿירישער פּורים־סעודה. זיי וועלן עס אַפֿילו נישט באַמערקן, אַ צו גרויסער אַנגעלויף וועט זיין. האָט ער זיך שנעל אָנגעטאָן און אַראָפּגעלאָפֿן אויף דער גאַס.

א באַוועגונג פֿון איילנדיקע אין אַלע זייטן, אַלע פֿענצטער העל באַלויכטן. יעדע רגע האָט מען געהערט דעם גרילצנדיקן קלאַנג פֿון גרעגערס. דאָס האָבן יינגלעך אויסגעפּרוווט זייער כּלי־זיין, איילנדיק אין שול אריין צום מגילה־לייענען.

VIII

די דאַנילאָוויטשעווסקע גאַס האָט זיך געבאָדן אין ליכט. דורך די ברייטע ווענעדיקער פֿענצטער פֿון די סאַלאָנען, — כאָטש זיי זענען געווען באַהאַנגען מיט געדיכטע שטאָרן — האָבן זיך געזען טאַנצנדיקע סילועטן. עס האָבן זיך דערטראָגן געדעמפּטע קלאַנגען פֿון מוזיק. די אַסימילירטע גבֿירים האָבן זיך אויך געלאָזט ווילגיין לכּבֿוד פּורים. יאָ א יום־טובֿ, נישט קיין יום־טובֿ — א געלעגנהייט זיך משׂמח צו זיין דאַרף מען נישט דורכלאָזן. אזא באַל־הייטערקייט האָט אויך געשפּאַרט פֿון אייניקע פֿענצטער אויף דער סענאַטאָרן־גאַס, אויפֿן באַנק־פּלאַץ.

ביים דאָקטאָר סמאָרענצקי האָט מען אים איבערגעגעבן א צעטעלע: „כ'בין דרינגענדיק אַרויסגערופֿן געוואָרן צו מיין קראַנקן פֿריינד, דעם הער טוגענדהאָלד. כ'וועל דאַרפֿן פֿאַרבריינגען דעם גאַנצן אָוונט!" אַנטשולדיקנדיק זיך פֿאַר דעם צופֿאַל, האָט דער דאָקטאָר וואָרעם פֿאַרבעטן איזאַקן אהינצוקומען. ער וועט דאָרט זיכער זיין אַ ליבער גאַסט און ביי דער געלעגנהייט זיך באַקענען מיט אויפֿגעקלערטע ייִדן פֿון וואַרשע.

גיין, צי נישט גיין? צוריקקומען צו די אונגערס האָט זיך איצט איזאַקן נישט געגלוסט. עס טרייבט אים פֿון דאָרט כּסדר אַן אומרו. ווו צו גיין האָט ער נישט געהאַט. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל איצט טאָן. גראָד ווען ער האָט אַליין נישט געוווּסט, וואָס אים ווילט זיך, וואָס ער זוכט, צו וואָס ער שטרעבט, איז ער אַוועק אויפֿן אָנגעוויזענעם אַדרעס, נישט דערטראַכטנדיק ביזן סוף, צי ער דאַרף גיין.

גלייכגילטיק האָט ער געטאָפּטשעט דורך די שניי־בערגלעך אויפֿן וועג. נאָר פּלוצלונג איז ער פֿאַרהאַלטן געוואָרן דורך עפּעס אַן אינערלעכער דערוואַכונג. צו וואָס האָט ער זיך, איינגעטלעך, דאָ אָפּגעשטעלט? וואָס איז

דאָס? גאָט, ער איז דאָך פאַרן אײזערנעם טויער! דאָס ערשטע מאָל זינט דעם צוריקקומען קײן װאַרשע. דאָס ערשטע מאָל זינט אַזױפיל יאָרן — פון יאָר 1831 אָן.

יאָ, דאָ איז עס. דאָ געפינט זיך די ראַבינער־שול, אין װעלכער ער איז צום ערשטן מאָל אַװעק מיט אַזױפיל האָפענונגען פאַר זיך, פאַר זײן צוקונפט... פון װעלכער ער איז צום לעצטן מאָל אַװעק מיט אַזעלכע האָפענונגען פאַרן פאָלק, פאַרן גאַנצן לאַנד.

אײנהאַלטנדיק דעם אימפעט פון זײנע פיס, װאָס האָבן אים א טראָג געטאָן צום טויער פון דער ראַבינער־שול, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בײם טויער. אין זײן מוח האָבן פאַרבײגעשװעבט די בילדער פון צװײ יאָר פאַרברענגען אין דער שול. דאָ האָט זיך פאַר אים — דעם יתום, דעם קינד פון דער גאַס — געעפנט א נײע װעלט. דאָ איז ער געװויר געװאָרן, אַז זײן געסל, די דזשיקע, — מיט אַלע אײנגעהױקערטע כאַטעס, געלעכערטע שטרוי־דעכער און בלאָטיקע גריבער — איז בלױז א קלײן, קוים זעבאַרער טראָפּן אין אומענדלעכן ים פון לעבן. דאָ, אין די מױערן, האָט ער דערהערט דעם געדױש פון די כװאַליעס פון דעם ים און א ריס געטאָן זיך צום שװימען. װיפל דאַנקבאַרקײט האָט ער דאַן געהאַט פאַר קהל, װאָס האָט אים, דעם קײלעכדיקן יתום, מפרנס געװען, געקלײדט, געלערנט, געגעבן אַן אָרט צװישן אַזעלכע באַלעבאַטישע קינדער, װי זײן נאָענטסטער חבר הענעך אונגער, די הערנישעס. עס קלינגען נאָך אין זײנע אױערן די פּױלישע װערטער פון זײן חבר לײבל הערנישעס ליד:

„די זון פון פרײהײט װעט װאַרעמען מײנע ברידער,
עס װעלן פאַלן די קײטן פון יאָך און שקלאַפערײ“.

אָך, װי ער האָט זיך דאַן געריסן צו דער „זון פון פרײהײט“, װי ער איז גרײט געװען מקריב צו זײן דאָס לעבן פאַר איר. זי האָט געלױכטן, די זון, העל געלױכטן, געװאַרעמט — מען האָט זי געפילט אין אײגענעם בלוט... „װידער אפשר אַרײן אַהין, אין די מױערן, זוכן דאָרט דאָס ליכט?“ — האָט אים א בליץ געטאָן א געדאַנק. אַנדערע דערינערונגען האָבן אָבער דעם געדאַנק באַלד פאַרטריבן, אױפגעעפנט הושכדיקע קעמערלעך אין מוח און האַרץ, א ביטערניש, װאָס האָט זיך אָנגעזאַמלט דורך די זעלבע צװײ יאָר: דאָס שטענדיקע פילן, אַז ער איז א יתום אױף קהלס קאָסטן, ער איז עפּעס נידעריקערס, ערגערס, װי די מערהײט חברים, די קינדער פון באַלעבאַטישע הײזער. א סך חברים האָבן עס אים געלאָזט פילן — װײטיקלעך, מיט א כיװן און צופעליק. דאָס האָבן אים געלאָזט פילן די לערער און

אפּוטרופּסים פון שול. מיט א בליק, מיטן קול, מיט א וואָרט — אויף טריט און שריט האָט ער עס געפילט. די אייז־קאלטע בליקן פון אונטער די אויגן־גלעזער ביים דירעקטאָר אנטאָני אייזנבוים, וואָס זענען לייטזעליק צעשמייכלט געוואָרן, ווען ער האָט געקוקט אויף עפּעס א מיוחס. יעדן אזא בליק פלעגט דאן איזאק אויפכאפּן, ער פלעגט זיך אויסציען ביי אים אין אן אומענדלעכן תהום. דאָס האָט אָנגעזאמלט א פארביטערטקייט, וואָס האָט געווירן אין בלוט, ארויסגערופן אין אים צאָרן, בונט און אָפטמאָל שנאה צום ארום. איינער נאָר האָט אויסגעזען צו זיין אינגאנצן אנדערש — זיין ערנסט־פארחלומטער חבר הענעך אונגער. דערפאר האָט ער זיך צו אים אזוי צוגעבונדן, אזוי ליב באקומען אים. ערשט אין די אויסלענדישע וואנדערונגען האָט ער אָנגעהויבן צו באמערקן, אז אויך ביי הענעכן איז די בעסערקייט בלויז א דין הייטעלע איבער דער נשמה, א הייטעלע, וואָס ווערט צעשעדיקט, אראָפּגעריסן דורך די שוועריקייטן פון וואנדערונגען. א הייטעלע, וואָס איז איצט כמעט פארשוונדן אין די ווילטאָגן פון גרויסן עשירות.

איצט אריינגיין אין די מויערן, וואָלט געהייסן אָנטרעפן זיך אויף פרעגנדיקע בליקן פון אומבאקאנטע אויגן, וואָס וועלן זיך באלד אָנפילן מיט שפּאָט, ווען זיי וועלן געוווּיר ווערן, אז דאָס איז ער, דער יתום איטשע דעם בדחנס... אָנטרעפן זיך מיט די דערשראָקענע אויגן פון זיינע אלטע לערער, די, וואָס זענען לגמרי געווען קעגן דעם אויפשטאנד, אָדער די, וואָס האָבן פחדנותדיק געטענהט: יידן דארפן זיך נישט מישן, יידן מוזן זיך האלטן אָן א זייט... איצט וועלן זיי דערזען אין אים בלויז דעם מורד במלכות, דעם געפערלעכסטן בונטאַר, ווייל ער איז אַ קינד פון גאס, נישט אזא, פאר וועלכן עס וועט זיך איינשטעלן משפחה, באשיצן און צוריקפירן אויפן גלייכן וועג.

אפשר וואָלט ער נאָך אזוי לאנג געשטאנען אויף דער גאס, ווען עס דערנענטערט זיך נישט פון זאקסישן גאָרטן א פיגור, וואָס האָט אים אויסגעוויזן צו זיין קענטלעך. „ווער איז עס? — אוי, דער לערער צענטנערשווער..." — האָט א בליץ געטאָן א דערמאָנונג. ער האָט זיך שנעל צוריקגעצויגן אין שאָטן פון שכנותדיקן מויער.

דאָ איז ער גלייך אריינגעצויגן געוואָרן אין א קאָראָהאָד, וואָס האָט צעשטויבט זיינע פריערדיקע געדאַנקען. פון גנאָינע גאָס האָט זיך מיט ליארעם און געפילדער ארויסגעלאָזט א משונהדיקע חברותא. קלאפנדיק מיט מעשענע טאַצן, גראַגערנדיק און קוויטשענדיק, האָבן זיי זיך אַרויס־

געלאָזט פון א הויז. „פורים⸗שפּילער!“, — האָט זיך איזאַק דערפרייט. איינער פון זיי האָט אריינגעשריגן אין א פאַרמאַכטער טיר:

א גוטן פורים מלאך,
ווי איך גאַי פאַלאָך,
די בואָד אי מאָ לאַנג,
ס'וואַב אי מאָ קראַנק.
האַנט איז פורים,
מאָרגן איז אָס,
געטס מאָ א גראָשן
און וואַרפטס מאָך אראָס...

— קום, מאָנדריש, די צלאַפּעס האָבן זיך פאַרהאַמערט. — האָט א צווייטער אים געשלעפּט פון דער טיר.

— לאָמיר גאָר גיין אויף גזשיבאָוו, צו גבריאל אייזנמאַן, הא, חברה?

— מ'עט אונדז נישט אריינלאָזן.

— אָדער גאָר קאַפּויער: מ'עט וועלן גיכער אונדזערע פטור ווערן, וועט מען אונדז געבן א פעטע אפּותיקא...

עמעצער האָט דערזען א מענטשלעכן שאָטן אויף דער שניי⸗ווייסקייט און באַרואיקט די איבעריקע. פאַרשנדיק, זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען דעם באַגעגנטן, מיט חשד לוסטרירט זיינע מלבושים.

— פתח שין, חברה... א שמעקער. — א סודותדיקער שאָרך איז אדורך די גרופּע.

אין שיין פון דער שניי⸗ווייסקייט האָט איזאַק דערוויל אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די שפּילערס. זיי האָבן זיך געדרייט אהין און צוריק. אין א רויטן טישטעך איינגעהילט, מיט א לאַנגער באָרד פון פאַקוליעס און א קרוין פון באַגילדטן פּאַפּיר, — מן הסתם אחשוורוש — האָט יענער זיך פאַרזיכטיק פאַרבייגעשלייכט הארט נעבן איזאַקן. אסתר⸗המלכה מוז זיין די, וואָס טראָגט א קלענערע קרוין, פון וועלכע ס'הענגען אראָפּ לאַנגע, שוואַרצע צעפּ פון וואָל, אין א לאַנג, ווייס נאַכט⸗העמד, מיט א סך קאָלירטע בענדלעך ארומגעפּוצט, מיט א רויטער מאַנטיליע אויף די אקסלען... מיט מורא רוקט זי זיך אָפּ אינמיטן געסל, אונטערהייבנדיק דאָס קלייד, פון אונטער וועלכן עס האָבן אפּערגעקוקט שווערע, פאַרבלאָטיקטע שטיוול. איזאַק איז זיכער, אז די מלכה איז א מאַנצביל, כאָטש זי באַמיט זיך אזוי גראַציעז צו שפּאַנען איבערן שניי אין די צעפּלאַטשיקטע שטיוואַליעס. מאָנדריש מיט א לאַנגן ארבע⸗כנפות פון דרויסן, מיט אן אָנגעבונדן ציגן⸗בערדל

און לאַנגע פּאות, וואָס באַמבלען זיך ביים קאָפּל, איז אָן אַ ספק מרדכי...
דער יונגאַטש אין נאַפּאָלעאָנישן אולאַנער=קאַסק, מיט אַ הילצערן שווערדל ביי דער זייט איז, פאַרשטייט זיך, המן. ווער זשע קאָנען זיין די איבעריקע הברה=לייט, אָנגעטאָן אין די איבערגעקערטע קאַפּאָטעס, מיט טישטעכער, פאַרוואָרפענע אויף די אַקסלען, מיט בעזעמס און וואַלגערהעלצער אין די הענט? הויפסלייט? מיליטער? ס'פאָלק?

— זייט רואיק, חברה, נישט קיין שמעקער. כ'בין אָן... אייגענער...

— דאָס לעצטע וואָרט איז דורך איזאַקן געזאָגט געוואָרן נאָך אַ פּויזע. ער האָט געזוכט אַ וואָרט, וואָס זאָל אים ווי צום שטאַרקסטן מקרב זיין מיט די פּורים=שפּילער.

עס האָט זיך אַ רודער געטאָן. זיי האָבן זיך גענומער צוגערוקט צו איזאַקן, אויפמערקזאַמער אים באַטראַכט, דורכגעוואָרפן זיך מיט איינצלנע ווערטער:

— אַ פּורים=שפּילער?

— אַזעלכע מלבושים...

— ס'איז אונדזער רעווער! אויסכאַפּן גאָר!... — האָט זיך פּלוצלונג אסתר צעקרייעט פונדערווייטנס מיט אַ פאַלצעטל.

דער קרייז האָט צוגעגעבן דרייסטקייט די איבעריקע פּורים=שפּילער. זיי האָבן זיך דראָענדיק אָנגעהויבן צו רוקן אויף איזאַקן. ער האָט דערפילט, אַז ער קאָן דאָ ליידן אַן עוולה. מען קאָן אים באַלד איבערציילן די ביינער.

— נישט קיין פּורים=שפּילער, חברה, בלויז אַ ליבהאָבער... שלעפּ זיך אַרום איבער די גאַסן, וויל זען, ווי איר מאַכט לוסטיק.

איינער פון די שפּילער — אַ הויכער, דאַרער דראָנגאַל, נישט קיין קענטיקלעכער הויפמאַן, משפּטנדיק לויט די מלבושים, — האָט זיך איבערגעבויגן, כדי איינצוקוקן זיך בעסער אונטער איזאַקס צילינדער=הוט. גלייך האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט אַ פּאָר לאַנגע הענט, אוועקשטויסנדיק די אָנגרייפנדיקע חברה:

— לאָזט! כ'זאָל אַזוי געזונט זיין... ס'איז שלמהלעס לערער.

איזאַק האָט זיך נישט געריכט, אַז ער האָט שוין אַזאַ פּאָפּולאַריטעט צווישן די פּורים=שפּילער. זיי האָבן אים היימיש אַרומגערינגלט און, איבערשרייענדיק איינער דעם צווייטן, פאַרוואָרפן מיט פראַגן, אַריינבראָקנדיק דערביי וויצן, געפעפערטע זאָגעכצן און שטעכווערטלער אויפן חשבון פון אַנדערע חברים. קלאָר האָט מען נאָר געקאָנט פאַרשטיין, ווי ס'איז

זיי אַדורך דער אָוונט: אין אַ פּאָר הייזער — אָרעמע — אַ זאַמער כיבוד; אין אַ פּאָר — עפּלעכע גילדן שוין צונויפגעזאַמלט. פון צוויי גבירישע הייזער פאַרטריבן מיט שטעקנס. „אַפּיקורסים, — האָט מען זיי נאָכגעשריגן, — מאַכט חוזק פון יידישקייט! חוזק פון שיינע יידן! פּושעים!“... איז טאַקע געווען א חידוש פאַר איזאַקן, ווי זיי וואגן צו גיין דווקא צו גבריאל אייזנמאַן, דעם גרויסן גביר און נאָך גרעסערן פרומאַק. די חסידים קאָנען זיי אָנברעכן די ביינער.

— נישקשה, היינט איז פּורים, מאָרגן איז אויס. שטעקנס פאַרגייען, די פּאָר גילדן וועלן בלייבן... — חברה האָט זיך געוויצלט, אונטערגעגעבן זיך מוט. — ביי אייזנמאַנען זענען די פּאָר גילדן געזיכערט. חנוכה און פּורים בינדט ער אויף דעם בייטל. איר וועט אליין זען! קומט מיט!

עס האָט אים א צי געטאָן א ביסל זיך צו מאַכן לצעוואָטע מיט דער חברה. ס'איז אים אפילו איינגעפאַלן איבערצוחזרן די פעלערינע און פאַרביטן דעם צילינדער אויף א קאַסקע פון איינעם פון די שפּילער. גלייך האָט ער זיך אָבער דערמאָנט: ס'ווערט שפּעט, אפשר וועט ער אַזוי שפּעט נישט טרעפן דעם דאָקטאָר אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס. האָט ער זיי צוגעזאָגט צו טרעפן זיך אַן אַנדערש מאָל, אָפּרעדן א טרעפּעניץ דורך שלמהלען.

— היינט איז פּורים, מאָרגן איז אויס... היינט זענען מיר שפּילער, מאָרגן זענען מיר אויס...

— וועלן מיר מאַכן א פּורים־שפּיל פאַר זיך אליין... מיר וועלן זיין שפּילער, ווען ס'וועט זיך אונדז פאַרגלוסטן... — אַזוי האָט ער זיי געזעגנט און אוועק אין דער ריכטונג פון טוואָרדע, באַגלייט דורך פריילעכע אויסגעשרייען פון חברה פּורים־שפּילער.

IX

א הייסער וויכוח האָט געפלאַקערט. דער דאָקטאָר סטודעניצקי האָט, ווייזט אויס, מיט א כיוון אהערגעבעטן איזאַקן און באַלד אים טאַקע געוואָלט אַריינשלעפּן אין דעם וויכוח. עס האָט שוין פון לאַנג געוואַרט אויף אים אַן אָרט ביים טיש, מען האָט זיך גערעכנט אויף זיין קומען. „און אפשר נישט אויף מיר? — א שטענדיקער ספק האָט איזאַקן גענאָגט. — ס'זענען דאָך צוויי ערטער געווען ליידיק ביים טיש“.

דער דירעקטאָר טוגענדהאָלד איז געזעסן אין א טיפן פאָטעל, איינ־

געהילט אין א ווארעמען שלאָפֿראָק, מיט א הויכער שלאָפֿמיץ אויפֿן קאָפּ. די שלאָפֿמיץ האָט געהאַט אַ טבע כּסדר זיך אַראָפּצורוקן, פֿאַרשטעלן אים די אויגן. אין דער טיף פֿון פֿאָטעל האָט ער אויסגעזען, ווי א קארליקל. דאָס דארע פּנים האָט מען קוים ארויסגעזען פֿון דעם וואָלענעם שאל אויפֿן האלדז, און פֿון אונטער דער שלאָפֿמיץ זענען בלויז זיינע שפּיציקע אייגעלעך כּסדר אומרואיק ארומגעלאָפֿן איבער די פּנימער פֿון די אָנוועזנדיקע, געשטאָכן דעם, וועלכער האָט געזאָגט עפּעס אזעלכעס, וואָס איז טוגענדהאָלדן נישט געפֿעלן געוואָרן.

דער הויפּט־שטרייט איז אָנגעגאנגען צווישן טוגענדהאָלדן און זיין שכן פֿון דער רעכטער זייט, וועלכער האָט פֿון צייט צו צייט אריינגעוואָרפֿן א זאַץ — שטיל, מיושבדיק, מיט א מילד שמייכעלע. יעדער זאַץ זיינער האָט ביי טוגענדהאָלדן ארויסגערופֿן א פּאראָקסיזם פֿון אָפּאָנירנדיקע ווערטער.

טוגענדהאָלדס שטילן אָפּאָנענט האָט איזאַק געקענט פֿון זען. ער האָט געוווסט, אַז ער איז אַ פּריוואַט־לערער, זייער באַליבט צווישן די פּשוטע מענטשן פֿאַר זיין באַשיידנקייט, הארציקייט און מאַטעריעלער נישט פֿאַראינטערעסירטקייט. יעדן איז ער גרייט געווען צו לערנען, געבן לעקציעס אָן געלט. אַלע האָבן אים גערופֿן רב איציק דער בעל־דיקדוק. זיין פֿאַמיליע־נאָמען האָט קיינער נישט געקענט און קיינער האָט זיך דערויף נישט נאָכגעפֿרעגט. „דער בעל־דיקדוק“ איז געווען זיין נאָמען און זיין טיטל. אייניקע האָבן עס ארויסגעזאָגט, ווי זיי וואָלטן געזאָגט „רבי“, אַנדערע — ווי זיי וואָלטן געמיינט „פּראָפֿעסאָר“. אין זיין פּשוטער, האַלב־טראַדיציאָנעלער טראַכט, האָט רב איציק נישט אויסגעזען אויף ביידע. עס האָט אים גיכער געפּאַסט דער נאָמען „מלמד“. אַזוי וואָלט אָבער קיינעם נישט איינגעפֿאַלן אים צו רופֿן, נישט געקוקט אויף זיין שיטער בערדל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אויסגעוועפּט, די כּמו־פּאות, וועלכע האָבן פֿאַרשעמט אַרויסגעקוקט פֿון אונטערן קאַפּל. דער מילדער בליק פֿון זיינע רויטלעכע אויגן, שטענדיק שמייכלענדיקע, איז געווען דער היפּוך פֿון אָנגענומענעם באַגריף וועגן מלמדישקייט. דאָס איז געווען דער לערער זיבענבערג.

דער דאָקטאָר האָט אַלע ווײַלע געפּרווט צו באַרואיקן טוגענדהאָלדן, דערמאָנענדיק אים וועגן זיין צוגעקילטקייט, פֿאַר וועלכער עס איז שעדלעך אַזאַ צעהיצונג. עס האָט אויסגעזען, ווי ער אַליין איז אויך נישט אינגאַנצן מסכּים מיט טוגענדהאָלדן, נאָר ער מיידט אויס זיך איצט צו אַמפּערן מיט אים.

די איבעריקע אָנוועזנדיקע, וואָס האָבן געהאַלטן מיט טוגענדהאָלדן אָדער געהאַט אַן אַנדער מיינונג, — אייניקע יידיש געקליידעט, האַלב־יידיש, אייניקע גאַנץ־אייראָפּעיש, זענען איזאָקן געווען אומבאַקאַנט. ס'איז אים שווער געווען וועגנוויער צו באַטראַכטן זייערע פּנימער אין דעם רויך פון ציגאַרן און ציבוקעס, ביי דעם טונקעלן שיין פון די ליכט, וואָס האָבן געברענט אין די ווינקלען פון גרויסן צימער. איינס האָט זיך נאָר געלאָזט באַמערקן פון זייערע מלבושים: דאָס זענען רייכערע יידן. און דער כיבוד, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, האָט עדות געזאָגט, אַז דער באַלעבאָס האָט זיי געבעטן אַהער, כדי מיט עפּעס צו באַאיינפלוסן און צוליב דעם פּלאַקערט אַזוי דער וויכוח. געזען האָט זיך אויך, אַז אַלע זענען זיי אין די מיטעלע יאָרן, מן־הסתם נישט קיין סך איבער די דרייסיק, אָדער ביי די דרייסיק.

— אויסלערנען זיי אַ מלאכה! אַ סוף צו דער שנאָרעריי און דעם לעבן פון ווינט! זאָלן יידן גיין אַרבעטן, וועט פאַרשווינדן די פינצטערגיש און אַלע שלעק! — האָט זיך טוגענדהאָלד געריסן אויף זיין קוויטשיק קולעכל.

— ווו נעמט מען פּאַר אַלע אַרבעט? — האָט זיך איינער אָנגערופן.

— ווער וועט זיי וועלן געבן אַרבעט?

— אַ גוטער באַלמעלאָכע איז אַן אוצר פּאַר אייער מאַנופאַקטור, רב שלמה! — האָט זיך טוגענדהאָלד ווייטער געקאָכט.

— מממאַ! — האָט זיך דער אָנגערופענער נישט לייכט געלאָזט אי־בערצייגן דורכן באַלעבאָס פון שטוב.

— זייט מוחל, רב יעקב, איך האָב דען קעגן מלאכה? — האָט זיך דער בעל־דיקדוק ווידער אַריינגעמישט. — געזונטערהייט, לערנט, וועמען ס'לאָזט זיך. נאָר עברי דאַרפן דאָך אַלע קענען. דאָס איז ראשית חכמה.

דער דאָקטאָר האָט געוואָלט אויסמיידן אַ נייעם אויסברוך פון טוגענד־האָלדן. ער האָט זיך דיפּלאָמאַטיש באַמיט צו באַווייזן, אַז אייגנטלעך זענען ביידע צדדים גערעכט, דאָס הייסט — זיי ווילן דאָס זעלבע. דער פּלאַן פון אַ באַלמעלאָכיש־אינדוסטריעלער שול, וואָס איז דורכן ליבן באַלעבאָס אויס־געאַרבעט געוואָרן צוזאַמען מיטן חשובן הער דוד בויערהאָליץ, וועלכער ווערט אויך אונטערגעשטיצט דורכן נאָבעלן הער מאַטיאַס ראָזען, איז זייער אַ גוטער און דאַרף דורך אַלעמען אָנגענומען ווערן. נאָר וויפל אָרעמעלייט קאָן ער אַרומנעמען אין די ערשטע פּאָר יאָר? — הונדערטער. נו — און די טויזנטער, צענדליקער טויזנטער? ווי העלפט מען זיי אין זייער עלנט, ווי באַלייכט מען זייער פינצטערניש? איז דאָך אויך גערעכט רב איצ ק,

אַז קודם־כּל דאַרף מען זיי לערנען לייענען, שרייבן, רעכענען; די וויכטיקסטע כאָטש ידיעות וועגן דער וועלט, וועגן לעבן; באַגריפֿן וועגן היגיענע...

דאָ האָט זיך דער דאָקטאָר באַזונדערס אָנגעצונדן, וועגן דעם האָלט ער אין איין רעדן, איבערצייגן: דאָס שמוץ, אין וועלכן די אָרעמעלייט לעבן, איז גורם די ערגסטע חולאתן. ס׳דראָט אַן עפּידעמיע אין די יידישע געסלעך. און, חלילה, ווען עס קומט צו אַן עפּידעמיע — דאַן איז שוין נישטאָ אָרעם און רייך. זי קוקט אויף גאָרנישט, שלאָגט אַלעמען. מען מוז וועגן דעם טראַכטן. אויפֿקלערונג, היגיענע — דאָס קאָן אין איצטיקן מאָמענט זיין די גרעסטע הילף פֿאַר אונדזערע אָרעמע ברידער...

— אַט איז דער הער שערצשפּילער איצט נישט לאַנג געקומען פֿון אויסלאַנד... צי מיינט איר נישט, אַז מיר זענען גערעכט, הער שערצשפּילער? — דער דאָקטאָר האָט פֿאַרענדיקט זיינע לאַנגע אויספֿירן מיט דער בפֿירושער כּוונה אַריינצוציען איזאַקן אין דעם שמועס.

אַלע אויגן האָבן זיך מאַקע מיט נייגער אָנגעשטעלט אויפֿן אומבאַקאַנטן. איזאַק האָט זיך דערפֿון שטאַרק פֿאַרלוירן. וואָס קאָן ער דען זאָגן די מענטשן, ווי וויט קאָן ער איבערגעבן פֿאַר זיי דאָס, וואָס בוערט זיין מוח שוין עטלעכע יאָר? ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די אַלע אומבאַקאַנטע יידן, וואָס געפֿינען זיך דאָ, זענען פֿאַבריקאַנטן, גרויסע סוחרים, באַנקירן. מן־הסתם נישט פֿון די גרעסטע, אויב זיי געפֿינען זיך נישט אין זייערע סאַלאָנען ביי די פּורים־סעודות און באַלן, נאָר זענען געקומען צו טוגענדהאַלדן שמועסן וועגן עניני־הכּלל. פֿונדעסטוועגן מוזן זיי האָבן גענוג, אויב טוגענדהאַלד האָט זיי פֿאַרבעטן און וויל איבער זיי פֿאַרוואַרפֿן זיינע נעצן... כּלל־טוער? — זיכער נישט פֿון די, וואָס זענען ביי דער שיסל, וואָס האָבן שוין בענקלעך. מן־הסתם אַזעלכע, וואָס רייסן זיך צו אַ בענקל, צי קאָן מען פֿאַר זיי עפֿענען דאָס האַרץ?

די אָנגעשטעלטע אויגן פֿון אַלע זייטן האָבן אויף איזאַקן געווירקט שטאַרקער, ווי דער וויין און מעד פֿון טיש. פֿון דעם האָט ער קוים גענאָסן, איינגענעצט די ליפּן אין אַ גלעזל, נישט דערפֿילט אַפֿילו דעם טעם. זאָל זיין, וואָס עס וויל, ער טאָר זיי נישט בלייבן שולדיק קיין ענטפֿער.

רואיק, באַזאַכט, צוקלייבנדיק יעדעס וואָרט, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן, באַמיענדיק זיך, אַז דער עיקר־געדאַנק זיינער זאָל נישט אַרויסקומען צו בולט: יאָ, דער פּלאַן פֿון חשובֿן הער טוגענדהאַלד איז זייער אַ גוטער. לערנען אַ מלאכה — דאָס קאָן אַרויסראַטעווען אַ פּאָר הונדערט יידן אין די גאָענטסטע פּאָר יאָר פֿון זייער אויסזיכטלאָזער עקזיסטענץ...

פון הנאה האָט טוגענדהאָלד אַ מליאַסקע געטאָן אַ פעסטן שלונג מיט'ן בעבער: דער בחור געפעלט אים, מען וועט אים דאַרפן מקרב זיין.

— געדענקט איז אויך דער הער דאָקטאָר, אַז מען דאַרף פאַרשפּרייטן עלעמענטאַרע באַגריפן פון היגיענע, היילן די קראַנקהייטן, וואָס נעסטיקן אין יעדער קבצנישער שטוב... קעמפן קעגן שווינדזוכט, וואָס שטעלט צו אין די טויזנטער קליענטן פאַרן פּראַגער בית־עולם. — איזאַקס רייד האָבן אַרויסגערופן אַ מיטפילנדיק שאָקלען מיטן קאָפּ ביים דאָקטאָר. — געדענקט איז אויך רב איציק, אַז מען דאַרף אַלע לערנען, פאַרשפּרייטן וויסן און קול־טור...

טוגענדהאָלד האָט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן מקרב זיין דעם גאַסט: דוכט זיך עפּעס אַ מאָדנע מענטשל דער אויסלענדער... דער בעל־דיקדוק האָט מילד געשמייכלט, ווי די גאַנצע צייט, טראָץ דעם, וואָס רב שלמה האָט אַ נערוועזן הוסטל געטאָן. איזאַק האָט אויף דעם אַלעם שוין נישט געלייגט קיין אַכט, ער איז אַריין אין האַזאַרד:

— צי טראַכטן אָבער נישט די הערן, אַז דאָס זענען אַלץ בלויז פּלאַס־טערס, וואָס וועלן פאַרדעקן די מכה? זי גופא, די מכה, וועט אַלץ בלייבן...

— כ'פאַרשטיי נישט... כ'פאַרשטיי נישט. ס'איז פּילפּול! — האָט טו־גענדהאָלד זיך ווידער אויפגעקאָכט.

— אפשר וואָלט אונדז דער יונגער הער אויפגעקלערט גענויער, וואָס ער מיינט דערמיט? — די באַרכאַטענע שטים פון אַ באַהייביקן, פיין־גע־קליידעטן, דיקלעכן מאַן האָט אָפּגעקלינגען ווי אַן עכאָ פון טוגענדהאָלדס אויסגעשרייען.

די ווערטער „יונגער הער" האָבן געקלונגען אַ ביסל איראָניש. דאָס האָט איזאַק דערפילט. גאָר ס'מאַכט נישט... יאָ, ער קאָן אויפקלערן. עס האַנדלט זיך וועגן אַ פשוטער זאַך: פאַרטראַכטן זיך וועגן די סיבות פון אומוויסנקייט, קראַנקהייטן, אויסזיכטלאָזיקייט... זיכער דאַרף מען קעמפן מיט שווינדזוכט. אָבער צי קאָן מען עס באַקעמפן ביי מענטשן, וואָס ווי־נען אין איינגעפאַלענע, פוילנדיקע קאַנורעס, גייען אָנגעטאָן אין שמאַטעס, פּאַפּטשען כמעט באָרוועסע אין די בלאָטעס און הונגערן כסדר?... אומ־וויסנקייט דאַרף מען באַקעמפן. אָבער צי קאָן מען צווינגען אָרעמע קינדער צו גיין אין שולן, ווען די קינדער מוזן גאַנצע טעג אַרומוואַלגערן איבער די גאַסן, כדי אַריינצוברענגען זייער צושטייער אויף אַ שטיקל ברויט אין דער היים?... יאָ, מען דאַרף לערנען יידן מלאכות, אָבער וואָס וועט אַרויס פון קענען אַ מלאכה, ווען דער בעל־מלאָכע וועט קיין אַרבעט נישט קריגן?...

עס איז זייער נאָבל, וואָס די הערן טראַכטן וועגן גורל פון זייערע אָרעמע ברידער, ווי צו פאַרבעסערן זייער עקזיסטענץ. זייער שיין... נאָר אים ווייזט זיך אויס, אַז קודם־כל דאַרף מען באַזייטיקן די סיבות פון דער שלעכטער עקזיסטענץ: די נויט, דעם דלות, וואָס הערשן אין די געסלעך פון רעוויר.

שטולן האָבן אָנגעהויבן צו סקריפּען, פינגער האָבן נערוועז באַראַבאַ־נעוועט אין טיש. טוגענדהאָלדס קול האָט זיך הילכיק צעשריגן:

— אָרעמקייט איז אַ גאָטס שטראָף, גראָד ווי רייכקייט איז אַ גאָטס גאָב. דאָ זענען מיר גאָרנישט מעכטיק!

— דאָס האָב איך טאַקע געטראַכט... מיר זענען אָנמעכטיק! — האָט איזאַק געענטפערט מאָדנע רואיק. זיינס האָט ער שוין געזאָגט, אַ שטיין איז אים אַראָפּ פון הארצן.

— ווער איז עס אַזוי אָנמעכטיק, ווער? — אַ טובאַלע שטים האָט זיך אַריינגעריסן פון דער קיך־טיר.

די שטים האָט געמוזט געהערן צו דעם, וואָס האָט פאַרלאָזט זיין אָרט ביים טיש, נאָך איידער איזאַק איז געקומען. פון קיך איז טאַקע אַריינגעקו־מען אַ דיקלעכער מאַן אין די מיטעלע יאָרן. ער האָט געטראָגן אין האַנט אַ בעכער הייסן געטראַנק. די שטים איז איזאַקן געווען באַקאַנט, דאָס קיי־לעכדיקע פּנים מיט די דיקע באַקנבערד האָבן אים אויך דערמאָנט... יאָ, ס'איז קיין ספק נישט — זיין לערער פון דער ראַבינער־שול, אברהם בוכ־נער.

— אונדזער יונגער גאַסט, דער הער שערצשפּילער, האָט געברענגט אַ מעכטיקע אָנמעכטיקייט פון אויסלאַנד, — האָט זיך טוגענדהאָלד ביין צע־כיכיקעט, פאַרהוסטנדיק זיך דערביי.

בוכנער איז ברייטלעך צוגעגאַנגען צו זיין אָרט ביים טיש, און אַ הויכן זופּ טוענדיק פון דעם בעכער, זיך אַוועקגעזעצט.

— באַקען מיך, יאַקאָב, מיט דיין אויסלענדישן... — ער האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ, אויפגעריסן די אויגן, דערזעענדיק איזאַקן. אייגגע־בויגן זיך, צוריקגעצויגן, ווידער זיך איינגעבויגן, ווי ער וואָלט זיך פאַר־מאָסטן אַ שליידער צו טאָן אַ שטיין. אַ הילכיק געלעכטער האָט צעשפּרייט זיין מויל ביז די אויערן: — איטשע! איטשע דעם בדחנס! ביי גאָט! ס'איז ער...

איזאַק איז פאַרשטאַרט געוואָרן. דערווייל זענען אַלעמענס פרעגנדיקע בליקן אַוועק צו בוכנערן.

— ס'איז דאָך מיין תּלמיד! ביי גאָט, מיין תּלמיד פון דער ראַבינער־שול!

טוגענדהאָלד האָט אויפגעבראוזט:

— כ'האָב אָבער שטענדיק געזאָגט, אַז די ראַבינער־שול איז אַ נעסט פון וואָלטעריאַניזם! — ער האָט טריומפירנדיק זיך געוואָנדן צו די חשובֿע באַלעבאַטים. — כ'האָב געוואָרנט, אַז אַנטאָני אייזנבוים גרייט אַ דור פון משומדים און ליבערטינען!

— נו, נו, יאַקאָב, ווילסט שוין ווידער האַלטן שבת אויף מיין באַלע־באָס? — בוכנער איז געווען הייטער, הנאה געהאַט פון דער סענסאַציע, וואָס ער האָט גורם געווען. — דו געפינסט באַלד אוים משומדים, ווי די אָרטאָדאָקסן דיינע! זיי האַלטן דאָך מיך אויך פאַר אַ משומד.

אָפּגעהאַקטע ווערטער זענען געפאַלן צווישן די געסט, שטילע באַמער־קונגען. ס'האָט זיי אָבער אַלעמען פאַרהילכט בוכנער מיט זיינע אינפאָרמאַ־ציעס וועגן איזאַקן, פראַגן, וועלכע ער האָט אים דירעקט געשטעלט: ווו איז ער פאַרפאַלן געוואָרן? וואָס געטאָן זינט דעם אויפשטאַנד?

— מען ווייסט! מען ווייסט אַלץ! שרעק זיך נישט, איטשע, היינט משעפּעט מען שוין קיינעם נישט דערפאַר... — האָט אים בוכנער באַרו־איקט. — אַ שאַרף קעפּל געווען, נאָר אַן אומרו. אַ שאָלטיק, אַ חוצפּהניק, גאָרנישט, ווי אַ געמיינער האָליסראַקע... דער הער אייזנבוים האָט אימער געזאָגט, אַז קיין ראַבינער וועט דער יונג זיכער נישט ווערן. נאָר אַרויף וועט ער הויך... אָדער ענדיקן אין אַ קערקער!

— דאָס זעט מען ווייל! — האָט טוגענדהאָלד גאַליק אַריינגעוואָרפן, און געווען צופרידן פון די באַגייסטערטע שמייכלען, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף די פּנימער פון זיינע חשובֿע געסט.

— אָבער, מיינע הערן, דאָס איז דאָך נישט אַרט׳יק. עס פּאַסט נישט פאַר אינטעליגענטע מענטשן אַזאַ אַרט באַנעמונג. — דער דאָקטאָר האָט פאַרלוירן זיין דיפּלאָמאַטישע צוריקגעהאַלטנקייט, פילנדיק זיך שולדיק פאַר דער אומבאַקוועמער סיטואַציע, אין וועלכער איזאַק האָט זיך איצט געפונען.

נאָר איזאַק איז שוין געווען פולשטענדיק באַהערשט. בייזע בליצן פון זיינע אויגן האָבן געשטאָכן די געזעלשאַפט, אָבער זיין פּנים האָט גע־שמייכלט:

— באַאומרואיקט זיך נישט, הער דאָקטאָר. עס מאַכט נישט... די הערן ווילן זיך זיכער פאַרגיטיקן, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט די געלעגנהייט צו זען היינט אַן אמתע פּורים־שפּיל... זייער גאַנצע באַזאָרגטקייט וועגן כלל־

זאַכן דעם הייגטיקן אָוונט איז דאָך נישט מער, ווי אַ פּורים=שפּיל. איך בין
דאָ אַ צופעליקער... און איבעריקער. דערווייל בין איך נאָך נישט קיין פּורים=
שפּילער. אַנטשולדיקט, מײַנע הערן, וואָס איך האָב צו אײַך פאַרבלאָנ=
דזשעט. איך ווינטש אײַך אַ ווײַטערדיקע גוטע פאַרווײַלונג.

ער האָט זיך לײַכט פאַרנייגט און מיט רואיקע טריט געשפּאַנט צו דער
טיר, באַגלייט דורכן דאָקטאָר, וואָס האָט זיך געוואָלט פאַרענטפערן פאַר
דער אומאָנגענעמלעכקייט. אַלע געסט זענען געווען ערנסט פאַרקוקט אין
זייערע בעכערס. נאָר דאָס שמייכעלע פון ר' איציקל בעל=דיקדוקס פּנים איז
פאַרלאָפן מיט אַ ווײַטיקלעכן אויסדרוק. עס האָבן אים נישט געאַרט טו=
גענדהאָלדס שפּיציקע בליקן. בוכנער, וואָס האָט זיך לכתחילה פאַרלוירן פון
איזאַקס רייד, האָט ווידער אַרויסגעשאָסן מיט אַ הילכיק געלעכטער. דאָס
געלעכטער האָט איזאַקן נאָכגעיאָגט אויף דער גאַס אַרויס.

ערשט אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג צום גזשיבאָוו, האָט ער פון אַ הויף
דערהערט קולות, וואָס האָבן פאַרווישט דעם גריליץ פון בוכנערס געלעכטער.
ערגעץ אין אַ הויז האָט נאָך אַ גרופּע פּורים=שפּילער געפּרוווט מזל:

האַנט איז פּורים, מאָרגן איז אָס,
געטסמאָ אַ גראָשן און וואַרפֿט מיך אַראָס...

ג

יאָסל גוויאַזדאַ

I

דורכן אָפֿענעם פֿענצטער האָט כוואַליעדיק אַריינגעשטראָמט די מאַיזון. פֿייגעלעך האָבן געדזשאַבעט די ברעקלעך, וואָס איזאַק האָט אַרויסגעלייגט הינטער דער פֿראַמוגע, געצווישטשערט און געפֿלאַטערט מיט די פֿליגל.

אָן ראָק און שיך איז איזאַק געלעגן אויפֿן בעט, פֿאַרטאָן אין לייענען. פֿון צייט צו צייט האָט ער זיך נאָר אָוועקגעריסן פֿון בוך הנאה צו האָבן פֿון די אָנקומענדיקע פֿייגעלעך און זייער פֿריילעך געצווישטשעריי.

לאַנגע וואָכן זענען שוין אַריבער זינט דעם פּורים-אָוונט, פּסח איז אַוועק, און איזאַק האָט זיך אַלץ נישט אַרויסגערירט פֿון שטוב. אַ פּאָר מאָל האָט ער אָפּגעזאָגט הענריקס איינלאַדונג צו גיין מיט אים אין טעאַטער אַריין, פֿאַרענטפֿערנדיק זיך מיט פֿאַרקילונג, קאָפּווייטיק, אָפּשוואַכונג. הענריק האָט אים ביי אַזאַ געלעגנהייט צוגעשיקט אַ העפֿלעך בריוול, געזאָרגט זיך וועגן זיין געזונט-צושטאַנד און אַריינגעשיקט נייע ביכער. מערסטנטייל זענען עס געווען יקר-המציאותן, נישט נאָר צוליב זייער פּרייז — צוליב דער שווערקייט זיי צו באַקומען אין וואַרשע. הענריקס פֿאַרבינדונגען מיט מענשן, וואָס זענען געפֿאָרן קיין אויסלאַנד און געוואָלט זיך אַרויסווייזן מיט זייער פֿאַרגעשריטנקייט, ברענגענדיק פֿאַרבאָטענע ביכער, האָט איזאַק געהאַט צו פֿאַרדאַנקען אומפֿאַרגעסלעכע שעהן. איצט האָט ער טאַקע געשלונגען די דינע בענדער פֿון יונגן פּוילישן דיכטער אַדאַם מיצקעוויטש, וועלכן ער דערמאָנט זיך פֿון פּאַריז. ער האָט שוין אייניקע מאָל איבערגעלייענט די פּאָעמע „קאָנראַד וואַלענראָד“ און געפֿילט אין דעם העלד אַן

ענלעכקייט צו זיך, צו זיין לאַגע. ער האָט זיך אָנגעצונדן מיט דעם געדאַנק און באַלד פאַרלאָשן געוואָרן: וואַלענראָד האָט דאָך עפּעס געטאָן, געראַנגלט זיך, געהאַט אַ ציל פאַר זיך, און ער איז אַ פוסטער שאַרבן, וואָס ווערט געטראָגן דורך די כוואַליעס פון לעבן אָן אַ ציל, אָן אַ ריכטונג. אָן אַנטוישטער האָט ער אַוועקגעלייגט מיצקעוויטשן און גענומען זיך צו דייטשישער דיכטונג.

אין משך פון אַ פּאָר טעג האָט ער איבערגעלייענט עטלעכע בענדער שילערס פּיעסן, מיטגעריסן געוואָרן פון דעם הייסן פּראָטעסט, וואָס האָט פון זיי געשלאָגן און מיטאַמאָל אָפּגעקילט געוואָרן צו שילערן. ער האָט אים פאַרביטן מיט געטען. „די ליידן פון יונגן ווערטער“ האָט ער שנעל אָפּגעשטויסן פון זיך. דאָס בוך האָט ער שוין געהאַט געלייענט אין אויסלאַנד, דאַן האָט עס אים אויפגעשיידערט, איצט — געאיבלט. ווערטערס צעקראַכנקייט האָט אים געווירקט אויף די נערוון, ווי אַ מענטשן, וואָס דערזעט זיין קראַנקהאַפטיק, פאַרקרומט פּנים אין שפּיגל... מטושטשע, קרענקלעכע געפילן, פון וועלכע ער מוז זיך באַפרייען, אויב ניט — איז טאַקע דער איינציקער וועג: זעלבסטמאָרד. אָבער פון „פאַוסט“ האָט ער זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן. לייענענדיק דאָס בוך, האָט זיך אים געגלוסט אויסשרייען פאַוסטס ווערטער: „שטעל זיך אָפּ, דו — צייט, דו ביסט הערלעך!“ דאָס בוך איז דאָך אָנגעפּיקעוועט מיט טראַכטענישן און ספקותן פון דער צייט, פון די מענטשן, פון אים אַליין. דער אייביק זוכנדיקער דאָקטאָר פאַוסט און זיין בייזער גייסט, מעפיסטאָפעל — ביידנס געדאַנקען האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין זיין האַרצן, ביי ביידן האָט ער געזוכט אַן ענטפער אויף די אים מאַטערנדיקע פראַגן. אין די סתירות פון ביידנס רייד און האַנדלונגען האָט ער געפונען אָפּקלאַנגען פון די אינערלעכע וויכוחים, וואָס זענען פאָרגעקומען אין אים גופא. עס איז געווען אַ פלאַמען- און רויך-שפּיל ביי אַ ברענענדיקן שייטער.

אַ פּאָר מאָל האָט זיך איבערגעחזרט אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר — איזאַק האָט עס ניט געהערט. שטיל איז אַריין אין צימער שלמהלע משרת. זיין שבתדיקע אויסגעפּוצטקייט האָט איזאַקן אויסגעזען צו זיין משונהדיק: פאַרטאָן אין לייענען, האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן שבת. ניט באַמערקט די שטילקייט אין הויז. פאַרגעסן, אַז ער האָט היינט ניט געהאַט קיין לעקציעס מיט די קינדער. ער האָט אַפילו ניט געדענקט, אַז ער האָט זיך אין דער פרי אָפּגעזאָגט צו גיין שפּאַצירן מיט די קינדער אין זאַקסישן גאָרטן, מיטן אויסרייד, אַז ער פילט זיך שלעכט. בכלל האָט ער די לעצטע

וואָכן אַלץ, וואָס ער האָט געמוזט טאָן, — געטאָן מעכאַניש, נישט פאַרטראַכט זיך וועגן דעם און גלייך פאַרגעסן, וואָס ער האָט נאָר וואָס געטאָן. דערפאַר האָט ער זיך געחידושט, וואָס שלמהלע איז יום=טובדיק אָנגעטאָן, צוגעפוצט — נישט ווי בעת דער טאָגטעגלעכער האָוועניש אין שטוב.

— קלייבסט זיך אויף אַ חתונה, שלמהלע?

שלמהלע האָט לייכט אַרויסגעצויגן די אויסגעגלאַנצטע שטיוול און פאַרלעגן געריבן די פּאַטילניצע:

— אַן איינפאַל... אַזוי זיך. אַ שפּאַציר, לכבוד שבת...

— אַ, יאָ, פאַרגעסן... — איזאַק האָט פאַרמאַכט דאָס ביכל. — דאַרפסט עפּעס פון מיר?

— כ'מיין... כ'זאָל אַזוי געזונט זיין! פאַרן לערער איז אויך רעכט... געמעגט אַ ביסל אַרויסגיין אין גאַס. אַזאַ מחיהדיקע זון. אַ גאַנצע עבירה צו טריקענען אין שטוב.

— כ'פיל זיך שלעכט, שלמהלע, אַ דאַנק.

אַ רגע האָט זיך שלמהלע געראַנגלט מיט זיך, אָנגענומען מיט מוט און אַרויס מיט לשון: אין דער אמתן, ווי לאַנג איז דער שיעור נישט אַרויסצוגיין פון די אייגענע דלת אַמות? מען קאָן דאָך פאַרווילדעוועט ווערן. אַ תּל געוואָרן פון לערער. אַ מענטש זאָל אויף זיך אַרויפציען אַזאַ מורה=שחורה...

— לאָז מיר דער לערער מוחל זיין: ס'פּאַסט פאַר אַן אַלטן ייד, אַ צלאַפּ... האָט מורא צו טרעפן אַן אישה אין גאַס, ווינקט ער צום רבונו=של=עולם... נאָר אַ מענטש, וואָס האָט שוין געזען אַ וועלט?...

ער האָט גערעדט אַלץ שנעלער, העפּטיקער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די ווערטער, וועלכע ער האָט געהאַט צוגעגרייט, זאָלן אים נישט אַנטלויפן. איזאַק האָט געהערט, נישט איבערגעריסן אים. עס האָט זיך אין זיין שאַרבן נאָר געבאָמבלט אַ געדאַנק: נו, יאָ, שלמהלע איז נישט געווען ביי טוגענדהאָלדן. שלמהלע האָט נישט געהערט בוכנערס געלעכטער, נישט געזען די פּנימער פון די שיינע באַלעבאַטים. „אָבער וואָס איז דאָס? שלמהלע לייענט מיינע געדאַנקען“— האָט זיך איזאַק פאַרוואונדערט.

ווייל שלמהלע האָט ווייטער גערעדט:

— מאַלע וואָס אַ פּאָר קראַדניקעס פון די שיינע יידן... האָבן זיי גערעדט! האָבן זיי געלאַכט! איז זיי דער לערער נישט געפעלן... אויך מיר אַ זאָרג! אַז דעם לערער איז ליבער געווען צו פאַרברענגען פורים מיט זיי...

בײַ נאַש־בראַט װאָלט אַזעלכעס נישט געװען! בײַ נאַש־בראַט װאָלט דער לערער געװען אַ קױלעטש אין פּוטער...

איזאַק איז געװען געפּלעפּט פון חידוש:

— פון װאַנען... פון װאַנען װײסטו אַלץ?

אַ ממזרישער װונק האָט אים געענטפערט:

— נאַש־בראַט װײסט אַלץ. אונדז דערצײלן די פײגעלעך, אָ! — ער האָט אָנגעװיזן אויף אַ פײגעלע, װאָס האָט רואיק גערזשאָבעט די קרישקעס.

איזאַק האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזט: ער מוז װיסן, װאָס שלמהלע איז געװויר געװאָרן און װי אַזױ.

די מעשה איז געװען אַ פּשוטע: די גאַנצע געשיכטע האָט דער דאָקטאָר טמורענצקי דערצײלט יאָסל גוויאַזדאַן. איזאַק האָט גאָר געהאַט פאַרגעסן, אַז אײנמאָלער האָט ער זיך דאָך באַקענט מיטן דאָקטאָר בײַ גוויאַזדאַן...

— רב איציק בעל־דיקדוק האָט זײַנס צוגעגעבן... װאָס מײנט דער לערער: ער קומט נישט צו גוויאַזדאַן? אַלע קומען, װער ס'האָט נאָר אַ האַרץ...

שלמהלע האָט געלױכטן, װי שטענדיק, װען ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן װעגן גוויאַזדאַן: יאָסלען איז ער געפעלן געװאָרן. ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל געפרעגט אים, שלמהלען, פאַרװאָס קומט נישט דער לערער... הײַנט קאָן ער טרעפן יאָסלען נעבן פערדס־פּלאַץ. נו, אין מוראַנאָװער ביר־גערטנדל. דאָרט איז פרײלעך, לעבעדיק. חברה פּורים־שפּילער װעלן זײַן... דער לערער האָט דאָך צוגעזאָגט צו טרעפן זיך מיט זײ... „מיר װעלן מאַכן אַ פּורים־שפּיל פאַר זיך אַלײן" — דער לערער געדענקט שוין נישט? אַהאַ, שלמהלע װײסט אַלץ, דער לערער מעג זיך אױף אים פאַרלאָזן...

אַ מילדער שמײכל האָט צו ביסלעך אױסגעגלײכט די קנײטשן פון איזאַקס שטערן. ער האָט אַ קונדסישן װונק געטאָן:

— אין מוראַנאָװער ביר־גערטנדל, האַ?

שנעל האָט איזאַק אַרױפגעצױגן די שטיבלעטן, דעם ראָק, אַ נעם געטאָן שלמהלען בײַ בײדע אָרעמס און אַ פעסטן טרײסל געטאָן:

אַ צופרידענער האָט שלמהלע אַ שאַר געטאָן אין דער טשופּרינע. אַ װיש געגעבן אַ שטיװל אין אַ שטיװל און געעפנט די טיר, באַמיענדיק זיך צו פאַרגײן גלײַך, װי מען פאַרבעט אין סאַלאָן אַ דאַמע צום טאַנץ.

II

— לחיים, פראַנעק!

— ליעהאַיעם, יוקעל!

צוויי שווערע, ליימענע ביר־קופליעס האָבן זיך אָנגעשטויסן. שטיקער שוים, וואָס זענען געהאָנגען ביי די ראַנדן, זענען אַראָפּגעפאַלן אויפן טיש. מיט איין זאַלפּ זענען ביידע קופליעס אויסגעליידיקט געוואָרן. ביידע טרינקער האָבן מיט הנאה אָפּגעווישט דעם שוים פון די ליפּן און ווייטער הויך געפירט זייער שמועס. פראַנעק האָט גערעדט פויליש, אריינבראָקנדיק צעקאַליעטשעטע יידישע ווערטער; יוקל האָט זיין יידיש דורכגעפלאָכטן מיט פּוילישע ווערטער, ארויסגעזאָגטע מיט א פויערישן אקצענט. ביידע האָבן זיך קעגנזייטיק געהאלטן אין איין רימען. יוקל האָט מיט אותות און מופתים באַוויזן, אַז אַזעלכע שטיוול האָבן געקאָנט צרוים נאָר פון אונטער פראַנעקס גאָלדענע הענט; פראַנעק האָט אים געוואָלט איבערצייגן, אַז אזא ראָק האָט זיך נישט וואָס צו שעמען פאר די פאריזער מאָדעס און אז יוקל וואָלט אין פאריז אלע שניידערס פארשטעקט אין גארטל.

דאָס טישל איז געווען דאָס הילכיקסטע אין גאַנצן גערטנדל, כאָטש ביי אנדערע טישלעך זענען געזעסן גרעסערע גרופּקעס יונגעלייט — ביי אייניקע אפילו א געמישטע געזעלשאפט פון מענער און פרויען. געלאסן, צו ביסלעך האָבן זיי געשמאָקעט זייער ביר, פון צייט צו צייט דורכגעוואָרפן זיך מיט אַ פּאָר ווערטער, אויפגעלאַכט און ווידער אַ צי געטאָן א ביסל ביר. די מערהייט האָט געטראָגן מלבושים, וואָס האָבן א ביסל דערמאָנט יידישע קאַפּאָטעס, א ביסל שוין ענלעך געווען צו א לאַנגן ראָק. בלויז געציילטע יונגעלייט זענען געווען אויסגעפּוצט אין מאָדערנע רעק. די האָבן געמאכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן נישט געווען קיין יידן. דער איינדרוק איז פארשטארקט געוואָרן דורך די מאטשעיוווקעס, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף די קעפּ. ווייל די איבעריקע געסט האָבן געטראָגן הויכע טוכענע היטלער, אָדער ברייטראַנדיקע קאַפּעליושן.

שלמהלע האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף קיינעם פון די געסט. ער האָט איזאקן געפירט גלייך אין ווינקל פון גערטנדל, ווו עס איז געשטאַנען א לאַנגער טיש מיט ליידיקע בענקלעך ארום.

— נאָך פרי. יאָסל וועט אוודאי באלד קומען... זאָל נאָר אויפגיין דער ערשטער שטערן, וועט דאָ לעבעדיק ווערן, — האָט שלמהלע פארזיכערט. איזאַק האָט זיך אוועקגעזעצט ביים לאַנגן טיש און גייגעריק באטראכט

די געסט. זיין באַגלייטער, כדי צו פאַרטרייבן די צייט, האָט אים פונדערווייטן באַקענט מיט די אָנוועזנדיקע: די, וואָס זיצן ביים טיש רעכטס, זענען אַרבעטער פון שלמה-זלמנס בייגעל-פאַבריק; די אין שכנות — אין דער קרעטאָן-פאַבריק אויף מאַרימאָנט; די דריי טישלעך אינמיטן, דאָרט, ווו עס זיצן די פרויען, דאָס זענען באַלמעלאָכעס. די מערהייט — שניידער; יענער איז א שמוקלער, דער פון דער זייט — א שטעפּער, זיין לינקער שכן — א קירזשנער; די צוויי טישלעך ביים אריינגאַנג זענען פאַרנומען דורך משרתים — נו, אַזעלכע ווי ער, שלמהלע; און די, וואָס בלאָזן זיך מיוחסדיק, זענען משרתים-כאַפּערס, די, וואָס שלעפּן קונים אין די געשעפטן, געמוזט האָבן א גוטע וואָך, וואָס זיי גוידערן זיך אַזוי...

— אָ, שלמהלע, א רוח אין דיין...

— פאַרליר ס'לשון, בערל! — האָט שלמהלע שאַרף צוריקגעשריגן צו א לאַנגן דראָנגאַל, וואָס האָט זיך מיט א גרופּע יונגעלייט באַוויזן ביים אריינגאַנג אין גערטנדל.

יענער האָט א פּאָכע געטאָן מיט די הענט, ווי ער וואָלט וועלן שלמהלען אַרומדרייען אין דער לופטן, נאָר פּלוצלונג האָט ער באַמערקט איזאַקן און געבליבן פאַרגליווערט מיט אויפגעהויבענע הענט.

— חברה! דער לערער איז דאָ! — האָט זיך ענדלעך אַרויסגעריסן פון זיין מויל.

מיט אימפּעט האָט זיך די גאַנצע גרופּע א לאָז געטאָן צום טיש, אַרומגערינגלט איזאַקן, טומלדיק זיך אָנגעהויבן מיט אים צו באַגריסן.

דעם לאַנגן דראָנגאַל האָט איזאַק גלייך דערקענט. דער קוויטשנדיקער קריי פון א דאַרן, בלאָנדן יונגערמאַן, האָט אים דערמאָנט אין אסתר-המלכה און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען טאַקע די פּורים-שפּילער, וועלכע ער האָט באַגעגנט מיט וואָכן צוריק. אין קורצע מינוטן האָט ער שוין געוווּסט, ווער עס איז פון זיי מרדכי, ווער אחשוורוש, ווער המן... עס האָט זיך פאַרבונדן א פרייליכער שמועס. קופּליעס ביר האָבן אַרויפגעוואַנדערט אויפן טיש, מען האָט זיך געווונטשן „לחיים“, גערעדט. איזאַק איז זעלטן געקומען צום וואָרט. דערפון איז ער גראָד געווען צופרידן. ס'איז אים ליבער געווען צו הערן. ער האָט נאָר געבעטן ביי זיי איבערצודערציילן דעם אינהאַלט פון זייער פּורים-שפּיל. דער לאַנגער האָט זיך נישט געלאָזט בעטן, געשילדערט, ווי מרדכי קומט צו גיין אין אחשוורושס הויף. נאָר די אַנדערע חברה זענען אים באַלד אריין אין די רייד און איינער נאָכן צווייטן האָבן אָנגעהויבן אָפּצורעדן און אויסצוזינגען זייערע ראָלן:

אחשוורוש:

אסתר, דו לאָז זיך נישט לאַנג בעטן,
זאָלסט פאַרן קיניג אויפטרעטן,
ליבע אסתר, דו קיניגין מיין,
וואָס איז דיין לייד, וואָס איז דיין פּיין?
דאָס וואָלט איך וויסן געוואָלט גערן,
אַ העלפט פון מיין קיניגרייך — וועט דיר געהערן.

אסתר:

גנעדיקער קיניג, איך מוז דאָס איין זאָגן,
איבער דעם שרעקלעכן המן טו איך איצט קלאָגן.
ער וויל מיין פאָלק אינגאַנצן אומברענגען,
מיין טייערן פעטער וויל ער לאָזן הענגען,

דער עולם פון די איבעריקע טישלעך האָט זיך אַליין געגמער צוגע־רוקט צום לאַנגן טיש, שאפנדיק אַ לעבעדיקע וואַנט ארום די פורים־שפּי־לער. דער קרייענדיקער בלאָנדער בחור האָט הארציק און אמתדיק אָפּגע־זונגען אסתרס ווערטער. אין אחשוורושס פּנים האָט זיך אַליין געענדערט, אַ קאָמישע לעפּישעוודיקייט האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אים — בלויז אָנ־קוקן אים האָט ארויסגערופן געלעכטער. „ס'איז טאקע עפּעס" — האָט איזאַק געטראַכט. ער האָט אָבער בשום אופן נישט געקאָנט פארשטיין, פארוואָס מען האָט די פורים־שפּילער געטריבן פון באלעבאטישע הייזער. אַלץ, וואָס זיי האָבן גערעדט און געזונגען, איז געווען פיין און ארטיק, עס האָט געפאסט פאר ישיבה־בחורים. נאָר אָט האָט שלמהלע אָנגעהויבן צו זינגען דעם מוסר־השכל פון דער פורים־שפּיל:

די וואַרהייט איז געשטאָרבן,
די פרומקייט איז פאַרדאָרבן,
לעסטערונג און שאַנד,
נעמען אויבערהאַנד.
טוגענד און ערע
באַגערט נימאַנד מערער!
ברענגט גאָלד און געלט,
שרייט די גאַנצע וועלט!

— „נו, דאָס מאכט שוין א ביסל פריקרע צו הערן פאר לייטישע אויערן“, — האָט איזאק פאר זיך באשטעטיקט. און דער כאָר האָט זיך צעזונגען:

מרדכי־מאַנדריש, פרומער כניאָק,
האָסט די ליבע אסתר גוט פאַרפּאַקט אין זאק,
זי פאַרקויפט צום אַלטן מלך,
זאָלסט קאָנען שיכורן כיד־המלך.
ווי המנען, וואָלט מען דיר באַדאַרפט שמייסן דעם זאַדניק,
וואָלסט געקאָנט זיין ביי אונדז אין קהל א קראַדניק.
עס וועלן דיר נישט העלפן שוין אַפילו
די שבחים, וואָס דו קריגסט אין דער מגילה.

דער כאָר האָט פארענדיקט און באלד אריבער אויף אן אנדער מעלאָדיע:

זייט נישט ברוגז, ליבע לייטן,
ס׳לערנט דער פסוק פון אַלטע צייטן,
פורים פריילעך זיין און טרייבן שפּאַס,
טרינקען און מאַכן ליידיק די פאַס,
ס׳זאָל גאָר קיין חילוק נישט זאַ
בין אָרור המן און ברוך מרדכי. —

צו ביסלעך האָבן אָנגעהויבן מיטצוזינגען די ארומיקע, ווינגדיק זיך, ווי צום טאַנץ. מען האָט באשיינפערלעך געזען, אז זיי ווערן אלץ מער ארייַנגעצויגן.

„וואָס פאר א כוח האָט עס אזא שפּיל! — האָט איזאק געטראכט. — עס זעט אויס, ווי די מענטשן וואָלטן דורך איר דערנענטערט געוואָרן צווישן זיך, אָנגעהויבן צו טראַכטן און צו פילן אויף דעם זעלבן אופן...“

אויף אלע פּנימער האָט ער געזען כמעט איין אויסדרוק, אן אויסדרוק פון קינדערישער מיטגעריסנקייט, אַן אויסדרוק, וואָס האָט מילד געמאכט כמאריקע פּנימער, ארויסגערופן א לויטערקייט ביי אלע. אלע זענען זיי געוואָרן מיטשפּילערס. איצט איז שוין שווער געווען אונטערצושיידן צווישן די שפּילערס און צוקוקערס. איזאק האָט געהאט דעם איינדרוק, אז ער איז דאָ דער איינציקער צוקוקער. די פּוילישע געסט איז דאָך איצט שווער געווען צו אונטערשיידן פון די יידן — אזוי זענען זיי אויך ארייַנגעצויגן געוואָרן. נאָר ער אליינער איז דאָ א זייטיקער, ווי ער וואָלט געווען נישט מיט זיי צוזאמען, נאָר איבער זיי.

„און אפשר אונטער זיי? — האָט אים געמאַטערט אַ געדאַנק. — מאַקע גאָר נידעריק... אַזוי נידעריק, אַז עס דערגרייכט נישט צו מיר די כוואַליע וואַרעמקייט, וועלכע שטראַלט פון אַלעמענס אויגן, פון אַלעמענס פּנימער“...

ער האָט געפילט, אַז אַלע הערצער קלאַפּן דאָ איצט אין איין ריטם. נאָר זיינס קלאַפּט באַזונדער, פּאַוואָליע, קאָן נישט אָניאָגן דעם אַלגעמיי־נעם ריטם.

די געדאַנקען זענען פּלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן, ווייל דאָס גע־זאַנג האָט זיך פּלוצלונג איבערגעריסן. דער לאַנגער דראָנגאַל האָט אַ פּאָכע געטאָן מיט די הענט, און אַלע קעפּ האָבן זיך אויסגעדרייט צום אַריינגאַנג. האָט איזאַק אויך אַ קער געטאָן דעם קאָפּ אַהין. ער האָט דערזען יונגע־לייט מיט צעשמייכלטע פּנימער, וואָס זענען שוין, ווייזט אויס, אַ געווימע צייט געשטאַנען ביים אַריינגאַנג, נישט געוואָלט שטערן דעם צעזונגענעם עולם. אין דער גרופּע האָט ער דערקענט דאָס אויסגעצויגענע, דורכזיכטי־קע פּנים פון יאָסל גוויאַזדאַ. ביי זיין זייט איז געשטאַנען דער ברייטפּליי־ציקער בינעם.

III

— איר האָט הנאה געהאַט פון פּורים־שפּיל, זע איך... — גוויאַזדאַ האָט עס שטיל אַ פרעג געטאָן איזאַקן, ווען דער עולם איז שוין צוריק אַוועק צו די טישלעך און ביים לאַנגן טיש זענען זיי פאַרבליבן מיט אַ קליין גע־זעמל מענטשן.

— מאַקע הנאה. ס'האָט ביי מיר אַרויסגערופן געווימע געדאַנקען... געדאַנקען, וועלכע איך וועל איצט דאַרפן גוט דורכטראַכטן.

אויף גרויסע טאַצן זענען דורך בינעמען און שלמהלען אַריינגעבראַכט געוואָרן קופּליעס שוימיק ביר. גוויאַזדאַ האָט געטרונקען מיט קליינע שלונ־גען, איזאַק האָט מעכאַניש אויסגעליידיקט דעם קופּעל.

— טראַכט, טראַכט... מיט טראַכטן קאָן מען זיך צו עפּעס דער־טראַכטן... — גוויאַזדאַ האָט גערעדט ווי פאַר זיך. — געזען אַ וועלט, פאַר־שידענע מענטשן. ס'איז דאָ וועגן וואָס צו טראַכטן.

— און איר? איר האָט נישט וועגן וואָס צו טראַכטן?

מיט זיינע בליקן האָט זיך איזאַק איינגעגראָבן אין גוויאַזדאַס טיפע אויגן און אַרויסגעלייענט פון זיי אומענדלעכן טרויער.

— איך טראכט וועגן איין זאך: — וועגן מענטש. וועגן פשוטן מענטש.

— דאָס הייסט טראכטן וועגן דער וועלט. דער מענטש איז די וועלט.

— ערגעץ האָט איזאק געהערט דעם געדאַנק, אויף עפּעס א דיסקוסיע אין פּאריז... צי פון א בוך...

גוויאזדא האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, א טראכט געטאָן און באלד צוגעגעבן:

— א מענטש צו א מענטשן איז נישט גלייך. דער פשוטער מענטש איז א וועלט פאר זיך, דאָס איז מיין וועלט.

— מיינע אויך! — איזאק האָט עס געזאָגט מיט טיפער איבערצייגונג.

א ביינעריקייט האָט א שפּאר געטאָן אין גוויאזדאס אויגן: ווי ווייט קאָן מען מיט דעם אומבאקאנטן זיין היימיש? — „ניין, מען דארף אים נאָך בודק זיין. פון געאיילטע זאכן קומט קיין גוטס נישט ארויס". — ער האָט רואיק געפרעגט:

— וואָס הערט זיך אין אויסלאנד? וואָס טוט מען דאָרט פאר פּראָסטע מענטשן?

איזאק האָט זיך ארומגעקוקט צוליב פאָרזיכטיקייט, נאָר גוויאזדא האָט אים געמאכט א צייכן, ווי איינער זאָגט: „זיי רואיק". דאָך האָט זיך איזאק נעענטער אָנגעבויגן צו אים און שטיל אָנגעהויבן צו דערציילן. ער איז גע־שפּרונגען אין דער דערציילונג פון לאַנד צו לאַנד — א בילדל פון דאָ, א בילדל פון דאָרט. די גרויסע וועלט — אָפּערעס, טעאַטערס, בעלער, קאָנ־צערטן, יאגד... פּאלאצן און קלויסטערס, מלכים, פירשטן, גראַפן. דער־מיט האָט זיך גוויאזדא ווייניק אינטערעסירט. „גלאנציקע פלימערלער", — האָט ער געטראכט. אָבער ווען איזאק האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן גויט, איז ער געשפּאַנט געוואָרן. בילדער פון גויט, אומענדלעכער גויט... די גויט איז געווען ענלעך צו זיך אין אַנדער, אין אַלע לענדער, אין אַלע שטעט: דרעזדן, פּאריז, ווין... אפשר אין פּאריז אַ ביסל אַנדערש, ווי ערגעצוו. דאָרט איז שטארקער דער ווילן נישט שלום צו מאכן מיט דער גויט. דאָרט ברויזט עפּעס שטענדיק.

— כ'וויס, כ'וויס. יאקאָבינער... פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכ־קייט... — גוויאזדא האָט טרויעריק צוגעשמייכלט. — א גלייכקייט, וואָס האָט באַפּאָלעאָנען געמאכט פאר א קייזער. פרייהייט, וואָס האָט פאר־שקלאַפט לענדער, פעלקער, געטראָגן מיט זיך טויט, פייער און פארוויס־טונג. ברידערלעכקייט אויף רייך צו ווערן פון די ברידער... געהערט וועגן דעם, געהערט...

— נישט וועגן אלץ ווייסט איר נאָך, נישט אלץ האָט איר שוין גע־הערט. — אין איזאקן האָט אלץ דערווידערט קעגן גוויאזדאס אומגלויבן.
— וועגן בואָנאַראָטי האָט איר געהערט?

גוויאזדא האָט אָנגעשטרענגט פארקנייטשט דעם שטערן:

— ניין, אזא נאָמען נישט געהערט.

פאר איזאקן איז דאָס געווען אן אויפהייטערונג: נישט געהערט וועגן דער „פארשווערונג פון גלייכע“? וועגן באבעפן? דאָס איז דאָך דער משיח פון דער אמתער גלייכקייט, דער פאָלקס־טריבון פון די רעוואָלוציאָנערן... די ערד דארף מען פארטיילן צווישן די, וואָס באארבעטן זי, די אוצרות פון דער וועלט — פאר די, וואָס ארבעטן. אלע — שותפים צו אלץ. דאָס איז א געזעץ פון דער נאטור. אלע דארפן גלייך געניסן פון אלץ. מיטן לעבן רעגירט דער מענטשלעכער שכל. ער דארף הערשן אויף דער וועלט...

— דער שכל? דער שכל? — גוויאזדא האָט אייניקע מאָל איבערגע־חזרט די פראגע. — און כוח? כוח וועט זיך אזוי לייכט לאָזן? וואָס פאר א באדייט האָט שכל אָן כוח?

— יאָ, יאָ, ריכטיק. דאָס האָט באבעף פארזען. דאָס איז געווען זיין אומגליק. דערפאר האָט ער באצאָלט מיטן קאָפּ, נאָך מיט פערציק יאָר צוריק. נאָר זיין געדאנק לעבט ווייטער, לעבט אין בואָנאַראָטין...

איזאק האָט דערציילט, ווי באבעפס יורש האָט עס אויפגעלעבט דעם געדאנק מיט א פּאָר יאָר צוריק, בעת דער נייער רעוואָלוציע, אויף די באריקאדן פון פאריז. דער געדאנק דרינגט שוין מיך אריין אין די פּאַרי־זער פאָרשטעט, אין די געסלעך, ווו עס לעבט דאָס אָרעמע פאָלק. ער דרינגט אריין צווישן די, וואָס זענען אנטלאָפן פון פוילן, ער באהערשט די בעסטע מענטשן פון דער „פּוילישער דעמאָקראטישער געזעלשאפט“... דאָס איז א ריזיקער פאקל, וואָס באלייכט דעם וועג פאר מענטשן, לערנט דעם מענטשן, ער זאָל זיין גוט — די וועלט זאָל ווערן אויף אן אמת מענטש־לעך... פון פאריז, פון וואנען עס קומט די רעוואָלוציע, וועט קומען די פרייע וועלט. די מענטשלעכע פרייהייט...

א לאנגע צייט האָט גוויאזדא געשוויגן, געצויגן דאָס לעצטע ביסל ביר פון זיין קופעל. זיין שטערן האָט זיך אייניקע מאָל געקנייטשט און געוואָלקנט, ביז ער האָט אָנגעהויבן — שטיל, איינהאלטנדיק דאָס אינער־לעכע פייער:

— שיין איז דער חלום וועגן מענטשן, וואָס שטרעבן אַליין צו זיין גוט... און אַז נישט אַלע וועלן דערצו שטרעבן? מעגן זיי זיין שלעכט? און

טאָמער וועלן די שלעכטע גובר זיין די גוטע? טאָמער וועלן זיי זיין שטאַרקער פון די גוטע? דאַרף מען זיך לאָזן שניידן די קעפּ? אַ זיסער חלום קאָן זיך אויסלאָזן מיט ביטערער וואָר... חלומות זענען גוט אין שלאָף. אין לעבן דאַרף מען זיין וואַך.

די ווערטער האָבן נישט ארויסגערופן אפילו קיין אמפּערניש ביי איזאקן: דער זעלבער צווייפל האָט נישט איינמאָל אים אליין אויך באהערשט, פּלעגט אים אינערלעך אויפעסן. די מאכטלאָזיקייט, דאָס נישט זען די מעגלעכקייט: ווען און ווו צו פארווירקלעכן „די קאָמונע פון די גלייכע“, האָט דאָך אים אָפּהענטיק געמאַכט. ער האָט דעריבער איצט אָנגעשפּיצט די אויערן: אפשר וועט גוויאזדא זאָגן עפּעס אזוינס, וואָס וועט ברענגען א דערלייכטערונג, שטארקן דעם גלויבן און דערמיט — דעם חשק צום לעבן, צום טאָן.

גוויאזדא האָט ווייטער גערעדט, ווי ער וואָלט געטראכט אויפן קול. אָפּגעריסענע זאצן, פון וועלכע עס פלעגן זיך אָבער גלייך ארויסשיילן געדאַנקען — ריכטיקע, קלוגע, — נאָר אויך גאָרנישט פאַרענטפערנדיקע... ער גלייבט נישט אין חלומות. דאָס לעבן גייט זיך אין זיין קאָריטע, חלומות שוועבן איבער דעם... דעם חילוק צווישן מענטשן שאפט — אָרעם און רייך. פארשווינדט דער חילוק, וועט פארשווינדן דאָס שלעכטס אויף דער וועלט. דער חילוק וועט זיך אָבער אליין נישט אָפּשאפן — די בעלי-חלומות נארן זיך, ווען זיי טראכטן אזוי. דער רייכער וועט זיך אליין נישט טיילן מיט דעם אָרעמאַן, דער רייכער וועט נישט וועלן ווערן אָרעם. פאַרקערט — ער וויל ווערן רייכער. און אז איינער ווערט רייכער, ווערן הונדערטער אָרעמער. דאָס איז דער סדר-עולם. פון א סך אָרעמקייט וואקסט איין עשירות. פון דעם נעמט זיך נויט. אָפּשאפן די נויט — דארף מען פריער אָפּשאפן די סיבה...

— וויאזוי? וויאזוי? — ליידנשאפטלעך האָט זיך ארויסגעריסן ביי איזאקן די פראגע.

גוויאזדא האָט אים טרויעריק אָנגעקוקט:

— אוי, ווען איך וויים וויאזוי... כ׳וואָלט געווען גליקלעך, ווען איך וויים...

א שווער שווייגן איז געבליבן הענגען צווישן זיי. ביידע האָבן נישט געהערט, ווי ביגעם מיט שלמהלען האָבן געפּליסטערט צווישן זיך, נישט געהערט דעם פריילעכן טומל אין גאָרטן. איזאַק איז געזעסן מיט אַן אַראָפּ=

געלאָזענעם קאָפּ: נאָך איין האָפענונג איז אים אויסגערונען געוואָרן. וואָס ווייטער? וואָס?

פון איזאקס פּאָזע האָט גוויאזדא ארויסגעלייענט זיינע געדאנקען. ער האָט זיך שטארקער איבערגעבויגן איבער אים און געפּליסטערט אין אויער אריין:

— מענטשן לעבן דאָך... שלעכט, ביטער, נאָר לעבן וויל מען. דארף מען זיי העלפן, לייכטער מאכן דאָס לעבן. וואָס מען קאָן טאָן בעסער צו מאכן דאָס לעבן פון פּשוטע מענטשן, דארף מען טאָן. אומעטום, אויף דער גאנצער וועלט. און מיר דאָ אויך... וואָס מען קאָן... „מעוז לדל“ איז א קלייגע רפואה פאר דער גרויסער מכה פון דלות. אָבער א ביסל מענטשן העלפט מען? איז כי טוב...

ער האָט דערציילט וועגן פארשידענע וועגן. א שטייגער: זיין קאמף קעגן כשר=פלייש=שטייער... יאָ, יאָ, ער האָט טאקע געשריבן וועגן דעם צו נאטשאלסטווע. די קראַנקעם פון דער קהילה האָבן געליארעמט, אז דאָס איז א מסירה. מוקצה מחמת מיאוס... זיי, וואָס האלטן אין איין שיקן מסירות צו פּאסקיעוויטשן! זאָלן זיי בילן. אָבער נאָכגעבן האָבן זיי געמוזט, און דער אָרעמאַן קאָן שוין לייכטער קריגן א שטיקל פלייש. מען האָט באשטימט א גאנצע אויספאָרשונג, ס'האָט זיי גאָרנישט געהאָלפן, און ער האָט געזיגט.

— דוכט זיך גאָרנישט. סך=הכל: דרויב פאר אָרעמעלייט. מילא, דעם שטייער פון כשר=פלייש קאָן מען נישט אָפּשאפן, זאָגן זיי. דאָס האלט אויף דאָס ביסל יידישקייט. אָך און וויי... יעקב עפּשטיין און טעוועלע טעפּליץ האָבן זיך מאיאָנטקעס איינגעהאנדלט פון כשר=פלייש=שטייער... זאָלן זיי זיך ווערגן דערמיט... אָבער פון דרויב איז דאָך קיין שטייער נישטאָ, זאָל עס זיין פאַר אַן אָרעמאַן אויף שבת. איז ניין, טעוועלע טעפּליץ וויל נישט. נו, האָבן מיר זיך פארמאָסטן: דער קבצן יאָסל גוויאזדא און דער גביר טעוועלע טעפּליץ. ווער האָט געוואונען? דער אָרעמאַן. ווייל מ'האָט זיך נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאשע. כאָטש א ביסל פארלייכטערט די אָרעמע דאָליע. ס'איז טאַקע נישט קיין סך, אָבער אַ שטיקל הורכבה, עפּעס... עפּעס פון דעם, עפּעס פון אַן אַנדער זאַך... מיט ציין און נעגל מוז מען אַרויסרייסן אַ ליכט=שטראַל פאַרן אָרעמאַן.

זיינע אייגענע ווערטער האָבן אים אליין מער דערוואַרעמט. יאָ, א ליכט=שטראל. ליכט דארף מען געבן די מענטשן. און פרייד. העלפן, ראָטן, לערנען. יעדער אָרעמאַן, וואָס הייבט אָן צו קענען לייענען און שרייבן, ווערט

שוין רייכער דערמיט. ער, גוויאזדא, האלט זיך פאר א גביר, ווייל ער קען עפּעס. טאקע ווייניק, זייער ווייניק, אָבער עפּעס. אליין זיך אויסגעלערנט פּויליש און מיט זיינע „פּאָדאַניעס“ האָט ער זיך נישט וואָס צו שעמען. העלפט ער טאקע דערמיט מענטשן אין א נויט. זיך אליין אויך. ס'איז אים ליכטיקער געוואָרן דערפון.

— שלמהלע האָט מיר דערציילט: איר זענט א גוטער לערער. איר קענט א סך. פאַרוואָס בלויז פאר די אונגערס? פאַרוואָס נישט פאר פּשוטע מענטשן? ווי עס טוט רב איציק בעל־דיקדוק...

די ערשטע שטערן האָבן זיך באַוויזן אויפן הימל, כאָטש דער אָנקומענדיקער אָוונט האָט זיך קוים געלאָזט מערקן אין גאָרטן. פון דער טיף האָבן זיך דערהערט שטאַרקע מוזיק־קלאַנגען — ציטערנדיקע טענער פון צעשפּילטע צימבל־סטרונעס. דער עולם אין גאָרטן איז עלעקטריזירט געוואָרן, בענקלעך האָבן זיך אַ רוק געטאָן, אויסרופן פון אַלע זייטן:

— מרדכילע, דערלאַנג פייער!

אין טיף פון גערטנדל, אויף אַ דערהייבונג פון קעסטלעך, איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן מיט אַ קורץ בערדל. ער האָט ווילעריש פאַררוקט אין אַ זייט זיין הוט און פלינק מיט די שטעקעלעך געשפּרונגען איבער די סטרונעס פון צימבל, אַרויסבּישופנדיק פון אים לעבעדיקע, פריילעכע, וויברירנדקע קלאַנגען פון אַ פּאָלקע.

— פייער דערלאַנג, מרדכילע פייערמאַן!

פּאָרלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן טאַנצן, שטיוול קלאַפּן ווילעריש אויס דעם טאַקט, ברייטע ספּודניצעס מאַכן אַ ווינט אַרום זיך, שנעל פּולסירנדיק בלוט האָט אַ שלאָג געטאָן פון צענדליקער אויגן.

מרדכילע פייערמאַן האָט אַרויסגעצויגן פייער פון זיין צימבל, שטאַרקער, הייסער. דער טאַנץ האָט זיך צעוויגט, אַריינגעשלעפּט נייע פּאָרלעך, די פּורים־שפּילער פון גרויסן טיש.

IV

מרדכילע האָט אָן אויפהער געקלאַפּט אין די סטרונעס פון זיין צימבל, אָפּצאַסן האָבן לעבעדיק געטופּעט צום טאַקט, אויפהייבנדיק אַ הויכן וואָלקן שטויב. עס איז שווער געווען צו באַמערקן, ביי וועלכע טישלעך זיצן נאָך נישט טאַנצנדיקע געסט — מען האָט געקאָנט מיינען, אַז אַזעלכע זענען

גאָר נישט בנמצא. איזאַקן האָט עס נישט אינטערעסירט. ער האָט ווייטער געפּירט זיין שמועס מיט יאָסל גוויאַזדאַ, וועלכער האָט שוין איצט גאָר נישט געקאַרגט קיין וואָרט, גערעדט אָן אויפהער: וועגן עוולות פון די גבירים, הפקרות פון די קהל־תקיפים, עלנט און נויט פון פּראָסטע מענטשן:

— דאָס טאָג־צעטל! אויף וועמענס פּלייצעס? אויפן אָרעמאַנס. וויגען אין וואַרשע, אַריבערקומען מיטן הויזגעזינד, דאָס טאָר ער נישט. מען לאָזט נישט. יידן אַליין לאָזן נישט. די גבירים. ס׳פּאַסט זיי נישט צום יחוס. שמאַטע־יידן, זאָגן זיי, וועלן פאַרשמוציקן די שטאָט. ווילסטו, יידעלע, אַריין אין שטאָט, צאָל דערפאַר! צוואָנציק גראָשן אַ טאָג!... ביים גביר איז עס אַ קיי און שפּיי. נאָר ביים אָרעמאַן? אַ טאָג פּרנסה, אַז גאָט וויל... טיילט זיך דער באַלמעלאָכע מיט זיין פאַרדינסט, דער הענדלער מיט זיין לייזעכץ. פון די צוואַנציקער גראָשנס וואַקסט אַ פאַרמעגן. ס׳איז פאַר קהל, זאָגן זיי... יאָ, פאַר קהל. נאָר ווער איז דער באַלעבאָס איבער דעם? די זעלבע קראַדניקעס. יעדער פון זיי צופּט אַ שטיקל פון געשמאַקן בייגל. וואָס בלייבט פאַרן אָרעמאַן? האַ?

איזאַק האָט זיך געפּרוווט צו אַמפּערן: ווער הייסט זיי קומען דווקא קיין וואַרשע, די אָרעמעלייט? גוויאַזדאַ האָט זיך אויפגעקאָכט: בלייבן אין די שטעטלעך? וואָס ווייסט ער וועגן די הושכדיקע שטעטלעך? — צענדליקער טויזנטער יידן גייען דאָרט פּשוט אויס פון הונגער. נישטאָ פאַר וועמען צו אַרבעטן, מיט וועמען צו האַנדלען. געסטיקן אין עיפּושדיקע, פּוילנדיקע כאַטעס מטופּלע משפּחות צוזאַמען מיט זייערע קאָזעס. וואָס זאָלן זיי, נעבעך, טאָן? אין וואַרשע קאָן מען דאָך פאַרדינען אַ פּאָר גילדן. איז מיט צוואַנציק גראָשן ווייניקער — אויך כדאי...

פּלוצלונג איז איבערגעריסן געוואָרן די מוזיק, ווי אַ ראַץ פון אַ מעסער אויף גלאָז. מרדכילע פייערמאַן איז אַוועקגעפאַלן אויף אַ בענקל, מיט אַ גרויסער פאַרטשיילע געווישט דעם שווייס, וואָס איז שפּעדיק גערונען פון זיין פּנים. פון שכנותדיקע טישלעך האָבן זיך אויסגעצויגן צו אים אַ פּאָר שוימיקע קופּליעס:

— טרינק, מרדכילע, צום געזונט! ביסט עס ווערט! גוט דערלאַנגט!

פון די פּנימער האָט געפּאַרעט אַ פרייל עכקייט. די פּורים־שפּילער האָבן זיך פאַרהאַלטן ביי פאַרשידענע טישלעך, אַריינגעכאַפּט דאָ און דאָרט אַ קופּל ביר. איזאַקן האָט אָנגעהויבן צו געפעלן די היימישקייט פון די שפּילער מיט זייער עולם. ער האָט געקוקט נייגעריק, מיט וואָס פאַר אַ גוטברודערישקייט די מענטשן רעדן צו זיך, וויצלען זיך, וואַרפן זיך איבער מיט

ווערטלעך, און זיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן ביי אַ טישל, וועלכן ער האָט ביז איצט נישט געהאַט באַמערקט. געזעסן זענען דאָרט דריי פרויען, באַזונ־דער, אָן אַ מענער־געזעלשאַפט. פרויען, וואָס האָבן זיך מיט זייער קליידונג אויסגעטיילט פון די איבעריקע, — באַשיידן, אָבער מיט אַ געוויסער עלע־גאַנץ. איינע פון די פרויען האָט אים אויסגעזען צו זיין באַקאַנט... פון וואַ־נען? נישט שווין זשע אַן אייגגייעוין ביי די אונגערס? אַך, ניין, דאָס איז דאָך באַווטשע, די, וואָס ער האָט געהאַט באַגעגנט בעת זיין באַזוך ביי גוויאַזדאַן. יאָ, זיכער זי... די צווייטע איז געווען אַ ביסל עלטער און האָט זיך געהאַלטן, ווי זי וואָלט געווען די מאַמע. נאָר איזאַקס בליק האָט זיך גע־האָט אָפּגעשטעלט ספּעציעל אויף דער דריטער, דער יינגסטער. נאָך גאָר אַ יונג מיידל, שענער פון זיי און זיצט אַזוי רואיק, פאַרטראַכט, ווי זי וואָלט געווען די סאַמע ערנסטע פון אַלע דריי.

ביי דעם טישל האָט זיך איצט אָפּגעשטעלט בינעם דער וועבער, גע־רעדט מיט זיי. באַלד איז צוגעקומען המן פון די פורים־שפּילער, ווייזט אוים געמאַכט אַ וויץ — אפשר אַ געפּעפּערטן — ווייל די עלטערע פרויען האָבן זיך הילכיק צעלאַכט און די יינגסטע האָט שטרענג פאַרצויגן די דינע ברעמען, אַ קוק געטאָן אויף המנען און דאַן געמאַכט אַ גלייכגילטיק פּנים. בינעמען האָט, ווייזט אוים, פאַרדראָסן דער וויץ, ווייל ער האָט המנען אַ דראָ געטאָן מיטן פינגער פאַר דער נאָז.

בכלל האָט די יינגסטע, וואָס האָט געצויגן איזאַקס אויפמערקזאַמקייט, שטאַרק זיך אויסגעטיילט פון אירע חברטעס. עפּעס גרויסשטעטישעס האָט זי געהאַט אין דער האַלטונג, צומאָל — מאַניערן פון אַ דאַמע. טראָץ איר יונגן אויסזען האָט פון איר פּנים אַראָפּגעשיינט אַ חשיבות. לאַנגע וויעס האָבן מערסטנטייל פאַרהוילן איר בליק, נאָר צייטנווייז האָט אַ בלישטש גע־טאָן אַ פייערל פון אירע גרויסע שוואַרצע אויגן. דאָס דינע, קליינע, גלייכע נעזל — אַזעלכע האָט ער געזען אויף בילדער און סקולפּטורן, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט אַלט־גריכישע שיינקייטן — האָט זיך געצויגן אויף איין פלאַך מיט דעם פאַרקיילעכדיקטן שטערן. הויך פאַרפריזירטע, פעך־שוואַר־צע געקרייזלטע האָר האָבן זיך געהויבן איבערן שטערן, ווי אַ קראַנץ. ווי האָט ער ביז איצט נישט באַמערקט אַזאַ דערשיינונג אין דעם ביר־גערטנדל?
— האָט ער זיך אַליין געמאַכט פאַרוואורף.

און אָט איז שלמהלע צוגעגאַנגען צום טישעלע. איזאַק האָט זיך דער־פרייט: ביי עמעצן אַנדערש וואָלט אים נישט געפּאַסט צו פרעגן, איז גוט, וואָס שלמהלע קען זי.

— אינדזער גאַסט האָט זיך עפּעס פאַרטראַכט... — אַ לייכטע איראָניע האָט זיך געהערט אין גוויאַזדאַס קול.

— האַ? יאָ, יאָ... ס'איז דאָ וועגן וואָס צו טראַכטן! — דאָס בלוט האָט דערביי איזאַקן אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין.

ניע געסט זענען געקומען צום טיש, פאַרבונדן אַ שמועס מיט גוויאַזדאַן. דאָס האָט איזאַקן אויסגעלייזט פון דער אומגעלומפּערטקייט, וואָס האָט אים באַהערשט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן גערטנדל און זיך איבערצייגט, נישטאָ נאָך אַזאַ מיידל, ווי די... נישט אומזיסט האָט זי געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט.

דער שמועס ביים טיש איז געוואָרן גאָר לעבעדיק. צו איזאַקס באַוווסטזיין זענען נאָר דערגאַנגען צוויטן פון די שמועסן, וואָס זענען געפירט געוואָרן... נאַטשע אונגער... אַהאַ, אינטערעסאַנט, דאָס דאַרף מען אויפמערקזאַם הערן: דער יונגערמאַן האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר גוויאַזדאַן, אַז ביי דער שאָסיי־בויונג, ביי וועלכער ער אַרבעט, — אונגערס פּאָדריאַד — וויל מען שוין ווידער אַראָפּדרייען אַ פּאָר גראָשן פון לוין. באשר — ס'זענען דאָ גענוג בעלנים אויף אַרבעט. „ס'פעלט נישט קיין יידן, וואָס וועלן בענטשן אונגערן פאַר דער אַרבעט, — זאָגט דער אויפזעער. — פון די שטעטלעך לויפט מען, ווי פון אַ מגפה. יידן וועלן זיך גיך צוגעוווינען צו דער אַרבעט... הלמאי, זייערע זיידעס אין מצרים“.. ער וויצלט זיך נאָך, דער אויפזעער...

„צי האָט העגריק צו טאָן דערמיט? — האָט אַ בליץ געטאָן די פראַגע ביי איזאַקן. — ער איז דאָך איצט דעם פעטערס רעכטע האַנט...“

אַ וועבער, אַרבעט איצט ביי פּאָזנערן, קומט מיט ענלעכע טענות. אַפּנים — נישט בלויז ביי אונגערן די צרה... איזאַק האָט באַוווּנדערט גוויאַזדאַס פעיקייט אַלץ אויסצוהערן. ס'איז קענטיק געווען, אַז גוויאַזדאַס הערן, אויסהערן די מענטשן, ווירקט אויף זיי היילנדיק, מער אפשר, ווי לאַנגע דרשות, אַלס ענטפער.

— „מען דאַרף קאָנען הערן אַ מענטשן... מען דאַרף קאָנען הערן...“

— אַ פּאָר מאָל האָט עס איזאַק איבערגעחזרט אין זיך, ווי ער וואָלט אַנטדעקט אַ וויכטיקן, ביז איצט נישט באַקאַנטן אמת.

שלמהלע איז צוגעקומען צום טיש אַן אויפגעהייטערטער, איזאַק האָט אים צוגעצויגן צו זיך, שטיל אויסגעפרעגט: „ווער זענען די פרויען, די — ביי יענעם טישל. נו, די, וואָס ער האָט מיט זיי גערעדט?“

ווי צולהכעיס האָט שלמהלע אָנגעהויבן ברייט צו דערציילן וועגן כאַוו־ טשען, צעזונגען זיך וועגן איר גוטסקייט, איר איבערגעגעבנקייט צו גוויאַז־

דאַן און צו דער חברה, זײער פּרטימדיק האָט ער דערצײלט װעגן דער עלטערער, פײגל, װאָס װײנט מיט כּאַװעשן. זי איז אױך אַ גײטאָרין — גאָלדענע הענט, באַנײט אַלע גבירישע טעכטער. צו פּריצים רופט מען זי נײען באַל־קלײדער — דער לערער מעג אים גלױבן...

— כ׳מײן די דריטע, די שװאַרצע! — האָט אים איזאַק אומגעדולדיק איבערגעריסן.

— אַ, שרהלע? אױך אַ גײטאָרין. װײנען צוזאַמען: זי קומט זעלטן אַהער. האַלט זיך עפּעס פרעמד, דוכט זיך פון אַ שטעטל, אַ יתומה... — דאָס איז אַלץ, װאָס שלמהלע האָט װעגן איר געװוסט.

אין דער לופט האָבן אַ װיבריר געטאָן די קלאַנגען פון צימבל — מרדכילעס אַ צײכן, אַז באַלד װעט ער װידער פאַרפלײצן דעם גאָרטן מיט די הײסע טענער פון זײן מוזיק. בײ די טישלעך איז געװאָרן אַ באַװעגונג. אײנער האָט דעם צװײטן אונטערגעװאַרעמט. מיט אַ װיץ אָדער שטעכװערטל אױפגערײצט די אַמביציע: באַװײז, װאָס דו קענסט אין טאַנץ!

V

— אַזױ פון אַלע זײטן! פון אַלע זײטן! — גװיאַזדאַ האָט זיך באַקלאָגט פאַר איזאַקן. װאָס קאָן איך זײ העלפן? די אױפזעערס און פּאָדריאַטשיקעס װײסן דעם אמת; אױפן אָרט פון אײנעם, װעלן זיך געפינען הונדערט... אַנטקעגנשטעלן זיך, בלײבט מען אָן אַרבעט.

דאָס האָט אַרױסגערופן אַ דערװידערונג בײ בינעמען. ער, װאָס איז שטענדיק געװען פאַרקוקט אין גװיאַזדאַן, געשלונגען זײן יעדעס װאָרט, האָט דאָסמאָל נישט מסכים געװען: בײ זײ האָט מען זיך נישט געלאָזט דריקן און זײ האָבן געװוּנען.

— די מאַנופאַקטור גײט, סחורה רײסט מען פון די הענט. און דײן מלאכה דאַרף מען קענען. שטײגער האַקן קאָן יעדער... װען דײן סחורה װעט װערן איבעריק, װעסטו אַלײן װערן איבעריק.

די טאַנצנדיקע זענען געװאָרן הײטערער, דרײסטער. מען האָט אָנגעהױבן צוצוגײן צו פרעמדע טישלעך, פאַרבעטן פרױען צום טאַנץ. זײ האָבן זיך אַ ביסל געגװידערט, געשעמט צו טאַנצן מיט אומבאַקאַנטע... צו ביסלעך איז אָבער דער עולם אין גערטנדל געװאָרן גאָר הײמיש, אײן משפּחה גײע פאָרלעך טאַנצנדיקע האָבן זיך געשאַפן.

שלמהלע האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף איזאַקן, וועלכער האָט כמעט אָן אויפהער געקוקט צום טישל פון די דריי פרויען.

— דער לערער וואָלט אויך אַ טאַנץ געטאָן! כ'לעבן, אַ ביסל אויסטשוכען זיך פון טראַכטענישן...

איזאַקס בליק האָט אויסגעדריקט פאַרווונדערונג, ווי שלמהלע וואָלט אים פאָרגעשלאָגן אַן אומבאַגרייפלעכע זאַך.

— אַ גוטע זאַך טאַנצן. אַלע רמ"ח אברים לעבן אויף. אַ פרייד, אַ גרויסע פרייד... — גוויאַזדאַ האָט איבערגעלייענט אין איזאַקס אויגן אַ פראַגע.

— איך טאָר נישט. דער דאָקטאָר האָט מיר שטרענג פאַרווערט... צעהיצן זיך, אָנשטרענגען... אַ שאָד... ס'טוט מיר האַרציק באַנג.

נאָר זיין פנים איז דערביי נישט פאַרטרויערט געוואָרן, ווי ס'וואָלט געפאַסט פאַר די ווערטער. מען האָט באַשיינפערלעך געזען, אַז ער האָט שטאַרק הנאה דערפון, וואָס אַנדערע געניסן פון דער פרייד, וועלכע איז אים פאַרבאָטן. עס פאַרשאַפט אים הנאה דאָס זען טאַנצן, הערן די לוסטיקע קלאַנגען פון דער מוזיק.

— איך מיין: פאַרווײַלונג איז פאַרן מענטשן אַזוי נייטיק, ווי שלאָף, ווי עסן. ס'איז אַן אויסלאָדונג פאַר דער מיליץ. אַלדאָס שלעכטע, וואָס זאַמלט זיך אָן אין מענטשלעכן גוף, דאַרף מען אויסלאָדן. און פון דער נשמה אויך. מענטשן, וואָס קאָנען זיך ווײַלן, זענען בטבע בעסער, מענטשלעכער. די, וואָס פאַרווײַלן אַנדערע, טוען אַ הייליקע אַרבעט... פאַרוואָס ווײַלט איר זיך נישט, לערער?

איזאַק האָט געפלאָנטערט: נישט שטענדיק איז דאָס געמיט אַזאַ, מען זאָל זיך קאָנען ווײַלן... און מען קאָן זיך דאָך ווײַלן פאַרשידן. נישט נאָר אין טאַנץ. טאַנץ איז גיכער אַ פאַרווײַלונג פאַרן קערפּער... איז דען לייענען אַ שלעכטע פאַרווײַלונג? פאַרן גייסט, פאַרשטייט זיך. ער לייענט אַ סך... און טראַכטן? — אויך פאַרן גייסט. ער טראַכט אַ סך...

— די מרה=שחורה איז אייך אויסגעגאָסן אויפן פנים... — גוויאַזדאַס בלאַסער שמייכל האָט צעקלאַפּט איזאַקס אַרגומענטאַציע.

אָט האָט זיך דער עגנסטער בינעם רואיק אויפגעהויבן פון טיש, געלאַסן צוגעגאַנגען צום טישל פון די דריי פרויען און געלאָזט זיך מיט כאַוושען אין ווירוואַר פון טאַנץ.

שלמהלע האָט זיך איבערגעבויגן צו איזאַקן. ס'האָט זיך אַפילו אויסגעוויזן, אַז ער גיט אים צו פאַרשטיין מיט אַ ווונק, וואָס ער דאַרף טאָן. ער האָט זיך ממש געבעטן מיט די אויגן: לערער, גיי צו צו יענעם טישל, פאַר=

בעט זי צום טאַנץ! איזאַקן האָט געמאַטערט אַ געדאַנק: צי מאַכט ער נישט חוזק פון מיר? ער האָט אַ קוק געטאָן אויף גוויאַזדאַן — עפּעס ענלעכס קוקט אַרויס פון אים. האָבן זיי זיך אפשר אָפּגערעדט?

אַ פאַרביסנקייט איז אויפגעקומען אין איזאַקן, אַ קלאַפּע אין מוח האָט זיך פאַרהאַקט, נישט דורכלאָזנדיק קיין אַנדער געדאַנק, ווי: גיין! גיין! גיין!

צוריקגעצויגן אויף זיין בענקל, איבערגעבויגן זיך אויף אונטן, האָט זיך גוויאַזדאַ פאַרטראַכט, קוקנדיק אויפן געדיכט־באַשטערנטן הימל. שלמהלע איז אַ רגע געזעסן, ווי אַ באַליידיקטער, ווי מען וואָלט אָפּגעשטויסן זיין האַנט. פּלוצלונג האָט ער זיך שאַרף אויפגעריסן פון טיש, צוגעלאָפן צום טישל פון די פרויען, אַ רגע גערעדט, ווי ער וואָלט עפּעס איינגעטענהט און באַלד זיך אַ לאָז געטאָן אין טאַנץ מיט שרהלען. פאַר איזאַקס אויגן האָבן פאַרבייגעשוועבט זייערע פיגורן. עס האָט אים ווי אַ גלעט געטאָן דאָס ווינקל פון שרהלעס צעפּאָכעט, לאַנג קלייד. ווי אַן אַרויסגעשלאָגענער פון שלאָף האָט ער אויפגעריסן די אויגן און אָנגעהויבן נאָכצויאָגן מיט די בליקן דאָס שוועבנדיקע פּאָרל.

דער ווירוואַר פון טאַנץ האָט געשאַפן פאַרביקע רעדער פאַר זיינע אויגן. שוין נישט געווען קיין קעפּ, פּנימער, הענט, פיס, פּלייצעס — בלויז רעדער, וואָס זענען גלייך צעשוווּמען געוואָרן, ווי כוואַליעס אויפן וואַסער: אָפּגעפלאָסן אַ כוואַליע און אָנגעקומען, אָפּגעפלאָסן און אָנגעקומען. נאָר באַלד האָט זיך פון דער כוואַליע, פון דער צעשוווּמענקייט אָנגעהויבן אויסצוטיילן עפּעס בולטערס. מיט יעדן צושווּום פון די פאַרביקע רעדער איז דאָס בולטע נאָך בולטער געוואָרן. איצט האָט ער שוין געזען אין דעם גאַנצן ווירוואַר בלויז איין פּאָרל — שלמהלע מיט שרהלען. ווען זיי האָבן פאַרבייגעטאַנצט אין גבול פון זיינע בליקן, זענען דאָס געווען בולטע געשטאַלטן. נישט צעשוווּמען געוואָרן אין די פאַרביקע רעדער. לכתחילה — ביידע מיט דער זעלבער בולטקייט, נאָך אַ פּאָר מאָל קרייזן איז שלמהלע געוואָרן פאַרנעפּלט, פאַרנעפּלטער. פאַרבליבן איז בלויז שרהלע. איר פיגור איז מיט יעדן פאַרביישוועבן אין טאַנץ דייטלעכער אַרויסגעשוווּמען, איצט האָט ער שוין פון אונטער די פאַלבאַנעס און פאַלדן פון איר לאַנג קלייד שאַרף אַרויסגעזען די שלאַנקע ליניעס פון איר קערפּער, וואָס האָט אין טאַנץ באַקומען די געשפּאַנטקייט פון אַן אָנגעצויגענעם פייל־און־בויגן. פון דעם קעלנערל, וואָס האָט ביז דער העלפט פאַרדעקט איר לאַנגן האַלדז, האָט שטאָלץ זיך אַרויסגעהויבן איר פאַרריסענער קאָפּ, אַרומגענומען מיט אַ קרוין פעך־שוואַרצע האָר. ווי אַ פּעכער האָבן אירע לאַנגע וויעס פאַרדעקט די אויגן.

נאָר איזאַקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווען זיי טאַנצן פאַרביי נאָענט פון אים, וואַרפט זי צו אים אַן אומעטיקן בליק פון אירע סאַמעטענע אויגן, ווי מיט אַ טענה: ס'האָט דיר נישט געפּאַסט צו טאַנצן מיט מיר, וואָס?

אַוועקדרייענדיק דעם קאָפּ פון די טאַנצנדיקע, האָט זיך איזאַק אָנגעשטויסן אויף גוויאַזדאַס בליק. נישט שוין זשע אָבסערווירט ער אים די גאַנצע צייט? מיט וועלכן רעכט? אָ, ער דערלויבט זיך שוין אַ ביסל צופיל, דער דאָזיקער טאַטע פון די אָרעמעלייט...

אַלץ האָט אין אים אָנגעהויבן צו ברויזן. איז עס אַן אינערלעכער פּראָטעסט קעגן גוויאַזדאַן? אייגנטלעך — פאַרוואָס? גוויאַזדאַ האָט אים דאָך דערווייל מיט גאָרנישט נישט באַליידיקט. און אפשר... אפשר איז עס טאַקע אַ כעס אויף זיך אַליין? אפשר איז ער בייז, וואָס ער זיצט נאָך אַלץ דאָ, ביי דעם טיש, אָנשטאָט צו דרייען זיך אין קאַראַהאָד פון טאַנץ. אָט טאַקע דאָרט, אויף שלמהלעס אָרט, ביי דער זייט פון שרהלען?

איזאַק פילט זיך, ווי ער וואָלט געווען איבעריק ביים טיש. יאָ, ער האָט באַשלאָסן: ווי נאָר דער טאַנץ וועט זיך ענדיקן, איידער נאָך מען וועט אויפשפילן צום צווייטן טאַנץ, וועט ער צוגיין צום טישל פון די פרויען און פאַרבעטן שרהלען... שלמהלע וועט אים שוין באַקענען...

אַ בהלה איז אויסגעבראָכן, די רעדער פון טאַנצנדיקע צעשלאָגן זיך, נישט זיי ווערן צעשוווימען אין געדריי, נאָר צעפאַלן זיך, ווי אונטער אַ קלאַפּ פון שווערן האַמער.

ביי דער פורטקע פון גערטנדל — אַ געדראַנג, אַ סומאַטאָכע. פון טומל הערט מען שוין דייטלעך שאַרפע, דראָענדיקע קולות און קולות פון פּאַניק... אייניקע קווישיקע אויסגעשרייען פון פרויען. מרדכילע פייערמאַן רייסט איבער אינמיטן פון טאַקט, ווי אַלע סטרונעס פון זיין צימבל וואָלטן מיטאַמאָל געפּלאַצט מיט אַ שאַרפן גרילץ.

אַרום גוויאַזדאַס טיש שאַפט זיך מאָמענטאַל אַ לעבעדיקע וואַנט פון מענטשן, וואָס פאַרשטעלן גוויאַזדאַן, פאַרשטעלן איזאַקן. מען זעט שוין שפּרינגענדיקע דורכן פּלויט פון גערטנדל — אַרויס אויף בערגלעך און גריבער פון פּלאַץ. פרויען קאָרטשען זיך איין ביים פּלויט, ווי עופות פאַר אַ שטורעם.

ביים אַריינגאַנג פון גערטנדל שטייען קהל־שמשים מיט גראָבע שטעקנס אין איין האַנט און לאַמטערנעס אין דער צווייטער. פון זייערע זייטן סטאַרטשען גדלותדיק די היטלעך פון צוויי פּאָליציאַנטן.

VI

— הפקרות! אויסגעלאַסנקייט! שמדניקעס! — האָט גערעוועט מיט אַ הייזעריקן באַס רב זייוול, דער אויבערשמש פון דאָזאָר. ער האָט זיך מער אַרויסגעזען פון אַלע. פון אונטערן ברייטן ראַנד פון זיין שוואַרצן הוט האָט אַרויסגעפּלאַמט אַ זשאַווערדיקע רויטקייט. אַלץ האָט זיך ביי אים צוגויסגעגאָסן אין איין זשאַווער=קאָליר: די לאַנגע, צעפּלאָשעטע פאות, די געדיכטע קלאָטשעדיקע באָרד, וואָס איז מיט קלענערע האָר=אינדזעלעך געקראָכן כמעט ביז די אויגן — מאַטע, וואַסערדיקע, פאַרצויגענע מיט דינע אָדערלעד, אַרויסגעפּרעסטע פון אָנגעדראָלענע איינ=דעקלעך, פאַרשאָטנטע פון געדיכטע ברעמען. פון דער אַרומיקער זשאַווערדיקייט האָט זיך נאָר בולט אויסגעטיילט איין דעטאַל: די גרויסע פליישיקע נאָז. זי האָט מיט אַ צונטער=רויטקייט זיך אַרויסגעשניטן, דראָענדיק געהויבן פאָרויס ביי זייוולס יעדן אויסגעשריי. ווי זייוול האָט נאָר אַ פאָכע געטאָן מיט זיין גראָבן שטעקן, באַלד האָט זיך אין דער זעלבער ריכטונג אויסגעדרייט די נאָז, ווי זי וואָלט עס געגעבן דעם צייכן פאַר די איבעריקע שמשים, אין וועלכער זייט זיי זאָלן לויפן.

פאַרקאַטשענדיק די פאָלעס פון די לאַנגע קאַפּאָטעס הינטער די גאַרטלען, פאַררוקנדיק די היטן איבערן שטערן, האָבן זיך פינף שמשים אַ לאָז געטאָן צו די אויסגעבראָכענע שטאַכעטן פון גערטנדל, דורך וואַנען ס'איז אַנטלאָפן די מערהייט טאַנצנדיקע. פריער — די פרויען. זיי האָט מען געלאָזט פאָרויס לויפן. אייניקע מענער האָבן זיך מיט אַ כיוון פאַרהאַלטן ביי די שטאַכעטן, כדי איינצוהאַלטן די שמשים, וועלכע האָבן זיך ווי יאַגדהינט אַ לאָז געטאָן נאָך זייער רויב.

איזאַק איז געווען פאַרטויבט פון טומל, פון דער אומגעריכטקייט. פון זייער טיש זענען אַלע ערגעץ=ווו פאַרשוווּנדן. פאַרנעפּלט האָט ער געזען אין אָנהייב, ווי אַ וואַנט פון מענטשן איז אויסגעוואַקסן אַרום גוויאַזדאַן. איצט האָט ער דערזען אויסגעבראָכענע שטאַכעטן אין פלויט און פאַרשטאַנען, אַז דאָרט איז פאַרשוווּנדן גוויאַזדאַ מיט זיין שוץ=וואַנט. עס ראַנגלט זיך נאָך דאָרט אַ ריזיקער יונגאַטש מיט צוויי שמשים: מן=הסתם דער אַריעגאַרד פון דער אַפּטרעטנדיקער אַרמיי.

צוביסלעך האָט ער צוריקבאַקומען דאָס גלייכגעוויכט, אָנגעהויבן זיך אויף קאַלט פאַנאַנדערקלייבן אין טומל און אין געראַנגל. ער האָט זיך אַפילו מיט אינטערעס פון אַ זייטיקן באַאָבאַכטער אָנגעהויבן צוצוקוקן צו דעם,

וואָס קומט פֿאָר: ס'איז משעקאַווע, וואָס דערפֿון וועט אַרויסקומען. די מעשים־טובים פֿון רב שלמה־זלמן ליפּשיצס גוואַרדיע, זייערע איבערפֿאַלן אויף יונגעלייט, אויף פֿאַרוויילונגען, האָט ער נאָך געדענקט פֿון פֿאַרן אויפֿשטאַנד. ער האָט זיך אָבער נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז דאָס קאָן זיך איצט איבערחזרן. און דערצו — מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזאַ ווילדקייט. „נישט שוין זשע האָבן אַזויפֿיל געזונטע, פֿעסטע בחורים מורא פֿאַר די צלאַפּעוואַטע שמשים מיט זייער שיכורן ראש? — איזאַקן איז עס נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. — זאָל גוויאַזדאָס גבֿורה און השפּעה קלעקן נאָך אויף אַריינצורעדן האַרבע רייד אין אַרבל אַריין?“...

— ראַ—זאַי—דים! ראַ—זאַי—דים! — האָבן סקאַנדירט די צוויי פּאָליציאַנטן צום עולם, וואָס האָט זיך געדרענגט ביים אַריינגאַנג צום גערטנדל. נייגעריקע קעפּ האָבן זיך געוואָלט דורכגליטשן צווישן די פּאָליציאַנטן און דעם מעכטיקן קערפּער־מאַסיוו פֿון אויבערשמש. אייניקע — סתם צוליב נייגעריקייט; אַנדערע — אפֿשר עמעצער אַ באַקאַנטער, חלילה, אַן אייגענער, וועט מען שוין האָבן צרות און חרפּות אויסצושטיין... איין קאָפּ מיט אַ ציגן־בערדל, מיט צעפּלאָשעטע פּאות פֿון אונטערן פֿאַרשמאָלצענעם קאַפּל -- זיכער אַ מלמד, וועלכן באַלעבאַטים האַלטן פֿאַר אַ באַהעלפֿער, אָדער אַ באַהעלפֿער, וואָס רייסט זיך צו ווערן אַ מלמד — האָט זיך כּסדר געריסן צום אויבער־שמש, אונטערגעהאַלטן יענעמס באַס מיט אַ קוויטשיק קולכל:

— אויסגעלאַסענע! שמדניקעס! אוי... — פֿאַרענדיקט האָט ער מיט אַ קרעכץ, ווי די מערידן וואָלטן זיך אים צעשפּילט פֿון אָנשטרענגונג.

— ראַ—זאַי—דים! ראַ—זאַי—דים!

אָ, דאָס האָט געמוזט זיין די סיבה פֿון פּאַניק און אַנטלויפֿן. די יונגען וואָלטן זיך מיט די שמשים אַן עצה געגעבן. אָבער אָנהייבן מיט מלכות — „יאָ, דערצו איז נאָך, ווייזט אויס, נישט דערגאַנגען אַפֿילו גוויאַזדאַ“...

די שמשים האָבן געשלעפּט אייניקע פֿאַרהאַלטענע ביי די צעבראָכענע שטאַכעטן. רב זייוול איז איצט מיט אַ ירגזון אַרויס אויף מרדכילע פּייער־מאַן. יענער איז קאַלטבלוטיק געזעסן ביי זיין צימבל, געווישט זיך די האָר אונטערן אַרויפֿגערוקטן הוט און נישט ווילנדיק פֿאַרטשעפּעט אַ סטרונע, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט אַ וויינענדיקן טאָן. אין די אויגן האָט אים געשפּילט אַ חוזק־פֿייערל, ווען זייוול האָט זיך געקאָכט איבער אים, אָבער דאָס גאַנצע פּנים האָט אויסגעדריקט די נעבעכדיקייט פֿון אַן אומשולדיק אַריינגעשלעפּטן מענטשן:

— אַ ברירה האָב איך, רב זייוול, ס'איז דאָך מיין פּרנסה...

— שמדניק! — דער אויבערשמש איז מיט כעס אַוועק פון אים: מיט מרדכילען וועט ער נישט אַרויס אַ געווינענער. יענער שפּילט ביי די דאָזאָ־רעס, די דייטשן, ביי פּריצים, אפילו ביי די גרויסע גאַטשאַלניקעס... — עוכר ישראל! מוזסט דווקא שפּילן פאַר די הפקרניקעס...

מרדכילע האָט אים נאָכגעשריגן מיט אַ רחמנותדיק קול, וואָס האָט אויסגעזען ווי חוזק, און ווידער פאַרטשעפּעט אַ סטרונע:

— ס'איז מיין פּרנסה...

זייוול האָט אָנגעהויבן צו נישטערן ביי די טישלעך, ווו די געסט זענען געבליבן רואיק זיצן, ווי נישט זיי מיינט מען מיט דער גאַנצער בהלה. ווי אַ רויב־פויגל, האָט ער געטשאַטעוועט אויף אַ קרבן, נאָר פון יעדן טישל איז ער אַוועק אָן אָפּגעשמיסענער. איז געזעסן אַ יידישער באַלמעלאָכע מיט אַ פּוילישן, האָט יענער צוגעוואָרפן זייוולען אַ זייטיקן בליק מיט אַ פראַגע: „משוגע?": זענען געזעסן יידישע יונגעלייט, נישט יידיש געקליידעט — מיט זיי האָט זייוול מורא געהאַט צו טשעפּען. ער האָט זיך נאָר געקילט דאָס האַרץ, מורמלענדיק: „שמדניקעס!" אַזוי האָט ער אויך אויסגעמיטן איזאַקן.

אַז ס'האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָט מענדל דער שענקער זיך אָנגענומען מיט מוט און הויך זיך אָנגעהויבן צו באַקלאָגן פאַר די פּאָליציאַנטן, וועלכע ער האָט צוגעטראָגן גרויסע ביר־קופּליעס:

— געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך? אַ תל פון לייזעכץ...

ער האָט זיי אויפגעוויזן באַשיינפּערלעך, אַז צו אים קומען פיינע באַל־מעלאָכעס, וואָס פאַרווילן זיך דאָ, אויף דער פרישער לופט, ווייטער אַ ביסל פון דער שטאָטישער געסרחה... נישט אַנדערש — קאָנקורענטן שיקן אָן די שמשים, זיי זאָלן אים קאַליע מאַכן דאָס לייזעכץ...

— דאַ, דאַ! — האָבן דיפּלאָמאַטיש צוגעבאָמקעט די פּאָליציאַנטן, זשלאָקענדיק גרויסע שלונגען ביר.

זייוול האָט דערזען, אַז אָט־אָט קאָן ער איינגאַנצן בלייבן אַ פאַרשפּיל־טער, האָט ער באַשלאָסן צו האַנדלען: ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טי־של און אַ צייכן געגעבן די שמשים, זיי זאָלן ברענגען די געפאַנגענע. ערשט איצט האָט איזאַק באַמערקט, אַז צווישן די, וועלכע מען האָט צוריקגע־שלעפּט פון צעבראָכענעם פּלויט, האָט זיך געפונען שלמהלע. ער איז גלייך אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אַ געשריי געטאָן צום שמש:

— וואָס שלעפּט איר מיין דינער?

אַ געפּלעפּטער איז שטיין געבליבן דער שמש. זיין האַנט, וואָס האָט שלמהלען געשלעפּט ביים קראַגן, איז אַנמעכטיק געוואָרן. דאָס האָט שלמהלע גלייך דערפילט, מיט אַ טרייסל אַראָפּגעשאָקלט פון זיך דעם שמשס האַנט און באַלד זיך אויסגעגלייכט. ער האָט דערפילט פון איזאַקס טאָן, אַז ער מעג זיך האַלטן מעשה מענטש, איז ער באַלד אַרויס מיט אַ מענה־לשון: צוגעטשעפּעט זיך צו אים, אָנגעזעצט זיך...

דאָס האָט געטראָפן רב זייוולען ווי אַ דונער. ער האָט עפּעס אַן אומדייטלעכן ברוס געטאָן — שווער געווען צו דערגיין, צי ער וויל זיך אַנטקעגנשטעלן איזאַקן, צי גאָר בייזערן אויפן שמש. יענער האָט זיך אָנגעהויבן שטאַמלענדיק צו פאַרטיידיקן: דורך יענע שטאַכעטן איז אַנטלאָפן גוויאַזדראַ מיט זיינע לייט, פּורים־שפּילער... ער האָט געוואָלט כאָטש איינעם פון זיי פּאַקן, האָט זיך דער אָ — ער זאָל אַזוי געזונט זיין, אַז ער האָט נישט געוווסט, ס'זאָל האָבן געווען דעם הערס משרת — האָט ער זיך אַריינגערוקט איינמיטן, געשטערט, ווי מיט אַ כיוון, געשטעלט זיך אין וועג... האָט ער דאָך געמוזט... געמיינט — אויך פון גוויאַזדראַס חברה...

רב זייוול האָט ווידער אַ ברום געטאָן, נאָך הייזעריקער, ווי פריער. שמשים האָבן דערווייל געשלעפּט צוויי יידיש־געקליידטע משרתים און צוויי אַרבעטער — אין איינעם פון זיי האָט איזאַק דערקענט דעם שטיינהאַקער, וואָס האָט פריער זיך פאַרקלאָגט פאַר גוויאַזדראַן. די געשלעפּטע האָבן זיך כלומרשט אַנטקעגנגעשטעלט, נאָר פאַרבייגייענדיק אַ ווינק געטאָן צו איזאַקן, אַז דאָס מאַכן זיי אַ שפּיל אַזאַ: זיי האָבן פאַר די שמשים מורא, ווי פאַרן רב. אַזוי צי אַנדערש, וועט מען זיי מוזן אַרויסלאָזן פון פּאָליציי־אופשאַסטאַק — העכסטנס וועט אויסגיין צו אַ פּאָר קלעפּ, וואָס מען וועט אַריינכאַפּן אויפן וועג.

„נישטאָ מער וואָס דאָ צו טאָן“, — האָט זייוול ענדלעך באַשלאָסן. ער האָט ברומענדיק זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג, פירנדיק נאָך זיך די פינף שמשים, פיר פאַרהאַלטענע בחורים און — ווי אַן אָפּשלום פון דער פּראָצעסיע — די צוויי פּאָליציאַנטן. זיי האָבן מיט גרויס האַרצווייטיק געמוזט אוועקשטעלן ביידע קופּליעס, כאָטש מען האָט באַשיינפּערלעך געקאָנט זען, אַז זיי האָבן נאָך נישט געהאַט געשטילט דעם דורשט.

שטילערהייט האָט מענדל דער שענקער געשאָלטן: אַ תל געמאַכט פון אַזאַ לייזעכץ... און מרדכילע פייערמאַן האָט אַ שטאַרקערן צי געטאָן די סטרונעס, וואָס האָבן איצט געקלונגען ווי הוזקדיקער געלעכטער.

אַ זוניקער פרי־זומער־טאָג האָט אונטערגעוואַרעמט די גאַסן. אין יידישן רעוויר האָט אַ שטויב זיך געריסן צו די פֿאַרטער־פענצטער פון די הייזער, מילכיק באַפאַרבט די גרינגלעכע שויבן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער סעזאָן פון האַנדל מיט קוואַס און היימיש ביר. געשלעפט אין וויאַדרעס דורך ווייבער און יינגלעך, זענען די געטראַנקען כהרף־עין צעכאַפּט געוואָרן דורך די דורשטיקע פאַרבייגייער.

אין דיק־מויערדיקן אַלטן הויז אויף די נאַלעווקעס, אויפן ערשטן גאָרן, ווו ס׳האָט געוווינט דער וואַרשעווער רב, דער „חמדת שלמה“, רב שלמה־זלמן ליפשיץ, האָט זיך לגמרי נישט געפילט דער דרויסנדיקער זומער. זיין חדר איז געווען איינגעהילט אין טונקלניש. געדיכטע פאָרהענגלעך אויפן פענצטער האָבן קוים דורכגעלאָזט אַ צוויפיל ליכט, וויפל ס׳איז נייטיק געווען, כדי האַלבוועגס צו זען אַ פנים פון מענטשן. אין חדר איז געווען פאַרזאַמלט אפשר אַ מנין יידן, וואָס האָבן געשאַפן אַ קרענצל אַרום טיש אינמיטן, און שטייענדיק מיט דרך־ארץ, געוואַרט אויף אַ וואָרט פון דאָרט.

אויפן טיש האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ לייכטער מיט אַ גראָב וואַקסן צאַנקענדיק ליכט. מיגומן לאַנג האָט מען גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזען, אויסער די בערג ספרים, מיט וועלכע דער טיש איז געווען באַלייגט און אַ זילבערווייסקייט פון האָר, וואָס האָבן אַפּערגעלויכטן פון אונטערן סאַמעטענעם קאַפּל. אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט צו דער ווייסקייט, פון דאָרט געוואַרט אַ צייכן, אַ וואָרט.

— הפקרות! הפקרות! — האָט זיך ענדלעך דערהערט אַ שוואַכע, ציטערנדיקע שטים. נאָך אַ רגע שטילקייט האָט זי ווייטיקלעך צוגעגעבן — אַ גזר! אַ גזר מן השמים!

אַלע אָנוועזנדיקע מורה־הוראהס האָבן זיך איבערגעבויגן צום טיש, מיט יראת־הכבוד געשלונגען יעדעם וואָרט פון „חמדת שלמה“. אויב נישט ער, זייער גייסטיקער פירער, דער גייסטיקער פירער פון אַלע פרומע יידן — ווער זשע וועט זיין בכוח אָפּצושטעלן די מגפה, וואָס רייסט אַרויס כסדר פרישע שעפעלעך פון גאָטס סטאַדע?

רב שלמה־זלמן ליפשיץ האָט מיטאַמאָל האַסטיק פאַררוסן דעם קאָפּ, מיט די מידע, פאַררויטלטע אויגן אָנגעהויבן צו מעסטן אַלע אָנוועזנדיקע, נערוונצלט דעם פאַרמעטענעם שטערן, ווי ער וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר:

— פאַרוואָס שמייסט מען נישט? — אַ שטילקייט אין צימער. — שמייסן, שמייסן די הפקר=יונגען!

מיט מוט האָט זיך אָנגענומען דער סעקרעטאַר פון דאָזאָר, דער דייטש=מערישער פּאַפּראָצקי, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין שאָטן, ווייסנדיק, אַז דער רב ליפּשיץ קאָן נישט פאַרטראָגן קיין גלוחים. פון זיין ווינקל האָט ער מיט אַ רואיק קול, דייטלעך, וואָרט ביי וואָרט, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די הפקר=יונגען זענען שוין אין אַ צו גרויסער צאָל, די שמשים זאָלן זיך מיט זיי אַן עצה געבן... שמייסן, — קאָן נאָך, חלילה, דערגיין צו געשלעגן, שפיכת דמים. „די חשובע דאָזאָרעס קענען נישטוויליק דערפירן צו עפנטלעכע סקאַנדאַלן, וואָס קאָנען שלעכט אויסגעטייטשט ווערן פון יענער זייט... נו, פון דער קריסטלעכער זייט". ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז סקאַנדאַלן קאָנען שאַפן אַ שלעכטע מיינונג וועגן יידן און זייער מאָראַל, שאָדן דעם גוטן נאָמען פון דער יידישער באַפעלקערונג בכלל. אַזעלכע געשלעגן זענען דאָך אַ חילול=השם — דערצו נאָך אום שבת און יום=טוב...

דאָ האָט שוין אָבער נישט אויסגעהאַלטן יעקב טוגענדהאָלד, וואָס איז געווען פאַרשטעקט אין אַ צווייטן ווינקל פון חדר. ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט, צוגעלאָפן נענטער צום טיש, פאַרגעסנדיק, אַז אויך אים האָט דער „חמדת שלמה" נישט צו שטאַרק גערן. איצט האָט עס אים נישט געאַרט — ער האָט געפונען אַ שעת=הכושר אָפּצורעכענען זיך מיטן פאַרהאַסטן דירעקטאָר אייזנבוים, וואָס איז געווען פּאַפּראָצקיס שוועד. טוגענדהאָלד פלעגט אין אַזעלכע פאַלן, ווען דאָס בלוט האָט זיך אים אויפגעקאָכט, פאַרגעסן וועגן זיין געוויינלעכער דיפּלאָמאַטישער געשיקטקייט און פּוקסישער באַהערשטקייט. אָ, ער ווייסט, פאַרוואָס פּאַפּראָצקי איז קעגן שאַרפע מיטלען, „וועגן וועלכע עס רעדט אונדזער ליכט פון די אויגן, דער צדיק הדור. דער הער אַנטאָני אייזנבוים — ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט טוגענדהאָלד אונטערשטרייכן דעם נאָמען אַנטאָני — נעמט זיך נישט איבער, וואָס די שמד=מגפה צעשפרייט זיך שטאַרקער און שטאַרקער... און דווקא צווישן דעם פּראָסטן פאָלק, באַלמעלאָכעס און משרתים... הער אַנטאָני אייזנבוים קאָן זיך דערמיט נישט איבערנעמען, ווייל זיין ראַבינערשול גיט אַרויס די גרעסטע צאָל משומדים... הער אַנטאָני קאָן זיך דערמיט נישט איבערנעמען".

אַ גליענדיקע לאַווע פון ווערטער האָט זיך געגאָסן פון טוגענדהאָלדס מויל. עס האָט אים נאָך אונטערגעוואַרעמט, ווען ער האָט דערפילט, אַז זיי=

גע ווערטער זענען נושא חן ביים „חמדת שלמה“, וועלכער האָט זיך אַזש פֿאַרקרימט, הערנדיק דערמאָנען די פֿאַרהאַסטע ראַבינער=שול.

אָבער דער סעקרעטאַר פֿאַפּראָצקי איז נישט אַרויס פֿון גלייכגעוויכט. ער האָט זיך רואיק באַמיט צו דערווייזן, אַז לײדער איז די שמד=מגפה מער אַלגעמיין. זי כאַפּט אַרום אַלע טיילן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, אַפּילו די חשובע גבירישע הייזער, אין וועלכע דער געערטער הער טוגענדהאָלד, דער דערציער פֿון יונגן דור... איז אַן אָפֿטער איינגייער. ער, פֿאַפּראָצקי, וואָלט מיט גרויס ווייטיק געקאָנט אויסרעכענען זייער אַ גרויס צעטל פֿון דעם הער טוגענדהאָלדס תלמידים, וואָס האָבן זיך אין די לעצטע יאָרן געשמדט. די באַשולדיקונגען קעגן דעם געערטן דירעקטאָר אייזנבוים זענען דעריבער אומבאַגרינדעט. עס וואָלט, מיינט ער, פֿיל נוצלעכער געווען למובֿת הכלל, אָנשטאָט צו פּרוּוון דאָ מאַכן פֿערזענלעכע חשבונות פֿון גאָר אַ צווייפֿלהאַפֿטן מאָראַלישן כאַראַקטער — זוכן מיטלען, וויאַזוי אַנטקעגנצושטעלן זיך דער מגפה פֿון הפקרות, וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט צווישן פּראָסטן פֿאָלק און וואָס האָט דערווייל גאָרנישט צו טאָן מיט שמד...

דער אַלטער מורה=הוראה, רב ישעיה, האָט פֿאַרלוירן דאָס געדולד. ווי לאַנג נאָך וועלן זיך די צוויי גלוחים דאָ אַמפּערן און זיי אַלע וועלן שטיין שמונה=עשרה? ער איז אַריינגעפֿאַלן פֿאַפּראָצקין אין די רייד, נישט דערלאָזט מער טוגענדהאָלד זאָל קומען צום וואָרט און איבערדערציילט די גאַנצע געשיכטע, וואָס די שמשים האָבן דערציילט. ער האָט זי נאָך באַפּוצט מיט שוידער=בילדער פֿון שווערע קאַמפֿן מיט די הפקר=יונגען, מיט ווילדע נקבֿות, וואָס האָבן געריסן באָרד און פּאות און געדראַפּעט די אויגן... „אַך און וויי, וואָס יידן האָבן דערלעבט“ — האָט ער האַרצרייסנדיק אַרויסגעזיפֿצט. ווען נישט די פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן מיט שווערדן פֿאַרטיידיקט די אָרעמע שמשים, ווער ווייסט, צו וואָס פֿאַר אַ שפּיכת דמים עס וואָלט געקומען... און זאָל דער רבֿ ווייסן, זאָלן ווייסן אַלע יידן: דער עיקר פֿון דעם גאַנצן אומגליק, די גאַנצע מגפה מאַכט אַן יאָסל גוויאַזדאַ. אויב מען וועט אים נישט עוקר זיין, וועט קיין גוטס דערפֿון נישט אַרויס.

דער נאָמען גוויאַזדאַ האָט אַלע אָנווערנדיקע לעבעדיק געמאַכט, ווי מען וואָלט זיי אָויפֿגעהייטערט מיט אַ קאַלט שעפֿל וואַסער. אַ שטאַרקע באַוועגונג איז געוואָרן צווישן די מורא=הוראהס, פֿאַפּראָצקי האָט זיך דערפֿון דערפֿילט זיכערער ביי זיך, געוואָרפֿן אַ שטעכיקן בליק צו טוגענדהאָלדן:

— אפֿשר וועט דער געערטער הער טוגענדהאָלד וועגן דעם האָבן עפּעס צו זאָגן. דער גוויאַזדאַ איז, דוכט זיך, זיינער אַ פֿריינד...

אַלעמענס אויגן זענען אַריבער אויפֿן אָנגעשריפֿענעם.

— אַן איינפֿאַל אַ ביסל... מיינער אַ פֿרייַנד... נישט געהאַט די צווייפֿל־האַפֿטע ערע צו שליסן באַקאַנטשאַפֿט מיט דעם סוביעקט...

— קינד און קייט ווייסן, אַז די הערן דאָקטאָר סמורעגצקי און לערער זיבענבערג זענען אָפֿטע איינגייער אין גוויאַזדאַס מלוכה... מען האָט זיי שוין נישט איינמאָל געזען אַהינגיין גלייך פֿון דער טוגענדהאָלדס ווינונג... אפֿשר איז עס אַ צופֿעליקייט, איז ביטע מיר אַנטשולדיקן... — האָט ער מיט אַ שמן־זיתדיק מענדל געהנדלט זיך.

טוגענדהאָלד האָט שאַרף און גראָב געענטפֿערט: ער איז נישט קיין שמעק־הונט און באַנוצט זיך נישט מיט צווייפֿיסיקע שמעק־הינט, ווי אַנדערע. קאָן ער דעריבער נישט ווייסן, וווּ, ווער און פֿון וואַנען עס גייט... דער אָנגריף פֿון פּאַפּראָצקין האָט אים אָבער אַ ביסל אָפּגעקילט, און ער האָט זיך צוריקגעצויגן אין זייַן ווינקל: דער מאָמענט איז דערווייל נישט גינסטיק פֿאַר אים...

לאַקריצדיק האָט ווייטער פּאַפּראָצקי גערעדט: דער חשובֿער רבֿ ישעיהו איז אומבאַדינגט גערעכט וואָס שייך גוויאַזדאַן. יאָ, ער איז דער געפֿערלעכסטער. אָבער ער פֿערזענלעך, פּאַפּראָצקי, וואָלט נישט געראָטן איצט צו מאַכן אַן אָנגריף אויף גוויאַזדאַן מצד קהל. דאָס וואָלט אויפֿגעשטעלט קעגן קהל די גאַנצע אָרעמקייט, פֿאַר וועלכער גוויאַזדאַ איז טאַקע — ער מיינט דאָ, חלילה, קיינעם נישט צו באַליידיקן, אָבער מען דאַרף זיך אַמאָל זאָגן דעם אמת — דער גייסטיקער פֿירער. שוין נישט רעדנדיק וועגן זייַן הילפֿס־קאַסע, וואָס איז די פּאָפּולערסטע אינסטיטוציע צווישן פּראָסטן פֿאָלק. דעריבער איז ראַטזאַם צו האַנדלען פֿאָרזיכטיק, באַזאַכט...

אָנגעשפּיצטע אויערן האָבן געוואַרט אויף אַן עצה פֿון דעם ביטערע דייטשל. גלייך זענען זיי אָבער געבליבן אַנטוישט: אַ קלייניקייט, ווייניק מאָל האָט מען שוין געשריבן צום פּאָליצמייסטער? אָט האָט ער איצט אויך געשיקט פּאָליציאַנטן, — האָט דען עפּעס געהאָלפֿן?

אָבער רבֿ שלמה־זלמן ליפּשיץ האָט אונטערגעהאַלטן פּאַפּראָצקין: נישטאָ קיין אַנדער ברירה, מען מוז אַוועקשטעלן אַ גדר קעגן דער מגפֿה...

— אָנשרייבן! אָנשרייבן! אין נאָמען פֿון קהל... אין אונדזער נאָמען... גוויאַזדאַ פֿירט דעם עולם צו שמד... אַ מגפֿה, לא עלינו, זאָל מלכות העלפֿן...

רואיק האָט פּאַפּראָצקי איבערגעוואַרט, ביז דער „חמדת שלמה“ האָט אויסגערעדט זיינע ווערטער און דאַן באַמיט זיך אומבאַמערקט צו פֿאַרריכטן: שמד איז טאַקע אַ געפֿערלעכע מגפֿה, אַלע יידישע הערצער מוזן

טרויערן איבער דעם. אָבער נישט דערמיט קאָן מען קומען צו מלכות, דאָס וואָלט געקאָנט האָבן אַ פאַרקערטע ווירקונג. מלכות האָט, אייגנטלעך, גאָרנישט קעגן דעם, יידן זאָלן זיך שמדן. פאַרקערט — ס'וועט זיין צופרידן...

דער „חמדת שלמה" האָט אים אָנגעקוקט מיט קינדיש־פאַרחידושטע, גאָרנישט־פאַרשטייענדיקע אויגן. אָבער די מורא־הוראהס האָבן אייגעבויגן זייערע קעפּ, ווי די לאַסט פון אמת וואָלט זיי דערדריקט. פּאַפּראָצקי האָט אויף דעם אַלעם קיין אַכט נישט געלייגט און ווייטער געעצהט: בעסער זאָל מען געבן דעם מלכות צו פאַרשטיין, אַז די מאָראַלישע אויסגעלאַסנקייט פון פאַרנעמען זיך צווישן פּראָסטן פאָלק מיט אַזעלכע פּוסטע זאַכן, ווי טענץ און אַנדערע פאַרווייליגנגען — מענער און פרויען צוזאַמען — איז קעגן די דינים פון אונדזער הייליקער אמונה. און וועלכער ייד עס ברעכט די דינים פון זיין אמונה, קאָן שוין קיין גוטער, געטרייער בירגער נישט זיין... דאָס צוזאַמענקומען זיך פון יידישע און פוילישע טיפּן פון פּראָסטן פאָלק, קאָן אויסגעטייטשט ווערן, ווי אַ פּרוּוו מחדש צו זיין די אַוואַנטורעס פון בערעק יאָסעלעוויטש, ימח שמו, אָדער פון די היץ־קעפּ אין דעם לעצטן בונט, וואָס אונדזער אָרעם לאַנד און די יידישע באַפעלקערונג האָבן פון אים אַזויפיל געליטן... די פּאָליציי דאַרף זיך מער פאַראינטערעסירן מיט אַזעלכע צוזאַמענקונפטן און מיט די, וואָס פירן דערמיט אָן... מען דאַרף גאָרנישט דערמאָנען גוויאַזדאַס נאָמען — פּשוט אָנגעבן בלויז דעם אַדרעס: דאָרט קומען פאָר אַזעלכע צוזאַמענקומען... דאָס איבעריקע וועט שוין גאָט העלפן... מיט גאָטס הילף וועט אַ סוף געמאַכט ווערן צו דער הפקרות...

— זאָל ער אָנשרייבן... זאָל ער אָנשרייבן אַזוי אין נאָמען פון קהל. אין אונדזער נאָמען!... אויף אַ רגע האָט זיך דער „חמדת שלמה" ווידעראָנגעצונדן און באַלד איז זיין קאָפּ פאַרשוווּנדן צווישן באַרג ספרים אויפן טיש.

VIII

ביים עק שמאָלע מילע איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן — אויסגעזען האָט ער צו זיין אַן אַרבעטער פון די מאַנופאַקטורן — געשטאַנען גלייכגילטיק, זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. קענטיק ער איז איצט געווען אָן אַרבעט, ווען נישט, וואָלט ער זיך נישט געקאָנט פאַרגינען אין אַ העלן זונטיקדיקן טאָג צו שטיין אויף דער גאַס, שעפּן די שטויביקע לופט... יעדעס מאָל, ווען ער האָט מיטן בליק דערגרייכט אין דער טיף פון שמאָלע מילע, האָט ער

מיט צוויי פינגער אַ וויש געטאָן דעם שטערן און אַ ביסל געפּאַטשט מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט גאָר פליגן געכאַפּט. עפּעס, לא עלינו, נישט ביים זינען?

נעבן אַ מויער, טיפער אין דער גאַס, אַ טריט פערציק-פופציק פון אים, האָט זיך געדרייט אַ צווייטער יונגערמאַן, וואָס האָט געמאַכט ענלעכע העוויות. אַ ביסל ווייטער, ביי אַ טויער — נאָך אַ יונגערמאַן און ווידער דאָס זעלבע. ווען מען איז אָבער דורכן טונקעלן טויער אַריין אין דעם הויז, וו עס האָט געוווינט גוויאַזדאַ, אַ פּאָר טריט פון זיין איינגעשרומפּן הייזל — און ווידער געטראָפן אייניקע יונגעליים און אַ מיידל, וואָס זענען דאָרט ווי געשטאַנען אויף שמירה, האָט זיך דער ענין אָנגעהויבן אויפצוקלערן. אַ געניט אויג וואָלט באַלד דערקענט אין זיי די נעכטיקע געסט אין מענדלס ביר-גערטנדל און אין דעם ברייטפּלייציקן בחור מיטן פאַרבונדענעם קאָפּ — איינעם פון די קרבנות פון דער נעכטיקער שמשים-אָבלאַווע.

אין פאָדערהויז פון גוויאַזדאַס דירה איז שוין געווען פול מענטשן — יונגע מענער און פרויען, וואָס האָבן שטיל געשמועסט צווישן זיך. דאָרט אין חדר, האָט מען זיך געמוזט עוסק זיין מיט זייער וויכטיקע ענינים — אַזאַ ערנסט האָט געהערשט צווישן די וואַרטנדיקע. און טאַקע, אויב אַזויפיל יונגעלייט און מיידלעך האָבן אין אַ געוויינלעכן זונטיק געלאָזט שטיין די אַרבעט און געזאַמלט זיך ביי גוויאַזדאַן, איז דאָס נישט סתם אַזוי. עפּעס האָט געמוזט געשען, אויב גוויאַזדאַס לייט האָבן זיך אַזוי צאָלרייך פאַרזאַמלט, מיט אַזעלכע פאָרזיכטס-מיטלען, מיט וואַך-פּאָסטנס ביז העט אויף דער עק גאַס. גוויאַזדאַ האָט אַזעלכע זאַכן פיינט געהאַט, ווי יעדע זאַך, וואָס האָט געשמעקט מיט פּאַראַד, מיט אָנשטעל, מיט פריצישע געגנ. און אויב ער איז שוין איינגעגאַנגען דערויף...

די נייסן, וועלכע עס האָט אין דער פרי אַהער געבראַנגט פּעלעק, האָבן עס גורם געווען, אַז גוויאַזדאַ זאָל לאָזן פרייע הענט זיינע אַדיוטאַנטן מיט בינעמען בראש. פּעלעק איז אַן אַלטער גוטער פריינד, ער וואָלט נישט אָנגעמאַכט קיין טומל סתם אין דער וועלט אַריין. אויב ער איז געקומען צו לויפן זונטיק באַגינען, וואָרענען, אַז עס גרייט זיך עפּעס שלעכטס, דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק.

אויספירלעך האָט בינעם דערציילט היים דעם שניידער פּעליקס נייסן. זיי זענען געשטאַנען אין אַ ווינקל, נעבן דער טיר, כדי נישט צו שטערן דעם שטילן שמועס, וועלכן גוויאַזדאַ האָט געפירט מיט סטאַשעק לאָיעק און שלמהלע בדחן. היימען האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט גלייבן, אַז די

שמשים, צי די דאָזאָרעם זאָלן זיך דערוועגן אָפן אַרויסצוגיין קעגן גאַנצן פּראָסטן פאָלק, טאָן זאַכן, וואָס קאָנען זיך, חלילה, ענדיקן מיט שפיכת דמים. אָבער בינעם האָט געדולדיק איבערגעחזרט, אַז פעלעק האָט געהערט וואָרט ביי וואָרט, וואָס דער סמויקאָווע גריגאָרי האָט שיכורערהייט גערע־וועט ביינאַכט איבערן גאַנצן הויף. פעלעק וווינט דאָך אויף איין הויף מיטן פּאָליציאַנט... ווען אָקסאַנע האָט אים געמאַכט אַ ברוך־הבא פאַר זיין שפּעטן אַהיימקומען און פאַרשיכורן די פּאָר גראָשן, האָט ער געשריגן: „כ'וועל מיט דיר מאַכן דאָס זעלבע, וואָס מיט גוויאַזדאַ און זיינע לייט... די פיינע יידן וועלן מיר נאָך דערפאַר גוט באַצאָלן"... אַזוי האָט ער געשריגן! — „דער פיינסטער מענטש איז פאַרשאָלטענעם וואַרשע איז זייוול שמש... ער קען בעסער טרינקען, ווי דער פּאָליצמייסטער אַליין... זייוולס נאָז האָט מער חן, ווי דיין לייב און לעבן... אויב דו וועסט באַלד נישט אַהערברענגען קאָלטן קוואַס, וועל איך דאָ מאַכן אַ שחיטה, וואָס די וועלט האָט נישט געזען זינט דער פּראַגער שחיטה"...

— עט, וואָס אַ שיכורער סמויקאָווע פּלאַפּלט... — חיים האָט זיך נישט געלאָזט איבערצייגן.

אָבער בינעם האָט באַלד אַרויסגעשלעפּט די ידיעות, וועלכע עס איז געלונגען ביז איצט צוזאַמענצוקלייבן. זאָל טאַקע חיים וויסן, אַז איצט קומט פאַר אַן אַסיפה ביים רב רב ליפּשיץ. אַלע מורא־הוראהס האָט מען אייליק צונויפגערופן. צו זיי — די דייטשן טוגענדהאָלד און פּאַפּראָצקי. פּאַפּראָצק אַליין האָט היינט באַלד אין דער פרי אויסגעהערט אַלע שמשים, פאַרשריבן גאַנצע בלעטער פּאַפּיר און דערמיט אַוועק צום רב אויף דער אַסיפה. עפּעס גרייט מען זיך. מען מוז זיין פאָרזיכטיק, אָפּגעהיט.

פון פענצטערל האָט זיך געזען אַ לעבהאַפטיקע באַוועגונג אויפן הויף. בינעם איז גלייך אַרויסגעלאָפן און צוריקגעקומען מיט אַ יונגנמאַן, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַ פרעמדער אין דער געמישטער סביבה: העלע, לאַנגע פּאות זענען אים אַראָפּגעהאָנגען פון אונטערן סאַמעטענעם קאַפּל. אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַראָפּהענגענדיקע כמעט ביז די פיאַטעס, אין ווייסע זאָקן — דאָס האָט אים געמאַכט ענלעך צו אַ לאַנגן לולב, וואָס קאָן זיך איינבראַכן ביים מינדסטן ריר. די אײַנדזעלעך פון העלן מעד אויף זיינע באַ־קן האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז נאָך גאָר יונג — אַ ישיבה־בחור, וואָס האָט זיך נישט לאַנג אַוועקגעריסן פון קנעלן.

— מיט וואָס קומסטו, שבתאי? — איז געפאַלן גוויאַזדאָס פראַגע, ערנסט, רואיק.

יענער האָט נישט געקאָנט גלייך ענטפֿערן. ס'האָט אים פֿאַרפֿעלט אָטעם. פֿון שנעלן לויפֿן, צי פֿון גרויס פּחד, אַז עמעצער זאָל אים נישט באַמערקן, נישט אָנשטויסן זיך, וווהין ער גייט... ביגעם האָט אים צוגערוקט אַ דרייפֿיסיק בענקל, באַרואיקט מיט אַ באַוועגונג: אַלץ אייגענע...

שטיל, אָפּגעריסן, אַז ס'איז לכתחילה שווער געווען צו כאַפּן דעם געדאַנק, האָט שבתאי דערציילט אַלץ, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען היינט אויף דער אַסיפֿה ביים רב. ער האָט אַפֿילו נישט דורכגעלאָזט דעם סיכסוך צווישן טוגענדהאָלדן און פּאַפּראָצקין, אַפּילו פּאַפּראָצקיס אָנדייטונג אויף באַציונגען פֿון טוגענדהאָלדן מיט אים, מיט גוויאַזדאַן...

— וואָס זיי קאָן איינפֿאַלן! — האָט גוויאַזדאַ אַ שמייכל געטאָן צו ביגעמען.

שבתאי איז צוביסלעך אַליין מיטגעריסן געוואָרן מיט זיין דערציילונג, אָנגעהויבן צו רעדן פֿליסיקער, לעבהאַפֿטיקער, גיך דערשוווּמען צום תוך. צו דעם באַשלוס אָנצושרייבן אַ מסירה. גוויאַזדאַ האָט אָפּגעאָטעמט:

— זעסטו, ביגעם, ס'האַלט נאָך נישט אַזוי שלעכט. אומזיסט די טרעוואָגע.

אָבער ביגעם האַלט זיך ביים זייניקן: פֿאָרזיכטיקייט שאַט נישט. „פֿון זיי קאָן מען אַלץ דערוואַרטן!" ער זאָגט אָן דעם נערוועזן שבתאי, וועלכער איילט גלייך צוריק: „נאָר פֿאָרזיכטיק!" מער וואָלט נישט געפֿעלט, נאָר אַז צו „זיי" זאָל דערגיין, אַז דעם רבס כמעט אַ בן-בית איז אָן איינגענער ביי גוויאַזדאַן, טראָגט אַרויס סודות...

— אַזוי צי אַזוי, — רופֿט זיך אָן שלמהלע ברחן, — צו מענדלען אין גערטנדל איז נישטאָ וואָס מער צו גיין. דעם דאָזיקן מחבלים וועלן נישט לאָזן רוען.

— און פּאַקולסקי, מיינט איר, וואָלט אייך נישט אַריינגענומען אין זיין גערטנדל אויף ביישטאָט? — האָט זיך סטאַשעק אַריינגעמישט. — ער וועט אַפֿילו ספּעציעל אויף שבת דינגען פֿייערמאַנען מיט זיין צימבל. כאָטש אַלע זונטיק שפּילט ביי אים סיוווי יאַנקל מעלאָדיסט מיט זיין קאַפּעליע.

אויף דעם פּלאַן איז גוויאַזדאַ נישט איינגעגאַנגען. ער ווייסט טאַקע וווּל, אַז ביי פּאַקולסקין איז אַ פֿיין גערטנדל, אַ פֿיינע לופֿט אַרום, נישט ווייט פֿון דער ווייסל — אַלץ פֿיין און ווויל. די באַלמעלאָכעס פֿוןביידע זייטן — פֿון יידישן רעוויר, סיי פֿון דער אַלטשטאָט — וועלן זיך דאָרט זיכער פֿילן היימיש. אָבער כשרות? דאָס קאָן אָפּשטויסן די פֿרומערע. דערויף קאָן מען נישט מסכים זיין. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט מען געפּרוווט אַזויגס.

דער סוף? מען האָט געלאָזט אַ שמועה, אַז דאָרט שמדט מען, אַז וויים מ'נט זיינע מיסיאָנערן לויערט דאָרט... זענען מענטשן אַנטלאָפן. ניין, דערפון מוז מען זיך אומבאַדינגט אויסהיטן. דערלאָזן, אַז צוליב פרומקייט זאָלן אָרע־מע מענטשן גיין אויפן שטריקל פון דאָזאָר־שטיבל? דאָס וואָלט געווען די גרעסטע עוולה.

— ניִשט וועגן דעם איז מיר געגאַנגען! — פאַרענטפערט זיך סטאַ־שעק. — גערעכט, יאָסל, מען טאָר קיינעם ניִשט אָפּשטויסן. אָבער אין יידישע גערטנדלעך וועלן שמשים קאָנען הוליען. דאָרט אָבער וועלן זיי מורא האָבן...

איבעריקנס, האָלט סטאַשעק, אַז זומער איז עס בכלל אַ קינדער־שפּיל. ווער דאַרף ביר־גערטנדלעך? מען קאָן זיך אַליין מאַכן אַ גרויסן גאָרטן — ערגעץ אין אַ וואַלד, אָדער אויף דער סאַסקע קעמפּע. פון גאַנץ פּאָווישליע און פון פראַגע קומען זיך דאָרט אַלע זונטיק צונויף יונגוואַרג, מען טאַנצט, מען פאַרווײַלט זיך, מען שמועסט. פאַרוואָס ניִשט — יידן? זאָלן זיי קומען שבת, יידישע יום־טובים. ווי נאָר אַ פרייער טאָג און אַ שיין וועטער. דאָרט וועט קיינער ניִשט וואָגן צו שטערן, און דער עולם וועט האָבן אַ טאָפּלט גע־ווינס: פאַרברענגען און אָטעמען מיט דער פרישער לופט פון דער ווייסל, ניִשט מיטן שטויב פון רעוויר.

מיט נייגער האָט שלמהלע בדחן אַ קוק געטאָן אויף גוויאַזדאַן, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף אים געמאַכט דער פּלאַן? בינעם מיט חיי־מען האָבן געספקט: עט, פאַר יידן צו קריכן אויף יענער זייט שטאָט... עפּעס ניִשט יידיש... גוויאַזדאַן איז דער פּלאַן ווייל געפעלן: טאַקע אַ טאָפּלט גע־ווינס. ער אַליין חלשט אויך נאָך אַ ביסל פרישער לופט. סאַסקע קעמפּע האָט נאָך אַ מעלה: ס'וועט דערנענטערן דאָס יונגוואַרג פון פראַגע, אַהער־ציען פון דער אַרומיקער געגנט. אָן באַצאָלן דאָס טאַנ־צעטל. וואַרשע לאָזט ניִשט אַריין אָן באַצאָלן? וועט מען מאַכן וואַרשע אויף יענער זייט ווייסל... יאָ, ער, גוויאַזדאַ, מאַכט זיין זומער־וווינונג אויף סאַסקע־קעמפּע. שוין פון נאָענטסטן שבת.

— כ'וועל דאָרט צוזאַמענשטעלן אַ קאַפּעליע מיט בדחנים, אַז די ווײַ־סל וועט טאַנצן! — שלמהלע בדחן האָט אַזש אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט פאַר שמחה. —מרדכילען מיטן צימבל וועל איך אַהינשלעפּן.

אויך בינעם איז דערווײַל איבגאַנצן געוואָרן איבערצייגט. אַ ביסל פאַר חיימען, אַ ביסל פאַר די איבעריקע, האָט ער אָנגעהויבן צו מאָלן אַ בילד,

ווי די פורים־שפילער וועלן דאָרט קאָנען זיך צענעמען די הענט, צוגרייטן נייע פורים־שפילן.

— און דו, שלמהלע בדחן, וועסט זיך שוין אויך מעגן משדך זיין מיט זיי.

— נו, נו... — דעם בדחן איז נישט אָנגעשטאַנען דער שידוך.

— טאַקע, טאַקע! אַ גוטער שידוך! — האָט גוויאַזדאַ אונטערגעכאַפּט. און זאָל זיין יעדן שבת פורים. זאָל זיין פריילעך ביי מענטשן.

פון פאָדערהויז, צי פון הויף, זענען אַריינגעקומען נאָך אַ פּאָר יונגעלייט און כאַוושע. זי האָט זיך גאָר דערפרייט מיטן פּלאַן: פון נעכטיקן אַנטלויפן האָט זי אָפּגעשפּאָרט — אַ צעריסן קלייד. און איר חברטע, שרהלע, קאָן זיך נעבעך נישט רירן. צעקלאַפּט אַ פוס, אַז עס איז אַ רחמנות אויף איר.

אין דרויסן האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן אַ טונקלקייט. די וואַרפאָסטנס זענען זיך שוין לאַנג פאַנאַנדערגעגאַנגען. די מענטשן פון פאָדערהויז האָבן זיך אויסגעמישט מיט די אויפן הויף און היים אַרומגערעדט דעם נייעם פּלאַן. איייניקע האָבן זיך געשראָקן — אַזוי ווייט זיך לאָזן אויסער דער שטאָט... אַנדערע האָבן זיך געפרייט — אַזאַ שפּאַציר וועט זיין צום גערזונט. אויב גוויאַזדאַ גייט... דורך דעם געדראַנג און טומל אין הויף האָט זיך דורכגעריסן שלמהלע דער משרת, וואָס האָט געאיילט גלייך צו גוויאַזדאַן אין שטוב אַריין.

— פעסטע קלעפּ געכאַפּט? — האַלב אין וויץ און האַלב אין ערנסט זענען געפאַלן פראַגן.

— נישט ביי שלהמלען! — האָט ער זיך באַרימט.

די זעלבע פראַגע האָט אים אויך געשטעלט גוויאַזדאַ. ער האָט זיך אַפילו געחידושט, וואָס שלמהלע משרת איז ביז איצט נישט געקומען. שמואל, דעם משרת פון אַלטערן, האָט מען גוט אָנגעהרגעט און רב אַלטער האָט אים באַלד אַרויסגעוואָרפן פון זיין שטוב.

איצט האָט שלמהלע משרת געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אַ ביסל צו באַרימען. ער האָט עס שוין געוואָלט טאָן, נאָר אַרויסגעקומען איז גאָר, אַז ער האָט געריממט איזאַקן. דערציילט, וויאַזוי דער לערער האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון די שמשימס הענט, אָנגעוואָרפן אויף זיי אַ שרעק מיט זיין האַלטונג, מיט זיין רעדן. ביי די אונגערס ווייסט מען אַפילו נישט וועגן דעם, אַז ער, שלמהלע, איז געווען פאַרמישט אין דער גאַנצער מעשה. דערפאַר האָט ער, נעבעך, הייַנט געמוזט טאָן זיין אַרבעט, ווי יעדן טאָג.

— אזוי, אזוי, שלמהלע...

— מיינסט מיך? — האט שלמהלע בדחן געמאכט אַ שפּאַס.

— נישט דיך און נישט אים, — האט גוויאזדא שמייכלענדיק געענט־פערט, — כ׳מיין דעם לערער. ער געפעלט מיר! ער געפעלט מיר, דער לערער דיינער. ברענג אים מאַקע אויך צו אונדז, אויף דער סאַסקער קעמפּע. ברענג אים...

ס׳איז שוין געווען גוט פינצטער אין צימער, האט קיינער נישט גע־קאַנט באמערקן, וואָס פאַרא גליקלעכער שמייכל עס האט זיך אויסגעגאָסן אויפן פּנים פון שלמהלע דעם משרת.

ד.

די טאַסקע קעמפע

I

אזא הייסן אלול, ווי דאָס יאָר, האָבן נישט געדענקט די עלטסטע איינוווינער פון ווארשע. „פייער פאַלט פון הימל!“ — האָבן פארשוויצטע יידן זיך אַנטקעגנגעטראָגן אָנשטאָט א גוטמאָרגן. דער שטויב פון די נאַלעווקעס און פראַנטשישקאַנער האָט זיך געלייגט אויפן אָטעם.

מען האָט אָנגעהויבן צו פאָרן פון ווארשע, מענטשן זענען ממש געלאָפן. רב בעריש אונגער איז אויך נאָכגעקומען זיין ווייב: זאָל זי מיט די קינדער ארויספאָרן הינטער דער שטאָט.

לכתחילה האָט עס אים אויסגעזען ווילד. פון ווען אָן מוזן עס יידן האָבן „פרישע לופט“? ס'איז דען א סגולה צו פרנסה, צו תורה? פעלד, דאָרף — דאָס זענען גוישע זאַכן; וואַלד — א סחורה צום האַנדלען, האַקן האָלץ, — האָט רב בעריש געפסקנט.

ביילע וואָלט שוין מער קיין וואָרט נישט דערמאָנט: אז בעריש האָט געפסקנט... שוין סיידי ארויסגעוואָרפענע רייד. אומגעריכט איז איר אָבער צוהילף געקומען העניק. ער האָט אויך זייער אַן איידעלן אופן, כדי נישט צו באַליידיקן דעם פאָטערס שטאָלץ, געגעבן צו פאַרשטיין: ס'איז נישט קיין פראַגע פון יידישקייט, — ס'איז אריסטאָקראַטיש... די פני פון ווארשע — די פרענקעלס, עפשטיינס, עטינגערס, טעפּליצעס, ראָזענס — אלע האָבן איצט זייערע זומער־וווינונגען אויפן דאָרף. איייניקע האָבן זיך שוין איינגעהאַנדלט גאַנצע דערפער. אפילו געוואָרן א מאָדע אין די אריסטאָקראַטישע הייזער צו שיקן די זין שטודירן אין דער אגראָנאָמישער שול

אויפֿן מאַרימאַנט. ווי ס'פּאַסט פֿאַר פּריצים. אדעלשטיין, טעפּליץ, בער־סאַן שיקן שוין אַהין זייערע קינדער... דער פֿאָטער זאָל זיך נאָר פֿאַר־טראַכטן וועגן דעם... דער פעטער נאַטשע האָט אַ גרויסן וואַלד אויפֿן וועג קיין יאַבלאָנגע, אַ פֿאַר כאַטשעס געבן וואַלד... דער פעטער האָט געזאָגט: ס'וואָלט געווען אַ יושר די מאַמע מיט די קינדער זאָלן ארויספֿאָרן. די לופֿט פֿון וואַלד איז אַ רפֿואה פֿאַר די קינדער.

— דער הער ראָזען האָט מיך אויך פֿאַרבעטן צוגאַסט אין זיין גוט, אויף רייט־שפּאַצירן. לײַדער, קיין צייט נישטאָ. אוי, די געשעפֿטן! — ער האָט פֿאַרענדיקט מיט אַ טיפֿן זיפֿץ, ווי די געשעפֿטן וואָלטן אויף אַן אמת געווען די הויפּט־סיבה פֿון זיין נישט פֿאָרן צום הער ראָזען, מיט וועלכן בעריש האָט זיך שוין געגרויסט, ווי מיט אַ צוקונפֿטיקן מחותן.

אין דער אמתן איז די סיבה געווען גאָר אַן אַנדערע, וועגן איר האָט ער נישט געוואָלט זאָגן דעם פֿאָטער. דאָס פֿריילין ראָזען איז אים אַ ביסל דערעסן געוואָרן. געווען איז זי נישט צו יונג, אַ ביסל פֿאַרוועלקט, אַ ביסל בלוט־אָרעם און ער האָט אויפֿגעלעבט ביים געדאַנק, אַז זי וועט זיצן אַ צייט אויף פֿרישער לופֿט און ער וועט איר נישט מוזן לייסטן געזעלשאַפֿט... אָבער דער פֿאָטער דאַרף וועגן דעם נישט וויסן — צי וואָס סתם פֿאַרשאַפֿן אים קרענקונג? ער וועט עם דאָך סיווי נישט פֿאַרשטיין, נישט וועלן פֿאַרשטיין. אַ קלייניקייט — אַזאַ שידוך! איז בעסער שווייגן וועגן דעם.

נאָר דאָס ביסל בכבודיקע נעמען, וואָס הענגריק האָט אויסגערעכנט, האָט אויף בערישן געווירקט פֿאַרשיכורנדיק. דערצו נאָך: נאַטשע ווינטשט זיך... נאַטשעס ווונטש איז פֿאַר אים אַ באַפֿעל, כאָטש יענער איז דער ייִנ־גערער ברודער. דאָס עשירות מאַכט נאַטשען פֿאַרן ראש פֿון דער משפּחה און אַ ראש פֿאָלגט מען.

איז טאַקע געבליבן גלייך זיך צו קלייבן. די צוגרייטונגען און דאָס פּאַקן, אַרום וועלכן עס האָבן זיך געפּאָרעט אַלע קינדער און אַלע משרתים, האָבן בסך־הכל געדויערט אייניקע טעג. קורץ פֿאַרן פֿאָרן איז אָבער אויס־געבראָכן אַ סיכסוך, וואָס האָט אַרייגגעבראַכט אַ שטיקל מהומה אין די צוגרייטונגען: וואָס טוט מען מיטן לערער? ביי ביילען איז קיין צוויי מיי־נונגען נישט געווען — דער לערער דאַרף מיטפֿאָרן מיט זיי. ווי וועט זי זיך אַליין קאָנען אַן עצה געבן מיט די קינדער — דערצו נאָך אין וואַלד? אַחוץ אַלעמען — בנימינדל וועט עס, חלילה, איבערקרענקען. בעריש האָט זיך ווידער געשראָקן, אַז ער קאָן האָבן צרות מיט דער בוכפֿירונג, אויב דער לערער וועט אָוועקפֿאָרן — פֿון הענעכן קאָן ער קיין שום הילף נישט דער־

וואַרטן... איז אים איינגעפאַלן, אַז עס וועט מסתמא זיין צו ענג אין דער כאַטע... רייזל איז שוין באַלד אַ כלה־מויד, געשיקט זיך נישט אין אַזאַ ענג־שאַפט צו וווינען צוזאַמען מיט אַ פרעמדן יונגערמאַן... און דער וואַלד... דאַסמאָל האָט זיך ביילע איינגעשפּאַרט און פאַרלאַנגט, אַז העניעך זאָל פּסקענען, ווער פון זיי איז גערעכט.

— זאָל ער! — האָט בעריש מסכים געווען. דערביי איז ער געווען אומצופרידן, וואָס זיין וואָרט האָט פאַרלוירן די דעצידירנדיקע באַדייטונג אין שטוב. העניעך גאָר...

העניעך האָט אָבער פריער געכאַפּט אַ שמועס מיט איזאַקן, און ווען יענער האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין חשק זיך צו פאַרקליבן אין עפּעס אַ וואַלד, וואָלט גערן זיך אָפּגערוט אַ שטיקל צייט פון דעם טומל מיט די קינדער — האָט עס געווירקט אויפן באַשלוס. העניעך האָט ערנסט און מיושבדיק געפּסקנט, אַז גערעכט איז דער טאַטעשי, עס פּאַסט נישט, מען ווייסט נישט, ווי מען וועט זיך קאָנען דאָרט פּאַמיעשטשען און אַזוי ווי־טער. אפשר אַ צווייט מאָל...

אַזוי־אַרום איז אין דער גרויסער וואַרשעווער דירה אַחוץ בעריש און־גער, וועלכן איזאַק פלעגט זעלטן זען און פרייטיק־שבת בכלל נישט, — פאַרבליבן ער מיט שלמהלען און אַן עלטערע קעכין, וואָס איז גלייכצייטיק געווען די באַלעבאָסטע.

צום שטאַרקסטן האָט זיך דערמיט דערפרייט שלמהלע, געווען זיכער, אַז איזאַק וועט איצט מער צייט אָוועקגעבן זיין חברה, גוויאַזדאָס מענטשן. ער וועט איצט איינספירן זיין צוזאָג וועגן איינשטעלן גאָר אַ נייע פורים־שפּיל. נאָר שלמהלע האָט זיך אַנטוישט. איזאַק איז גאָר איצט ממש פאַר־כאַפּט געוואָרן דורכן יונגן הער. שוין אַ פּאָר טעג, ווי ער לאָזט אים נישט קיין פרייען אָוונט.

אין דער אמתן האָט זיך שוין העניעך אַ סך חדשים נישט אַזוי איינ־טערעסירט מיט איזאַקן, ווי די לעצטע טעג. געבראַכט מתנות — אַ נייע אויסגאַבע פון פרידריך שילערס ווערק; שעהן לאַנג אָפּגעזעסן מיט אים ביי אַ גלעזל טיי, ביי אַ גלעזל ווייַן. העניעך האָט איצט ציטירט שילערן, כסדר איבערגעחזרט דעם מאָטאָ פון די „רויבער" — „קעגן טיראַנען!". בכלל האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו פייערן קעגן טיראַניע, דעספּאָטיזם, פאַר פרייהייט פון דער פערזענלעכקייט, פרייהייט פון מענטש... לכתחילה האָט איזאַק נישט פאַרשטאַנען, פון וואַנען נעמט זיך די איבערקערעניש. ער האָט זיך אָבער גיך געכאַפּט, אַז העניעך מוז עפּעס זיין אומצופרידן פון זיין פּע־

פערם הערשאַפט. ווייזט זיך אַרויס — ער הלשט גאָרנישט אזוי זיך משדך צו זיין מיט די ראָזעגס. אין העגריקס כסדרדיקן איבערחזרן פון אויסגווייניק גאַנצע שטעלן פון „אינטריגע און ליבע", זיין געוואַלטיקן מיטגעפיל פאַר לואיזע מילער און פאַר פערדינאַנדן, זיין כעס קעגן הערצאָגס האַנדל מיט לעבעדיקע מענטשן און דעם פרעזידענטס דעספּאָטיזם לגבי זיין זון — האָט איזאַק דערהערט נייע טענער. דאָס האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ חשד, אַז אין העגריקס לעבן האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ לואיזע. ער האָט אָבער נישט געפּרוווט צו דערגיין ביי זיין חבר, צי עס איז אַזוי. ס'האָט אים נישט אינטערעסירט. צופיל פרעמדקייט איז פאַר דער צייט אָנגעוואַקסן צווישן אים און העגריקן.

דאַקעגן העגריק האָט פּלוצלונג דערפילט אין איזאַקן דעם נאָענטסטן מענטשן פון זיין גאַנצן אַרום, כאָטש דאָס געפיל פון פאַר אַ סך יאָרן האָט שוין פאַרלוירן זיין שאַרפקייט, וואָס האָט אַמאָל געשטאָכן ביז ווייטיק, אָבער דערפאַר אויך געקאָנט דערוואַרעמען מיט האַרציקייט. איזאַקן האָט ער זיך געקאָנט אַ ביסל פאַרטרויען, כאָטש אייגנטלעך איז ער געווען פאַר אים איצט אַ מעדיום, דורך וועלכן ער האָט געוואָלט אַליין קאָנטראָלירן זיינע אייגענע געפילן, נישט אַנטפּלעקנדיק זיי צו פיל.

— פאַרנע אין שטוב. די קאָטש וואַרט אונטן. קום, לאָמיר זיך דורכ־פאָרן קיין אויאַזדווו. אָפּקילן, אָפּפרישן... — האָט העגריק פאָרגעשלאָגן נאָך אַ פאָר אָוונטן אָפּזיצן און אויסטעגהן זיך אין שטוב.

זיי ווערן געטראָגן אין דער קאָטש דורך די מיט שטיין געפלאַסטערטע גאַסן פון דער נייער וועלט צו די אַלטע, הויכע ביימער פון אויאַזדווו, וואָס שאַפן מיט זייערע געדיכטע קרוינען אַ פיינעם שאָטן. אויפן וועג געמאַכט באַמערקונגען, גערעדט שטעכווערטלעך און גלייכווערטלעך וועגן פאַרבייגיי־ענדיקע, וועגן דעם עלעגאַנטן וואַרשעווער אָוונט־לעבן נאָך אַ הייסן זומער־טאָג. זעלטן האָבן זיי געזען דורכשוועבן אַ פרויען־געשטאַלט אין כוואַליעס פון פאַלדן און פאַלבאַנעס. איז אָבער יאָ אַדורך — האָבן זיך גלייך אַ לאָז געטאָן נאָך איר פון אַלע זייטן עלעגאַנט געקליידטע דענדיס, וואָס האָבן גע־פעכלט די צעהיצטע פנימער מיט די הויכע צילינדערס.

— ווי בינען אַרום האָניק, — האָט איזאַק אַ ברום געטאָן.

דאַקעגן העגריקן האָט עס אַ שטויס געטאָן צו פילאָזאָפישע פאַראַלגע־מיינערונגען וועגן פרויען, וועגן ליבע, וועגן געפילן... „יאָ, יאָ, קאַנדידאַט אויף אַ שילער־העלד", — האָט איזאַק געשמייכלט. נאָר ווען זיי זענען שוין געווען האַרט ביים אויאַזדווו, זענען העגריקס ווערטער געוואָרן מטושטשער.

עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש און רעדט — וועגן וואָס ער טראַכט נישט, כּדי צו פאַרדעקן די אמתע געדאַנקען. מיטאַמאָל האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַ טריומפאַלער „אָה“!, ער האָט אַ צי געטאָן דעם קוטשער פון הינטן און פאַראָרדנט צו פאַרהאַלטן די פערד.

— לאָמיר אַ ביסל אָראָפּגיין... כ'האָב צופעליק דערזען אַ גוטן באַקאַנטן מיט זיין שוועסטער... כ'וויל אייך באַקענען.

די נערוועזיטעט פון די באַוועגונגען, די געענדערטע פאַרב פון זיין פּנים, וואָס איז געווען קענטיק טראָץ דעם שוואַכן לאַמטערן־ליכט, האָט ביי איזאַקן אַרויסגערופן דעם געדאַנק: „דאָס מוז עס זיין די לואיזע מילער“...

— ד"ר בערנשטיין... פריילין בערנשטיין... מיין פריינד, איזאַק שערצשפּילער.

II

געהייסן האָט עס אַ צופעליקע באַגעגעניש. אָבער איזאַק האָט זיך אָנגעשטויסן, הערנדיק, אַז דאָס איז דאָס געוויינלעכע שפּאַציר־אָרט פון די בערנשטיינס: העגריק האָט אים ספּעציעל מיטגעשלעפּט, כּדי צו פאַרמאַסקירן די כוונה צו טרעפן זיך מיט פריילין בערנשטיין! דער צולהכעיסניק אין אים האָט דעריבער געוואָלט אָפּטאָן העגריקן אַ שפּיצל. ער האָט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען דער פריילין בערנשטיין, פּרוּווּנדיק אַ בליץ טאָן פאַר איר מיט עלעגאַנטע מאַניערן, שאַרפזיניקע ווערטלעך, פראַנצויזישע און דייטשישע שפּריכווערטער, וואָס האָבן באַדאַרפט אונטערשטרייכן זיין פיינעם אַקצענט אין די שפּראַכן. העגריק האָט עס אַרויסגעפילט און האָט באַלד, מיט געמאַכטער היימערקייט, איבערגעריסן זיין שמועס מיטן דאָקטאָר בערנשטיין:

— וואָס פאַר אַ גליקלעכער צופאַל! דער הער דאָקטאָר האָט גראָד געזוכט אַזאַ מענטשן, ווי דו, אַדורכצודיסקוטירן זיינע אינטערעסאַנטע פּראָיעקטן...

באין־ברירה האָט שוין איזאַק געמוזט ווייטער שפּאַצירן ביי דער זייט פון דאָקטאָר, איבערלאָזנדיק העגריקן מיטן פריילין פון הינטן.

דער דאָקטאָר האָט ליב געהאַט, רעדנדיק פויליש, פון צייט צו צייט אַריינצוּוואַרפן אַ דייטשיש ווערטל. „ווייסן זי“ — האָט זיך אים די גאַנצע

צייט נאָכגעשלעפּט, ביז ער איז בכלל אַריבער אויף דייטש, ווען דער שמו־עס זייערער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ דעליקאַטער אַמפּערגיש. דאָקטאָר בערנשטיין איז געווען צופרידן, וואָס ער קאָן דיסקוטירן מיט אַ מענטש „אוס אייראָפּאַ“. ער אַליין האָט דאָך שטודירט אין דייטשלאַנד — וואָס פאַר אַ ווערט האָבן דען די שטודיען אין „היזיקן אוניווערסיטעט“? ער שרייבט זיך צונויף מיט אייניקע הויך געבילדעטע „גלאַובענס־גענאָסען אין דויטשלאַנד“. ער וויל זיך נישט באַרימען פאַר זיין יונגן פריינד, אָבער — ער שרייבט נישט נאָר בריוו. זיין געערטער פריינד, דאָקטאָר לודוויק פיליפּ־סאָן פון לייפּציק, וואָלט געקאָנט וועגן דעם עפּעס זאָגן. איבעריקנס, אויב עס וועט צושטאַנדקומען דאָקטאָר פיליפּסאָנס שיינע אידעע ארויסצוגעבן אַן „אַלגעמיינע צייטונג דעם יודענטומס“, וועט זיך דער יונגער פריינד אַליין איבערצייגן... יאָ, יאָ, ער איז נישט סתם עפּעס אַ רופא — אָה, ניין! ער זוכט צו היילן אויך קראַנקע נשמות — די קראַנקע נשמות פון זיינע „גלאַובענס־גענאָסען“. דערפאַר איז אים שוין דערווידער געוואָרן די אַרבעט אין יידישן שפּיטאָל. בלויז אומריינקייט און שמוץ... ער וויל זיך, חלילה, נישט אַרויסהייבן — גאָט האָט אונדז אַלעמען פון דעם זעלבן ליים גע־קנאָטן — אָבער יעדער מענטש, וואָס האָט נאָר אַ שמעק געטאָן צו אייראָ־פּע, קאָן נישט פאַרטראָגן דעם ריח פון וואַרשעווער יידישן פעבל, ניכט וואַר? נישט דערפאַר, ווייל ער האַלט זיך גרויס — זיכער געהערט וועגן דער פאַמיליע בערנשטיין? — דאָס זענען זיינע, דעם דאָקטאָרס, „פער־וואַנדטע“, נו, ווייטע קרובים. גרויסע גבירים... ער, דער דאָקטאָר, איז טאַקע נישט קיין גביר, אָבער ער איז רייך אין גייסט — דאָס קאָן ער דרייסט זאָגן וועגן זיך. דערפאַר טוט אים נאָכמער וויי די אָרעמקייט פון זיינע „גלאַו־בענס־גענאָסען“...

די רייד האָבן זיך געגאָסן פון זיין מויל, ווי אַ שטראָם פון געדיכטן בוימל. איזאַקן איז שווער געווען אַריינצווואַרפן אַ וואָרט, דערווידערן. האָט עס דער דאָקטאָר טאַקע אָנגענומען פאַר אַ גוטער מטבע און גערעדט, אי־בעררייסנדיק ערשט, כדי צו כאַפּן אַ ביסל דעם אָטעם. דאָס האָט אויסגע־נוצט איזאַק און אַריינגעוואָרפן אַ פראַגע: אויב דער דאָקטער וויל אַזוי שטאַרק היילן די נשמות פון זיינע אָרעמע „גלאַובענס־גענאָסען“, וואָס פאַר אַ פרווון האָט ער שוין געמאַכט דערצו? ס'וואָלט אים זייער אינטערעסאַנט געווען צו וויסן, ווייל די פראַגן זענען אים באַזונדערס נאָענט. ער האָט שוין וועגן דעם אַפילו גערעדט מיטן דאָקטאָר סטודענצקי — „דער הער דאָק־טאָר קען דאָך זיכער זיין קאָלעגע?“.

דערהערט סטודענצקיס נאָמען האָט זיך בערנשטיינס פּנים פאַרצויגן מיט אַ מין שליים־הייטל. יאָ, יאָ, ער קען דעם יונגן קאָלעגע זיינעם... יאָ, ער האָט אויך, זאָגט מען, שטודירט אין בערלין. קומט אים טאַקע אוים צו באַדויערן, וואָס נישט האָבנדיק קיין פּאָסטן אין שפּיטאָל און פּראַקטיק אין די פאָרנעמע הייזער, — האָט זיך דער קאָלעגע אויסגעקאָכט מיט פעבל, געוואָרן זייער רופא... פאַרשטייט זיך, אַז מען קאָן גאָרנישט האָבן קעגן דעם, עס איז די פליכט פון אַ דאָקטאָר אַלעמען צו דערטיילן הילף... נאָר עס זעט אוים, ווי דאָקטאָר סטודענצקי וואָלט געזוכט ביליקע פּאָפּולאַריטעט. אין די בעסערע הייזער ווערט ער נישט אַזוי גערן געזען... כאָטש, מען מוז צוגעבן, — ער איז אַ פעיקער אַרצט, אַזאַ מיינונג הערשט איבעראַל.

איצט איז שוין איזאַק אריבער אין אַנגריף, נישט לאָזנדיק אָפּטמאָל דעם דאָקטאָר בערנשטיין פאַרענדיקן אַ זאַץ: עס גייט אים נישט וועגן דער מעדיצינישער פּראַקטיק פון דאָקטאָר סטודענצקי — ער איז אַ לאַיקער אין די זאַכן און ווייניק נאָך באַקאַנט מיט די וואַרשעווער פאַרהעלטעניש. אָבער די דערציונגס־אַרבעט, וואָס יענער פירט, זיינע שמועסן מיט די אָרעמסטע פּאַציענטן וועגן היגיענע, פּראָפילאַקטיק, קולטור פון טאָגטעג־לעכן לעבן — דאָס, האַלט ער, האָט זייער אַ גרויסע באַדייטונג און קאָן העלפן צו פאַרקלענערן די פינצטערניש אין רעוויר, ביי דער אָרעמקייט.

דער דאָקטאָר האָט צוביסלעך פאַרלוירן זיין רואיקע גלאַטיקייט: עס גייט אים גאָרנישט אין לעבן, ס'זאָל פאַרקלענערט ווערן די פינצטערניש, זאָל בעסער פאַרקלענערט ווערן די אָרעמקייט. איזאַקן איז עס לכתחילה גע־ווען מאָדנע: זאָל דער דאָקטאָר אויך זיין אַ ראַדיקאַל? וויאַזוי רעכנט ער עס צו פאַרקלענערן די אָרעמקייט? בערנשטיין האָט אים באַלד באַקענט מיט זיין מיטל: פאַרקלענערן די צאָל יידן אין וואַרשע, נישט דערלאָזן צום אַריינקומען פון נייע יידן. דאָקטאָר בערנשטיין האַלט, אַז מען וואָלט אַפילו געמעגט רעזיגנירן פון די הכנסות פון טאָג־צעטל — אַבי די יידישע שלע־פער, די שמאַטע־יידן זאָלן בלייבן זיצן אין זייערע שטעטלעך. זיי ברענגען מיט זיך נאָר לייז און אַנטיסעמיטיזם, יאָ, יאָ. דער קעגנאַרגומענט פון אי־זאַקן, אַז די גרויסע אונטערנעמער, פאַבריקאַנטשיקעס, באַנקירן, סוחרים קאָ־נען גיכער אַרויסרופן צו זיך שנאה, אַנטיסעמיטיזם — האָט דעם דאָקטאָר געטראָפן, ווי אַ דונער. ער האָט אָנגעשטעלט אויף איזאַקן אַ פּאָר אויגן, ווי ער וואָלט פאַר זיך דערזען אַ מענטשן פון אַן אַנדער וועלט: וואָס הייסט — מענטשן, וואָס לעבן אויף מיט זייער איניציאַטיוו און קאַפּיטאַל דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס שאַפן אַן אינדוסטריע, טראַנספּאָרט, קולטור — די מענטשן

זאָל מען פײנט האָבן? „איך האָב, װײזט אױס, שלעכט פֿאַרשטאַנען מײַן יונגן פֿרײַנד?“.

דער „יונגער פֿרײַנד“ האָט זיך נישט געלאָזט אָראָפּשלאָגן פֿון טראָפּ: נײן, דער דאָקטאָר האָט זײער גוט פֿאַרשטאַנען. גראָד װי ער פֿאַרשטײט איצט אױסגעצײכנט דעם דאָקטאָר. ער פֿאַרשטײט זײַן נשמות־טעראַפּיע. און ער קאָן נישט מסכים זײַן אױף אַזאַ הײלונג. ער האַלט, אַז דאָס איז די פֿליכט פֿון דער אינטעליגענץ — יאָ, יאָ, טאַקע פֿליכט — צו זאָרגן װעגן ליכט, װעגן אַ בעסער לעבן פֿאַר די אָרעמע און אָפּגעשטאַנענע ברידער. לערנען זײ אַ מלאכה, זײ זאָלן האָבן אַ זיכערע עקזיסטענץ — צי האָט דער הער דאָקטאָר נישט געהערט װעגן פּראָיעקטן צו שאַפֿן אַזעלכע שולן? בכלל — שאַפֿן שולן, לערנען די מענטשן לײענען, שרײַבן, רעכענען, געבן זײ אַ באַגריף װעגן דער װעלט...

אױסער זיך איז געװאָרן דער דאָקטאָר: שולן? פֿאַר װעמען שולן? יעדער, װאָס האָט אַ האַנט און אַ פֿוס זאָל זיך לערנען — װאָס זשע װעט טאָן די אינטעליגענץ? זײער ריכטיק האָט זיך אױסגעדריקט זײַן דורכלױכט, פּירשט פּאַסקיעװיטש. „בילִיקע בילדונג דערהײבט פּשוטע מענטשן איבער זײער שטאַם און דאָס איז שעדלעך“. שעדלעך! דאָס רופֿט אַרױס אומרוען, לערנט מענטשן װי זיך צו בונטעװען קעגן קיסר... דער יונגער פֿרײַנד מעג װיסן, אַז אַפֿילו אַזאַ שול, װי די ראַבינער־שול — נאָר דערפֿאַר, װײַל זי האָט אַרײַנגענומען מענטשן פֿון דער גאַס, דאָס אײנפֿאַכע פֿעבל, װעמען די קהילה האָט נאָך געמוזט אױסהאַלטן — איז זי געװאָרן אַ נעסט פֿון בונטאָװשטשיקעס. פֿון דאָרט זענען אַרױס די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון בונט קעגן קיסר צװישן דער ײדישער באַפֿעלקערונג...

פּעך און שװעבל האָט דער דאָקטאָר בערנשטײן געשיט אױף אָרעמע־לײַט, װאָס רײַסן זיך איבער הױכע שװעלן, צו הױכע פֿענצטער. איזאַק האָט עס כמעט נישט געהערט; דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַרײַן, װען דער דאָקטאָר האָט גערעדט װעגן די „בונטאָװשטשיקעס“ פֿון דער ראַבינער־שול. ער האָט געהאַט חשק אָנצוכאַפּן דעם דאָקטאָר בײַ די לאַצן און אַ שלײדער טאָן אים אױף דער ערד. עס האָט זיך אים געװאָלט אױס־שרײַען אין זײַן פּרצוף: פּאָשאָל־װאָן, פּאַסקיעװיטשעס הינטל!...

העבריקס פֿרײלעכע שטים האָט אים אַ ביסל אױסגעניכטערט:

— אַ הײסער שמועס בײַ אײַך!... אָבער פֿרײלין מערי כאַפּט שױן אַ ציטער, װאַרשײַנלעך מער פֿון מידקײט, װי פֿון קעלט. מוז מען זיך לײדער געזעגענען...

ער האָט אַ בליק געטאָן אויף זיין חבר:

— אָ, דו, איזאַק, וואָלסט זיך, פאַרקערט, באַדאַרפט אָפּקילן. ביסט צעהיצט נישט אויף קאַטאָוועס...

איזאַק האָט עפּעס געשטאַמלט און אומגעלומפּערט זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען מיט פּריילין בערנשטיין.

— זייער, זייער אינטעליגענט דער פריינד אייערער, געערטער הער אונגער... זייער — דער דאָקטאָר איז ווידער געוואָרן העפלער־קאָרעקט. — נאָר אַ ביסל, וואָלט איך זאָגן, וואָלטעריאַניש. זאָגאָר, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, יאַקאָביניש, וואָלט איך זאָגן...

— יונגוואַרג, היץ־קעפּ... קראַנקהייט פון דער יוגנט; — האָט העגריק פריינדלעך צוריקגעשמייכלט. אויף זיין פּנים האָט ער זיך באַמיט אַרויסצוּ־ציען די מיושבדיקייט פון אַן ערנסטן, פאַרנעמען בירגער, וואָס קאָן זיך פאַרגינען צו קוקן מיט לייטזעליקייט אויף דער צעשויבערטער אויפפירונג פון דער יוגנט.

III

— אַ חמימה! אַ־ו־ף! אַ חמימה! — זייוול דער אויבער־שמש האָט געווישט דעם שווייס פון צעפלאַמטן שטערן מיט אַ גרויסער, רויטער פאַ־טשיילע און געפּערכעט, ווי ער וואָלט זיך נאָר וואָס אַרויפגעקומען אויף דער אויבערשטער באַנק אין שוויץ־באָד.

עטלעכע מאָל האָט ער זיך שוין אַריינגעכאַפּט אין דער נאָענטער ביר־שענק אויף די גאַלעוועס און דורכגעשווענקט דעם גאָרגל. די נאָז האָט אים געשיינט, ווי אַן איבערגעוואַקסן ראש־חודש־רעטעכל, און דעם דורשט האָט ער אַלץ נישט געקאָנט שטילן. לייכט־ווערעמלעך זענען אים געפלויגן פאַר די אויגן, ער האָט געהלשט זיך אויסצוציען אויף דער טאַכטע אין זיין שאָטנדיק חדר — און דאָ מוז ער אויף צולהכעיס וואַרטן פאַרן טויער. דער מורה־הוראה רב שייע דאַרף געבן אַ תשובה דעם דאָזאָר... וואָלט ער כאָטש זייוולען פאַרבעטן צו זיך אין חדר אַריין, ווו ס'איז מחיהדיק קיל — איז ניין, הייסט ער אים וואַרטן אין דרויסן, ווי ער וואָלט גאָר קיין ייד נישט געווען. באשר — עס גייט פון אים אַ ריח פון ביר, זאָגט דער מורה־הוראה, ער קאָן עס נישט פאַרטראָגן. אַזאַ אַלטער לולב, קיין ביר קאָן ער נישט פאַרטראָגן! וואָלט ער געפּרוווט אַזוי אַרומצושמייען אין דער היץ פון דאָזאָר צו די דיינים, צו באַלעבאַטים, אין שול — אַזוי ווי זייוול מוז עס

כאַן — וואָלט ער זיך שוין אויסגעבאָדן אין ביר. כאָטש צוריקגערעדט — אַן עבירה צו פּטרן ביר אויף אַזאַ שטרויענעם למך, וואָס צעפּאַלט זיך שיר... וואַרטן דאָ... ביז יענער וועט זיך אויסקראַצן אַנצוגריזמאַליען אַ פּאָר ווערטער, וועט אים די גענדזענע פּשדער צען מאָל אַרויספאַלן פון האַנט. טפוי!...

רב זייוול האָט געבלאָזן, געשפּיגן, געווישט זיך דעם שטערן, געגעבן תקיעות אין דער פּאַטשיילע אַריין; אָפּגעטריבן מיטן קאָפּ די לייכט־ווערטמלער, וואָס האָבן זיך גאָר אַרויסגעוויזן פּאַר ברעקלעך שטויב אין גבול פון אַ זון־שטראַל — און דעם מורה־הוראהס משרת איז נאָך אַלץ נישט אַראָפּגעקומען מיטן דער תשובה. זייוולס אויסגעטרוקנטע, שרפהנדיקע אויגן־דעקלער האָבן אָנגעהויבן בלייאיק אַראָפּצושווערן, פאַרווישן פּאַר זיין בליק דעם טונקעלן אַרום.

קאָזע, קאָזע, קאָזע, מע!
קום אַ טענצל, קאָזע, מע...
קריגן וועסטו גראָזן רייך,
שפּילן מיט בערעלען זיך אַ סך,
קאָזע, קאָזע, קאָזע, מע...

ווי אַן אייז־קאַלט שעפּל וואַסער וואָלט זיך איבערגעקערט אויף זייוולס קאָפּ. וואָס איז דאָס עפּעס פּאַר אַ פאַרשייט לידל אין מיטן העלן טאָג אויף די נאַלעווקעס? אַ חלום? שדים האָבן זיך צעטאַנצט?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. מו״ל און אויגן זענען ביי אים אויפגעריסן געוואָרן: פון דער פּראַנטשישקאַנער גאַס איז אַרויס אַ בר־מצווה־יינגל, וואָס האָט פּאַר זיך געטריבן אַ ווייסע ציג. פּילקאַליריקע סטענגעס זענען איר אַראָפּגעהאָנגען פון ביידע זייטן הערנער, איינגעפלאָכטן געווען אין איר בערדל. די ציג האָט געדרייט מיטן קאָפּ, וועלנדיק זיך באַפרייען פון די סטענגעס, אונטערגעשפּרונגען אויף רעכטס און אויף לינקס. דאָס יינגל, מיט אַ דין גרין ריטל אין דער האַנט, איז נאָכגעשפּרונגען נאָך דער ציג, ווי ער וואָלט געטאַנצט. כסדר איבערגעחזרט דאָס צעדרייטע לידל, אין וועלכן עס האָט זיך געהאַלטן אין איין איבערהזרן דאָס „קאָזע, מע“. איבערגעריסן דאָס לידל — האָט ער זיך הילכיק צעלאַכט און ווידער געזונגען. אַ פרייד האָט געפּאַרעוועט פון יינגל: באַלד וועט ער זיך אויסציען אויפן גראָז פון מוראַנאָווער וועלדל, זיך מער נישט פּרעגלען היינט אין חדר... זיין קאָזעלע טאַנצט אַזוי באַחנט... פליגלען זענען אים אָנגעוואַקסן, ער איז געפלויגן טאַנצנדיק, נישט פילנדיק די פּאַרברענטע ערד פון די נאַלעווקעס אונטער די באָרוועסע פיס.

— אוי... אוי... אוי... — אַן אויסגעצויגענער ברום פֿון זייוולען האָט דורכגעשניטן די געדיכטקייט פֿון דער הייסער לופֿט... — שייגעץ!

ווי אַ שוואַרץ־רויטע מויער איז זיינוול געבליבן שטיין פֿאַרן ייִנגל מיט דער ציג. מיט אַמעטיק־מעגמשלעכע אויגן האָט אים די ציג אָנגע־קוקט, אַ טרייסל געטאָן די קאָלירטע סטענגעס און געוואָלט אויסמייַדן די לעבעדיקע מויער. האָט זי זייוול אָנגעכאַפּט ביי די הערנער און מיט ברייט צעקראַטשעטע פיס אָנגעזאָגט, אַז קיין שום כוח וועט אים נישט רירן פֿון אָרט.

אויף בערעלעס פּנים איז פֿאַרשטאַרט געוואָרן דאָס געלעכטער: וואָס וויל פֿון אים דער רוימער ייד? קוים פּטור געוואָרן דעם מלמד אויף אַ פּאָר שעה — אַזאַ אָנשיקעניש גאָר... — איצט האָט ער געפֿילט, ווי די צעגליטע גאַס בריט די באָרוועסע טריט, האָט ער אָנגעהויבן אונטערצושפּרינגען אויפֿן אָרט, בעטנדיק זיך מיט די אויגן ביי זייוולען, ער זאָל דורכלאָזן אים מיט דער ציג.

דאָס האָט זייוולען נאָך מער אַרויסגעפֿירט פֿון די כּלים: ער טאַנצט נאָך, דער פֿאַרשייטער שייגעץ! פֿאַר אים אין די אויגן טאַנצט ער!

— יידן! העלפֿטמאָ! — זייוולס פֿאַרטרוקנטע קעל האָט געדעוועט.

איינצלנע פֿאַריאַכמערטע יידן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, נישט וויסנ־דיק, וואָס עס איז געשען. פֿון הויף איז אַרויסגעלאָפֿן דעם מורה־הוראהס משרת מיט דער תשובה און באַלד גרייט געווען צו העלפֿן דעם אויבער־שמש. נאָר אין וואָס העלפֿן — האָט ער באַין אופֿן נישט געקאָנט משיג זיין.

דער קליינער בערעלע — געזען דעם אָנגעלויף — האָט זיך אָנגע־הויבן צו שרעקן נישט אויף קאַטאָוועס, כאָטש וואָס מען וויל פֿון אים, האָט ער נאָך אַלץ נישט געוווסט. „מאַמעלע פֿאַרד האָט מן־הסתם עפּעס אָנגערעדט... אַ בילבול... אָסור אויב ס'איז אמת“... — האָט דאָס קינד אין זיך געשטאַמלט און זיין מויל האָט זיך אויסגעבויגן אין אַ פּאָדקאָווע.

פֿאַר זייוולען האָט איצט עקזיסטירט נאָר די ציג מיט די סטענגעס. אָ, אים וועט מען נישט אָפּנאַרן, ער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ שפּיל דאָס איז! ער געדענקט נאָך פֿון די קינדער־יאָרן, ווי פֿאַרשייטע ישיבה־בחורים אין זיין שטעטל האָבן פּורים אויסגעפּוצט קאָזעס, הוזק געמאַכט פֿון שיינע באַלעבאַטים און געטאַנצט מיט די קאָזעס, ווי די געצנדינער אָדער גוייִשע קאָלענדניקעס. „— אַזוי ווייט איז שוין דערגאַנגען די הפקרות אין ק“ק וואַרשע! אינמיטן אַ זומערדיקן טאָג, אַ העזה צו פּראַווען אַזאַ אויסגעלאַסנ־

קײט אין גאַס! אַ טריאַטער אויף די גאַלעוועס...״ ער איז זיכער געווען, אַז דאָס ייִנגעלע האָט מען אַרויסגעשיקט ווי אַן אויסשפּיר. גוואַזדאַס קאַפּ! זײַנע פּורים=שפּילער... ער וועט זײ שוין ווײַזן!

— שמײַסן! מלקות! אַ סוף צום הפקרות! — האָט ער זיך געריסן.

אַן אויסגעמאָגערטע ייִדענע האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד צוויי פולע קײשלער וואָשטשיזנע — זאָלן די הענט אַ ביסל אָפּרוען בײַ דער געלעגנהייט! — און פאַרראָכטן זיך די האָר פון שיטערן שייטל. נײַגעריק האָט זי זיך איבערגעבויגן צום געזעמל מענטשן, וואָס האָט זיך שוין געהאַט פאַרזאַמלט, אָפּגעווישט מיט דער פּלאַך פון דער האַנט אַ פּאָר שטויב=פלעקן פון פּנים, צעשמירנדיק דערבײַ דעם שטויב איבער די באַקן און אַ פּאָכע געטאָן מיט די הענט:

— גוואַלד, ייִדן, ס׳איז דאָך בערעלע, דוואָשע דער אלמנהס... וואָס איז געשען מיטן אָרעמען יתום, נעבעך?

אַ צעקוועטשט יידל האָט איר אין אָפּגעהאַקטע ווערטער אויסגעמשלט דאָס אומגליק. האָט זי גלײַך זיך געכאַפּט באַווײַזן זײַוולען, אַז ער האָט נעבעך געהאַט אַ ביטערן טעות: בערעלע האָט נישט צו טאָן מיט קײן שום טריאַטערס אָדער אַנדערע פּורים=שפּילן, ער איז אַ ביסל נישט בײַם פולן פאַרשטאַנד — דערפאַר לאָזט אים טאַקע דער מלמד לויפן פון חדר... ער גײט מסתמא צום וועלדל צופּאַשען די קאָזע, זײַער אײנציקע שפּײַזעריין, קאָן מען זאָגן... אַזאַ היץ, מאַכט ער זיך אַ ביסל נאַריש. זײַוול האָט גאָרנישט געוואָלט הערן. ער האָט געפּערכעט און געריוועט, געריסן בערעלען, געשלעפּט די ציג, געשריגן:

— עוקר מן השורש זײַן! ייִדן, העלפּצמאָ!

אײניקע פון געזעמל האָבן אײַנגעזען, אַז די ייִדענע איז גערעכט. נאָר אָנהײבן מיט זײַוולען האָבן זײ מורא געהאַט. איז געמאַכט געוואָרן אַ קינסטלעכער געדראַנג, כדי זײַוול זאָל זיך נישט קאָנען רירן מיט זײַנע אַרעסטאַנטן. דעם מורה הוראהס משרת ווידער, מיט די צוויי=דרײַ שכנים פון די נאָענטסטע הײַזער, אַ קרעמער, וואָס איז געשטאַנען ביז איצט אָן לײַזעכץ אין שאָטן פון זײַן געוועלבל, — האָבן זיך באַמיט דורכצורײַסן אַ וועג אין דעם געדראַנג, כדי די קאָזע=גרופּע זאָל זיך קאָנען רירן. אין דער געדיכטער, הייסער לופט, האָבן זיך אויסגעמישט די קולות, ביז עס האָט זיך אײַנגעשניטן אין זײ אַ שאַרפער, אויסגעצויגענער, קוויטשיקער געוויין. דאָס האָט בערעלע געגעבן צו דערקענען, אַז די שפּיל האָט אים אויפגעהערט צו ווײַלן.

דאָס געוויין פון קינד האָט אַרויסגערופן נאָך אַ גרעסערע באַוועגונג.

ס'געזעמל איז געוואַקסן. איניקע האָבן זיך באַמיט דורכצורייסן נענטער און לסוף האָט זיך ממש מיט גוואַלט דורכגעשטופט אַ יונגערמאַן אין דייטשישער קליידונג, וואָס איז שטיין געבליבן נעבן זייוולען און דראָענדיק אים פאַרטשעפעט:

— אָ, ווידער איר? וואָס מאַכט איר דאָ פאַר אַ טומל?

מיט רויט־פאַרגאָסענע אויגן האָט אים זייוול אָנגעקוקט, נישט דערקענט. די מלבושים האָבן אים געשראָקן — עס האָט אים שטענדיק געשראָקן אַ „דייטש". איינצלנע שטימען האָבן זיך געלאָזט הערן:

— דער לערער... פון די אונגערס... אַן אויסלענדער.

זייוול האָט זיך דערמאָנט: מיט דעם בחור האָט ער שוין אַמאָל געהאַט צו טאָן, אין מוראַנאָווער ביר־גערטנדל. דאָס האָט ער צעשטערט זייוולען איינעם פון זיינע הייליקע נצחונות... ווי אַ צעווילדעוועטער אָקס האָט ער זיך — ברומענדיק, מיט אַן אַראָפגעלאָזטן, פאָרויסגערוקטן קאָפ — אַ וואָרף געטאָן צו איזאַקן. יענער האָט דערווייל אויסגעהערט, וואָס די אַרומיקע האָבן אים דערציילט וועגן דער געשעעניש און — אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. ער האָט לאַכנדיק באַקוקט די גרופע, זייוולען מיט די אַרעסטירטע, די קאָזע האָט שוין פון שרעק קוים־קוים געמעקעט, — די אַרומיקע צעפלאַמטע פנימער פון די, וואָס זענען געווען זייוולס צד און די, וואָס קעגן...

— „גאָט, וואָס פאַר אַ ווילדקייט! וואָס פאַר אַ פינצטערניש!" — זיין געלעכטער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטרענגן ערנסט, מיט וועלכן ער האָט כמעט באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן:

— לאָזט אָפ דאָס קינד. מאַכט נישט קיין לייטיש געלעכטער!

דאָ איז שוין זייוול אַרויס פון די כלים. האַלטנדיק דעם וויינענדיקן בערעלע פאַרן אַקסל מיט איין האַנט, האָט ער מיט דער צווייטער געפאָכעט די רויטע פאַטשיילע, שרייענדיק מיט די לעצטע כוחות:

— יידן! אַ חילול־השם! העלפצמאָ!

גלייך האָט אים אונטערגעהאָלפן דעם מורה־הוראהס משרת, נאָך אַ פאָר יידן און אין דעם טומל האָט מען אַלץ בולטער געהערט:

— חילול־השם! חילול־השם!

א מעכטיקער באַס האָט די קולות איבערגעשריגן פונדערווייטנס:

— רא־זאי־דים! רא־זאי־דים!

דאָס קול האָט געמאַכט אויפציטערן די גאַנצע מחנה יידן. דאָס געזעמל האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערצורוקן, שיטערער געוואָרן. דער און יענער האָט זיך אָפגעטראָגן — א דערשראָקענער אָדער א מאַך טוענדיק

מיט דער האַנט. אייניקע האָבן ערשט איצט ווידער דערפילט, וואָס פאַר א היץ עס איז היינט. אינמיטן געזעמל האָט זיך מאַיעסטעטיש אריינגעקאָליערט אַנדרעיעוו — דער פחד פון יידישן רעוויר.

זייוולס אויגן האָבן אויפגעבליצט: משיח האָט זיך באַוויזן! אין אָפּגעהאַקטע, צעקאַליעטשעטע פויליש־רוסישע ווערטער האָט ער דערציילט דעם פאָרשטייער פון דער מאַכט, וואָס פאַר א שרעקלעכער חטא עס איז דאָ באַגאַנגען געוואָרן דורכן יינגל מיט דער ציג און אז דער אָ — האָט ער אָנגעוויזן אויף איזאַקן — באַגייט פשוט א חילול־השם. איזאַק האָט רואיק אויפגעקלערט, אז דער ייד איז, ווייזט אויס, געריירט פון דער היץ, האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אָן אָרעם יינגל און זאָל דער הער סטאַיקאָווע באַפרייען דאָס קינד מיט דער ציג.

א וויש פון די געדיכטע וואָנסן האָט ביי אַנדרעיעוון באַדייט, אז ער טראַכט איצט: אָנהייבן מיט דעם לייטיש־געקליידטן הער, וואָס רעדט צו אים אזא פיינעם פויליש און איז אזוי דרייסט, דאָ — צווישן דער דערשראָקענער סטאַיע שוואַרצע קראָען — דאָס איז געפערלעך. ווער ווייסט, אפשר א באַקאַנטער פון קאָמיסאַר, אָדער גאָר פון פּאָליצמייסטער? שפּעטער — נישט אויסצוקויפן זיך! בעסער פּאָרזיכטיק. פון דער צווייטער זייט ווייסט ער, אז זייוול איז א פאָרשטייער פון דער יידישער „וולאַסט“, פון די העכערשער אין רעוויר. קיין מניעה וועגן ביר, אָדער אפילו אָקעוויט, איז קיינמאָל נישטאָ. „די אָרדענונג מוז אָפּגעהיט ווערן, דאַ, דאַ“... — האָט ער געווישט די וואָנסן און מיט אַנטשלאָסנקייט א זאָג געטאָן:

— לאַדנאָ! ראַ־זאַי־דים ווסיע! מי ראַז־ביע־ראָם!

ער האָט זיך געמאַכט פאַרגעסנדיק וועגן איזאַקן און געהייסן שלעפּן בערלען מיט דער ציג אין אוטשאַסטאָק אריין... ראַז־ביע־ראָם...

א טריומפירנדיקער, האָט זייוול געשלעפּט מיט דער הילף פון מורה־הוראהס משרת דעם וויינענדיקן בערעלע, די מעקענדיקע ציג צווישן א שפּאַלער פון יידן און יידענעס, וואָס האָבן זיך דרך־ארצדיק פאַנאַנדערגערוקט, זעענדיק, ווי פּאָרויס דעם צוג עס שפּאַנט אַנדרעיעוו אליין.

IV

פאַר שלמהלען משרת איז די גאַנצע זאַך געווען אַ מאָדנע רעטעניש. רב בעריש דרייט זיך אַרום אַן אויפגערעגטער אין קאַנטאָר, פרעגט אויפן לערער, הייסט דעם לערער וואַרטן אין שטוב, ביז דער יונגער הער וועט

קומען... און ווי אויף צולהכעיס איז דער לערער ביימאַג אַוועק צו רב איציקל בעל=דיקדוק, מיטגענומען מיט זיך ביכער — נישט קיין ספרים, נאָר טאַקע אויסלענדישע ביכער — און מען זעט אים נישט ביז איצט. טאָמער עפּעס אַן אייליקער ענין? און טאַקע עפּעס אַ פריקרע זאַך — וואָלט דאָך אוודאי כדאַי געווען, ער זאָל באַצייטנס וויסן, אפשר זיך צוגרייטן... כאָטש צוריקגערעדט — שלמהלע איז רואיק פאַרן לערער: אינמיטן דער נאַכט מען זאָל אים אויפוועקן, וועט ער נישט בלייבן שולדיק קיין וואָרט, שוין געפינען אַן ענטפער!

מיט גרויסע טריט מעסט רב בעריש זיין קאַנטאָר. די שיין פון חלבן ליכט אויפן טישל ציט אויס משונהדיק זיין שאָטן. די פּאָלעס פון זיין שלאָפראָק זעען אויס אויף דער וואַנט, ווי דאָס פאָכען פון פליגל ביי אַ ריזיקער פלעדערמויז. — „מאַ, מאַ. האָט מיר גאָט צוגעשיקט אַ לערער, אַ גוווערנער, נישט אויסצוהאַלטן שוין... דער רוח האָט מיך אָנגעטראָגן צו פאַרהאַלטן אים אין שטאָט! ווען ער ליפּטערט זיך מיט די קינדער אין וואַלד, וואָלט דאָך נישט געקומען צו די צרות... ניין, מען מוז דערצו אַ סוף מאַכן! זאָל נאָר הענער קומען“.

מיט יעדער פאָר מינוט איז זיין אַרומשפּאַנען געוואָרן נערוועזער, בייזער: הענער קאָן זיך אַלץ נישט אַרויסרייסן. ער, בעריש, האָט אים דאָך געשיקט אָנזאָגן, אַז ער דאַרף אים נייטיק האָבן. נישט שוין זשע איז צו אים נישט דערגאַנגען די מעשה=נורא מיטן לערער? גאַנץ וואַרשע רעדט דאָך דערפון! און אים אַרט עס נישט... וואָס דען? די צרות גייען דאָך אויס צו זיין, צו בערישעס קאָפּ.

יעדער האַסטיקער טריט פון בערישן, יעדער רוק מיט אַ שטיק מעבל, האָט אָפּגעפּלאַטערט אין שלמהלעס האַרץ ווי אַ פלאַכטע אויפן ווינט: עס קלייבט זיך אַ שטורעם איבער דעם לערערס קאָפּ! דערביי קאָן דאָך, נישט ווילנדיק, אַ דונער טרעפן אויך אים, שלמהלען. מילא, פאַר זיך אַרט אים נישט. אָבער דער לערער...

אַ קלאַפּ אין טיר האָט שלמהלען אויפגעריסן פון אָרט. ער האָט גלייך דערקענט — נישט דעם לערער. ס'איז טאַקע געווען הענריק. אַ געלאַנגוויי־ליקטער האָט ער דערלאַנגט דאָס פאַרפוצטע שטעקעלע מיטן גרויסן, געלבלעכן, ביינערנעם קאָפּ און שטיל געפרעגט, צי דער לערער איז שוין דאָ. ער האָט זיך געלאָזט גיין צום פאָטער אין קאַנטאָר און אָנגעזאָגט שלמהלען: ווי נאָר דער לערער וועט קומען, זאָל ער אים גלייך אַריינשיקן אין באַלעבאָס קאַנטאָר.

— ער האָט אונדז נעכטן אָפּגעשפּילט אַ חתונה, אונדזער איטשע דעם בדחנס! — צום ערשטן מאָל האָט שלמהלע געהערט, אַז דער יונגער הער זאָל אַזוי רופן דעם לערער. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט פון אים חוזק געמאַכט.

די אָנדייטונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך הענריקן, האָט שלמהלען קלאָר געמאַכט: עס מוז זיך האַנדלען וועגן דער נעכטיקער געשיכטע מיט דער קאָזע. יאָ, ס'איז נעכטן טומלדיק געווען דערמיט. די געשיכטע האָט אָנגעשפּאַרט צום סאַמע רב, רב ליפּשיץ, אַליין... דאָס אָרעמע ייִנגל האָט מען אָפּגעשמיסן אויף דעם הויף פון דער שול — נעבעך זיך פאַרגאַנגען פון געוויין. און די קאָזע האָט זיך אַזוי איבערגענומען פון דער גאַנצער געשיכטע, אַז זי האָט פאַרלוירן די מילך. נאָך אַ קלאַפּ פאַר דוואָשע דער אלמנה. אוי, ווי דער אָרעמער מענטש ווערט עס געשלאָגן פון אַלע זייטן...

איזאַק איז אַריינגעקומען אַן אָנגעלאָדענער מיט ביכער, פאַרמאַטערט, אומצופרידן — נישט דאָס האָט ער געהאַט דערוואַרט פון בעל-דיקדוק. שלמהלע האָט אים אויף דער גיך דערציילט וועגן דעם שטורעם, וואָס גרייט זיך, נאָר איזאַק האָט זיך דערמיט נישט שטאַרק איבערגענומען: ער איז אַוועק אין זיין חדר, אַוועקגעלייגט די ביכער, אַ ביסל זיך אַרומגעוואַשן, און דאַן ערשט אָנגעקלאַפּט צו רב בעריש אין קאַנטאָר.

געערדט האָט הענריק. רב בעריש האָט אַרומגעשפּאַנט, פאָכענדיק מיט די פּאָלעס פון זיין שלאָפראָק. אין טאָן פון הענריקס רייד האָט איזאַק דערפילט, אַז אייגנטלעך מאַכט ער אויך חוזק פון דער גאַנצער פּאַסירונג, עס פאַרדריסט אים נאָר, וואָס די זאַך האָט אָנגעמאַכט אַזאַ טומל און וואָס די פאַמיליע, דער נאָמען פון די אונגערס איז אין דעם אַריינגעמישט געוואָרן. זייער פאַמיליע איז, גאָט צו דאַנקען, גענוג בכבודיק... ווען עמעצער וויל זיך ערשט מאַכן אַ נאָמען, אַרט אים נישט, אַז מען רעדט וועגן אים, אַפילו צום שלעכטן, עס ציט אויף אים די אויפמערקזאַמקייט. אָבער די אונגערס האָבן שוין, גאָט צו דאַנקען, גענוג וואָג. זייער נאָמען דאַרף מען שוין דערמאָנען מיט אַ יום-טובדיקייט — נישט אין פאַרבינדונג מיט עפּעס אַ ציג, אַ לצנות... צי מיינט נישט איזאַק אַליין, אַז ער דאַרף זיך האַלטן אַ ביסל ווייטער פון המון, פון די פּראָסטע יידן, ביי וועלכע ער וועט, פריער אָדער שפּעטער, קיין כבוד נישט דערלעבן? ער איז דאָך איצט סוף-כל-סוף כמעט א טייל פון די אונגערס...

לכתחילה האָט עס איזאַק רואיק אויפגענומען. ס'איז באמת געווען אַ פאַרדריסלעכער צופאַל. געשען איז עס גראָד דאַן, ווען ער איז צוריקגע-

גאַנגען פון העניקס קאַנטאָר. צופעליק איז ער אין דעם אַריינגעשלעפּט געוואָרן. געזען אַ געדראַנג, האָט ער געמיינט ס'איז עפּעס געשען אַן אומגליק. ווען ער האָט דערזען דאָס נעבעכדיקע ייִנגל מיט דער קאָמישער ציג, האָט ער זיך באמת האַרציק צעלאַכט, אַנגענומען די גאַנצע זאַך פאַר אַ שפּאַס. נאָר דער ווילדער ייִד, דער רויטער זייוול...

דאָ האָט שוין געפּלאַצט רב בערישס געדולד. ער איז געבליבן שטיין אינמיטן הדר, אַן אויסגעצויגענער אין דער טונקעלער שיין פון דער ליכט. ער האָט זיך באַמיט צו רעדן רואיק, נאָר אונטער יעדן וואָרט זייַנעם האָט געברויזט אַ סמבטיון. ער וויל אַזעלכע רייד ביי זיך אין שטוב נישט הערן! ער וועט נישט דערלויבן ביי זיך אין שטוב צו באַליידיקן אַ כלי־קודש, צו באַליידיקן דעם דת... פון זיין שטוב זאָל זיך טראָגן הפקרות איבער דער שטאָט. דערויף וועט ער באין אופן נישט איינגיין. כל זמן ער איז דער באַלעבאָס פון שטוב, וועט ער פאַרלאַנגען, אַז אַלע זאָלן פאַר אים האָבן דרך־ארץ... דער נאָמען פון די אונגערס זאָל רעספּעקטירט ווערן.

— איך פאַרשטיי גאָרנישט, ווי ס'האָט געקאָנט עמעצן איינפאַלן, אַז איך וויל באַליידיקן די פאַמיליע אונגער... וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די אונגערס מיט דער קאָזע?

דער פאַרגלייך האָט רב בערישן ממש אויפגעטרייסלט. העניק האָט געמוזט לייכט איינבייגן דעם קאָפּ, דער פאָטער זאָל נישט באַמערקן דעם שמייכל, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן אויף זיינע ליפּן. איזאַק איז אַריין אין האַזאַרד:

— איך בין שוין נישט קיין קליין קינד און נישט קיינעמס קנעכט, איך זאָל זיך דאַרפן לאָזן פירן פון עמעצנס שכל.

— גיין, גיין, נישט אין דעם האַנדלט זיך... האָסט נישט פאַרשטאַנען...

— העניק האָט אים איבערגעריסן, ווענדיק אויסמיידן אַן אויפרייס. ער האָט זיך באַמיט אויפצווייזן איזאַקן, אַז די אויפרעגונג קעגן דעם ייִנגל מיט דער ציג קאָן האָבן אַ טיפערן גרונט. איזאַק אַליין ווייסט דאָך, אַז אַ ציג איז אַמאָל געווען אַ הויפּטשפּילערין ביי די לצים, ביי די פּורים־שפּילער. דער דאָזאָר האָט געהיימע ידיעות וועגן דעם, אַז ביי די פּורים־שפּילער איז איצט געוואָרן אַן אויפלעבונג. דאָס פּראָסטע יונגוואַרג איז צעלאָזן געוואָרן און מען מוז זיי אַ ביסל איינגעמען, אַז נישט וועלן זיי אָנהייבן צו קריכן אויף די קעפּ, עס וועט ווערן הפקר אַ וועלט... יאָ, פאַרשטייט זיך, ביי קולטור־מענטשן זענען אַזעלכע שפּאַסן, פאַרווייַלונגען, נאָר אַן אָפּרו פאַרן גייסט. אָבער ביי מענטשן אָן גייסט — גאָט מייגער, צו וואָס דאָס קאָן דערפירן!

בשום אופן האָבן אָבער די ווערטער איזאַקן נישט געקאָנט איבערצייגן. די געשיכטע מיט דער ציג איז אַוועק אויף אַ ווייטערן פּלאַן. ער האָט זיך גאָר אָנגעכאַפּט אין העניקס דערווידערונג קעגן פאַרוויילונגען פאַר פּראָסטע מענטשן. נישט שוין זשע פאַרשטייט נישט העניק, אַז — פאַרקערט, עס וואָלט כדאַי געווען זיך דערמיט צו פאַראינטערעסירן, אָנפילן די פאַרוויילונגען מיט אינהאַלט, אויסנוצן זיי, כדי אַ ביסל ליכטיקער צו מאַכן אין די מוחות פון פאַרפינצטערטע מענטשן, לייכטער צו מאַכן אַ ביסל זייער לעבן...

— גענוג, גענוג! — האָט בעריש אויסגעשריגן. ער זעט שוין, אַז זיי וועלן זיך דאָ נישט דערעדן. אויב עס וועט אַזוי ווייטער גיין, וועט מען אינגאַנצן נישט טאָרן זאָגן דעם פּסוק במושב לצים לא ישב. ער האָט גענוג דאָס אויסגעהערט זיך. ביי זיך אין שטוב דערלויבט ער נישט און פאַרטיק! וועטן עס געפעלט נישט, האָט אַ ברירה צו גיין פון זיין שטוב. יאָ, יאָ.

מילדערן דעם פּאַטערס רייד האָט שוין העניק נישט געקאָנט, ווייל אַ שאַרפע באַוועגונג פון רב בעריש האַנט האָט אים פאַרמאַכט דאָס מויל. איזאַק האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַן איראָניש שמייכעלע. אַ רגע האָט זיך פאַרשפּרייט אַ געשפּאַנטע שטילקייט. איבערגעריסן איז זי געוואָרן דורך אַ רויִקן —

— אַ גוטע נאַכט! — איזאַק האָט גאַלאַנט געזעגנט די אָנוועזנדיקע מיטן צילינדער. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן אויפן קנאַפּל און מיט געמאָסטענע טריט אַרויס פון צימער.

„וואָס זאָל עס באַדייטן?“ — האָט פאַרחידושט רב בעריש געפרעגט מיט די בליקן. אַ לייכטער זיפץ פון העניקס ברוסט האָט אים געענטפערט: דער טאַטעשי וועט זיך איצט, דוכט זיך, אַליין מוזן פאָרען מיט זיינע חשבונות...

V

דער פאָדוועד, ווו יאָסל גוויאַזדאַ האָט געוווינט, ביי דער גאַנצער חושכדיקייט און פאַרוואָרלאָזטקייט זיינער, האָט געהאַט איין גרויסע מעלה: שטענדיק האָט זיך דאָרט געפונען עפּעס אַ קעמערל, אַ קאָנורע — אין אַ זייט, אין אַ ווינקל, וואָס קיינער וואָלט נישט חושד געווען, אַז דאָרט קאָן עמעצער וווינען, אַז די פּאָר צעהאַקטע און צונויפגעקלאַפּטע ברעטער, שטיקלעך האָלץ זענען גאָר אַ טיר. אין אַזאַ קעמערל האָט זיך איזאַק פאַרקליבן לויט דער עצה פון שלמהלע משרת, מיט דער הסכמה פון גוויאַזדאַ. פון

די אונגערס איז ער אַוועק גלייך אויף צומאָרגנס נאָך זייער שאַרפֿן שמועס, קיין שווערע קעשענעס האָט ער נישט געהאַט און עפּעס אַ קלאָרע אויסזיכט אויף פּרנסה — אויך נישט. ווע̇גן די פּאַפּירן זיינע, דעם פּאַס, האָט ער אויך געהאַט אַ גרונט צו זיין אומרואיק — מאַלע וואָס פֿאַרן באַליידיקן זיין שטאָלץ, דעם שטאָלץ פֿון אַ בעריש אונגער, עס קאָן אים איינפֿאַלן. האָט איזאַק געזוכט אַ ווינקל, וווּ ער זאָל זיך קאָנען דורכשלאָפֿן אומבאַמערקט, ביז ער וועט זיך אַרומקוקן וועגן אַ ווייטערדיקן תכלית. דאָס קעמערל אין שכנות מיט גוויאַזדאַן איז געווען ווי אויסגעהלומט פֿאַר זיין געמיט און קעשענע. אין אַ פּאָר מאָל גאַנג האָט שלמהלע אַריבערגעטראָגן אַהין די פּעק ביכער און דאָס ביסל מלבושים.

אַ לאַנגע צייט וואָלט איזאַק אפשר געווען צופֿרידן, ווען מען לאָזט אים רואיק ליגן אויף דער האַרטער קויקע אין זיין ווינקל און לייענען. דערצו האָט אָבער גוויאַזדאַ נישט צוגעלאָזט: ס'טייטש, אַ מענטש זאָל נאָר אַליין הנאה האָבן — ווו זענען אַנדערע? נישט קיין הילף אין זיינע אַרבעטן האָט גוויאַזדאַ געזוכט ביי איזאַקן: פֿירן די חשבונות פֿון דער חברה „מעוז לדל“, שרייבן בריוו צו עלטערן און כלות, אָדער, להבדיל, פּאָדאַניעס צו מלכות — דערמיט האָט זיך גוויאַזדאַ אַליין אַן עצה געגעבן. אָבער איזאַק דאַרף לערנען דעם עולם! אַזויפֿיל חלשן זיך צו לערנען — לשונות, חשבון, לייענען, שרייבן. רב איציקל בעל־דיקדוק מוט טאַקע זיינס, אָבער ער איז היימיש דער עיקר אין לשון־קודש און חשבון. איזאַק קען דאָך מער, א סך מער!

גלייך נאָך די ערשטע פּאָר טעג האָבן זיך אַ שאָט געטאָן תלמידים צו איזאַקן — ער האָט זיך אַליין נישט געריכט אויף אַזאַ שפֿע. אין די אָוונטן זענען געקומען אַרבעטער פֿון די מאַנופֿאַקטורן און שפּיגהאַקערס. אינמיטן טאָג האָבן זיך אַריינגעכאַפּט שטוב־משרתים, וועלכע די באַלעבאַטים האָבן געשיקט אַ גאַנג, — האָט מען שוין אָפּגעריסן נאָך אַ האַלבע שעה און אַריינגעכאַפּט זיך צום לערער. אַזוי־אַרום האָט איזאַק אומבאַמערקט געקריגן כמעט אַ גאַנצן טאָג אַרבעט. פֿון די גראָשנס, וואָס די תלמידים האָבן אַליין איבערגעלאָזט — יעדער לויט זיין ווילן און זיין השגה — האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ סומע פֿון שיינע גילדנס, וואָס האָבן איזאַקן געמאַכט זיך פֿילן מעשה גביר.

מיט לייב און לעבן איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער גייער לערעריי. אַזאַ ווילן צום לערנען, אַזאַ אייפֿער ביי אַלע תלמידים איז אים אָנטקעגנגעקומען, אַז דאָס אַליין האָט אים דערוואַרעמט, אָנגעצונדן. אַ שטיי־

גער זעליק, אַ שטיינהעקער — אַ בחור, וואָס איז נאָך מיט יאָרן צוריק געקומען קיין וואַרשע מיט זיין טאַטן פון עפּעס אַ פאַרוואָרפענעם ישוב אין פּאָדלאַסיע, ביז היינטיקן טאָג ווייעט פון אים מיט וואַלד, מיט פעלד. קיין אַלף=בית האָט ער נישט געקענט, און היינט — ווי פיין ער שטעלט שוין צונויף די אותיות און ווערטער, זאַצן, ווי עס צינדן זיך אָן די אויגן מיט שמחה ביי יעדן נצחון פון זיין רויען, נישט געאייבטן זכרון, וועלכער הייבט אָן צו באַהערשן די חכמה פון פאַרגעדענקען אותיות. ס'וועט נישט דויערן און ער וועט לייענען יידיש, פּויליש. און די נייגעריקייט צו וויסן וועט אים שטויסן ווייטער צו לערנען. ווער קאָן רעדן פּאָרויסזען, וואָס פאַר אַ גייסטיקע אוצרות עס זענען פאַרבאָרגן אין דעם האַמעטנעם. אַ ביסל גולמדיקן גוף?

הענעך דער וועבער — וואָס פאַר אַ זעלטענער בעל=חשבון דאָס איז! אין דער חריפות זיינער דערקענט מען אַ געוועזענעם ישיבה=בחור. אַוועק לתרבות=רעה. וויל אויפסניי לערנען. זיינע איינפאַלן! ער זאָל זיך לערנען חכמת המעכאַניקע, קאָנען שטודירן העכערע מאַטעמאַטיקע, וואָלט ער אפשר איבערגעשטיגן דעם אַלטן אברהם=שטערן, וואָס האָט מיט זיין רעכן=מאַשין אָנגעמאַכט אַזאַ רושם אויף דער וועלט, באַוואונדערט געוואָרן דורכן קיסר, איז אַן איינגייער אין די נאָבלסטע פּריצישע הייזער. ווי נעמט מען איצט עמעצן, וואָס זאָל זיך אַזוי פאַראינטערעסירן מיטן וועבער, ווי סטאַניסלאַוו סטאַשיץ האָט זיך אין זיין צייט פאַראינטערעסירט מיט שטערנען?... ווי נעמט מען אַ פעסטע האַנט, וואָס זאָל דעם בחור אַרויספירן אויף אַ סטעזשקע, פון וועלכער ער וועט שוין אַליין אַוועק אויף די ברייטע וועגן פון אמתן וויסן?

אָדער שמואל דער הרוביעשאָווער — אַ בחור טאַקע פון דעם זעלבן שטעטל, וואָס דער אַלטער שטערן. ער ווערט פאַרחושכט ביי אַ סטאָליער, יאָרן לאַנג איז ער ביי אים חצי לערן=יינגל און אַ האַלבער געזעלן=יונג. דער מייסטער באַקלאָגט זיך, אַז קיין באַלמעלאָכע וועט פון אים קיינמאָל נישט אַרויס. אפשר... אָבער, אַז מען גיט אַ קוק אויף זיינע האָלץ=שניצערייען, ווערט מען זיכער, אַז אַ קינסטלער וועט פון אים אַרויס אַ גרויסער. איזאַק קאָן נישט אָפּרייסן די אויגן פון דער צאַרטקייט פון ליניעס, דער אָריגינעלקייט פון דער קאָמפּאָזיציע, דער רייכקייט פון אָרנאַמענטיק, וועלכע עס געלינגט שמואלן אַרויסצובאַקומען פון האָלץ. אַוודאַי, ווען ער וואָלט געווען אַ זון פון אַ באַנקיר, ווי דער יונגיפשקער מאָלער אַלעקסאַנדער לעסער,

וואָלט מען געערדט, געשריבן וועגן אים, געמאַכט אויסשטעלונגען, געשיקט אים אין אַקאַדעמיעס, קיין אויסלאַנד. אָבער עפּעס אַ שמואל הרוביעשאָווער...

„אומגעהויערע גייסטיקע אוצרות ליגן פֿאַרבאָרגן אין דער יידישער אָרעמקייט, אַ נישט אויסשעפּלעכער קוואַל פֿון באַגאַבונג, און אַלץ ווערט דערטרונקען אין נויט, אין פֿינצטערניש", — האָט איזאַק מיט זיך געמאַכט דעם חשבון. אמת, אַ יחיד שלאָגט זיך אַמאָל דורך, ווי דער אַלטער שטערן, אָדער דער ביאַליסטאָקער יונגערמאַן חיים=זעליג סלאָנימסקי, מיט וועלכן עס רודערט איצט דאָס יידישע וואַרשע. און נישט נאָר דאָס יידישע... „אין דער אמתן, איז דען נישט קיין וואונדער איבער וואונדער: אַ גמרא=ייִנגל זאָל אַליין, מיט אייגענעם נישטערן אין ספֿרים, מיט אייגענער מוח=אָנשטרענגונג, דערגרונטעווען טיפֿע סודות פֿון מאַטעמאַטיקע און אַסטראָנאָמיע, רייסן זיך צום אַנטפּלעקן די וואונדער פֿון הימלישע וועגן... ס'איז דאָך ממש אַ נס דאָס אַרויסבאַקומען זיך פֿון אַן אָרעמאַן אויף דער אויבערפֿלאַך. און ניסים טרעפֿן זיך דאָך אַלץ זעלטענער, דאָס איז זיכער"...

וואָלט זיך ביי וועלכן עס איז ייִנגל אין ווין געפֿינען אַזאַ גאָט=געבענטשט פּנים און אַזאַ רייך=טענערדיקער האַלדז, ווי ביי שלמהלע בדחן — באַגילדט וואָלט מען אים דאָך! מיטן פּנים און מיטן האַלדז קאָן ער דאָך אַלץ אויסדריקן — פֿון דער גרעסטער פֿרייד, ביז דעם טיפֿסטן טרויער. איזאַקן אַליין איז דאָך נישט פֿרעמד „די קונסט פֿאַן שאַושפּיל", ווי מען רופֿט עס ביי דייטשן — אַ בדחנס אַ זון! — אַליין, זאָגט מען, האָט ער אויך נישט קיין קליינע פֿעיקייטן. האָט ליב טעאַטער=שפּיל ממש ס'חיות. כאָטש אין וואַרשע איז אין אים עפּעס געשען אַן איבערקערעניש. ער האָט כמעט אויסגעמיטן טעאַטערס. נישט געוועז ס'געמיט דערצו. נאָר ווי קומט ער צו שלמהלע בדחן! אַזאַ פֿעיקייט אַרויסצוקריכן פֿון דער אייגענער פֿעל, ווערן אַן אַנדער מענטש — אין אַלץ: אין פּנים, אין די אויגן, אין געשטעל, אין די רייד. אַזאַ פֿעיקייט, ווי דער שלמהלע פֿאַרמאָגט — דאָס איז דאָך פֿון די זעלטענע מעלות, אַדאַנק וועלכע עס וואַקסן אַרויס גרויסע קינסטלער. נו, און שלמהלעס חבר בנימין, אַ זון פֿון פֿאַרשטאָרבענעם דאַווידסאָן, וואָס האָט געהאַט אַ חושבדיק אַכסניהלע אויף עק נאַלעווקעס, — וואָס פֿאַר אַ קראַפֿט דאָס איז! טאַקע פֿון גאָר אַן אַנדער מין, ווי שלמהלע: נישט די לעבעדיקייט פֿון פּנים, נישט די אויסדריקלעכקייט פֿון די אויגן, אָבער דערפֿאַר — וואָס פֿאַר אַ שטים! אַ געשטאַלט — אַ יונגע, שלאַנקע טאָסנע. פֿלאַסטיש, בייגיק, לייכט באַוועגלעך. יעדער מוסקל פֿון זיין קערפּער ווערט

באַוועגט פון אינערלעכן פייער, וואָס פלאַמט אין דעם וואונדער־קינד פון דער נאַלעווקער אכסניה...

איין געדאַנק האָט איבערגעיאָגט דעם צווייטן אין די מינוטן, ווען קיין תלמיד איז נישט געווען ביי איזאַקן אין קעמערל: מען דאַרף דאַווידסאָנען אויך אַריינציען צווישן די פורים־שפּילער. ער און שלמהלע בדחן — דאָס וואָלט שוין עפּעס געענדערט. דאַווידסאָן לערנט זיך אין אַ ספּעציעלער טעאַטער־שול, שרייבט אַליין זאַכן פאַרן טעאַטער און וועגן טעאַטער. שלמהלע בדחן האָט אים צוגעזאָגט די טעג מיטצוברענגען.

דער פּלאַן וועגן אַרבעט מיט די פורים־שפּילער האָט אים איצט נישט וויניקער מיטגעריסן, ווי דאָס לערנען מיט די נייע תלמידים. ער האָט פון אָנהייב געהאַט פאַרגעסן וועגן זיין צוזאָג, נישט אינטערעסירט זיך מיט די פורים־שפּילער. שלמהלע משרת האָט אים טאַקע אַ פּאָר מאָל דערמאָנט, שלמה בדחן האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט... געווירקט האָט אָבער גלייך גוויאַזדאַס אַ לייכט אָנדייטונג:

— יאָ, גאָר פאַרגעסן. איר האָט דאָך אַמאָל געהאַט צוגעזאָגט די פורים שפּילער... — און באַלד אַריבער אויף אַ שמועס וועגן דער באַדייטונג פון אַזעלכע פורים־שפּילן, פאָלקס־פאַרווייליונגען, אַנגעבונדן עס צו דער טראַגיקאָמישער געשיכטע מיט דער קאָזע.

לכתחילה איז עס איזאַקן נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין, וואָס פאַר אַ סמיכות־הפּרשה מיט דער קאָזע. אָבער גוויאַזדאַ האָט עס געגעבן צו פאַרשטיין אויף אַ פּשוטן אופן, ווי ער וואָלט גאָר פאַרטיידיקט זיין דעם אויבערשטנס מיט זיין חברה:

— וואָס איז די מעשה חד־גדיא אין דער הגדה? לויט מיר: אַן איבערדערציילונג פון אַן אוראַלטער יידישער טעאַטער־שפּיל. און דער שעיר לעזאזל? דוכט זיך, אז די קאָזע איז געווען דער העלד, ארום וועלכן עס האָבן זיך געדרייט די טעאַטער־פאַרווייליונגען פון אונדזערע אָבות־אַבותנו.

די ראיות וועגן דער ראָל פון דער קאָזע אין די אַלט־יידישע טעאַטער־שפּילן האָבן אַליין נישט געקאָנט קלאָר מאַכן איזאַקן, פאַרוואָס זייוול מיט גאַנץ קהל זענען אַזוי ווילד געוואָרן צוליב דעם קליינעם בערעלע מיט דער ציג. גוויאַזדאַ האָט עס ווידער אויסגעטייטשט: זיי האָבן פיינט יעדן מין פאָלקס־פאַרווייליונג. אַזעלכע מינים פאַרווייליונגען בציבור, ווי טעאַטער אָדער אַפילו פּשוטע פורים־שפּילן — דאָס רודערט צופיל אויף די מוחות און געמיטער פון פראָסטע מענטשן. ס'קאָכט פאַנאַנדער די געבליטן, גיט אַ צאַפּל אין מאַרך. דאָס, וואָס ווירקט דורכן אויג און אויער אויפן געמיט, וועקט

אויף צייטנווייז דעם מוח. דאָס איז געפערלעך פאַר די קהלישע מושלים. געפערלעך איז, אַז איין מוח טראַכט, מכל-שכן — אַז ס'וועלן גלייכצייטיק טראַכטן אויף אַן ענלעכן אופן צענדליקער אָדער הונדערטער מוחות. דאָס איז דאָך שוין סכנות-נפשות פאַר קהל. מ'קאָרן זיי נישט דערלאָזן צו אַזעלכע פאַרוויילונגען. איצחק איז זיך טועה, אויב ער מיינט, אַז דאָס איז צוליב פרומקייט, צוליבן פסוק „במושב לצים לא ישב". דאָס איז גוט פאַרן „חמדת שלמה"... ווייל די זעלבע דאַזאָרעס, זייערע משפחות, מקורבים, וואָס שטיצן אונטער רב ליפשיצס מסירות אין די הויכע פענצטער — די זעלבע האָבן אַליין גאַנץ פיין ליב די פאַרוויילונגען. דאָס פוילישע טעאַטער אין וואַר-שע שטיצט זיך ממש אויף זיי. שטענדיקע געסט זענען זיי דאָרט און גיבן געלט ביד רחבה. הייגט די בעלער און קאָנצערטן, וואָס זיי מאַכן ביי זיך אין די סאַלאָנען? אפילו אַן אייגן טעאַטער... יאָ, יאָ, זאָל זיך איצחק נישט היהושן. אָט האָט דער משורר יצחק אייזיק קאַנדיא געמאַכט אַ טעאַטער-שטיק „תולדות משה" אויף לשון-קודש. האָבן דאָך די שיינע יידן אַליין געשפּילט דאָס טעאַטער-שטיק אין די סאַלאָנען ביי מיכאל עטינגער. האָט זיך מתקנא געווען טעוועלע טעפּליץ און געמאַכט אַ טעאַטער-שטיק ביי זיך אין די סאַלאָנען. זיי מעגן! אויף זיי האָט זייוול שמש נישט קיין שליטה. געפערלעך ווערט עס, ווען עס נעמט זיך דערצו שלמה בדחן, בינעם, בערל — שניידערס, משרתים, וועבער, שטיינהאַקער — זיי קאָן עס, חלילה, אַראָפּ-פירן פון דרך-הישר. זיי קאָנען נאָך, חלילה, אָנהייבן צו טראַכטן. דאָס איז שוין אַ סכנה פאַרן סדר-עולם. מוז מען עס עוקר מן השורש זיין. דערפאַר מוז אַזוי זייוולס צאָרן פלאַמען קעגן דער קאָזע...

VI

פון די אָפענע פענצטער פון בתי-מדרשים און שטיבלעך אין רעוויר האָט מען געהערט די ערשטע תפילות פון שבתדיקן שחרית, ווען גרופּעס צו דריי-פיר יונגעלייט, מענער, פרויען, מיט פעקלעך אָדער קיישלעך אָנ-געבונדענע אויף שטריקלעך, פאַרוואָרפן אויף די פלייצעס, געהאַלטן אונ-טערן אָרעם, האָבן געצויגן אַראָפּ — צו דעם הויכן, משופּעדיקן ברעג פון דער ווייסל. אויף די פוילישע גאַסן פון נייַשטאָט און אַלטשטאָט איז געווען אַ הייסער טאָג פון האַרעוואַניע און נישט איין שוויצנדיקער באַלמעלאָכע האָט נאָכגעשיקט קנאָהדיקע בליקן צו די דורכגייענדיקע:

— פשיאקרעוו... כ'וואלט אליין זיך אויסגעבאדן אין דער ווייסל...

אין שאטן פון א שווערן שטיינערנעם געוועלב, אין עק פון א געדרייט שמאל געסעלע ביים אלטשטאטישן מארק, איז געזעסן מיט זיינע מכשירים, געצויגן א כאליעווע אויף א גרויסער קאפיטע דער שוסטער פראנעק. יוקל דער שניידער האט טאקע מיט א כיוון פארקערעוועט צו דעם געסל, כדי אים צו דערמאנען:

— וועסט קומען, פראנעק?

יענער האט א פאכע געטאן מיטן העמערל, ווי אייגער זאגט: זיי רויִק! ערשט ווען יוקל האט שוין געשפאנט אראפ צו דער ווייסל, האט ער אים ווידער נאכגעשריגן:

— נישט פריער, ווי אין האלבן טאג. א פאר שטיוול צו פארענדיקן.

— „קודם־כל ארבעט, דאס פארשטייט מען" — האט יוקל אים צוריקגעפאכעט מיט דער האנט.

סטאניסלאוו לאיעק, דער רימער, וואס האט זיך אין שכנות מיט פראנעקן געפארעט ביי די רימענס פון א רייך געפוצטן זאטל, האט צופרידן א ברום געטאן:

— הע? דאך אויף דער סאסקע קעמפע!

— ווי אנדערש? נישטא קיין בעסער ארט אין ווארשע דורכצוקילן זיך אין די הייסע טעג.

— וויל איז דיר. איך מוז זיך היינט ביז שפעטער נאכט מוטשען מיט דעם געשפאן...

אויף דעם זאמדיקן פראנער ברעג פון דער ווייסל איז דער עולם א ביסל טומלדיקער געווארן, ווי ער וואלט פון זיך אראפגעווארפן די לאסט פון מורא. עמעצער האט שוין אונטערגעברומט אונטער דער נאז א ניגון, און אנדערער האט אויפן קול אנגעהויבן צו זינגען. די היץ און דער שטויב האבן געשטערט דער ניגון זאל זיך פארשפרייטן, אונטערגעכאפט ווערן דורך א סך אנדערע. אזוי איז אומבאמערקט פארבייגעלאפן דער גרויסער שטיק זאמדיקער וועג פון דער בריק ביז דעם אויסבייג פון דער ווייסל, וווּ עס איז געווען די סאסקע קעמפע. געזעמלער מענטשן האבן זיך שוין אויסגעצויגן אויף דעם הויכן גראז, אונטערן שאטן פון אלטע ביימער, וואס זענען געווען פאנאנדערגעווארפן איבערן גאנצן גרויסן פעלד.

צווישן די געזעמלער מענטשן האבן זיך פארבונדן לויזע שמועסן: וויצן, גלייכווערטלעך, הויכע געלעכטער־אויסברוכן האבן זיך דערטראגן פון פארשידענע זייטן. א פאר יונגעלייט הייבן זיך אן צו שפילן אין יאגעלעך

איבערן גראָז אַרום ביימער. איינער האָט זיך אויסגעגליטשט און געפֿאַלן, אַן אַנדערער האָט מיט אַ כיוון געמאַכט אַ פּאָר קאָזשעלקעס. דאָס האָט שטאַרק גושא־חן געווען ביי די מיידלעך, וועלכע האָבן זיך מיט נייגער צוגעקוקט צו די יאָגנלעך, אַליין אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער שפּיל. דער אינטערעס פֿון די מיידלעך האָט ווידער אַרויסגערופֿן ביי אַ סך יונגעלייט אַ חשק זיך צו באַווייזן מיט זייער געוואַגטקייט און געראָטנקייט — האָבן זיך די בחורים סתם אָנגעהויבן צו קאַליערן איבערן גראָז. איינער דעם צווייטן האָט געוואָלט איבערשטייגן אין דער צאָל פֿון איבערקאַליערן זיך אָן אַן אָפּרו. אַנדערע האָבן אָנגעהויבן צו באַווייזן זייער קונציקייט אין שפּרינגען. מען איז געשפּרונגען איבער נידעריקע קוסטעס, איינגעבויגענע פּלייצעס פֿון אַ חבר. איינער איז געפֿאַלן, אַ צווייטער האָט זיך אַ גליטש געטאָן — אַליין זיך צעלאַכט און אַ הילכיק געלעכטער פֿון די אַרומיקע האָט געענטפֿערט מיט אַן עכאָ.

די זון איז שוין הויך געשטאַנען, ווען פֿון קאַרטשעווער וועלדל, פֿון גראַבעווער זייט, האָבן אָנגעהויבן צו קומען נייע גרופּקעס מענטשן. די יונגעלייט האָבן געשוויצט אין זייערע לאַנגע קאַפּאָטעס, אין די טובענע היטלעך, ברייטע שוואַרצע היט, פֿון וועלכע מען האָט קוים אַרויסגעזען צוויטן פֿון פּאות, אָדער אַ שפּיצל פֿון אַ שיטערן אָנוווקס אויף דער באָרד; די מיידלעך האָבן געהאַט צעפּלאָמטע באַקן, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט פֿון די ביז איבערן האַלדז פֿאַרשפּיליעטע קליידער, שאַלן, פֿאַרוואָרפֿענע אויף די קעפּ און פּלייצעס. די פֿריש געקומענע האָבן גיך געפֿונען צווישן די גרופּן הייִמישע מענטשן, אויסגעצויגן זיך אין זייער שכנות אויפֿן גראָז, אַראָפּוואַרפֿנדיק פֿון זיך אַ טייל פֿון זייערע באַשווערנדיקע מלבושים.

עולם וויצלט זיך מיט די געקומענע:

— איר האָט ריינעם ריווח. פֿאַרברענגט מיט דער סמעטענע פֿון וואַרשע און דאַרפֿט נישט צאָלן דאָס מאָג־צעטל.

— די סמעטענע איז פֿאַרזויערט. מען קאָן פּטרן דעם מאָגן...

געלעכטערס, שמועסן, אַ געמיש פֿון ניגונים און לידלעך.

טיפֿער אין דער קעמפּע, אין אַ קרייז פֿון ביימער, וואָס האָט אויסגעזען ספּעציעל געפּלאַנצט אין אַ גרויסן ראָד, איז גאָר געווען אַ באַוועגונג. אין צענטער פֿון קרייז האָבן זיך געפֿונען בלויז פֿרויען. די מענער, וואָס זענען געווען אויסגעצויגן בשכנות, האָבן זיך געהאַלטן אויף אַ בכבודיקן שטח פֿון זיי. אַהין האָט גלייך געאײַלט אַ גרעסערע גרופּע פּראָווינצער, ווי דאָס וואָלט געווען אַ פֿון אַ פֿריער אָפּגערעדטער פּלאַץ פֿון באַגעגעניש:

— פייגעלע קרוין!
— רחלע!
— שיינדל, הארציקע!
— כאוושע!

נעמען, באגריסונגען, קושן. קודם־כל צו פייגעלע דער גייטארין. צו איר האבן זיך אויסגעשטרעקט א סך אָרעמס און שמייכלען. דערנאָך דאָס זעלבע צו כאוושען. ביי שרהלע האבן זיי זיך פארהאלטן. זי האָט זיך דער־פון, ווייזט אויס, נישט גענומען צום הארצן, פאנאנדערגעפאקט עסנווארג פון די מיטגעברענגטע פעקלעך.

פייגעלע האָט א פליעסקע געטאָן מיט די הענט:

— אַי, אַי, אַי, מיידלעך! איר קענט נאָך נישט אונדזער נייע חברטאָ־רין... דאָס איז שרהלע, שרהלע פון קאלושין. אויך א גייטארין.

אויפסניי באגריסונגען — מיט שרהלען. אָבער דעם שמועס האָט מען געפירט מיט פייגעלען און כאוושען. נאָר די בחורים האבן נישט אראָפּגע־לאָזט קיין אויג פון שרהלען.

— גאָר א יפת־תואר, הא, מענדל?

— א קאלטע, א גרויסשטעטישע פריצהטע...

— הערסט דאָך, פון קאלושין.

רחבותדיק האָט זיך די זון געשטעלט אין סאַמע מיט הימל, אָגוויזנ־דיק מיט אירע שטראלן: ס'איז האלבער טאָג. אומעטום, אויפן ברייטן שטח פון דער קעמפע, האָט מען פאנאנדערגעוויקלט פעקלעך אויף אונטערצולע־גען דאָס הארץ. פעסטע ציין האבן זיך איינגעביסן אין גרויסע לחמאס, און ווייסע אוגערקעס. א געזונטע צופרידנקייט פון יעדן ביס פון די פשוטסטע מאכלים האָט זיך אויסגעגאָסן אויף די פנימער.

אונטער א ברייטצווייגיקן בוים האָט א פראגער קרעטשמער, ווילעריש פאררוקנדיק דאָס קאשקעטל אויפן שפיץ שטערן, אָנגעהויבן צו צאפּן ביר פון א בייכיקער פאס, אָנגיסן אין קרוגן, פלעשער, קופליעס, וואָס האבן זיך געצויגן צו אים פון אלע זייטן.

— צייט עפּעס איבערצוכאפּן, מיידלעך! — כאוושע האָט פריילעך געהאָלפן פאנאנדערלייגן דאָס עסן, מכבד געווען די געסט, אליין א ביס געטאָן און מיט א פולן מויל זיך געוואָנדן צו שרהלע: — מען דארף אָנ־קאָרמיען דעם עולם. זיי קאָנען זיך פארדעדן ביז אין דער נאכט, פארגעסן, אז מען מוז עסן אויך...

ביידע, אָנגעלאָדענע מיט אַ קיישל עסנוואַרג, האָבן זיך געלאָזט צום נאָענטסטן וועלדל, וואָס האָט מיט זיין טונקלקייט געלאָקט צו זיך אין שאָטן מענטשן מידע, פאַרשמאַכטע פון דער זון.

VII

אַ גרינגע פּאָליאַנע אין וועלדל האָט זיך געבאָדן אין דער ליכטיקייט פון גלייך־פּאַלנדיקע זון־שטראַלן, זיך געקילט מיטן שאָטן פון אַרומיקע ביימער. טיפער האָט זי געשאַפן אַ רעגולערן האַלב־ראָד, וואָס איז לייכט־משופּעדיק געווען אַראָפּגעבויגן צו אַ קליינעם באַרג אַראָפּ אינמיטן דער פּאָליאַנע, כדי זיך ווידער אַרויפצוהייבן ביים צווייטן ברעג. אַ חורבה פון אַן אַלטן אַמפיטעאַטער איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט ערד, פאַרוואַקסן מיט גראָז, די מויערן — מיט געדיכטע ביימער... אַזוי האָט אויסגעזען דער פּלאַץ.

אומעטום — מענטשן. ווי גרויסע שפּרענקעלעך אויף דער גרינקייט. אויסגעטאָן פון זייערע אויבערשטע מלבושים, אין פאַרשידנקאָליריקע העמדער. אָבער דער אָנזעעוודיקער קאָליר איז געווען — אַ בלענדנדיקע ווייסקייט, וואָס פאַלט אַריין אין אַ העלער בלויקייט — ווילדע פעלד־בלומען זאַפּן איין אין זיך די זון־שטראַלן. ווען מען האָט זיך נעענטער צוגעקוקט, האָט מען דערזען אַז איינטאָניקייט אין דער פאַרשידנקאָליריקייט — בלויז מענער, פון פאַרשידענעם עלטער. פון גאָר יונגע, אָן אַ סימן פון האָר אויף די באַקן, יונגע, מיט צוגעשוירענע און אָפּגעשאָבענע בערדלעך, און מיטל־יעריקע — פּנימער באַהאָריקטע מיט פאַרשידענע קאָלירן און גרויס פון בערד.

געלעגן איז מען נישט קרעמפּירט אין פאַרשידענע פּאָזיציעס. נאָר ביים סאַמע ברעג פון אַמפיטעאַטער, גאַנץ אויבן, איז געווען אַ גרעסערע געזעלשאַפט, וואָס האָט נישט גערוט. דאָרט האָט מען געקאָנט באַמערקן אַן אויפהייטערונג. געווען זענען דאָרט בינעם און שלמהלע משרת, שלמה ברחן מיט דעם לאַנגן דראָנגאַל און אַנדערע פּורים־שפּילער. אין סאַמע אויבן איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים יאָסל גוויאַזדאַ, נעבן אים — איזאַק, אָן אַ רעקל, אויפגעשפּיליעט דאָס העמד. געערדט האָט איזאַק זייער היציק:

— יאָ, מיר געפֿעלן דווקא די אַלטע פורים־שפּילן. מען דאַרף זיי נאָר אָפּרייניקן פֿון די חכמות, וואָס יעדער פורים־שפּילער האָט צוגעגעבן אויף אייגענער האַנט... ס'איז דאָ שאַרפֿזין, פֿאָלקס־חכמה, שפּילעוודיקייט אין די פורים־שפּילן. עס זענען נאָענט דעם יידישן מענטשן סיי די געשטאַלטן, סיי די ניגונים, סיי די רמזים. נישט אמת, אַז דאָס זענען ווייט־פֿאַרקלונגענע מעשהלעך. די רמזים זענען ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר אונדזערע גבירים, תקיפֿים, כלי־קודש. מען קאָן עס נאָך צושפּיצן, בולטער מאַכן, דער עולם וועט עס פֿאַרשטיין. דאָס איבעריקע וועט ער זיך אַליין דערזאָגן. מען דאַרף גאָרנישט לייגן קיין פֿינגער אין מויל אַריין. בערל שניידער, צי יעקל טרעגער ווייסן, ווער עס איז זייער פּיאַווקע. ווען מען זינגען דאָס לידעלע וועגן פּיאַווקעס, וועט ער זיך שוין אונטערשטעלן באַקאַנטע נעמען... פֿאַרשטייט זיך, מען טאָר עס נישט לאָזן אַזוי הפֿקר, ווי ביז איצט. מען דאַרף צוזאַמענאַרבעטן, אָבער נישט אַנטלויפֿן פֿון די פורים־שפּילן...

מיט אייפֿער האָט ער אויפֿגעוויזן, אַז די גרעסטע ווירקונג האָט די קונסט דאַן, ווען זי איז נאָענט און אייגן דעם מענטשן. צו וואָס שלעפּן פֿרעמדע געשטאַלטן, פֿרעמדע ווערטער, וועלכע אונדזער פּשוטער מענטש וועט נישט פֿאַרשטיין?

— איך האָב איצט אפֿשר צום צענטן מאָל איבערגעקייעט אַלע טעאַטער־שטיק פֿון דייטשישן שרייבער שילער. אַ גרויסער שרייבער! פֿונדעסטוועגן בין איך איבערצייגט: נישט פֿאַר אונדזערע פּשוטע מענטשן. מען וועט עס נישט פֿאַרשטיין כמעט. ס'וועט לאַנגווייליקן. אפֿשר מיט דער צייט, נאָך אַ פּאָר יאָר צוגעוווינען דעם עולם, נאָך דעם, ווען דער מענטש וועט שוין האָבן אַ שטיקל באַגריף וועגן דער וועלט אויסער די גרענעצן פֿון רעוויר, דאַן וועט מען זיך קאָנען נעמען צו אַנדערע שטיק. אַזעלכע, ווי אין אַלע טעאַטערס. איצט מוז מען זיך נאָר האַלטן ביי די פורים־שפּילן, אָדער ביי ענלעכע יידישע זאַכן...

מען האָט געוואַרט אויף גוויאַזדאַס מיינונג. די, וואָס זענען מסכים געווען מיט איזאַקן, האָבן געזוכט אן אונטערשטיצונג פֿאַר זיינע רייד; אַנדערע האָבן געוואַרט, גוויאַזדאַ זאָל אָנהייבן אַ וויכוח מיט איזאַקן, וועלן זיי דאַן שטורעמען די פורים־שפּילן, וואָס האָבן אין זייערע אויגן אויסגעזען צו זיין אַ חוזק פֿון טעאַטער. אָבער גוויאַזדאַ האָט געשוויגן. ער האָט אָנגעשטרענגט געקוקט פֿאַר זיך. מען האָט געזען: ער טראַכט, ער האָט זיך נאָך נישט דערטראַכט.

דאָס שווייגן האָט איבערגעריסן שלמה בּרחן.

— איך, שלמה... — ער האָט ספּעציעל אונטערגעשטראָכן דעם נאָמען. די לעצטע צייט איז ער אין כעס, אויב מען רופט אים „שלמהלע“. ס'איז עפּעס נישט מעשה דערוואַקסענער. אחוץ דעם, וויל ער נישט מען זאָל אים פּלאָנטערן מיט שלמהלע משרת — איך קאָן נישט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס דווקא דאָס אַלטע? אַלט איז קאַלט! א מענטש האָט געזען א וועלט, געזען שיינע טעאַטערס. זאָלן וואַרשעווער יידן אויך זען עפּעס נייעס... ניי און פֿריי...

ער האָט, ווי זיין שטייגער, גערעדט מיט וויצלער, מיט גראַמען. אָבער פֿון דעם אַלעם האָט דורכגעשלאָגן די ערנסטקייט פֿון זיינע רייד: ווי לאַנג מען וועט זיך האַלטן ביי די פּורים=שפּילן, וועלן זיי פֿאַרבלייבן פּורים=שפּילער, בדחנים, לצים, נעבעכדיקע מאַרשעליקס און פֿריילעכמאַכערס. און פֿון זיי קאָנען ארויסקומען ארטיסטן.

— מיין חבר, דאווידסאָן... אויסגעקאָכט אין אמתן טעאַטער... שרייבט אַליין זאכן פֿאַר דער בינע, וועט באַלד אָנהייבן צו שפּילן אין היגן פּוילישן טעאַטער, א קענער און א וויסער און א יונג א הייסער... זאָגט אייגס: מיט פּורים=שפּילן וועט מען פֿאַרבלייבן גאַסן=לצים. און איך וויל זיין א קינסטלער!... א פּורים=שפּיל איז גאָר: מגילה און פּורים=סעודה. און יעדע וואָך זאָל בלייבן א בראָך? פֿאַרוואָס נישט יעדן יום=טוב, יעדן פֿרייען טאָג, פֿאַרגעסן צרות און פּלאָג?

ער האָט זיך געקאָכט, גענומען פֿאַר עדות די אָנוועזנדיקע: אויב מען קאָן אויף א פּורים=שפּיל פֿאַרזאַמלען הונדערטער מענטשן, דערפֿרייען זיי, אָנצינדן... נישט פּורים ווערט פֿאַר זיי דער יום=טוב, נאָר די פּורים=שפּיל, זאָל מען זיי געבן עפּעס דעם יום=טוב, זאָל די פֿרייד ווערן אַן אָפֿטערער גאַסט ביי די אָרעמע מענטשן!

דאָס האָט ווידער אויפֿגעקאָכט איזאַקן:

— רעד מיר נישט איין, שלמה, נישט געשטויגענע זאכן... שפּילן יעדע וואָך? אפילו יעדן טאָג! אָבער וואָס שפּילן?

ער האָט פֿאַרגעוואָרפֿן שלמהן, אז ער וויל נאָכמאַכן די פּני פֿון וואַרשע. וואָס איז דאָס פֿאַר א פֿאַרגלייך? יענע גייען דען אין טעאַטער אריין, ווייל זיי באַדאַרפֿן עס? זעלטן ווער פֿון זיי האָט אויף אַן אמת הנאה פֿון די שיינע ווערטער, וואָס פֿאַלן פֿון דער בינע, פֿון שילערס געדאַנקען, אפילו פֿון באָגוסלאַווסקין. און וואָס האָט באָגוסלאַווסקי געטאָן? ער האָט מערסטנטייל גענומען זיינע געשטאַלטן פֿון אומעטום, פֿון פֿאַרשידענע אויסלענדישע שרייבער און זיי פֿאַרפּוילישט. געוואָלט זיי נענטער מאַכן צום פּוי=

לישן פּאָלק. האָט פון זיי הנאה דער פּוילישער פּאָלקס־מענטש. נישט דאָס ברענגט אין טעאַטער אַריין דעם אויסגעפּוצטן עולם. זיי קומען זיך דאָרט באַווייזן, אָט צו וואָס זיי קומען! זיי זענען גרייט אָפּצוגענעצן און אָפּצושלאָפן גאַנצע אָוונטן אין די לאָזשעס, אַבי מען זאָל רעדן, אַז דער אָדער יענער „פּאַן“ איז אַ וועלט־מענטש, שטיצט אונטער דאָס טעאַטער... אַזעלכע זאַכן ליגן נישט אין זינען אונדזער אָרעמאַן. דאָס טעאַטער דאַרף אים ליכטיקער מאַכן זיין לעבן, ער זאָל זיך פאַרטראַכטן, עפּעס לערנען, וועלן לערנען. און אויך דערפרייען, אויפהייטערן. דערצו דאַרף מען צו אים רעדן מיט זיין שפּראַך, ווירקן אויף אים דערמיט, וואָס איז אים נאָענט. אַ יידישער ניגון, אַ ווערטל, אַ טענצל אַפילו — און אין דעם אַריינגעפלאָכטן אַ געדאַנק, וואָס זאָל אָנהייבן צו בוירען זיין מוח, עפענען זיינע אויגן...

— נאָכמאַכן טעאַטער, ווי ביי לייטן? פאַלשע בריליאַנטן! עפּעס הייימישס, אייגנס, יידיש, דאָס קאָנען זיין אמתע איידלשטיינער...

— אדרבא, אדרבא, — פאַלט שלמה אַריין אין די רייד, — איידלשטיינער איז אַ גוטע זאַך. כ'מיין: יידישע זאַכן. נאָר פון אַן אַנדער שניט, נישט אַלץ אויף דער זעלבער קאָפּיטע געקלאַפּט. פאַרוואָס, למשל, נישט מאַכן מיט די פּורים־שפּילער קאַנדיאַס „משה“? משה רבינו איז ביי אונדז אַ היימישער מענטש, מען קען אים פון חומש, מען קען אַלע, וואָס האָבן צו טאָן מיט משהן, אַפילו עוג מלך הבשן, די מצרים מיט פרעהן, יוספן מיט פּוטיפרען...

און באַלד האָט ער געגעבן פּראַקטישע עצות: רב איציק בעל־דיקדוק האָט די זאַך, ער וויל עס איבערמאַכן אויף פּראָסט יידיש... נו, זאָל איזאַק פּרוון צו מאַכן אַזעלכע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. — „אונדזערע לייט וואָלטן זיך מחיה'געווען“...

דער ענטפער איז געווען איזאַקס הילכיקער געלעכטער, וואָס האָט די אַרומיקע אַ ביסל צעמישט. יאָסל גוויאַזדאַ האָט אויף אים אַ קוק געטאָן; מיט פאָרוואָרף, מיינענדיק, אַז ער מאַכט חוזק פון שלמהס רייד. אָבער נישט פון שלמהן און זיינע פּלענער האָט איזאַק געלאַכט. פון קאַנדיאַס שירים און פון זיין דראַמע „תולדות משה“, וועלכע ער האָט זיך דערמאָנט, האָט איזאַק איצט געלאַכט.

— דער לערער זיבענבערג איז אַן ערנווירדיקער מאַן, כ'האָב פאַר אים די גרעסטע אכטונג. כ'האָב אָבער מורא, אַז ער איז נאָך אין זיין לעבן נישט געווען אין קיין טעאַטער. ער האָט נישט קיין אַנונג וועגן טעאַטער־שטיק. קאַנדיאַס „משה“ איז אַ דראַמע? דרייט זיך אַרום אַ משה רבינו

מיט אנדערע העלדן פון חומש, רעדן מיט פסוקים, איבערגעניטשעוועטע אין קאנדיאס שירים... שירים! ווער עס קען דעם „זקן המשוררים“, ווייסט, אז קיין גרויסע חכמות רעדן נישט די, וואָס רעדן מיט זיינע שירים. אָסור, צי עמעצער פון פראַנטשישקאַנער אָדער שמולעוויזגע וועט קליגער ווערן פון אזא „משה“... אז סך־הכל איז עס נישט יידיש אויך, דער רוח ווייס וואָס עס איז... שוין אָן אן ערך יידישער איז דאָס טעאַטער־שטיק „מאָזעס“ פון א דייטשישן פּראָפעסער, איינעם קליגנעמאַן... צופעליק האָב איך דאָס ביכל. ווען איר פאַרגלייכט עס מיט קאַנדיא, וואָלט איר געזען...

— איז אפשר טאַקע מאַכן פון דעם „מאָזעס“ א יידיש טעאַטער־שטיק? — האָט זיך גוויאַזדאַ אומגעריכט אריינגעמישט אין דעם שמועס.

איזאַק האָט זיך אַרומגעקוקט: נישט תופס געווען, וועגן וואָס מען האָט אים דאָ געפרעגט. ס'איז קענטיק געווען, אז זיין מוח ארבעט אויף עפּעס א פּלאַן, וואָס איז אים אליין נאָך אפשר נישט קלאָר.

— מען וועט דאַרפן א טראַכט טאָן וועגן דעם... מ'וועט דאַרפן...

פּלוצלונג האָט גוויאַזדאַ זיך אָנגערופן:

— אפנים האַלבער טאָג, אויב די מיידלעך גייען שוין מיט עסן...

אויף דער פּאָליאַנע איז געוואָרן א באַוועגונג. ווער עס האָט געשלעפּט עסן פון קעשענע, ווער פּאַנאַנדערגעפּאַקט א פּעקעלע. מיילער האָבן זיך גע־נומען צו דער אַרבעט, גרויסע לחמאס ברויט זענען גיך אין זיי פאַרשוואונדן, ווי זיי וואָלטן נאָר געוואַרט אויף גוויאַזדאַס באַפעל.

צו גוויאַזדאַן און זיינע נאָענטסטע זענען צוגעקומען כאַוואַשע מיט שרהלען, אויסגעשפּרייט א טישטעך אויפן גראָז און געלאָסן פּאַנאַנדערגע־לייגט דאָס עסן. אומבאַמערקט איז נעבן זיי אויסגעוואָקסן בינעם: ער האָט זיך געגרייט איבערצונעמען די קאָמאַנדע ביי דער אכילה:

— אַ דאַנק, מיידלעך. איצט האָב איך דערפילט, אַז כ'בין הונגעריק. די לופט מאַכט ס'איריקע. — האָט גוויאַזדאַ געשמייכלט.

די מיידלעך האָבן געענטפערט מיט א שמייכל און שטיל, אָן א וואָרט, זיך צוריקגעצויגן צו דער פּאָליאַנע. ערשט איצט האָט זיך איזאַק אויפגע־כאַפּט פון זיין טראַכטעניש: עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז שרהלע איז דאָ גאָר וואָס געווען.

אומרואיק האָט ער זיך אויסגעדרייט צו די אוועקגייענדיקע מיידלעך, געוואָלט זיך אויפהייבן און נאָכגיין זיי, נאָר גוויאַזדאס בליק האָט אים פאַר־בעטן צום עסן, האָט אים צוריקגעהאַלטן.

VIII

טיף אויף מערב איז שוין געשטאַנען די זון, ווען פון דער טיף קעמפּע האָבן זיך דערטראָגן די ערשטע קלאַנגען פון מוזיק. נישט די שוואַכע, הייִמישע, פון א מויל־ אָדער האַנט־האַרמאָניקע, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געשוועבט פון אַלע זייטן, נאָר פעסטע, זיכערע טענער, ווי עס וואָלט אָפּגעשפּילט א גאַנצער אָרקעסטער. דער עולם מיט גוויאַזדאַן האָבן זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן און אוועק אין דער ריכטונג, פון וואַנען עס האָט זיך דערטראָגן די מוזיק.

צענדליקער פּאָר פיס האָבן איינגעקנאָטן דאָס גראָז, צוטופּענדיק צום טאַקט פון דער מאַזורקע. צווישן די פאַרבייטאַנצנדיקע פּאָרלעך — פרייליכע אויסרופן, באַגריסונגען אויף ייִדיש, אויף פויליש. א היץ האָט געשלאָגן פון די טאַנצנדיקע. איינער האָט דעם צווייטן זיך באַמיט איבערצושטייגן אין דער שנעלקייט פון טאַנץ. פאַררויטלטע פּנימער האָבן ברייט געשמייכלט צו זיך, קאָלירן פון העמדער און קליידער האָבן זיך געמיניעט, פאָכענדיקע הענט האָבן זיך פאַרטשעפּעט ביי טעלעכטערס, הילכיק צוגעפּאַטשט צום טאַקט, נאָכגעגאַנגען דעם אויסבויג פון קערפּערס.

— אַ פּאָלקע! — דערלאַנגט אַ פּאָלקע!

נאָך א שטאַרקערע טופּעריי פון פיס און אויסגעשרייען „הו־הא!“ האָבן מינוטנווייז פאַרגלושעט די מוזיק.

אויף צונויפגעשטעלטע פעסער און קעסטלעך האָבן געקייניגט די קלעזמער. דער אַלטער בערל שטורם האָט פלינק געצויגן מיטן סמיטשיק אויף זיין פידעלע, צושאָקלענדיק זיך צום טאַקט, ווי דאָס וואָלט אים געהאָלפן אַרויסציִען די לעבעדיקע טענער. זיין גאַנצער גוף איז געווען דאָס דיריגענטן־שטעקעלע, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן אָרקעסטער. מענדל דער באַס האָט אים צוגעברומט מיט די ברוסט־טענער פון זיין מגושמדיקן אינסטרומענט, זלמנקע האָט אויסגעקלאַפּט דעם טאַקט אויף זיינע מעשענע טאַצן מיט אַן אייפער — פונקען זענען געפלויגן פון די טאַצן. זיי אַלעמען האָט געענטפערט מיט אַלע קלאַנגען פון די סטרונעס מרדכילע פייערמאַן אויף זיין צימבל. די שטעקעלעך זענען געפלויגן אין זיינע הענט, מיט געדיכטע רעגן־טראָפּנס געפאַלן אויפן צימבל און אַרויסבאַקומען ציטעריקע טענער, וואָס האָבן זיך גערוגזט, הלמאי דער באַס מיט די טאַצן ווילן זיי פאַרשרייען. א האַרציקער קרעכץ פון בערלס פידל האָט געענטפערט די צימבל־

בּמרונעס: זייט רואיק, קינדערלעך, די טומלערס גיבן נאָר דעם טאַקט פאַר די טאַנצנדיקע, די מעלאָדיע, דאָס מתיקות — גיבן מיר.

א ווילדער אָבּערעק האָט זיך צעשפּילט. אלץ עפּטער זענען מידע פּאָרלער אָפּגעפאַלן פון די טאַנצנדיקע, אויסגעצייגן זיך פאַרסאָפּעטע אויפן גראָז, פּאָכענדיק מיט פאַטשיילעס אויף ארויסצורופן א ווינטעלע. יעדער פון די קלעזמערס האָט אָנגעהויבן אָפּט צו פאַרפעלן א פּאָר טאַקטן, ווישנדיק זיך דורך דער צייט דעם שווייס. אָט־אָט וועט זיך דער טאַנץ אינגאַנצן איבעררייסן, דער עולם וועט זיך א לאָז טאָן צו די פעסער ביר און קוואַס...

יאָן, דער בעדנער פון בוגאַי, האָט אויפגעריסן דעם עולם מיט אַ מעכטיקן הילך:

— כלאָפּצי! אַ פריילעכס!

פּאָרלעך האָבן זיך ווידער אויפגעכאַפּט. בערל האָט מיטן אויג פון א קאָמאַנדיר באַטראַכט זיין קאַפּעליע: קיינער וועט נישט אָפּשטיין? ער האָט א הייב געטאָן דעם סמיטשיק צום צייכן און פון אונטער מרדכילעס שטעקעלעך האָבן א ציטער געטאָן די סטרונעס מיט די טענער פון א פריילעכס. א לאַנגע שורה מענער און פרויען האָט זיך אייסגעצויגן צום טאַנץ. די גאַנצע לאָנקע האָט זיך ווידער צעבוואַליעט. דער עולם איז אריין אין עקסטאַז, הענט האָבן זיך אויסגעצויגן ארויף און הגעוודיק אראָפּגעגידערט, ארויף און אראָפּ — פלאַטערנדיקע פליגל פון פייגעלעך, וואָס שפּילן זיך אין דער זון. און אָט איז אלץ פארגליווערט געוואָרן אויף א רגע — די מוזיק האָט איבערגעריסן אינמיטן דער מעלאָדיע. אלע קעפּ האָבן זיך מיט חידוש אויסגעדרייט צו די קלעזמער: שלמה בדחן האָט זיך ארויפגעקראַבקעוועט אויף א פעסל, מאַכנדיק צייכנס מיט די הענט. ס׳איז שטיל געוואָרן און שלמה האָט געגעבן א ווונק צו בערלען, וואָס האָט זיך פארקייכט אין א האַרץ־נאָגנדיקער מעלאָדיע פון באַזעצן די כלה.

— הערט מיך אויס, מיינע ליבע יידן און ליבע געסט.
האַלט איין דאָס כליפּעניש, וואָס אין האַרצן אייך פרעסט.

כ׳וועל היינט באַזינגען א כלה,
וואָס וועט זיין ליב און ווייל אין די אויגן פון אלע.
ס׳איז נעבעך א יתומה ביי יידן די בתולה, וואָס כ׳וועל באַזינגען אצינדער,
נאָר ווייל און שיין און ליב איז זי — צו לויפן אויף בייזע ווונדער.

ביי שלמהן האָט געציקלט די שטים: פרייליך געזונגען און גלייך געמאַכט א וויינענדיק פּנים, קרעכצנדיק און זיפצנדיק אינמיטן געזאַנג. דער עולם האָט נישט געקאָנט צעקייען, וואָס ער מיינט מיט זיין כּלה־באַדעקנס. וואָס איז דאָס פאַר א רעטעניש? שלמהן האָט מען גוט געקענט: אייב ער אליין איז ארויסגעשפּרונגען מיט דעם כּלה־באַדעקנס, האָט ער שוין זיכער צוגעטראַכט עפּעס. נאָר אַ ניי הלצהלע. נאָר מען האָט געוואַרט שטיל, נישט אונטערגעיאָגט אים, געלאָזט זיך דורך אים אָנציען, און האַרצן פּאַסמאַקעוועט זיך שוין מיט דער הנאה, וואָס וועט קומען צום סוף פון זיין צוטראַכטעניש. דאָס אַלץ, וואָס שלמה זינגט, איז נאָר א צופיר צום סוף, ווו עס איז שטענדיק דאָס רעכטע־געדעכטע... אייניקע פּוילישע יונגעלייט, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין יידיש, האָבן אָבער שטיל געצופּט זייערע יידישע פריינד: ווען וואָס זינגט ער?

דערווייל האָט שלמה ווייטער אריינגעזונגען אין דעם האַרץ־צופּנדיקן ניגון פון בערלס פידל ווערטער, וואָס זענען אים געקומען אויף דער צונג: פרייליכס און טרויעריקס צוזאַמענגעמישט, איין זאַך האָט זיך צומאָל נישט געבונדן מיטן צווייטן. צופעליקע ווערטער, וואָס האָבן זיך נישט געקלעפּט צום כּלה־באַדעקנס... נאָר אָט האָט ער דערפילט, אז דער עולם איז שוין גענוג אָנגעלאָדן מיט אומגעדולד, האָט ער פּלוצים פאַרענדיקט:

— טאַ זאָלט איר וויסן, מיינע ליבע מענטשן,
בקרוב וועט איר אונדז קאָנען דאַנקען און בענטשן:
מיר וועלן פאַרטרייבן דעם אומעט פון אייערע פּנימער די ליבע,
אייך געבן עפּעס צום וויילן, צו טראַכטן, לערנען און ליבן
עפּעס אזעלכעס, וואָס איר האָט נישט געזען, נישט געהערט, נישט געוווּסט און אזוי וואַטאַ. —
מיר וועלן אייך געבן אן אמתן יידישן טריאַטאַ.
נישט קיין פּורים־שפּילן — פון פּורים צו פּורים, נאָר טעאַטער־
שפּילן א יום־טוב אין דער וואָכן;
פאַר אייערע אויגן דאָס בייזע ברענען און בראָטן, דאָס שלעכטס שיקן צו אַלע בראָכן;
א טעאַטער, ווי ביי לייטן, נאָר פאַר יידישע מענטשן צוגעפּאַסט,
מיט זינגען און טאַנצן, מיט תורה און חכמה, ווי פאַר אונדזער ס׳גאַל עס פּאַסט.

א ברום פון הונדערטער שטימען האָט זיך דורכגעקייקלט. פון דעם אַלגעמיינעם טומל האָט מען קוים געקאָנט ארויסכאַפּן איינצלנע ווערטער. מען האָט אויסגעטייטשט די, וואָס האָבן נישט פארשטאַנען, וואָס דאָס איז פאר א שמחה, האָבן זיך אין אַלגעמיינעם כאָר אריינגעמישט צופרי־דענע פוילישע אויסרופן, איבער וועלכע עס האָט זיך ארויסגעהויבן די שטים פון יאַן דעם בעדנער:

— וויוואַט! ניעך זשיאָן!

— ווו? ווען? וואָס וועט זיין? — פראַגן פון אַלע זייטן האָבן פאר־גרעסערט דעם טומל. שלמה האָט עפּעס אייפעריק איינגעטענהט מיט די קלעזמער, נאָר קיין וואָרט האָט מען נישט געהערט. מען האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי ער איז אראָפּגעשפרונגען פון פעסל און דורכגעשטופּט זיך צו גוויאזדאן. איזאק איז דאָרט געשטאַנען, ווי פארתמט, פארטויבט פון דער התלהבות, וואָס עס האָט ארויסגערופן די ידיעה וועגן א טעאַטער. גוויאזדא האָט אוועקגעלייגט די האַנט אויפן זיין אַקסל:

— זעסטו, ווי מענטשן וואַרטן דערויף?

איזאק האָט נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געזאָגט: כ׳גיב זיך אונטער.

א שטילע פרויען־שטים האָט געענטפערט גוויאזדאן:

— נישט איבערצוגעבן, ווי מען וואַרט...

איזאק האָט זיך אומגעקוקט — דאָס איז געווען שרהלע.

— ער וועט עס מאַכן, איר וועט זען, ער וועט! — גוויאזדא האָט אַ טרייסל געטאָן איזאַקן.

אין דער שווארצער טיפקייט פון שרהלעס אויגן האָט מיט א גראַנאַט־קאָליר א שיין געטאָן באַוואונדערונג. צוויי רייען ציין האָבן א בלאַנק געטאָן צו אים.

שטאַרקע קלעפּ אין די סטרונעס פון צימבל האָבן אָפּגעקלונגען, ווי א סיגנאַל. א לעבעדיקער אָבערעק איז אויפגעשפּילט געוואָרן.

שטיל האָט איזאַק א פרעג געטאָן:

— איר וועט טאַנצן?

לייכט, שוועבנדיק האָט זיך שרהלע א לאָז געטאָן מיט אים אין דער סאמע געדיכטעניש פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך.

ס וף פ ון ע ר ש ט ן ט י ל

צווייטער טייל

ה.

שרהלע

I

אין קליינעם צימערל האָט אַ שטים אויסגעפּילט דעם גאַנצן שטח, מיט איר מעטאַלענעם קלאַנג אָפּגעקלונגען אין דרויסן:

— איך חלום וועגן עפּעס אַנדערש, מיין הער... טעאַטער! פאַר מיר איז טעאַטער אומענדלעכקייט, די גאַנצע וועלט! — געזאָגט איז עס געוואָרן פּאַטעטיש. דער יונגערמאַן האָט פאַררייסן דעם קאָפּ מיט די געקרייזלטע שוואַרצע האָר, שאַרף באַוועגט מיט די נאָזלעכער פון זיין אָדלער-נאָז. אַ הייסער אָטעם פון אויפברויז האָט געשלאָגן פון אים.

באין אופן האָט עס איזאַק נישט געקאָנט פאַרשטיין: אַ בחור פון אַכצן יאָר — נאָך די נאָז נישט אַרויסגעשטעקט אויסער דער וואַרשעווער ראָגאַטקע — רעדט מיט אַזאַ זיכערקייט וועגן זיך, וועגן דער וועלט. אַלע פאַרשלאַגן, איינפאַלן, פּלענער, וואָס איזאַק האָט אַרויסגערוקט, און וועלכע עס האָט מיט אַזאַ היץ פאַרטיידיקט שלמה בדחן, האָבן זיך פון יונגערמאַן אָפּגעשלאָגן, ווי אַן אַרבעס פון דער וואַנט. — נישט פאַר אים! אויף איזאַקס ראיות, וואָס פאַר אַ חוב עס ליגט אויף זיי, דער אינטעליגענטער יוגנט, אַרויסגעוואַקסענע פון פאָלק, — אַ חוב לגבי דעם פאָלק! — האָט דער נאַכט געענטפערט מיט אַ שמייכל: אים נעמט מען נישט מיט אַזעלכע מעשהלעך!.... די דערציונגס-ראָל פון טעאַטער...

— איך וויל קיינעם נישט דערציען. איך דערצי זיך אַליין, לערן זיך, כ'זאָל בעסער קאָנען מאַכן מיין טעאַטער-קאַריערע.

— אָבער בנימין, מיר זענען... — שלמהס ווערטער זענען איבערגע־ריסן געוואָרן.

— אויסמעקן דעם נאָמען בנימין! פאַרגעס וועגן דעם. כ'וועל זיין באַגומיל! באַגו־מיל — ליב דעם גאַט פון טעאַטער, דעם פובליקום. כ'וועל עס זיין!

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, פאַרריסן דעם קאָפּ און אָוועקגעשטעלט זיך אין אַ העלדן־פּאָזע, לויט אַלע כללים, וועלכע מען האָט אים געלערנט אין דער פּוילישער טעאַטער־שול. יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגע־זאָגט, איז געווען אויסגעשליפן, פאַרקיילעכדיקט, יעדע באַוועגונג — אויס־גערעכנט. די שטים זיינע, וועלכע ער האָט כסדר זיך באַמיט צו באַווייזן אין איר מעטאַלענעם קלאַנג, האָט וויברירט מיטן ציטער פון צעהיצטן בלוט. אוי־זאָק האָט זיך ממש פאַרקוקט, דערזעענדיק פאַר זיך אַ בילד פון אַ יוגנט־לעבן גלויבן: עס ווייסט נישט קיין גרענעצן פון פאַרלאַנגען, דרייסט, פול מיט זיכערקייט אין אייגענע כוחות. אַ פאַררייסן נישט רעכענען זיך מיט קיינעמס מיינונג און חוצפהדיק נעמען אַלץ אויף די אייגענע שמאָלע פּליי־צעס. — „ווי הויך מען קאָן שטייגן מיט אַזאַ אימפּעט און ווי נידעריק מען קאָן פאַלן! אַלץ אָפּהענגיק דערפון, ווי עס ווערט באַהערשט די יונגע סטי־כיע, און וואָס פאַר אַ ברעגן זי ווערט אריינגעפּרעסט"... ס'איז אויפגעקומען אין איזאַקן די אַמביציע צו באַהערשן די סטיכיע, אַריינצונעמען זי אין די ברעגן פון זיינע פּלענער פון אַ יידיש טעאַטער.

— הער דאַווידסאָן... די אַמביציע צו זיין דער ערשטער... ס'איז גאָר־נישט ביי אייך? דער ערשטער פון עפּעס נייעס, פון אַן אַנטפּלעקונג, אַן איבערקערעניש אין לעבן פון ירעוויר. און אפשר נאָך ווייטער... פילט איר נישט די שיינקייט פון אַזאַ ראָל, טראָץ אַלע ליידן, מיט וועלכע עס איז פאַר־בונדן? און אפשר טאַקע צוליב די ליידן... ליידן קאָנען ווערן אַ פרייד... ליידן, וואָס קומען פון געבורט־ווייען. עפּעס נייעס ווערט געבוירן. איר קאָנט דערצו צוהעלפן, שפּילן די הויפּט־ראָל...

ניין, ניין! ער וויל נישט צוהעלפן. עס אינטערעסירט אים גאָר־נישט. ווי ער האָט קיינעם נישט אינטערעסירט, ווען ער איז פאַרבליבן אַ יינגל אַ יתום, אין דער פאַרוואָרלאָזטער אכסניה פון זיין טאַטן. פאַלק? ווו איז עס געווען דאַן, ווען פאַר אים איז געשטאַנען אָפן דער אָפּגרונט פון הונגער־טויט? אַליין האָט ער זיך געמוזט אַרויסשלאָגן אויף דער אויבער־פלאַך. ווי אַ טרינקענדיקער, וואָס ראַטעוועט זיך פון וואסער־געווירבל, נישט קענענדיק שווימען. מיט די הענט, מיט די פיס, מיט אַלע פיבערן און

מוסקולן: געאַרבעט, מיט שווייס זיך דערוואָרבן אַ שטיקל ברויט, ביי די געמיינסטע אַרבעטן. און געלערנט זיך, טאָג און נאַכט, היימלאָז און הונ־געריק. מיט אייגענע כוחות, אָן דער הילף פון „פאָלק“, פאַרקערט — מיט דער הילף פון צופעליק באַקענטע פּאָליאַקן איז ער געוואָרן אַ שרייבער פאַרן טעאַטער, אַ טעאַטער־קריטיקער ביי זיינע יונגע יאָרן. דורכגעשלאָגן זיך אַ וועג אין דער טעאַטער־שול, וועט ער זיך אויסקעמפן אַן אָרט אין טעאַ־אַטער. נישט איז אַזאַ, וואָס מען דאַרף איצט מאַכן, פּטרן דערויף די בעסטע כוחות, נאָר אין אַזאַ, וואָס איז שוין דאָ! אָ, פוילן וועט נאָך הערן וועגן באָגומיל דאַוויסאָן. די גאַנצע וועלט וועט הערן.

— באָגומיל דאַוויסאָן וויל די קרוין פון טאַלמאַ! יאָ, מיין הער, די קרוין!

עס האָט אויסגעשטראַלט פון אים אַזאַ זיכערקייט, אַז נישט ווילנדיק אפילו, האָט מען אָנגעהויבן צו גלויבן, אז אזוי וועט טאַקע זיין. זיין באַרי־טאָן האָט צומאָל געהאַט אַ חן. ער האָט קינציק אַרויסגערעדט זיין פאַמי־ליען־נאָמען, עס זאָל קלינגען וואָס ווייניקער יידיש — „דאַוויסאָן“, — איינשלינגענדיק דעם צווייטן „ד“, מיט אַ ספּעציעלן אַקצענט אויפן „סאָן“: ס׳האָט געקלונגען האַלב פויליש און חצי סתם נישט־יידיש.

— יאָ, מיט מיר וועט קלינגען די וועלט, נישט דער אָרעמער רעוויר... פון דאַנען וועל איך וואָס גיכער און וואָס ווייטער אַנטלויפן. דלות! פּינצ־טערניש! מיאוס! נמאס! נישט פאַר מיר!

שולדיק פאַר איזאַקן האָט זיך געפילט שלמה: ער האָט זיך נישט גע־ריכט אויף זיין חבר פון די קינדער־יאָרן... געמיינט, אַזאַ שיינער פּלאַן וועט אים מיטרייסן. ער האָט דאָך אַזוי ליב געהאַט שיינקייט...

איזאַק האָט זיך אינערלעך איינגעשרומפּן. דאַווידסאָנס ביטול צו דער אידעע, וואָס האָט נאָר וואָס אויסגעזען צו זיין אַזוי שיין און רעאַל, האָט מיטאַמאָל אַ וואַקל געטאָן זיין גלויבן. ער האָט שוין מער נישט געהערט דאַווידסאָנס רייד, נישט געזען שלמהס בליקן — ער האָט זיך פאַרקוקט אין אַ פינטל, וואָס האָט אָנגעהויבן צו קרייזן פאַר זיינע אויגן מיט אַן אַלץ וואַקסנדיקער שנעלקייט.

דאַווידסאָן איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען, ווי עס וואָלטן אים די טריט געבריט... טאַקע נישט באַדאַרפט קומען אַהער! די שוואַכקייט צו שלמהלע בדחן איז אין אַלץ שולדיק. מיט די אַלע קאַפּאָ־טע־יידן, מיטן גאַנצן רעוויר בינדט אים כמעט שוין גאָרנישט. מען דאַרף וואָס גיכער אַנטלויפן פון דאַנען! וואָס גיכער!... שלמהלע בדחן וועט האָבן

עגמת־נפש? וועט ער צוליב אים אַ ביסל מילדער מאַכן דאָס אַנטלויפן, פאַרגלעטן:

— מיט וואָס איך קאָן נאָר העלפן, ביטע זייער... אפשר וועט אייך צונוצקומען מיין פּיעסע, „נאַש אַנטאַש" הייסט זי... אַ גוטע פּיעסע, וועט געשפּילט ווערן אין פּוילישן טעאַטער... כ׳וועל זי אייך געדן געבן... איר קאָנט באַאַרבעטן, פאַריידישן, צופּאַסן פאַר דעם טעאַטער, וואָס איר ווילט מאַכן. פאַר אייער עולם...

ער האָט דערביי אַזאַ רייצנדיקן שמייכל געטאָן, אַז אַ העלפט בייזקייט, וואָס האָט זיך ביי איזאַקן אָנגעזאַמלט קעגן אים, איז באַלד צערונען געוואָרן: אייגנטלעך איז ער דאָך געגעבן, דער בחור. אַ וועלט, אַ גרויסע וועלט עפנט זיך פאַר אים, דאַרף ער טאַפּטשען אין דער בלאָטע פון רעוויר? אַי, ער, איזאַק... ער איז דאָך געווען אין דער גרויסער וועלט, אויך געקאָנט אַ פרווו טאָן, וואָס האָט אים צוריקגעבראַכט אַהער, צו דעם שמוץ און דלות פון רעוויר? אַ געהיימער כוח? — ניין, ער גלייבט נישט אין איבערנאַטירלעכע כוחות, וואָס זאָלן קערעווען מיט אונדזער גורל. אפשר טאַקע די אינערלעכע באַדערפעניש, די צוגעבונדנקייט צום אייגענעם שורש. יאָ, דאָס איז נישט קיין איבערנאַטירלעכקייט. דאָס איז אַ נאַטירלעכער מענטשלעכער דראַנג. נשמה! נישט די יום־טובדיקע נשמה, די נשמה יתירה פון פרומע יידן. עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער וואָלט אָנגערופן די אינערלעכע וועלט פון מענטשן. יעדער מענטש לעבט אין דער גרויסער וועלט און האָט זיך זיין קליינע אינערלעכע וועלט, דאָס איז די נשמה. אַ נאַטירלעכע זאַך... אַזוי נאַטירלעך, ווי עס איז דאַווידסאָנס וועלן אַנטלויפן... ווי זשע קאָנען געדייען אַזעלכע צוויי קעגנזעצלעכע געפילן — און ביידע נאַטירלעך? האָ? — יאָ, עס קאָנען! אין מענטשן זענען דאָ אַזויפיל קעגנזאַצן... צווישן מענטשן נאָך מער. נישטאָ די מאָס צו באַשטימען, וואָס איז ריכטיק און וואָס נישט. ער, איזאַק, זעט נישט אַזאַ מאָס. ווייזט אויס, אַז ריכטיק איז דאָס, וואָס דער מענטש פילט, אויב דאָס געפיל וואַקסט אַרויס פון ערלעכע, מענטשלעכע רעגונגען. זיינע געפילן זענען ערלעכע. דאַווידסאָנס אויך? — אפשר... ווער קאָן עס משפטן? קיין שום זאַכלעכע באַווייזן קאָנען דאָ נישט גילטן, סיידן — פאַרוואַנדלען איבערלעבונגען אין זאַכן, רוחניות אין גשמיות. אַ שייכות איז צווישן זיי דאָ אַ גרויסע, איינס באַדינגט דאָס צווייטע, וואַקסט אַרויס פון צווייטן. אָבער אין אַ געוויסן אָרט גייען זיי זיך, ווייזט אויס, פאַנאַנדער. ווו? פאַרוואָס? ניין, איזאַק וועט זיך נישט דערטראַכטן דערצו. ס׳איז אַן ענין פאַר פילאָזאָפן. און זיי האָבן אויך נישט געגעבן קיין ענטפער דערויף.

אַן ענטפער — פאַר אַלע. אַן ענטפער, מיט וועלכן מען זאָל קאָנען, ווי מיט אַ גלייכער מאָס, מעסטן יעדן מענטשן. עפּעס אין מענטשן גליטשט זיך אַרויס פון אונטער מאָסן...

אָט אַפּנים, אַז דער גאַנצער אײנפאַל מיט דאַוווידסאָנען איז געווען אַ נישט געלונגענער. טאַלאַנט האָט ער — דאָס איז שלמה געראָכט, דער גלי פון די אויגן, דער ציטער פון שטים, דער געשטעל, באַוועגונגען, אַפּילו דער אָנגעצויגענער אויסדרוק פון זיין אַ ביסל ווייבלעכן, פאַרקיילעכדיקן פּנים — אַלץ רעדט וועגן דער נישט דורכשניטלעכקייט פון דעם בחור. מיט זיין חוצפּה, פאַררוסנקייט, אָגרעסיפּערישקייט וועט ער זיכער ווייט אַוועק... סיידן ער וועט זיך אויסגליטשן אויפן וועג. עפּעס אָבער פעלט אים— יעדנפאַלס פאַר דער זאַך, וועגן וועלכער זיי חלומען איצט: האַרץ פאַר דער זאַך, טאַקע נשמה. אָן האַרץ קאָן פון דעם גאָרנישט אַרויס. פאַר אַזעלכע זאַכן דאַרף מען מער האַרץ, ווי טאַלאַנט. מיט טאַלאַנט קאָן מען טאַקע מאַכן אַ קאַר־יערע, אָבער צום ש אַ פ ן איז נויטיק האַרץ, נשמה.

אַפּילו די פּיעסע, וואָס דאַוווידסאָן האָט זיי געגעבן -- זייער פלינק גע־מאַכט. אָבער טאַקע נישט מער ווי געמאַכט, גאָכגעמאַכט מוסטערן... פאַר זייער טעאַטער דאַרף מען שאַפן עפּעס נייס, גאָר נייס, אייגנאַרטיקס, ווי אייגנאַרטיק עס וועט זיין דאָס גאַנצע טעאַטער, די באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט אויף, דער עולם, פאַר וועלכן עס ווערט געשאַפן.

אפשר זיך טאַקע אַ נעם טאָן צו קלינגעמאַנס „משה“? אַזוי ווי עס איז, וועט עס זיכער פאַרנודיען דעם עולם. ווער וועט עס פאַרדייען די אויסגע־הקרנטע פילאָזאָפיע, די האַמעטנע רמזים פון קלינגעמאַנען? די טעמע איז אַ גוטע — די לעגענדע משה און פּרעה איז נאָענט אַפּילו דעם צוטומיינסטן פאַרגרעבטן יידישן מענטש. אין דער טעמע דאַרף מען אָבער אַריינלייגן אַן אַנדער אינהאַלט. אַ היימישן, נאָענטן. דער טייערסטער מעטאַל האָט נישט קיין געהעריקן האַפט, ווען ער ווערט נישט איבערגעשמאָלצן מיט אַ קלייניעם צומיש פון אַן ערגערן מעטאַל. דאָס גיט אין אים די פעסטקייט, האַרטקייט, זיין ווערט צום געברויכן. ווען מען זאָל אַזוי קלינגעמאַנס ווערק איבער־שמעלצן מיט אַ צומיש? כדאי צו פּרווון...

דער פאַסיקסטער פּרוביר־שטיין איז שלמה בדחן. ער איז דורך און דורך אויסגעקאָכט אין לעבן פון רעוויר, פון דער וואַרשעווער אָרעמקייט. ער שפּרודלט מיט ווערטלעך, חכמה, לעבנס־באַנעם פון דער אָרעמקייט, האָט פאַנטאַזיע, שפּילעוודיקייט — בדחנישע און פּורים־שפּילערישע. אײנ־

מערעסאַנט, וויאַזוי ער וועט זען די טעמע „משה“, וואָס וועט ביי אים אַרויסקומען דערפון?

די געשיכטע איז שלמהן געפעלן געוואָרן.

— ס'איז דאָך גאָר אַנדערש, ווי אין חומש! — האָט ער זיך געחידושט.

דערפון איז איזאַק געווען צופרידן. ס'איז אים טאַקע געגאַנגען אין דעם, די אַנדערשקייט זאָל אַרויסקומען. ס'זאָל זיין דאָס זעלבע — און עפּעס אַנדערש.

— וויאַזוי, שלמה, וואָלסטו איבערדערציילט דעם שמועס פון פּרעה מיט משהן? דערצייל עס אין גראַמען, מעג זיין בדחנישע.

שלמה האָט אונטערגעברומט אַ ניגון, אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער, מיט אַ פּאָר טריט אויסמעסטנדיק עס אין דער לענג און אין דער ברייט.

— שוין, ס'איז דאָ...

פּ ר ע ה:

הער זשע, משה, מיין זון און מיין קנעכט,
מיט וועמען דו טוסט זיך חברן איז גאָרנישט רעכט.
עס פּאַסט נישט פאַר אַ מענטש, וואָס טוט זיין אין מיין סוויטע,
מיט יידישע קנעכט ער זאָל גאָר זיין אינמיטן.

מ ש ה:

אָ, גרויסער קיניג, פּרעה, דו האַר.
מיין נישט איך בין שוין דער גאַנצער נאַר,
כ'זאָל פאַרגעסן פון וואַנען כ'קום און איך שטאַם,
ווער ס'איז געווען מיין מוטער און ווער בלויז אַן אַם...

פון אַרבל האָבן זיך געשאָטן די שורות אין גראַמען. געזען, אַז איזאַק שטעלט אים נישט אָפּ, האָט שלמה געטראַכט: ס'געפעלט אים! — און אָנגענומען זיך מיט נאָך מער קוראַזש. שמועסן, גאַנצע סצענעס, שילדערונגען האָט ער אויסגעזונגען, וואָס אין זיי איז באַלד קיין סימן נישט געבליבן פון קליינגעמאַנס סיפור-המעשה. אָנגעכאַפּט זיך אין איינעם פון די דערהערטע מאָטיוון און אויספאַנטאַזירט אַ גאַנצע געשיכטע. עס איז געוואַקסן אַ נייע דערציילונג, אָנגעדראָלן געוואָרן מיט פאַרשידענע זייטיקע טעמעס... געשטאַלטן, וועגן וועלכע איזאַק האָט נאָר וואָס דערציילט, האָבן זיך אויסגעמישט מיט געשטאַלטן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין גאַנג פון דער אי-

בערדערציילונג. אַלע געשטאַלטן צוזאַמען געגומען האָבן אָנגעהויבן צו רעדן, האַנדלען, לעבן! נאָר אַנדערש, ווי ביי קלינגענמאַנען. ווען אויסטעריליש פרעמדע זאַכן האָט שלמה געזונגען מיט א ברחגישער פשטות. די אויסטער-לישקייט און פשטות האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן אין אַ באַהגטן געפלעכט פון א פאָלקס-מעשהלע. צוביסלעך איז ער אַליין מיטגעריסן געוואָרן מיט זיין דערציילונג, צעשפּילט זיך, צעזונגען מיט ברען:

איז געקומען משה מיט דעם שטעקן
און האָט געשלאָגן אַלעמען צו דערשרעקן
אין דעם גרויסן פעלזן-שטיין,
וואָס איז אין מדבר געשטאַנען אַליין.
איז אַרויסגעקומען בלאַנק און ריין
אַ קוואַל וואַסער גאָר וואונדערשיין.

משהס ניסים זענען פאַר פרעהן דערציילט געוואָרן דורכן מצרי. שלמה האָט זיך כהרף-עין פאַרוואַנדלט סיי אין מצרי, סיי אין פרעהן, סיי אין פרעהס הויפלייט — שפרינגענדיק, נייגנדיק זיך און אויסגלייכנדיק. איזאַק האָט פאַרגעסן וועגן זיינע פריערדיקע ספקות, אויפסניי אויפגעהייטערט געוואָרן:

— פרוו עס אַליץ צו פאַרשרייבן. שפּעטער וועלן מיר עס צוזאַמען באַאַרבעטן, קירצן, צוגעבן, ענדערן...

שלמה האָט זיך א קראַץ געטאָן אין פאַטילניצע: מיט שרייבן איז א ביסל א שווערערע הלכה. עס פלאָנטערן זיך די אותיות ביים צונויפשטעלן א וואָרט, ס׳ווערט שלאַבעריק די האַנט ביים אָנשרייבן אַן אות. ס׳איז גע-וואָרן א ביסל פריקרע איזאַקן — נאָר פאַרגעסן וועגן דעם... ער האָט זיך גלייך אַליין אוועקגעזעצט ביים שרייבטיש, פאַרשניצט א פרישע געגרזענע פעדער:

— דערלאַנג עס נאָכאַמאָל, שלמה!

אַרויסגעקומען איז שוין אפילו נישט דאָס זעלבע, וואָס פריער. ביי׳ע סצענעס זענען אים איינגעפאַלן. ערטערווייז האָט זיך איזאַקן אויסגעדוכט, אַז ס׳איז ערגער ווי פריער. שלמה איז געווען זיכערער אין זיין געזאַנג, ווי-ניקער פאַרטראַכט זיך און וויניקער געטראַכט וועגן ענלעכקייט צו דעם דערציילטן סיפור-המעשה פון קלינגענמאַנען. נאָך איזאַק האָט עס אַליץ

פאַרשריבן, געשריבן אָן איבערקלייבן, צייטנווייז נאָר אַ מאַך געטאָן אַ צייכן אָפּצושטעלן דעם שטראָם פון שלמהס צעשפּילטקייט: ער האָט נישט געקאָנט אָניאָגן מיט דער פעדער.

II

שפּעטער זומער האָבן די פאַרוויילונגען אויף סאַסקע קעמפּע אומבאַמערקט געענדערט זייער אויסזען. מערסטנטייל האָבן טאַקע די זעלבע מענטשן אַהין געאײַלט יעדן שבתדיקן און יום־טובדיקן טאָג. פון רעוויר — גוויאַזדאַס חברה, פון אַלטשטאָט און פּאָווישלע — אַ ביסל פּוילישע האַנט־ווערקער און דינערשאַפט, פון די פּראַגער געסלעך, שמולעוויזנע, און פון די שטעטלעך אַרום וואַרשע — יידישע יונגעלײַט. אפילו אין טריבע, לײַכט־רעגנדיקע טעג האָט נישט אויסגעפעלט קיין מענטשן. די זעלבע קאַפּעליע האָט פאַרגאַכטצו געשפּילט מאַזורקעס, פּאָלקעס, אָבערקעס און יידישע פריילעכס צום טאַנץ. נאָר פון האַלבן טאָג ביז די אָונטיקע טענץ האָט דער עולם אײַנגעהיט אַ שטילקייט אַרום גוויאַזדאַס פּאָליאַנע, מיט נײַגיר זיך געשלײַכט צווישן די ביימער — הערן און נישט צו שטערן. אין דער שטיל געמאַכט באַמערקונגען, געזאָגט מבינות.

אויף דער פּאָליאַנע האָט איזאַק אײַנגעלערנט מיט די פּורים־שפּילער דאָס נײַע שטיק „משה", וואָס איז אַרויסגעקומען פון שלמהס געזאַנגען און זײַנע, איזאַקס, נײַע אײַנפאַלן, ענדערונגען. ער האָט זיך געפּרוּווט צו האַלטן נאָענט פון קלינגעמאַנס טעקסט און נישט פּילנדיק עס אַליין — ווײַט אַוועק פון אים. איין ענדערונג האָט מיטגעשלעפּט אַ צווייטע, אַ נײַ־צוגעטראַכטע געשטאַלט האָט גורם געווען צו שאַפן אַ גאָר נײַע סצענע און גאָר אַנדערע צווישנבאַציונגען מיט די איבעריקע געשטאַלטן.

ליידיקע פּסעווע, קעסטלעך, זענען געוואָרן פעלדזן, פּרעהס פּאַלאַץ, דער טראָן, דער ים־סוף. אָפּהענגיק דערפון, וויאַזוי איזאַק האָט אָנגערופן דאָס אָרט פון דער האַנדלונג, באַלד האָט זיך די פאַנטאַזיע פון די שפּילערס צוגעפּאַסט דערצו און געזען אין דעם דאָס נייטיקע. גוויאַזדאַ איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיי, געשמועסט אין די איבעררײַסן, געמאַכט באַמערקונגען, צוגעגעבן מוט:

— עס גייט אַ גאַנג! ס'עט גוט זײַן, חברה. שטייט נישט אָפּ!

גאָר נישט אויף קאַטאָוועס האָט איזאַק געמאַטערט דעם עולם. ציִן

און צוואַנציק מאָל איבערגעמאַכט דאָס זעלבע שטיקל און אַלץ נישט געווען צופרידן דערמיט. ער האָט פאַרלאַנגט פון דער חברה זאַכן, וואָס האָבן אויסגעזען פאַר זיי צו זיין אוממעגלעך: יעדעס מאָל מאַכן דאָס זעלבע, זאָגן דאָס זעלבע! די פורים־שפּילער האָבן זיך געבונטעוועט — כסדר דאָס זעלבע ווערט דערעסן. איצט גלוסט זיך גאָר צו זאָגן עפּעס אַן אַנדער וואָרט... איזאַק האָט זיי אָבער נישט צורו געלאָזט:

— איר וועט מאַכן אַזוי, ווי יעדן גלוסט זיך, וועט ווידער זיין אַ הפקרדיקע פורים־שפּיל. טעאַטער מוז זיין איינגעלערנט, צוגעגרייט.

ער האָט זיך באַמיט זיי געבן צו פאַרשטיין, אין וואָס ער זעט דעם חילוק צווישן טעאַטער און פורים־שפּיל: אין אַ פורים־שפּיל טוט יעדער, ווי עס פאַלט אים איין, קומט אַרויס לויטן וועטער... ס'קאָן אַמאָל זיין זייער גוט און אַמטמאָל קאָן עס פּאַסן, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. און אַז עס קלעפּט זיך נישט איינס מיטן צווייטן, איז אויך נישט קיין אומגליק. „היינט איז פורים, מאָרגן איז אויס" — רוף מיך קנאַקניסל. אין אַ טעאַטער־שפּיל אָבער מוז יעדער שפּילן אַזוי, ס'זאָל צוזאַמענשפּילן מיטן צווייטן, ס'זאָל ווערן דערפון אַ גאַנצקייט. אַ זייטיק וואָרט, אַ זייטיק המצאהלע אָדער קונצל קאָן די גאַנצקייט צעשטערן. אָט האָט זיך פאַרגלוסט שלמה בדחן, וואָס דאַרף איצט זיין דער העלדישער משה, אַריינצוזאָגן אַ וויץ. ס'איז אים נאָר וואָס איינגעפאַלן, זאָגט ער: בכן — איז וואָס? צי פּאַסט אָבער דער וויץ פאַר משהן? צי פּאַסט ער פאַר דער גאַנצער שפּיל? און פרעה — מעג ער חען אַזוי פּאָכען מיט די הענט? די פליגן וועלן שוין פון אים אוועקטרייבן די הויפליַיט מיט די פעכערס. עס שטייען דאָך אַרום אים לייבדינער מיט ריזיקע פעכערס... יעדע איבעריקע באַוועגונג — שטערט, יעדעס איבעריק וואָרט שטערט. טעאַטער פאַרטראָגט נישט קיין איבעריקס. יעדע זאַך מוז האָבן אַ זין און אַ באַרעכטיקונג. ביי די פורים־שפּילן גייט אַלץ אָן, אין אַ טעאַטער־שפּיל מוז מען זיך צוימען.

— וואָס ווילן מיר, אייגנטלעך, אַרויסברענגען מיט דער משה־שפּיל? דערציילן די מעשה פון חומש דאַרף מען נישט, נישט כדאַי. מען דאַרף ווייזן, וואָס די מענטשן האָבן געטאָן, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, פאַרוואָס זיי האָבן עס געטאָן. ווייזן אַזוי, מען זאָל זען, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין די מענטשן... די קנעכט בונטעווען זיך קעגן פרעהן און זיינע כוהנים, משה בונטעוועט זיך קעגן זיי. זיי ווילן פרייהייט. פרייהייט!

דאָס וואָרט האָט אים אָנגעצונדן. יעדעס מאָל, ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם, געטראַכט וועגן פרייהייט, איז ער געוואָרן איבערגעביטן. —

„פרייהייט — דאָס הייסט רעכט פון מענטשן צו געניסן דערפון, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, וואָס ווערט געשאַפן דורך מענטשלעכער אַרבעט. נישט דאָס קנעטן ציגל, בויען פּתום ורעמסס איז דאָס שלעכטע. דאָס בויען פאַר פּרעהן, נישט פאַר די, וואָס זענען די בויער, אין דעם ליגט דער ווייטיק. און דער קאַנטשיק!"...

— אַוועק מיטן קאַנטשיק! דאָס דאַרף אַרויסדרינגען פון דער טעאַטער־שפּיל. ווי ביים דייטשישן שרייבער שילער. ער האָט געשריבן זיינע שטיק קעגן טיראַנען. ווו דאָס שטיק זאָל זיך נישט אָפּשפּילן, ווען ס'זאָל נישט האָבן פאָרגעקומען: אין אונדזער צייט, צי מיט הונדערטער יאָרן צוריק. אין דייטשלאַנד, שווייץ, פראַנקרייך, איטאַליע... דער זין פון יעדער זאַך איז דער קאַמף קעגן טיראַנען. יעדע אונטערדריקונג איז טיראַניע...

ער, איזאַק, וויל איין זאַך פון דער שפּיל: דער מענטש, וואָס וועט זיין אין טעאַטער, זאָל קריגן אַ האַס צו פּרעהן און זיינע לייט, זאָל אָנהייבן האַסן אונטערדריקונג. אויב ער וועט האַסן פּרעהן, וועט ער האַסן אַלע די, וואָס אונטערדריקן. ער וועט זיי דערזען אין די געשטאַלטן, וואָס זענען אים נענטער, באַשענקען מיט די נעמען, וואָס ער האָט פיינט... מען מוז זיין דערפאַר אָפּגעהיט מיט יעדער קלייניקייט, וואָס קאָן שלעכט ווירקן. אַ נישט געשמאַקער וויץ אין משהס מויל, אַשטייגער, קאָן דערפירן צו אַ חוזק פון משהן. חוזק פון אַ העלד — הייסט מאַכן אים פאַר אויס העלד.

עולם פּורים־שפּילער האָט עס צוביסלעך אויפגענומען, פאַרשטאַנען. איינגעלערנט זיך די ווערטער, וואָס איזאַק האָט זיי אויפגעגעבן, אָנגעהויבן צו באַהערשן די פּנימער און באַוועגונגען, ס'זאָלן נישט זיין קיין ווילדע העוויות. איזאַק האָט נישט געהאַט קיין סיבה צו זיין אומצופרידן פון זיי. אָבער נאָך אַ פּאָר וואָכן האָט זיך די אַרבעט ווידער אָנגעשטויסן אויף אַ שטיין אין וועג: מרים הנביאה.

וויפל עס האָט זיך נישט באַמיט צו מאַכן צאַרטער זיין טאָן און באַוועגונגען יוקל דער פּורים־שפּילער, וועגן וועלכן אַפילו שלמה האָט געזאָגט, אַז ער האָט נישט זיינס גלייכן אין אסתר המלכה, איז איזאַק אַלץ נישט געווען צופרידן.

— יוקל כניאָק, נישט מרים הנביאָה, — האָט ער זיך געבייזערט צו יוקלס גרויסער ערגערניש און צו דער צופרידנקייט פון אייניקע פּורים־שפּילער, וואָס האָבן נישט פאַרגינען יוקלען זיינע ביזאיצטיקע טריומפן.

וואָס מער יוקל האָט זיך באַמיט, אָנגעשטרענגט, געהנדלט — אַלץ ערגער איז עס אַרויסגעקומען. איזאַק האָט פאַרבראָכן די הענט:

— מען זאָל זיך אַפילו שטעלן אויף אַן אויער!... דאָ דאַרף מען אַן אמתע פרוי...

— אפשר איך?

אַ ציטער איז דורך איזאַקן: שרהלע האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער.

ס'איז אויסגעבראָכן אַ טומל. איין פורים־שפּילער האָט זיך באַמיט איבערצושרייען אַ צווייטן. דער איינפאַל, אַז עס קאָן טאַקע שפּילן אַן אמתע פרוי, איז פאַר זיי געווען אַזאַ אַנטפּלעקונג, ווי זיי וואָלטן זיך גאָר וואָס דער־וווּסט וועגן פרויען בכלל. יוקל האָט זיך איינגעקנוילט, ווי אַ פאַרזינדיקט הינטל. אין טומל האָבן זיך אַריינגעמישט זייטיקע:

— דאָס וואָלט געווען!

— טאַקע ווי אַן אמת טעאַטער!

— מען וואָלט געקומען אויף בייז ווונדער.

גוויאַזדאַ האָט איינגעשטילט די באַגייסטערונג:

— נישט ממשותדיק... — ער האָט געגעבן אַ צייכן בינעמען.

— ששששאַ! — בינעם האָט זיך באַמיט אַלעמען צו באַרואיקן, געבנ־דיק צו פאַרשטיין, אַז גוויאַזדאַ וויל עפּעס זאָגן.

— נישט ממשותדיק, — האָט גוויאַזדאַ איבערגעחזרט.

די אָנהענגער פון שרהלעס פּלאַן האָבן נישט מסכים געווען דערמיט, ווייניקער פון אַלע — שרהלע אַליין. אָבער גוויאַזדאַ האָט רואיק, געלאַסן געגעבן צו פאַרשטיין: אַזאַ שריט וואָלט געווען אַ צו אָפענער אַרויסרוף פאַר קהל און רבנים. זיי וועלן איינלייגן וועלט נישט צו דערלאָזן. מען וואָלט עס פאַרשריגן פאַר זנות, פאַרוואָרפן מיט שטיינער. זייוול שמשים ושאַנדאַרמעריע און דעם צאַרס פּאָליציי וואָלטן צעגומען די הענט. ס'איז דאָך אַ טאָפּלטע איבערקערעניש — סיי טעאַטער, סיי אַ פרוי אויף דער בינע! איבער די כוחות טאָר מען זיך נישט פאַרמעסטן. פריער דאַרף מען איינעם דורכברעכן — די וואַנט פון שטערונגען פאַרן טעאַטער גופא...

— מיינט איר ס'וועט אַזוי לייכט דורכגיין? אוי, נישט לייכט! צו וואָס נאָך באַשווערן? געדולד, שרהלע, מען מוז האָבן געדולד. פרוון איבער די כוחות, יאָ, נאָך אויך מיט אַ גרענעץ. ס'טעאַטער גופא איז אַ פרוו אי־בער די כוחות. מאַכט נישט נאָך שווערער, קינדער, הענגט אַליין נישט אָן קיין איבעריקע משא.

אז ער איז גערעכט, גוויאזדא, — דאס האט איזאק באלד פארשטאנען. פונדעסטוועגן האט ער דערווייל נישט געקאנט ווייטער ארבעטן. אפשר שפעטער... איצט איז ער אינגאנצן געווען פארנומען מיט שרהלען. „איז זי אזא דרייסטע נאר צווישן אונדז, צי וואלט זי מאקע געוואגט צו שפילן?“.

א פאר וואכן האט איזאק נישט געהאט געזען שרהלען. דאס הייסט -- געזען האט ער זי זייער אפט, זינט יענעם אוונט, ווען זיי האבן געטאנצט דא, אויף דער סאסקע קעמפע. יעדע וואך געזען מאקע דא, זייער אפט געטראפן אויפן הויף, וו ער וווינט. כמעט יעדן אוונט פלעגט זי קומען אהין מיט איר חברטע כאוושע. זי האט לעצטנס צוגעהאלפן גוויאזדאן אין די חשבונות פון דער ליי-קאסע, אין שריפט-ארבעטן.

נאר ער האט עס כמעט נישט באמערקט, אזוי איז ער געווען פארטאן אין דער ארבעט איבערן טעאטער-שטיק. צוביסלעך האט ער פארנאכלעסיקט די לעקציעס זיינע. שלמהלע משרת האט אפילו געגעבן אים אנצוגערן, אז אייניקע תלמידים האבן זיך פארקלאגט פאר גוויאזדאן. יענער האט זיי בארואיקט: פארטאן מיט עפעס אנדערש... דער אומרו, וואס האט ארומגעקרייזט אין זיין מוח, האט פארטריבט דעם אומרו פון הארצן, וועלכן שרהלע האט געהאט ארויסגערופן. איר אומדערווארט דערשיינען איצט — די צוויי ווערטער — האבן מיט א פארשטארקטער כוואליע בלוט א שלאג געטאן אין הארצן.

— דאס גאנצע טעאטער... דאס אלץ וואלט געקריגן אן אנדער פנים, ווען איר זאלט מאקע שפילן מרים.

— איך וואלט א האלב לעבן אוועקגעגעבן דערפאר... שפילן אין טעאטער...

זיי האבן גערעדט צו זיך. ווייטער האט זיך שוין דער שמועס לייכט געקייקלט, ווי ס׳איז ביי אלטע באקאנטע, וואס באגעגענען זיך נאך א קורצער צייט נישט זען זיך. איזאק האט איר דערציילט וועגן אלע שוועריקייטן פאר די פאר וואכן ביים צוזאמענשטעלן דאס טעאטער-שטיק, ביים איינלערנען עס. מען האט געדארפט פארשטיין: „אט פארוואס איך האב די לעצטע צייט דיר נישט געקאנט שענקען די אויפמערקזאמקייט, וואס דו פארדינסט“... שרהלע האט גערעדט וועגן איר חלום — שפילן אין א טעאטער. זי האט נאך קיינמאל נישט געזען קיין טעאטער, אפילו נישט קיין לייטישע פורים-שפילן. ביי איר אין שטעטל איז עס נישט געווען. און אפשר יא געווען, נאר נישט דערגאנגען צו איר, דעם סופרס טאכטער... ווען איר מאמע האט געלעבט, איז זי געווען אפגעריסן פון דער גאנצער יוגנט אין

שטעטל, פֿאַר די רייכע איז זי געווען צו אָרעם, פֿאַר דער באַלמעלאָכישער יוגנט — איינע פֿון די כלי־קודש. זי האָט נישט געהאַט קיין חברים — קיין חברטעס כמעט נישט געהאַט. איין פֿריינד נאָר — נישט צו פֿארגעסן דאָס גאַנצע לעבן. א פּוילישע שכנטע, א לערערין... אוי, ווען איזאק קען די פּאני וואר־נעצקאַ! א זעלטענע פֿרוי, ווי נישט פֿון אונדזערע צייטן, פֿון אן אנדער וועלט... אן עלטערע, אן אלמנה. דער מאַן אירער איז אומגעקומען אין דאָמבראָווסקים לעגיאָנען. אומגעקומען ערגעץ אין די שפּאַנישע בערג. די משפּחה האָט זיך פֿון איר אָפּגעזאָגט — זי האָט חתונה געהאַט קעגן דעם ווילן פֿון דער משפּחה. האָט זי געלעבט אן עלנטע אין זייער שטעטל, גע־לערנט די קינדער פֿון שכנותדיקע פּריצים, פֿון נאַטשאַלסטווע — פֿראַנ־צויזיש און מוזיק. זי, שרהלע, האָט זיך אויך ביי איר אויסגעלערנט א ביסל פֿראַנצויזיש. אויסגעלערנט זינגען, נייען, העפֿטן... דאָס איז איר פֿארבליבן, כ'האָט זי געראַטעוועט, ווען זי איז געבליבן א יתומה מיט צוויי יאָר צוריק. אדאַנק דעם קאָן זי זיך איצט אויסהאַלטן אין וואַרשע... פּאַני וואַרנעצקאַ האָט שטענדיק געזאָגט: „ביסט א געבוירענע קינסטלערין, סאַרענקאַ. דארפֿסט אוועק פֿון דער העק — אין דער וועלט אריין"... זי האָט עס דאַן נישט פֿארשטאַנען, נישט באַנומען: וואָס הייסט א קינסטלערין? וואָס דארף זי טאָן? איצט ווייסט זי: שפּילן! שפּילן אין טעאַטער! ביז איצט האָט זי נאָך נישט געהאַט געזען קיין טעאַטער. דערפֿון, וואָס מען האָט איר דערציילט, האָט זיך ביי איר געשאַפֿן א קנאַפּער באַגריף. אָבער דאָ, זעענדיק, ווי אַנ־דערע לערנען איין דאָס שטיק, האָט זי פֿארשטאַנען, אז אין טעאַטער ליגט איר צוקונפֿט.

— טעאַטער? פּורים־שפּיל! ביי אונדז אַ טעאַטער! מיט וועמען? פֿאַר וועמען? — אָן א פֿארוואָס האָט זיך איזאק פּלוצלונג צעקאָכט.

ער האָט איר דערציילט וועגן טעאַטערס, וואָס ער האָט געזען אין אויסלאַנד... אָ, ס'איז דאָ וואָס צו זען! אפֿילו אין וואַרשע... אפֿשר וואָלט גאָר שרהלע מיט אים געגאַנגען זען א טעאַטער?

— אָ! — די שוואַרצע ליכטלעך פֿון אירע אויגן האָבן שטאַרקער אויפֿ־געלויכטן. — טאַקע אליין געטראַכט... געוואָלט... כאַוטשע האָט אָפּגע־האַלטן. נישט באַקוועם, א פֿריילין אליין...

זינט זי האָט געזען, ווי איזאַק לערנט איין דאָס שטיק, טראַכט זי נאָר וועגן טעאַטער. אפֿשר האָט ער עס נישט באַמערקט — די גאַנצע צייט האָט זי זיך צוגעקוקט און צוגעהערט, ווי ער לערנט איין מיט די פּורים־שפּילער דאָס טעאַטער־שטיק. אלץ, וואָס איזאַק זאָגט צו די שפּילער, איז פֿאַר איר

קלאָר, פֿאַרשטענדלעך. זאָל ער נישט לאַכן — איר ווייזט זיך אויס, ווי זי וואָלט דאָס זעלבע שוין פֿון לאַנג געטראַכט. ווען די שפּילער מאַכן אים נאָך, טראַכט זי אַליין, אַז זי וואָלט עס בעסער נאָכגעמאַכט. זאָל ער נישט לאַכן פֿון איר, דאָס קומט אויף אין איר אַליין פֿון זיך. זי איז זיכער — זי קען בעסער שפּילן, ווי אַלע שפּילער, סיידן — שלמה בדחן, אָ, ער איז עפּעס אַנדערש. ביי אים לעבט אַלץ. צי ער מאַכט אַ ליץ, אָדער משהן. אָבער יוקל? נעבעך אַ רחמנות אויף אים...

— איך וואָלט אַ שפּיל געגעבן מרים. יעדעס וואָרט ליגט מיר אויף דער צונג. יעדע באַוועגונג... פֿאַר די אויגן זע איך מרים. כסדר... מרים, איך אַליין. אוי, וואָלט איך געשפּילט!

איר ברוסט האָט געכוואַליעט. זי איז געווען אַזוי איבערגענומען, אַז איזאַק האָט דערפֿילט אַ נויטווענדיקייט זי צו באַרואיקן:

— געהולד! לאָמיר דורכברעכן די וואַנט. — ער האָט נישט געפֿילט, אַז ער רעדט מיט גוויאַזדאַס ווערטער. — דערהוויל: צוקוקן זיך, באַקענען...

זי האָט זיך צעלאַכט: און ווען ער פֿאַרווערט עס איר צו טאָן, וואָלט זי אים דען געפֿאָלגט? דורך אַ שפּאַרע וואָלט זי אַריינגעקוקט, דורך אַ שליסל־לאָך. פֿון טעאַטער וועט מען זי נישט פֿאַרטרייבן. זי זאָל וויסן דאָס לעבן איינצושטעלן!

ציטעריקע טענער, וויינענדיק־לאַכנדיקע, פֿון מרדכי פֿייערמאַנס צימבל, האָבן זיך דערטראָגן. אַ סיגנאַל — באַלד וועט מען אָנהייבן צו טאַנצן. אי־זאַק האָט זיך געגעבן אַ ריס אויף:

— מיר וועלן היינט ווידער טאַנצן?

— ווי לאַנג איר וועט אויסהאַלטן, אַן אויפֿהער.

ווי קינדער האָבן זיי זיך גענומען ביי די הענט און געלאָפֿן צו דער טאַנץ־פּאַליאַנע.

III

דאָס געוועב פֿון די שפּעט־זומער־פֿעדעם האָט קיין אריכת־ימים נישט געהאַט. דאָס יאָר איז עס באַלד פֿאַרשווענקט געוואָרן דורך די רעגנס, וואָס האָבן פֿון יום־כּיפּור־צייט אָן אויפֿהער געטריפֿט. משרתים און דינסטן האָבן זיך פֿאַרשאָלטן די יאָרן: שלעפּ אין אַזאַ פּליוכע די מאכלים אין סוכה אַריין, וויש אָן אויפֿהער פֿאַרלאָגעס פֿון דער בלאָטע, וואָס האָט זיך אין די פֿאַר־הייזער אָנגעשלאָגן, ווי געדיכטע סמעטענע. דער טאַפּלטער סכך איבער סאָ־

לידע סוכות האָט נישט געהאָלפֿן — מיט שירעמס איבער די קעפּ האָבן באַלעבאַטים געפּראַוועט די סעודות. אָרעמעלייט האָבן קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט: אָפּגעכאַפּט די ברכות, דעם קידוש, אויף גיך זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די מאכלים און בענטשן — די זמירות האָט מען שוין פֿאַרענדיקט אין דער היים.

א טריבקייט, געדיכטער ווי תמיד, איז געהאָנגען איבערן רעוויר. לאַנגע ציינגער האָבן זיך אינגאַנצן צעלאָזט, ממש אויסגערעדט אויפֿן הימל:

— א יום־טוב האָט ער אונדז צוגעגרייט... זיי זיך אים משמה, אז ס'טרייסלט א קדחת...

רב ליפּשיץ האָט אין א דרשה געריסן הימלען קעגן דער אפּיקורסות, וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט אין שטאָט. צוליב דעם שטראָפֿט אזוי גאָט די גאַנצע קהילה קדושה! מיט פֿאַרנעפּלטע ווערטער האָט ער אָנגעוויזן דעם קוואַל, פֿון וואַנען ס'קומט דאָס אפּיקורסות, — קינד און קייט האָבן פֿון די רמזים פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט ער די פֿאַרהאַסטע ראַבינער־שול. האָט עס ארויסגערופֿן ערגערניש ביי די אויפֿגעקלערטע. אייזנבוים האָט בפירוש אָנגעזאָגט זיין איידעם פּאַפּראָצקי, אז אויב די קהילה וועט זיך נישט אריינמישן, וועט ער דערגיין ביז מלכות. פּאַפּראָצקי האָט אויף א געהעריקן אופֿן באַלויכטן דעם ענין פֿארן דאָזאָר יעקב עפּשטיין. דעם דאָזאָר האָט עס פֿאַרדראָסן — ער האָט שוין א פּאָר מאָל געלאָזט וויסן, מען זאָל נישט טשעפּען די ראַבינער־שול. ווידער דאַרפֿן רעדן מיטן אַלטן רב!

האָט זיך טאַקע יעקב עפּשטיין אליין מטריח געווען צום „חמדת שלמה“ און אויף אן איידעלן אופֿן אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אז ער, דער דאָזאָר, און די שענסטע באַלעבאַטים פֿון ווארשע ווינטשן זיך די ראַבינער־שול זאָל באַטראַכט ווערן פֿאַר א בכבודיקער יידישער זאַך, זיי ווינטשן זיך! דער חשובער צדיק קאָן מיט זיינע רמזים קעגן דער ראַבינער־שול ארויסהלפֿן זייער אומצופֿרידנקייט מיט דער רעליגיעזער פּירעכץ פֿון דער קהילה, ס'איז אַנדערע צייטן... א מער וואָלט דער גרויסער פּאַסטעך פֿון די וואַרשעווער צאן קדשים געזוכט די זינד, וו זיי זענען טאַקע איך אן אמת דאָ, צווישן דעם פּעבל, וואָס פּראַוועט שמד־שטיק מיט שקצים א גאַנצן זומער ביי דער ווייסל. דער ראַבינאַט איז אזוי פֿאַרנומען מיט הימל־זאכן, אז ער באַמערקט נישט, וואָס עס טוט זיך אונטער זיין נאָז. אזעלכע זאכן זאָל: ווערן פֿאַרזען דורכן ראַבינאַט, דורך די שמשים! אים, דעם דאָזאָר, וווּנדערט עס זייער שטאַרק...

דערהערט דאָס, איז דער „חמדת שלמה“ אויף אַן אמת פאַרציטערט געוואָרן. נישט צוליב די אָנדייטונגען פון דאָזאָר — דער רב איז געווען פעסט אין זיין גלויבן, אַז ער איז שטאַרקער פון אַלע דאָזאָרעס און נגידים, ער האָט גאָטס השגחה איבער זיך און זיין כסא־רבנות איז דעריבער פעלדזן־פעסט. אָבער — אַזעלכע זינד... ער האָט תיכף אַרויסגערופן צו זיך זיינע פעלען דעם אויבערשמש, די גאַנצע תוכחה אויסגעגאָסן אויף זיין קאָפּ:

— ס'טייטש, אַזאַ נבלה אונטער דער נאָז!

די נאָז ביי זייוועלען איז פון רבס ווערטער בלאָס געוואָרן, באַדעקט זיך מיט פעטע שווייס־טראָפּנס. טאַקע, ווי האָט ער עס געקאָנט פאַרזען? גע־חידושט האָט ער זיך, וואָס אַ גאַנצן זומער איז געווען שטיל מיט די הפקר־יונגען אין די ביר־גערטנדלעך. ס'איז אים אָבער נישט געקומען אין קאָפּ אַריין אַ זוך צו טאָן, ווו זיי זענען פאַרפאַלן געוואָרן. אוועק פון די אויגן, האָט ער זיך באַרואיקט. פאַר זיך אַליין האָט ער נישט געוואָלט מודה זיין, אַז צוליב די היצן האָט זיך אים נישט געגלוסט צו רירן זיך פון אָרט. אָבער איצט וועט ער זיך שוין נעמען צו זיי. אַהאַ, — פון אונטער דער ערד וועט ער זיי אויפזוכן, ביי באָרד און פאות שווערט ער!

דעם זעלבן אָוונט האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט מיט זיינע באַהעלפערס איבער אַלע יידישע ביר־גערטנדלעך — כמעט קיין לעבעדיקן נפש נישט גע־טראָפן. זויערע פּנימער פון די שענקער האָבן עדות געזאָגט וועגן די געשעפטן.

— אַ חידוש? אַזעלכע רעגנס... — האָט זיי זייוול געטרייסט.

ער האָט אָנגעהויבן צו נישטערן אין די קעלערס, אַכסניות, אָרעמע קיכן — דאָרט האָט ער דווקא געטראָפן נישט פאַרדעכטיקטע, נישט פון גוויאַזדאָס חברה, פון די פּורים־שפּילער. ווו זשע זענען זיי פאַרפאַלן גע־וואָרן? אויסגעטרוקנט געוואָרן פון וואַרשע? — ניין, פון אַזאַ פּלאָג ווערט מען נישט פּטור אַזוי גיך. מן הסתם האָבן זיי אָנגעהויבן צו נעסטיקן אין די פּוילישע שענקען, אויסער דעם רעוויר. אָבער אַהין האָט זייוול מורא געהאַט אַריינצושמעקן. וועגן דעם איז זיך בעסער נישט ווייסנדיק צו מאַכן... און די דראָונגען פון „חמדת שלמה“? — גאָט אין הימל, וואָס טוט מען?

איז נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת מיט זיינע אַדיוטאַנטן געבליבן, אַז אַ נייער באַהעלפער, — קיינער קען אים נאָך נישט אין שטאָט — זאָל אויס־שמעקן, וואָס עס הערט זיך אין גרוב פון דער חיה, אין גוויאַזדאָס נאָרע גופא. דער באַהעלפער האָט זיך געוואַקלט, געקווענקלט, לסוף — געגאַנגען אויף קידוש־השם. די ידיעות, וואָס ער האָט געבראַכט, האָבן זייוועלען

שטאַרק דערפרייט. עס האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אז צוליב דעם זענען די הפקר־יונגען שטיל געוואָרן: גוויאזדא איז מסוכן קראַנק.

דאָס איז אין דער אמתן נישט געווען איבערגעטריבן אויך. א פּאָר טעג, ווי יאָסל גוויאזדא האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט. שוין לאַנג האָט געוואַכט ביי זיין בעט דער דאָקטאָר סטודענצקי, ס'איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים ביינעם. כאַוועשע, פייגל און שרהלע האָבן זיך געביטן אין די וואכן אויף אזא אופן, אז אויף קיין רגע איז גוויאזדאַ נישט געבליבן אליין. צו די נאָענטסטע, וואָס זענען איצט צו יעדער צייט צוגעלאָזט געוואָרן צום קראַנקנס בעט, האָט אויך געהערט איזאַק.

דאָס אומגליק מיט גוויאזדאַן האָט זיך אָנגעהויבן גלייך נאָך יום־כיפור. אין אַ הושכדיקן טאָג זענען צו גוויאַזדאַן אָנגעקומען צוויי פּראָווינצער באַל־מעלאָכעס און דריי פּאַק־הענדלער, באַקלאָגט זיך: די גאַנצע תשובה־טעג האָבן זיי נישט פאַרדינט אויף צו באַצאָלן דאָס טאָג־צעטל. פון וואָס זאָלן זיי לעבן? און די משפּחה אין די שטעטלעך? וועגן יום־טוב מאַכן איז שוין אָפּגערעדט! גוויאזדא מוז העלפן.

וואָס קאָן ער העלפן? ער האָט זיי אויסגעצאָלט צו צוויי גילדן פון „מעוז לדל"־געלטער און איינעם, א לאַטוטניק, א מטופל מיט זעקס קינ־דער — א קליין איינגעשרומפּן יידל, וואָס האָט ביי זיינע 35 יאָר אויסגע־זען, ווי א זעכציקיאָריקער זקן, — האָט ער אויסגעצאָלט דריי גילדן. נאָר דער עולם האָט נישט געוואָלט נעמען קיין געלט. ווי אלע וואָלטן זיך אָפּגע־רעדט.

— אַ פליאַסטער אויף אַ הילצערנעם פוס. פאַרריכטן אַ צעבראָכענע כלי מיט ניכטערנעם שפייעכץ. — האָבן זיי געטענהט. גוויאזדא מוז פאר זיי אויפטאָן עפּעס, וואָס זאָל זיי אויף אַן אמת העלפן. נישטאָ מער קיין כוחות. נישט קיין נדבות — הילף ווילן זיי.

ער האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אז וועגן זייער באַזעצן זיך אין וואַרשע קאָן איצט קיין רייד נישט זיין. די קהל־תקיפים באַמיען זיך ביי מלכות, מען זאָל נישט אריינלאָזן קיין נייע יידן. סיידן — זיי וועלן זיך אויפבויען הייזער. און טאַקע געמויערטע. קאָן מען רעדן פון דלות אויס־קנעטן ציגל? דער תירוץ — ס'איז ענג אין וואַרשע, שמוץ, הולאתן. תירו־צים פעלט נישט...

— יידן, נישטאָ דערויף וואָס צו האָפן.

— אָפּשאַפן דאָס טאָג־צעטל! לאָזן פריי פּראָווינצער אריינקומען קיין וואַרשע!

— ביי מיר האָט איר געפּועלט... — גוויאַזדאַ האָט צו זיי גערעדט, ווי צו ברוגזע קינדער. ער האָט דאָך אַזויפיל געשריבן וועגן דעם צו מלכות, אַ גאַנצן פּנקס קאָן מען דערפון צונויפשטעלן, אָבער ס'איז אַלץ אַרויסגע־וואָרפענע טרחה. די רעגירונג טראַכט וועגן איינס: די קהילה מוז אַריינ־צאָלן אין מלוכה־אוצר הונדערטער טויזנטער גילדן אַ יאָר. פון כשר פליייש־שטייער, וויינען די קהילישע טאַטעס, קאָנען זיי נישט דעקן די הצתרכות פון קהל און צאָלן אין מלוכה־אוצר, דאָס טאָג־צעטל דעקט עס, ברענגט אַריין שווערע טויזנטער, צענדליקער טויזנטער גילדן אַ חודש...

— זאָלן צאָלן די קראַדניקעס! ווערן פעט פון כשר־פליייש־פאַכט, זאַלץ־פאַכט, מאָנאָפּאָלן, שטייערן־פאַכט, דיסטריבוציעס...

— אוודאי וואָלטן זיי באַדאַרפט צאָלן, — גוויאַזדאַ איז מסכים, אַז דאָס וואָלט געווען יושרדיקער, — זיי ווילן אָבער נישט. זיי האָבן די מטבע. זיי האָבן אָנזען ביי מלכות. ליב האָט מען זיי אפשר טאַקע גאָרנישט מער, ווי די קבצנים, זיי האָבן אָבער מיט וואָס צו שמירן. געשמירטע רעדער פאָרן גוט, אַ קינד ווייסט עס...

אַז גוויאַזדאַ איז גערעכט, האָבן די יידן געוווּסט און פאַרשטאַנען. דאָך האָבן זיי זיך נישט געקאָנט באַרואיקן, געשריגן, נישט זיי האָבן געשריגן — זייער ווייטיק האָט פון זיי אַרויסגעשריגן, דער פיין פון זייערע משפחות, דאָס געוויין פון זייערע הונגעריקע קינדער. אַהיימקומען יעדן טאָג און נישט מיטברענגען אויף אַ שטיקל ברויט מיט אַ ציבעלע? און אַז מען וועט שוין נישט פאַרדינען אפילו אויף צו באַצאָלן דאָס טאָג־צעטל — וואָס דאַן? ניין, זיי ווילן פון גאָרנישט וויסן! גוויאַזדאַ מוז וועגן דעם אַלעם אָנשרייבן צו מלכות, ס'זאָל רירן פאַרשטיינערטע הערצער.

גוויאַזדאַ האָט זיך געראַנגלט מיטן אייגענעם געוויסן. אין שטוב איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל אים צוהעלפן באַרואיקן די יידן, איבעררעדן זיי. וואָס זאָל ער טאָן? צוליב טאָן זיי, כדי דערוויל צו באַרואיקן, דאָס הייסט — אָפּנאַרן. יעדער ליגן האָט אים געעקלט, יעטוועדע פאַלשקייט. זאָל ער איצט אַליין אַזוי האַנדלען, בלויז כדי צו פטור צו ווערן פון זייערע טענות? — נישט אָרנטלעך, נישט זיין דרך אין לעבן. ער מוז זיי קלאָר מאַכן דעם אמת. דערצו לעבט ער, כדי מענטשן צו באַווייזן דעם אמת. ניין, ער וועט נישט שרייבן!...

ער האָט געקוקט אויף די פאַרחושכטע פּנימער פון די יידן: מיט וואָס פאַר אַ געמיט וועלן זיי אַהיימקומען, אויב ער וועט זיי שטאַרקן בלויז מיטן אמת? אַ שיינע רפואה צו זייער מכה!... אָט דער ייד מיטן ווילד־צעפלאָמטן

פּנים — אַז ער וועט אַהיימקומען נישט קיין באַרואיקטער, וועט ער זיין בייז האַרץ אויסלאָזן צום ווייב מיט די קינדער, דאָס זעט מען בולט... דאָס צעקוועטשטע יידל, דער זקן אָן יאָרן — ער וועט זיך זיכער אוועקזעצן אין א ווינקעלע און אָפּקרעכצן א גאַנצע נאַכט. און אפשר גאָר אַנטלויפן אין בית־המדרש אריין און אָפּליגן דאָרט אויף א באַנק אין פּאָליש, כדי נישט צו הערן דאָס געוויין פון די הונגעריקע קינדער... אפשר איז א מצווה, אַז ער זאָל זאָגן א ליגן, כדי די אַלע מענטשן זאָלן אויף אַן אויגנבליק קריגן א ביסל אויסגעלייטערטע שטערנס? אַזאַ ליגן וואָלט געווען א הייליקער ליגן. פּיקוח נפש דוחה שבת — האָבן געלערנט אַפילו אונדזערע פאַרביסן־פרומע עלטער־עלטער־זיידעס. פאַרוואָס זאָל עס נישט דוחה זיין דעם אמת? אויף איין רגעלע, איין אָטעם־צוג אין מענטשלעכן לעבן... אפשר טאַקע: אויב א קליינע עבירה קאָן גורם זיין א גרויסע מצווה — איז כדאַי צו טאָן די עבירה.

גוט, ער וועט אָנשרייבן א גרויסע בקשה צו מלכות, אַרויסשרייבן אַלע זייערע טענות. נאָר קודם זאָלן זיי געמען דעם גמילות־חסד. ס'איז א גמילות־חסד פון וואַרשעווער באַלמעלאָכעס, משרתים, הענדלער, פאַר זייערע פּראָווינצער ברידער... פון ברידער...

פּייערלעך האָט ער געשניצט די געדרזענע פּען, ווען זייערע ציטערדיקע פינגער האָבן איינגעוויקלט די גילדנס אין פּאַטשיילעס. מיט געמאָסטענע, פאַרקיילעכדיקטע אותיות האָט ער אָנגעהויבן:

„צו זיין דורכלויכט, דעם פירשט...“

דאָ איז עס געשען, דאָס צוגעגרייטע פּאַפּיר איז אויסגעבאָדן געוואָרן אין בלוט, וואָס האָט א זעץ געטאָן פון זיין נאָז און פון מויל. די יידן זענען שטיין געבליבן פאַרגליווערט און געשטאַרט אויפן בלוטיקן פּאַפּיר, אויף דעם פאַרוואָרפענעם פאַרמעט־בלאַסן קאָפּ פון גוויאַזדאַן... א שטילקייט פון טויט. און פּלוצלונג — א ווילד געשריי פון אַלע צוזאַמען, ווי געשטויסענע דורך איין קלאַפּ, האָט אויפגעריסן די שטילקייט. כהרף־עין האָבן זיך קעפּ אָנגעהויפט ביים קליינעם פענצטערל, אָנגעפילט די שטוב מיט פאַרלוירענע, פאַרצווייפלטע פּנימער.

צווישן די ערשטע, וואָס זענען אַריינגעלאָפן אויפן געשריי, איז געווען איזאַק. אפשר א שעה האָט געדויערט, ווי אויף דער גאַס האָט מען דערהערט שנעל פאָרנדיקע רעדער. אין חדר איז אַריינגעלאָפן מיט אימפּעט דער דאָקטאָר סטודענצקי.

IV

דער סיכסוך צווישן די פּורים-שפּילער איז געוואָרן אַלץ שאַרפער. צעפלאַמטע פּנימער האָבן עדות געזאָגט, אַז מען אַמפּערט זיך געגוג לאַנג און עס קאָן דערגיין צו העכערע קולות. אַפילו דער באַהערשטער, שטענדיק רואיקער בינעם איז אַרויס פון די כלים, פאַרביסן געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין! ניין! ניין! — ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אויפנעמען די ראיות פון צד שכנגד.

צייטנווייז האָט שלמה בדחן אָפּגעענטפערט בלויז מיט אַ גאַליקן געלעכטער, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרווישן, צעקלאַפּן בינעמס עקשנות. אייגנטלעך זענען טאַקע זיי ביידע געווען די הויפּט-צדדים אין סיכסוך. אַלע איבעריקע זענען געווען אויף דעם אָדער יענעם צד.

— די זעלבע פּורים-שפּיל, נאָר מיט בדחנישע דריידלעך, — האָט בינעם זיך געעקשנט.

אין אַ ווינקל איז געזעסן איזאַק און האָט אָבסערווירט די קריגערײ, ווי אים וואָלט עס גאָרנישט אָנגעגאַנגען. ער האָט גוט געוווסט, אַז זיינס אַ וואָרט פאַר דעם אָדער יענעם צד וועט אַ סוף מאַכן צום סיכסוך — לכל הדעות אויף אַ צייט. נאָר דאָס וואָרט האָט ער נישט געוואָלט זאָגן. ער האָט געהאַט הנאה מן הצד צו באַטראַכטן דעם ברען פון סיכסוך, צו צעדרויבלען פאַר זיך אַ פרישע ראיה פון דעם אָדער יענעם צד. נישט כדי זיך אַליין צו איבערצייגן — ער האָט שוין געהאַט זיין מיינונג וועגן תוך פון גאַנצן ענין — נאָר כדי בעסער צו דערקענען די מענטשן, מיט וועלכע ער איז איצט פאַרבונדן, צו דערקענען זייער אופן טראַכטן, זייער געדאַנקען-וועלט.

אָנגעהויבן האָבן זיך די אַמפּערנישן נאָך אויף דער סאַסקע קעמפּע. ווען עס זענען פאַנאַנדערגעאַרבעט געוואָרן די ערשטע סצענעס פון דער „משה"-שפּיל, איז שלמה בדחן אַרויסגעקראָכן מיט אַ צופעליקן וויץ, וואָס האָט זיך טאַקע נישט געקלעפּט צו דער זאַך. בינעם איז אויפגעשפּרונגען, ווי באַגאָסן מיט הייס וואַסער. איזאַק האָט אים געגעבן גערעכט: דער וויץ פּאַסט זיך נישט פאַר אַזא שפּיל און דער עיקר — פאַר משהן. נאָר שלמה האָט זיך פאַרענטפערט: ער האָט גאָרנישט בדעה צו זאָגן דעם וויץ, ער וויל נאָר, עס זאָל איינגעפירט ווערן אַ ביסל הייטערקייט צווישן די שווערע, ערנסטע סצענעס. פאַר בינעמען איז דער גאַנצער איינפאַל געווען ווילד: ס'טייטש, ווי קאָן מען טראַכטן וועגן הייטערקייט, ווען עס רעדט זיך וועגן

אזעלכע ערנסטע זאכן, ווי עבדות און חירות, עבודת פרך, פתום ורעמסס, יציאת מצרים. אין וויכוח איז דאן אריינגעצויגן געווארן גוויאזדא. ער האט תמימותדיק געענטפערט׳

— כ׳קען זיך נישט אויף די זאכן, בהן שלי... נאר מאכן דעם עולם א ביסל הייטערער, ארויסרופן א געלעכטער ביי מענטשן איז א מצווה.

שלמה האט געברענגט ראיות, וועלכע ער האט געהערט פון זיין חבר דאווידסאן, דערציילט ווי אזוי עס טוט באגוסלאווסקי, וואס האט געמאכט דאס פוילישע נאציאנאלע טעאטער טאקע מיט אזעלכע שפילן — דורכגעפלאכטענע מיט טענץ, געזאנגען, פריילעכס. איזאק האט אים צוגעגעבן גערעכט. אזוי פירט זיך נישט נאר אין פוילישן טעאטער. שעקספיר, דער גרעסטער טעאטער-מכשף פון אלע צייטן — כאטש ער האט געלעבט מיט איבער צוויי הונדערט יאר צוריק, איז ער נאך אלץ דער גרעסטער — האט אויך אזוי געטאן. דעם זעלבן כבוד, די זעלבע וואג האט ער געשאנקען דעם ערנסטן און פריילעכן, שטענדיק דורכגעפלאכטן ערנסט מיט פריילעכס. א סברה, אז אזא דורכפלעכטן העלפט מיט ארויסצובאקומען דעם עיקר. ווען מען גיט נאך אן ערנסטער סצענע א פריילעכע אפוועקסלונג און דאן — ווידער ערנסט, נעמט זיך דאס ערנסטע לייכטער אויף און ווירקט בעסער. און וועגן דעם האנדלט זיך דאך אין טעאטער — ס׳מוז ווירקן. מעג זיין אפילו מיט דער הילף פון א שפאס, א וויץ. נאר דאס מוז זיין גוט צוגעגרייט, גוט פארטראכט, האבן א זין, זיין פעסט פארבונדן מיט דעם, וואס קומט פאר אויף דער בינע. אויב נישט — איז עס פורים-שפיל, נישט קיין טעאטער.

— פורים-שפיל? הלילה! — שלמה האט אויפמערקזאם געהערט איזאקס רייד, גוט זיי דורכגעטראכט, גארנישט לויט זיין שטייגער.

א פאר וואכן נאכדעם האט מען נישט גערעדט וועגן גאנצן ענין. אלע האבן אבער געפילט, אז שלמה בדחן טראגט זיך ארום מיט עפעס א סוד. דערנאך — גוויאזדאס קראנקהייט. דאס האט בכלל אריינגעפירט א צעמישעניש ביי די פורים-שפילער. איצט, ווען זיי האבן זיך ווידער גענומען פעסט צו דער ארבעט, איז שלמה געקומען מיט א גאנצן פאק לידלעך, וויצן, קאמישע סצענקעס — אלץ מיט א שייכות צו דער האנדלונג פון דער „משה"-שפיל. אלע האבן געמוזט מסכים זיין, אז, מיט קליינע אויסנאמען, האבן די זאכן געהאט א זין, חן און א נאטירלעכע שפילעוודיקייט, ווי ס׳וואלטן זיך קינדער געשפילט אויף דער גאס, ווי יונגווארג וואלט זיך לוסטיק געמאכט אין א יום-טוב-טאג. אייניקע מאל האט זיך אפילו דער ערנס-

מער בינעם, נישט ווײַסנדיק מיט וואָס פֿאַר אַ מין שלמה האָט דאָס אַלץ געמאַכט, צונויפֿגעזאַמלט, ווײַל שלמה האָט נישט געמאַכט קיין סוד דער־פֿון, אַז דאָס האָט ער אויפֿגעזוכט אַלטע זאַכן אויך — אַפֿילו בינעם האָט זיך האַרציק צעלאַכט.

פֿאַר איזאַקן האָבן די זאַכן געהאַט אַ גרעסערן אינטערעס. ער האָט געוווּסט, אַז די גרעסטע אַמאָליקע טעאַטער־שרײַבער פֿון שפּאַניע, איטאַליע, פֿראַנקרײַך — און טאַקע שעקספּיר אַליין — האָבן פֿאַרפֿאַסט אַזעלכע צווישנשפּילן, וועלכע מען האָט גערופֿן אינטערמעדיעס. אין שלמהס אײַנ־פֿאַלן האָט ער געזען אַ רײַכן שטאָף פֿאַר אַזעלכע צווישנשפּילן.

— אַ הויכע שוועל! מיט יראת־הכּבֿוד אַרײַנצוגיין, ווי אין אַ מקום־קדוש. התרוממות, דערהייבונג... יאָ, יאָ, דערהייבונג דאַרף מען. דאָס דאַרף זײַן טעאַטער, — האָט בינעם זיך געעקשנט.

— אײַ,אײַ, גיב אַכטונג! מען קאָן צעברעכן די פֿיס בײַ דער שוועל! — דאָס האָט דווקא געזאָגט הענעך, וואָס איז געווען אויף שלמה ברחנם צד.

— נו, נו, ווילער יונג! — מעשה־קאָמאַנדיר האָט אים בינעם שטרענג געמאַכט אַ פֿאָרוואורף.

אַ סך פֿון די זיך אָמפּערנדיקע זענען שוין געווען הייזעריק. די אַר־בעט בײַם איבערחזרן די פּאַרטיקע סצענעס האָט מען אײַנגאַנצן איבערגע־ריסן, און איזאַק האָט זיך אַלץ נישט אַרײַנגעמישט. אײַנגעשטילט האָט זיך אַ ביסל ערשט דאַן, ווען די אַרײַנגעקומענע שרהלע האָט אויסגערופֿן:

— שאַ, חברה! גוויאַזדאַ האָט זיך שיר נישט דערשראָקן: גאָט ווייסט, וואָס דאָ קומט פֿאָר...

בינעם האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און שנעל אַרויסגעלאָפֿן צו גוויאַזדאַן: „אַזוי זיך פֿאַררעדט, צעשריגן און דאַרט דאַרף מען צוגרייטן דאָס עסן פֿאַר־יאָסלען“... ער האָט געוווּסט, אַז די מיידלעך גיבן אַכטונג, וואַכן. פֿונדעסט־וועגן האָט זײַן אויג געדאַרפֿט זײַן דערבײַ, ס'איז אין האַרצן האָט ער געגלייבט, אַז נאָר ער קאָן ברענגען גוויאַזדאַן די רפֿואה.

אין איזאַקס קלײנעם חדר האָט מען געקאָנט שנײַדן די לופֿט מיט אַ מעסער. עס איז געווען אומגלויבלעך, אַז דאָ זאָלן זיך קאָנען געפֿינען בײַ אַ צוואָנציק מענטשן און דערצו נאָך אַזוי העפֿטיק רעדן צווישן זיך. מען האָט דאָך נישט געקאָנט באַוועגן מיט די הענט! פֿונדעסטוועגן האָט זיך נאָך שרהלע באַוויזן דורכצושטופּן צווישן די אָנוועזנדיקע, דערשטופּן זיך צו איזאַקן:

— וואָס איז עס פֿאַר אַ מלחמה?

איצט וועט איזאַק שוין מוזן זאָגן זיין מיינונג. שרהלע וועט נישט דערלאָזן, אַז דער וויכוח זאָל בלייבן הענגען אין דער לופטן. אירע פאַרקנייטשטע ברעמען זאָגן עדות, אז זי וואַרט אויף אַן ענטפער, וואָס זאָל אַלץ קלאָר מאַכן.

— די פרייַלעכמאַכערס האָבן זיך צעקריגט מיט די מוסר-זאָגער.. — האָט איר איזאַק בקיצור אויפגעקלערט די סיבה און פאַרלויף פון וויכוח.

זי האָט אָבער נישט געפרעגט איזאַקן זיין מיינונג. ביידע צדדים זענען דערפון געווען אַנטוישט. נאָך מער פון אַלע — שלמהלע דער משרת, וועלכער האָט זיך שפעט אַרויסגעכאַפט פון די אונגערס, נישט געווען ביי דער גאַנצער אַמפּערניש, נישט געוווסט מיט וועמען צו האַלטן: צו בינעמען איז ער געווען צוגעבונדן — גוויאַזדאַס רעכטע האַנט זינט כמה יאָרן, דער בדחן איז געווען זיין ליבלינג — ווער נאָך האָט געקאָנט, אַזוי ווי ער, מאַכן וויינען און לאַכן דעם עולם? איזאַקס וואָרט האָט געקאָנט אַנטשיידן — שווייגט ער.

— דער לערער האָט זיי געלאָזט צעבריקעווען, ווי הדר-יינגלעך... — שלמהלע משרת האָט זיך געוווּנדערט, מייגענדיק גלייכצייטיק דערמיט אַרויסצורופן איזאַקס ענטפער.

געשטערט האָט אים אין דעם שרהלע:

— לאָמיר אויך הערן, מיט וואָס שלמה קומט? אפשר וועט מען עס טאַקע דאַרפן אַריינשרייבן אין דער טעאַטער-שפּיל... — לעצטנס האָט זי דאָך אַלץ געשריבן. נישט נאָר פאַר גוויאַזדאַן, פאַר די פורים-שפּילער אויך. די פון זיי, וואָס האָבן געקענט אַלף-בית, געקענט אַ ביסל לייענען, האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּלויבן פון איר כתב:

— נישט צו באַליידיקן דעם לערער... אַז שרהלע שרייבט, קריכן די ווערטער אַליין דורך די אויגן אין קאָפּ אַריין... — האָבן זיי זיך פאַרענטפערט.

— אַ סופרס אַ טאָכטער — קען זי בעסער פון מיר די מלאכה, — האָט זיך איזאַק געוויצלט.

שלמה בדחן האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן. אונטערגעהאַלטן פון זיינע אַנהענגער און צו להכעיס בינעמס צד, וועלכער האָט זיך ברוגז אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן פון צימער, האָט ער געזונגען איין לידל נאָכן צווייטן, איין סצענע נאָך דער צווייטער. געדרונגען פון די ווערטער איז: עס קומט פאַר אַ סצענע צווישן פרעהס אַן אייגענעם מענטשן, אַ כהן, מיט זיין ווייב, וועלכע שלמה האָט אָנגערופן — מן הסתם צוליב דער לייכטקייט

פון גראַמען — פּוטיפאַרע. דער קאַמיזם פון די סצענעס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען אין די אַמפּערנישן פון כהן מיטן ווייב האָט זיך אַריינגעמישט אַ פּאָרל פאַרליבטע משרתים, יידישע קנעכט פון פּוטיפאַרען, וועלכע זענען געשטערט געוואָרן אין דער ליבע דורך זייערע האַרן. שרהלע האָט האַרציק געלאַכט צוזאַמען מיט די חסידים פון שלמה בדחן, עס האָט מיטגעלאַכט שלמהלע משרת, עס האָט מיטגעלאַכט איזאַק, כאָטש ער האָט דאָס אַלץ שוין פריער געהאַט געהערט.

פאַר שרהלען איז זייער שנעל קלאָר געוואָרן, אַז שלמהס פּריצהטע הייסט פּוטיפאַרע. ווייל דאָס גראַמט זיך אים גוט מיט פרעה, מראה, וואַרע, אַפילו מאַזשגאַרע, וועלכע ער האָט אַליין פאַרפאַסט און אַריינגעקוועטשט, נישט שטענדיק אויף אַן אָרט און מיט אַ זין. זי האָט זיך אָבער נישט ווייסנדיק געמאַכט:

— מען דאַרף נאָכאַמאָל איבערזינגען פּאַוואָליע. איך וועל עס אַלץ פאַרשרייבן.

— צו וואָס? מען דאַרף עס נישט! — האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט שמואל, דער איינציק־פאַרבליבענער פון בינעמס צד.

— ס'וועט זיין פאַרשריבן, וועט מען עס קאָנען פאַרריכטן, אויסרייניקן, אויסשלייפן און דאַן איינלערנען, אמת? — זי האָט עס געפרעגט דירעקט איזאַקן און מיט אַ טאָן, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז זי וואָלט נישט וועלן הערן „ניין".

ער האָט זיך אונטערגעגעבן: געענטפערט „יאָ", אַרויסרופנדיק אַ שמחה ביי שלמה בדחן און זיינע חסידים און אַ באַרואיקונג ביי שלמהלע משרת.

— יאָ, יאָ, מען וועט עס אַלץ קאָנען פאַרריכטן, באַאַרבעטן. עס וועלן קאָנען זיין דערפון פיינע אינטערמעדיעס... דאָס הייסט: אַזעלכע צווישנשפּילן, קאָמישע, פריילעכע, זינגענדיקע, צעטאַנצטע. בינעם איז זיך טועה, דאָס פאַרשוועכט נישט אַ טעאַטער־שפּיל. כ'וועל עס אים אויפקלערן, באַווייזן. מען וועט עס זיכער פאַרשטיין. יראת הכבוד פאַר טעאַטער? יאָ, דאָס דאַרף מען. אָבער פאַרוויילונג שטערט נישט דערצו. דורך פאַרוויילונג קאָנען מיר אַרויסבאַקומען דאָס באַלערנדיקע, דורך געלעכטער אונטערשטרייכן דאָס ערנסטע. עס וועט בעסער דערגיין צום עולם, אַריינציען, זיין פאַרשטענדלעכער. וועגן דעם האַנדלט זיך דאָך... דעם פּשוטן מענטשן דאַרף מען געבן פרייד, גוויאַזדאַ איז גערעכט. שלמה בדחן איז גערעכט. דורך פרייד קאָן מען אויך דערהייבן, אַנטוויקלען, העלער מאַכן אין מוח, באַרייכערן דאָס האַרץ.

V

— האָט איר אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אין אַ טיפן וואַלד אין אַ פינצ־טערער נאַכט? אַפילו אָן דער מורא פאַר וואַלד־גזלנים, פאַר פאַרשידענע שלעק און שוידערן, געגדזלט זיך די הויט. איך האָב עס איבערגעלעבט, ווען כ'בין נאָך כמעט אַ קינד געווען... צופעליק, ווייל וועלכעס יידיש מיידל קאָן עס טרעפן אויפן גלייכן וועג? ביינאַכט, אַליין אין וואַלד... געווען ביי דער לערערין וואַרנעצקאַ, זי האָט מיר פאַרגעלייענט אַ ביכל. „באַלאַדן און ראָמאַנסן" פון אַ פוילישן שרייבער. אַדאַם מיצקעוויטש... כ'בין אַרויס פון איר שטוב, ווען ס'איז שוין פינצטער געוואָרן. כ'האָב געטראַכט וועגן די וואַסערן פון שוויטעזש מיט זייערע סודות. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַ שטיל סודען זיך אַרום מיר. כ'בין געווען אין וואַלד, טיף אין וואַלד. גע־מיינט, איך גיי צוריק אין שטעטל — און פאַרקראָכן טיפער... לאַנגע הענט האָבן זיך צו מיר געצויגן פון די ביימער, אָט כאַפּן זיי מיך, נעמען אַרום, דערשטיקן... עמעצער האָט געלאַכט... אַ מענטש, אַ פויגל, אַ חיה? — דאָס איז מיר נישט אָנגעגאַנגען. געמיינט האָב איך: ער לאַכט פון מיר, פון מיין נאַרישקייט. דאָס האָט מיך פאַרדראָסן און געשראָקן. נישט שדים, רוחות, בייזע גייסטער — אין זיי האָב איך שוין נישט געגלויבט. נאָר דאָס האָט מיך געשראָקן, אַז מען קאָן מיך פאַרלאַכן אויף טויט...

זי האָט פלוצלונג איבערגעריסן. אפשר רעדט זי איצט נאַרישקייטן? איזאַקס ערנסט פנים האָט זי באַרואיקט. זי מעג ווייטער דערציילן, אויס־דערציילן אַלץ, וואָס קיינער וועט ביי איר נישט געוויר ווערן, אויב זי וועט עס אַליין נישט וועלן.

— כ'האָב זיך שרעקלעך דערשראָקן. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן: איך בין אַ פוסטקייט, כ'פאַרליר דעם באָדן אונטער די פיס. די ערד שפּאַלט זיך אונטער מיר און איך פאַל, אַראָפּ, אַראָפּ, אין אַן אומענדלעכן תהום. כ'האָב אַ פאָכע געטאָן מיט די הענט, זיך אָנגעכאַפּט אין אַ בוים, געזוכט ביי אים שוץ, אַז אָנהאַלט נישט אַראָפּצופאַלן אין אָפּגרונט. פלוצלונג האָט זיך מיר אויסגעוויזן: דער בוים רעדט צו מיר, באַרואיקט מיך: „ציטער נישט, מיידעלע, ביסט נישט אַליין, ביסט צווישן מענטשן. נישט אַליין"... דאָס האָט א ווינטל לייכט א וויג געטאָן דעם בוים, און דער גערויש פון די צווייגן האָט צו מיר גערעדט. דאָס ווינטל האָט דערטראָגן צו מיר א קול פון א הינטיש בילן. כ'בין אוועק אין דער ריכטונג, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דאָס קול. דאָרט מוז זיין א מענטשלעכער ישוב. כ'האָב טאַקע

געטראָפן צוריק אין שטעטל, אין מיין שטעטל. דער טאַטע איז אַרומגעלאָפן מיט די שכנים, מיט דער לערערין וואַרגעצקאַ און מיך אַרומגעזוכט... נישט דאָס בין איך אָבער אויסן. אקעגן וואָס האָב איך עס אייך דערציילט? יאָ! דער בוים האָט מיך דערמאָנט, אַז איך בין נישט אַליין. כ'בין א מענטש צווישן מענטשן. א מענטש מוז נאָר זיין צווישן מענטשן. איז ער אַליין, קאָן ער אויפהערן צו זיין א מענטש. ער ווערט בלויז א מענטשלעכער גוף, וואָס שטייט איבער א פוסטקייט. ווערט פאַלן אין אָפּגרונט... דאָס בין איך געוווירגעוואָרן דעמלט, ווען כ'האָב אַליין געבלאָנדזשעט אין וואַלד... איר האָט שוין אַזעלכעס געפילט? זענט איר אַמאָל געווען אַליין אין אַ טיפן וואַלד, אין אַ פינצטערער נאַכט?

אירע אויגן האָבן אים געגלעט מיט זייער ווייכער שוואַרצקייט. אַזוי האָט געמוזט גלעטן דער מאַמעס האַנט. ער געדענקט זי נישט, נאָר אַזאַ געפיל שטעלט ער זיך פאָר. איזאַק האָט באַוווּנדערט שרהלען. מן הסתם באַוווּנדערט אַזוי אַ קינד זיין מאַמען. ער קען נישט דאָס געפיל פון אייגענער איבערלעבונג... פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ גרויסע לעבנס־חכמה ביי דער קליינשטעטלדיקער יתומה? ער פילט, אַז זי איז גייסטיק שטאַרקער, רייכער פון אים. טראָץ די פעק ביכער, וואָס ער האָט איבערגעלייענט, טראָץ די יאָרן וואַנדערונגען זיינע איבער דער וועלט. זי איז שטאַרקער, אַ סך שטאַרקער פון אים...

געקומען איז זי צו אים צומאָרגנס נאָך אַ נייעם סקאַנדאַל מיט די פורים־שפּילער. אייגנטלעך האָט שוין איזאַק אַליין נישט געדענקט, צוליב וואָס דער סקאַנדאַל איז אויסגעבראָכן. ער איז געווען מיט עפּעס נישט צופרידן דערפון, וויאַזוי די פורים־שפּילער האָבן נעכטן אָפּגעשפּילט „משה“... שוין אינגאַנצן פּאַרטיק, איינגעשטעלט אַלע סצענעס, יעדער קען זיין ראָל און שפּילט זי, ווי אַן אמתער אַקטיאָר. שיין, אויסגעשליפן, איינגעשטעלט, איינגעלערנט די אינטערמעדיעס, געזאַנגען, טענץ... צוגעפּאַסט שוין אַפילו מיט דער קאַפּעליע פון שטורם און מרדכילע פייערמאַן... מען האָט פּרובירט אין אַ גרויס אָרט — אין אַ הינטערשטער האַליע פון דער שענק „אונטער די דריי נעגערס“. דאָרטן דאַרפן זיי טאַקע אינגיכן שפּילן דריי פאָרשטעלונגען. אַ חוץ „משה“, — „מכירת יוסף“ און „המנס וויסטע מפּלה“, די אַלטע שפּילן פון די פורים־שפּילער, אויסגעריייניקט דורך איזאַקן, באַרייכערט מיט שלמה בדחן, מיט נאָך צוויי בדחנישע קינדער, אַ פּאָר משרתים, ווי שלמהלע משרת, שמואל, דער געוועזענער משרת פון די אַלטערס; חיים דער שניידער, וועלכער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די

גאווה פון אַ מייסטער; אַנדערע באַלמעלאָכעס... געווען שוין צונויפגעשטיקעוועט פאַרשידענע מלבושים, מער־וויניקער פּאַסיקע קאָסטיומען פאַר די פאָרשטעלונגען... דער קליינער וועוריק גדליהלע, שלמה בדחנס ברודערל, קוים אַכט יאָר אַלט, האָט אויך געשפּילט. און וויאַזוי געשפּילט! ער האָט אָפּגעשפּילט דאָס אָרעמע יתומל אין מצרים, האָבן זייטיקע געכליפּעט. און אַ ויזתא, האָט מען זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער. זאַקסט, דאַכט זיך, אַ טאַלאַנט, ווי זיין ברודער... פאַרוואָס איז פאָרט אויסגעבראָכן דער סקאַנדאַל?...

אין דער אמתן אָבער, האָט איזאַק פאַר זיך אַליין געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער וויל זיך דערמאָנען די סיבה פון סקאַנדאַל. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין... בכלל איז ער געווען גערוועז אויף דער פּראָבע: כסדר זיך אַרומגעקוקט — אַרומגעזוכט שרהלען. עס האָט אים אויפגערעגט, וואָס זי קומט נישט... אויפגעריסן האָט עפּעס אין אים, ווען ער האָט דערהערט, ווי בינעם ענטפערט איינעם:

— יאָסל פילט זיך, ברוך השם, גוט... אָבער טאַקע גאָר גוט. ער זאָגט, אַז בלי נדר צו די פאָרשטעלונגען וועט ער זיכער קומען...

דאָס האָט אים אַרויסגעפירט פון די כלים. אַז גוויאַזדאַ פילט זיך זייער גוט, גייט שוין אַראָפּ פון געלעגער, דאָס האָט ער אַליין געוווסט. פאַרוואָס זשע טרעט פון דאָרט שרהלע נישט אָפּ? כאַוטשע און פייגעלע זיצן דאָרט גאַנצע טעג... צוואָס זי?

יאָ, — דאָס פאַרשטייט זי, שרהלע, גוויאַזדאַ און שלמה, — אַלע פאַרשטייען עס. ס'קאָן זיך מאַכן עפּעס זאָל אָן אַ שום סיבה אויפקאָכן אין מענטשן, ער זאָל אַרויס פון דער אייגענער הויט, אָבער מיאוס זידלען?

ממש וואָרט ביי וואָרט האָט זיי בינעם געהאַט דערציילט דעם פאַרלויף פון דער געשעעניש: איזאַק האָט געזידלט מיט די ערגסטע ווערטער, געשריגן, אַז ער רייסט איבער די אַרבעט, ער וויל מיט זיי נישט האָבן צו טאָן, ער וועט אַנטלויפן, ער האָט פיינט מענטשן, וויל זיין אַליין, אין אַ מדבר... דערפאַר האָט זיך איר דערמאָנט די געשיכטע מיטן וואַלד.

פאַרשעמט איז ער געזעסן פאַר איר: מיט וואָס זאָל ער זיך פאַרענטפערן? דעם אמת זאָגן — דאָס קאָן ער נישט. זיך אַליין וויל ער עס נישט זאָגן. עס וועט אים לעכערלעך מאַכן, פּשוט איינריסן דאָס פּנים אין די אויגן פון שרהלען, פון גוויאַזדאַן, פון דעם גאַנצן עולם פּשוטע, אָפנהאַרציקע און ערלעך־גלייבנדיקע מענטשן. ווייל ס'וועט אויסזען, אַז ער איז עפּעס חושד שרהלען מיט גוויאַזדאַן, אייפערט זי... און די צוויי מענטשן

װענען אין די אױגן פֿון אַלע אױסער יעדן ערדישן חשד, מען װעט אים האַלטן פֿאַר משוגע. איז טאַקע גלײַכער, ס'זאָל בלײַבן: סתּם אַן אָנפֿאַל פֿון משוגעת, דאָס בלױז האָט אַן אַ פֿאַרװאָס אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַרײַן...

איצט האָט אין שרהלעס בליק אַ שײן געטאָן אַ שפּאַטיש פֿײַערל:

— איך האָב עס טאַקע אַזױ פֿאַרשטאַנען. כ'האָב געזאָגט דעם עולם, װאָס װאַרט איצט בײַ גװיאַזדאַן: איבערמאָרגן זאָל מען זיך װידער צונױפֿ־קומען אין דער שענק „אונטער די דרײַ בעגערס". מ'װעט איבערחזרן די „משה"־שפּיל, די צװײטע װאָך װעט מען איבערחזרן די פּורים־שפּילן, אמת?

— יאָ, יאָ, פֿאַרשטײט זיך! — מיט אַלעם איז איצט איזאַק געװען גרײט מסכּים צו זײַן.

אפֿשר װאָלט ער איצט אַרײַנגעגאַנגען צו גװיאַזדאַן? זײַן באַװײַזן זיך װעט שטאַרק באַרואיקן דעם עולם... זײ װאַרטן דאָרט אַלע. פֿאַר גװיאַזדאַן איז גאָרנישט געװוינטשן אַזאַ אָנגעלױף. ער פֿילט זיך טאַקע בעסער, אָבער פֿאָרזיכטיק מוז מען זײַן. װי מײנט ער?

ער האָט זיך אָנגענומען מיט כּוח, די שטים זאָל נישט אַ ציטער טאָן: מיט פֿאַרגעניגן, ער קאָן שױן מיט איר אַרײַנגײן צו גװיאַזדאַן. נאָר אײן בקשה: זי האָט אַלײן געהאַט געזאָגט אַמאָל, אַז זי װעט גערן גײן מיט אים אין פּױלישן טעאַטער. איצט װאָלט עס זײער צונוצגעקומען. אָפּפֿרישן זיך, אײדער ער פֿאַרענדיקט די אַרבעט בײַ די פֿאַרשטעלונגען, אפֿשר װעט עפּעס אײַנפֿאַלן עפּעס אױסצובעסערן... עס שפּילן די טעג די בעסטע אַקטיאָרן אין פּױלישן טעאַטער: די פֿרױ עלסנער, פּאַלטשעװסקאַ, ריכטער, קראָליקאָװסקי, כאַמינסקי — אַלץ גרױסע קינסטלער! צי װעט זי גײן?

— מיט פֿאַרגעניגן! גאָר קײן שאלה נישט... — זי האָט עס געענט־פֿערט אַזױ פּשוט, װי זי װאָלט שױן לאַנג געװאַרט אױף דעם פֿאָרשלאַג.

מיט אַן אױסגעלײַטערטן פּנים איז ער איר נאָכגעגאַנגען צו גװיאַזדאַן, פּאַװאָליע געשפּאַנט איבערן שנײאיקן הױף, נישט פֿילנדיק קײן קעלט.

VI

אין אַלע לײַכטערס און קאַנדעלאַבערס — אױף דעם גאַנצן ערשטן שטאָק פֿון דעם הױז אױף פֿראַנציסקאַנער, װוּ עס האָט געװױנט בעריש אונגער, — —זענען די גראָבע װאַקסענע ליכט שױן געװען אױף אַ העלפֿט באַדעקט מיט בראָדאַװקעס פֿון טריפֿעכץ. די פּנימער פֿון די געסט זענען

געווען איינגעהילט אין רויך פֿון ציבוקעס און ציגאַרן, פֿאַרנעפּלט פֿון דער געדיכטער לופֿט, וואָס האָט זיך געכוואַליעט אין א קאָליר פֿון צוגעברענטער מילך. די גרויקייט פֿון שניי אין דרויסן האָט אריינגעקוקט דורך די פֿענצטער. מען האָט באַשיימפּערלעך געזען, אז די געסט וואַרעמען זיך און ווענדזלען א שיינע פּאָר שעה אין גרויסן עסצימער.

געהייסן האָט עס א גלעזעלע וויין לכבוד די חשובע געסט — רב יצחק שמעון ראָזען מיט זיין פֿאַמיליע. ארום זיי האָבן געשפּרייזלעך ביז הכנעהדיקייט אַלע ארומגעטאַנצט, אפֿילו דער גרויסער תקיף גאַטשע אונגער אַליין. כאָטש גאַטשע איז שוין אפֿשר רייכער געווען פֿון ראָזענען מיט זיינע באַנק־געשעפֿטן, האָט אָבער ראָזען געהערט צו די אָנגעזעענסטע אַריסטאָקראַטן צווישן די וואַרשעווער יידן, געווען א קרוב למלכות, באַשאָנקען מיטן מעדאַלן, בכבודיקער ווי נישט איינער פֿון די דורותדיקע פּוילישע אַדל־לייט. אין דער געזעלשאַפֿט און אין דער פֿינאַנס־וועלט האָט אַלץ מער אָנגעזען באַקומען אויך זיין גרעסטענער בכור מאַטיאַס, מיט וועלכן די העכסטע קרייזן אין וואַרשע האָבן זיך גערעכנט. אזעלכע פּראָמינענטע געסט מוז מען אָפּגעבן כבוד! ווער שמועסט נאָך, אַז היינט דאַרף אָפּגערעדט ווערן דער טערמין פֿון די תנאים — פֿון הענעכן, נו, הענריקן, מיט פֿריילין עווע ראָזען. אַזאַ שידוך, אַזאַ שידוך! ביי די אונגערס איז דאָס האַרץ געוואָקסן פֿאַר פֿרייד! אַ שידוך מיט די ראָזענס הייסט אַריין צווישן די חשובסטע יידישע פֿאַמיליעס, קרובהשאַפֿט מיט דער באַנקירן־פֿאַמיליע שווייצער אין ברעסלע, פֿאַרבינדונגען מיט די פֿיינסטע הייזער אין בערלין, האַמבורג, פֿראַנקפֿורט — שיר נישט אַן אָפֿענע טיר צו די ראָטשילדס.

אין דער אַלגעמיינער פֿרייד האָט געפֿעלט הענריקס אָנטייל. די אויסזיכטן אויף דער צוקונפֿט צוליב דער פֿאַרבינדונג מיט די ראָזענס האָט ער זייער הויך אָפּגעשאַצט, אָבער די קייט, וואָס האָט זיי געזאָלט פֿאַרבינדן, האָט אים אויסגעזען צו זיין גענוג שווער. עווע ראָזען, די צוקונפֿטיקע לעבנס־באַגלייטערין, האָט אים מיט גאָרנישט נישט געצויגן צו זיך, אחוץ מיט איר נאָמען. א מרה־שחורהדיק, גאַליק מיידל און נישט פֿון דער ערשטער יוגנט. אָפּגעבליאַקעוועט, אַז קיין שום גאָלדענע קרוין וועט זי שוין נישט מאַכן לייכטן. דער אויסגעלאָשענער בליק פֿון אירע אויגן זאָגט אָן געכט פֿון שווערן אומעט, די צוגויפֿגעשנורעוועטע, דינע ליפּעלעך — טעג פֿון בייזקייט. אַלץ צוזאַמען — יאָרן פֿון דריקנדיקן לאַנגווייל, אין בעסטן פֿאַל... שטענדיק פֿלעגט ביי הענריקן אויפֿקומען דער פֿאַרגלייך מיט פֿריילין מערי בערנשטיין — מיט איר פֿרילינגדיקער זוניקייט. אַלץ האָט זיך

אין אים געבונטעוועט קעגן דעם אויסוואַל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך זיין פֿעטער נאַטשע. ער האָט זיך געבונטעוועט קעגן דער פֿאַרגוואַלטיקונג פֿון זיינע געפֿילן. דער בונט איז אָבער איינגעשטילט געוואָרן דורך דער מיושבדיקייט, וואָס האָט אים באַהערשט דורכן לעצטן יאָר. נישט מסכים זיין — הייסט אָפּזאָגן זיך פֿון דער קאַריערע, וועלכע שטייט אים פֿאָר. אָפּזאָגן זיך פֿון פֿעטער נאַטשעס לייטזעליקייט, פֿון רו אין זיין היים... ער האָט זיך אונטערגעגעבן דעם דרוק פֿון דער פֿאַמיליע, אָבער אינערלעך פֿאַרבליבן מיטן אַן אומצופֿרידנקייט, אַן אומרו. דער אומרו האָט עס אים געשטערט צו מאַכן דעם אָנשטעל פֿון פֿרייד, אַפֿילו אַן אָנשטעל...

נאָר בסך הכל האָט זיין צושטאַנד נישט אינטערעסירט קיינעם פֿון די געסט, גראָד ווי ער אַליין האָט כמעט קיינעם נישט אינטערעסירט. ער איז פֿאַר זיי געווען די באַצייכענונג פֿון אַ געוויסער טראַנזאַקציע, וואָס דאַרף אָפּגעשלאָסן ווערן, אַ נאָמען אין דער טראַנזאַקציע: דער חתן, אַן אָביעקט פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען, וואָס דאַרפֿן דערפֿירן צו פֿאַרגרעסערן די משפּחה ראָזען. אַ שיינער אָביעקט — די סחורה איז געפֿעלן געוואָרן דער משפּחה. דאָס איבעריקע איז נישט וויכטיק...

מער־ווייניקער דאָס זעלבע האָבן פֿון דער צווייטער זייט געטראַכט די אונגערס. נישט וועגן העלענע און עווא ראָזען, נאָר וועגן די פֿאַמיליעס אונגער און ראָזען, וועגן דער פֿאַרבינדונג פֿון ביידע פֿאַמיליעס. וויאַזוי דאָס וועט ווירקן אויף זיי אַלע, ווי עס וועט זיך אָפּרופֿן אויף זייער פּאָזיציע, אויף ווייטערדיקע שידוכים פֿון די איבעריקע קינדער. מען האָט זיך שוין געמאָלן אַ בילד, ווי עס וועט זיך אָפּרופֿן אויף דער צוקונפֿט פֿון קליינעם בנימינדל אַפֿילו. נאָר וועגן העלענעס געפֿילן האָט מען נישט געטראַכט. סיידן — אפֿשר האָט די מאַמע עפּעס געפֿילט, זי האָט געמוזט ארויסלייענען פֿון זונס בליק זיין פּיין. הערפֿאַר מן־הסתם האָט זי צייטנווייז געווישט אירע אַ ביסל אונטערגעשוואָלענע אויגן. באַלד פֿלעגט זי אָבער אויפֿכאַפּן בעריש אונגערס בליק, וואָס האָט זי אָן ווערטער געמוסרט: — „ביילע, אָן די ווייבערישע מאַניפֿאָרגיעס“! — האָט זי זיך שטיל געשלייכט צווישן די געסט, אויסגעמיטן צו קוקן אויף איר בכור.

איין מענטש נאָך האָט, ווייזט אויס, זיך אָנגעשטויסן, וואָס עס קומט פֿאָר אין העגריקס הארץ און געוואָלט אַ ביסל פֿאַרטרייבן זיין אומרו. דאָס איז געווען דער עלטסטער זון פֿון דער פֿאַמיליע ראָזען, מאַטיאַס. נאָך אַ יונגער מענטש — קוים איבער די דרייסיק — אָבער מיט זיין קיילעכדיקייט, להיפּוך צו דער קאַנטיקער שוועסטער, מיט זיין באַזאַבטקייט, וואָס האָט

אים קלוג אַרויסגעקוקט פֿון די אויגן, מיט העם שמייכלענדיקן ערנסט פֿון זיין אויסגעצערטלט פּנים — מיט אַלעם האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ מיושבדיקן, חשובֿן בירגער. צו הענריקן האָט ער געפֿילט אַ סימפּאַטיע נישט דערפֿאַר, ווייל ער דאַרף ווערן זיין שוואָגער, — טיף אין האַרצן האָט ער מיטגעפֿילט מיט אים, קענענדיק די שוועסטער. די סימפּאַטיע איז געווען פּערזענלעך צו הענריקן: צוליב דער ווייכער פֿאַרלוירנקייט זיינער, דער מילדער אומצופֿרידנקייט. אחוץ דעם — מאַטיאַס ראָזען, אַן אָפֿיציר פֿון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע בעתן אויפֿשטאַנד, האָט געהאַט אַ סענטימענט פֿאַר געוועזענע אויפֿשטענדלער, באַמיט זיך צו העלפֿן די, וואָס זענען איצט צוריקגעקומען נאָך אַ פּאָר יאָר וואַנדערונגען, און וועגן הענריקס פֿאַרגאַנגענהייט האָט ער אַלץ געוווּסט, כאָטש די משפּחה האָט זיך באַמיט עס צו פֿאַרווישן.

מאַטיאַס האָט די גאַנצע צייט געזוכט אַ געלעגנהייט צו פֿאַרבינדן אַ שמועס מיט הענריקן.

— נאָך יעדער רייזע קיין אויסלאַנד זע איך ווידער, ווי אָפּגעשטאַנען מיר זענען דאָ אין לאַנד. באַזונדערס, ווי אָפּגעשטאַנען ס'איז דאָס לעבן פֿון אונדזערע יידישע ברידער... — מאַטיאַס ראָזען האָט גערעדט פּויליש. אויסגעזוכטע ווערטער, אויסגעצערטלטע זאַצן. עס האָט פֿיין האַרמאָנירט מיט זיין גאַנצער אויסערלעכקייט.

שווער איז אָבער געווען אַריינצוציִען הענריקן אין אַ שמועס. ער האָט געענטפֿערט מיט איינצלנע ווערטער. זיין טרויעריקער בליק האָט מיט אַ בלומרשטן אינטערעס נאָכגעפֿאָרשט דאָס צאַנקען פֿון ליכט. מאַטיאַס האָט נישט נאָכגעגעבן: גערעדט וועגן פֿינאַנסן, ווירטשאַפֿט, פֿאַנאַנדערבוי פֿון דער אינדוסטריע. וועגן דער קהילה און אירע פּירעכצן, וועגן הרבֿ ליפּשיץ און די מורא־הוראהס, וועגן שולן פֿאַר יידישע קינדער און וועגן דער ראַבינער־שול... יאָ, ער ווייסט, אַז הענריק האָט געלערנט אין דער ראַבינער־שול. ווערטפֿולע מענטשן האָבן דאָרט געלערנט. זיין פֿריינד, דער דירעקטאָר אַנטאָני אייזנבוים, אינפֿאָרמירט אים אָפֿט וועגן דער שול.

— איך בין אויף קיין פֿאַל נישט איינשטימיק מיטן הער שטערן... זייער אַ געלערנטער מענטש, אַ גרויסער געלערנטער, דאָס איז אמת, אָבער דאָך אָפּגעשטאַנען, נישט באַריִרט דורך אייראָפּע. דערפֿאַר פֿירט ער אַזאַ פֿאַרביטערטן קאַמף קעגן דער שול... נו, און הער טוגענדהאָלד? ס'איז אים נישט אָנגענעם צו רעדן וועגן דעם, אָבער דאָס איז אַ פּערזענלעכער קאַמף,

ער פאַרגינט נישט חעם העראייזענבוים... דאָס, וואָס זיי וואַרפֿן פאָר, אַז פֿון דער שול זענען אַרויס אַ סך אויפֿשטעגדלער, דאָס איז אין מיינע אויגן דער גרעסטער לויב פאַר דער שול. זי האָט דערצויגן פּאַטריאָטישע געפֿילן ביי דער יוגנט, און דאָס איז וויכטיק, זייער וויכטיק, אַ סימן, אַז זי דערציט מענטשן. עס קאָן נישט זיין קיין מענטשלעכקייט אָן פּאַטריאָטיזם.

זיי האָבן נישט באַמערקט, אַז זייער ווינקל איז געוואָרן דער צענטער פֿון אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקייט. און ווען מאַטיאַס האָט אָנגעהויבן צו דערמאָנען דעם אויפֿשטאַנד, האָט עס אַרויסגערופֿן אַ ביסל אומרו ביי די אָנוועזנדיקע. פאַר דער מערהייט איז עס געווען אומפאַרשטענדלעך: אַזאַ קלוגער, מיושבדיקער יונגערמאַן, אַזאַ גוטער פינאַנס-קאָפּ און אויפֿן פּונקט פֿון אויפֿשטאַנד איז ער גערירט. באַזונדערס האָט זיך באַאומרואיקט בעריש אונגער. גענוג צרות געהאַט פֿון הענעכס פאַרדרייעניש, גענוג געזונט און געלט האָט עס אָפּגעקאָסט. צוואָס רייצן די פאַרהיילטע וווּנדן?

— יאָ, יאָ, צרות פעלט נישט, ברוך השם... — ער האָט טיף אָפּגעזיפצט, מיינענדיק, אַז דערמיט וועט ער דעם שמועס לענקען אויף אַן אַנדערן וועג.

נאָר מאַטיאַס ראָזען האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן, געענטפֿערט רב בערישן אויף יידיש:

— יאָ, ס'פעלט טאַקע נישט. אָבער בעסער, אַז ס'איז ווייניקער...

און ווידער איבערגעגאַנגען אויף פּויליש צו הענריקן, דערציילט וועגן זיינע פּלענער צו שאַפֿן שולן פאַר יידישע קינדער, צו לערנען זיי מלאכה. אפשר וועט דאָס פאַרקלענערן די אָרעמקייט, אָפּשאַפֿן בעטלעריי, ער גלייבט נישט, אַז יידן בעטלען סתם אין דער וועלט אַריין, פאַר פאַרגעניגן וועגן. די, וואָס גייען איבער די הייזער, האָבן אַ פאַרבלוטיקט האַרץ, דאָס פּנים פּלאַמט זיי פֿון בושה. דער הונגער שטויסט זיי, אַ שטיקל ברויט פאַר די קינדערלעך...

— פאַר אַלטע לייט, פאַרלאָזענע, האָט מען איצט געגרינדעט אַ זקנים-הויז. זאָלן זיי פאַרענדיקן זייער לעבן מיט אַ רואיקן קאָפּ, — ער האָט באַשיידן פאַרשוויגן, אַז דאָס האָט ער מיטן פאָטער געגרינדעט דאָס זקנים-הויז.

צוליב דאַנקבאַרקייט פאַר אים האָט עס אונטערגעכאַפּט הענריק:

— יאָ, דאָס זקנים-הויז, וואָס איר האָט פונדירט, האָט אַרויסגערופֿן די פולסטע אָנערקענונג ביי אַלע פאָרגעשריטענע יידן.

דעם שבת האָט מאַטיאַס ראָזען געלאָזט פאַרבײַ די אויערן און אָנגעהויבן צו רעדן וועגן קולטור, בילדונג. אַריבער צו קונסט בכלל, צו טעאַטער...

— איר האָט געהערט, מײַנע הערן, דאָס יידישע פעבל גייט דאָך מאַכן אַ טעאַטער... אַ טריאַטער, פון ערגסטע פורים־שפּילער... — נאַטשע אונגערס הייזעריקע שטים האָט געקלונגען מיט שפּאָט. ער האָט זיך באַזונדערס פּאָסמאַקעוועט מיט די ווערטער „פעוול“ און „טריאַטער“.

— נו, נו, מאָלט אייך, אַז מען וועט זיי נישט לאָזן, קהל שלאָפט נישט. איבעראַכטאָג קומט טאַקע פאָר וועגן דעם אַן אסיפה ביי רב שלמה זלמן ליפשיץ. — בעריש אונגער האָט זיך שטאַרק געגרויסט דערמיט, וואָס אין קהלשע פראַגן איז ער מער מומחה פאַר זיין ברודער.

רואיק האָט אים מאַטיאַס ראָזען דערווידערט: ער זעט, אייגנטלעך, נישט קיין שלעכטס אין דעם, עס זאָלן געמאַכט ווערן אַזעלכע פאַרוויילונגספאָרשטעלונגען פאַר אָרעמע יידן. עס זענען דאָ צווישן זיי מענטשן מיט גרויסער באַגאַבונג — דאָס האָט ער שוין געהאַט די מעגלעכקייט צו באַמערקן ביי פאַרשידענע מאַרשעליקס, בדחנים, פורים־שפּילער. ס'זאָל זיך נאָר געפינען אַ מענטש מיט אַ ביסל וויסן און געשמאַק, וואָס זאָל דערמיט אָנפירן, וואָלט עס גאָרנישט שלעכט געווען...

— עס האָט זיך געפונען! אַהאַ, נאָך אַ מין געפונען! זיינוול שמש דערציילט, אַז דער גאַנצער כל־ולך איז דאָרט דער געראָטענער לערער, וועלכן איך האָב פאַרטריבן פון מיין הויז... אַלץ אונטער יאָסל גוויאַזדאַס השגחה...

די ידיעה האָט דווקא אויפגעלעבט הענריקן. דורך די לעצטע חדשים האָט ער נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן איזאַקן. איצט האָט זיך צוריק דערוועקט דער סענטימענט צו זיין חבר. אפשר האָט דאָ געווירקט מאַטיאַס ראָזענס וואַרעמקייט פאַר די אויפשטאַנד־דערינערונגען, אפשר די דראָונג, וואָס ער האָט אַרויסגעפילט פון פאָטערס טאָן... ער האָט זיך אָנגעגורט מיט אַ באַשלוס, אין קאָפּ האָבן זיך שוין געשאַפן פּלענער צו העלפן איזאַקן, ראַטעווען אים פון סכנה.

— איך פאַרשטיי נישט, מיט וואָס פאַר אַ רעכט קאָן מען זיי שטערן איינאָרדענען פאַרוויילונגען...

דער ראש המדברים איז ווידער געוואָרן בעריש אונגער:

— פאַרוויילונגען? חוזק פון דת, פון שיינע יידן, פון קהל, פון מלכות! יידיש פעבל און פוילישע הפקר־יונגען יד־אחת! שמעקט שוין ווידער מיט בונט, ווידער מיט בלוט... מ'עט עס נישט דערלאָזן! מיט קאַנטשיקעס וועט

מען זיי פֿאַנאַנדערטרייבן. מיט שווערדן, אַז מען וועט דאַרפֿן. די פּאָליציי איז געשטעלט אויף די פֿיס. מ׳עט זיך אַ נעם טאָן...

אַ שטאַרקער קלאַפּ פֿון מעטאַל האָט אָפּגעהילכט אין צימער. שלמהלע משרת האָט פֿאַרשטעפּט אַ ליידיקע טאַץ, אַרויסגעלאָזט זי פֿון דער האַנט.

VII

אַרויסגייענדיק פֿון דער דעמפּיקער היץ אין טעאַטער אויף דער שנייִיקער גאַס, איז שרהלע אַ רגע שטיין געבליבן. עס האָט פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. אויפֿן ווייסן אַרום האָבן זיך געמיניעט בילדער, צאַנקענדיקע בילדער דערפֿון, וואָס איז נאָר וואָס פֿאָרגעקומען אויף דער בינע. ווי ליכטווערימלעך אין אַ וואַרעמער זומערנאַכט זענען אַרויסגעשפּרונגען די בילדער. און אין די באַקן האָט נאָר געשטאָכן די פֿראָסטיקע לופֿט.

אַזוי האָט זי זיך טאַקע געהאַט פֿאָרגעשטעלט אין אירע חלומות אַ טעאַטער, און עפּעס נישט אַזוי. איזאַק האָט איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז זיי זענען נישט מזלדיק אַריינגעפֿאַלן. אין פֿאַרגלייך צו די פֿאָרשטעלונגען, וואָס ער האָט שוין געזען אין אויסלאַנד — איז דאָס היינטיקע אַ בלאַסער אָפּשיין. די אַקטיאָרן — זיי האָבן פֿון זיך געגעבן אַ סך, אפשר מער, ווי אויסלענדישע באַרימטקייטן, נאָר די זאַך... עפּעס „דאָקטוירים פֿון דער קעניגין באָנע“... נישט עס האָט אַ טעם, נישט עס קלעפּט זיך איינס צום צווייטן. זייער „משה“ איז שוין אין פֿאַרגלייך דערמיט אַ קונסט־ווערק.

— ווען מיר וואָלטן געהאַט מער מזל, געזען באָגוסלאַווסקים אַ זאַך, וואָלט עס אייך זיכער מער געפֿעלן. היינט — שעקספּירס, מאָליערס, לעסינגס, שילערס — טראַגעדיעס, קאָמעדיעס, דראַמעס, וואָס ווערן געשפּילט אומעטום. דאָרט ווערן געוויזן מענטשן, איבערלעבונגען, ליידנשאַפֿטן, לעכערלעכקייטן. אַלץ גרויס, גרויס. דאָס גוטע און דאָס שלעכטע. צום ליידן, וויינען... און אויסגעלאַכט, אויסגעחוזקט... לעבעדיקע שטיקער מענטשלעכע נשמות אין צאַפּל.

שרהלע האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופֿן. זי האָט געהערט זיינע רייד און פֿאַרטאָן געווען אין אירע אייגענע איבערלעבונגען. דער סקריפּעדיקער שניי אונטער די פֿיס האָט אויסגעשפּילט דעם ריטם פֿון אירע רעגונגען.

דער וועג פֿון קראַשינסקיס פּאַלאַץ, וווּ דאָס טעאַטער האָט געשפּילט, ביז דער שמאָלער מיליע איז נישט געווען קיין ווייטער. נאָר איבערגעקומען זענען זיי אים אַזוי גיך, ווי עס וואָלט געווען בלויז אַ פּאָר טריט. צי האָט די בלענדנדיקע ווייסקייט מקצר געווען דעם וועג, צי איזאַקס רייד — זי האָט זיך נישט פֿאַרטראַכט וועגן דעם. נישט טראַכטנדיק אַפֿילו, האָט זי זיך פֿעסט אָנגעהאַנגען אין איזאַקס אָרעם און געלאָזט זיך דורך אים פֿירן.

צי זענען געווען די גאַסן אַזוי אויסגעליידיקט פֿון מענטשן — די שעה איז שוין געווען אַ שפּעטע — צי האָבן זיי סתּם נישט באַמערקט קיין הורבגייער? שרהלען איז עס געווען גלייכגילטיק, און איזאַק האָט זיך אויך דערמיט נישט אינטערעסירט. נאָר נאָענט שוין פֿון גוויאַזדאַס הייזקע איז ער פֿאַרהאַלטן געוואָרן: אַ האַנט האָט זיך אַרויפֿגעלייגט אויף זיין אָרעם.

אַ ציטער פֿון אומדערוואַרטקייט — נאָר איזאַק האָט זיך באַלד באַהערשט. נאָך איידער שרהלע האָט באַמערקט, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער דערקענט די שטערונג: די שיין פֿון דער אַרומיקער ווייסקייט האָט באַלויכטן אָן אומרו אייפֿן פּנים פֿון שלמהלע דעם משרת.

— וואָס איז געשען?

אין איין אָטעם האָט שלמהלע דערציילט וועגן דעם שמועס ביי די אונגערס. צו גוויאַזדאַן אַריינגיין מיט דער בשורה האָט ער מורא געהאַט.

— ביי זיין געזונט... למען־השם, מען דאַרף עפּעס טאָן, מען מוז זיך היטן, ס'קאָן חס־ושלום זיין סכּנת־נפֿשות.

זיי זענען אַריין אין גוויאַזדאַס צימערל. עס האָט געהערשט אַ הייטערע וואַרעמקייט, אַ געמיטלעכקייט. פֿייגעלע און כאַוושע האָבן צוגעוואָרפֿן שטיקלעך האָלץ צום פֿייער, פֿאַרקירצנדיק די צייט פֿון וואַרטן אויף שרהלען. גוויאַזדאַ האָט געהאַלטן דאָס גרויסע בוך פֿון חבֿרה „מעוז־לדל“ און בינעם האָט אויף אַ פּאַפּיר פֿאַרצייכנט ציפֿערן, וואָס ער האָט אָנגעגעבן.

— אַ גוטער באַלעבאָס מאַכט חשבון פֿאַרן סוף זמן! — האָט זיך גוויאַזדאַ געוויצלט. — דער ווינטער דערבעט זיך אים. מען דאַרף וויסן מיט וואָס מען קאָן שאַפֿן אויף פּסח...

ער איז געווען אין גאָר אַ געהויבענער שטימונג: די קאַסע האָלט נישקשהדיק, דאָס טעאַטער וועט זי נאָכמער פֿאַרשטאַרקן. מען וועט קאָנען העלפֿן אַ ביסל יידן, העלפֿן אַ ביסל מער פּראָווינצער. דער זאַל „אונטער די הריי בענגערס“ נעמט אַריין אַ שיינע פּאָר הונדערט מענטשן. איבערפֿולט וועט זיין אַלע דריי אָוונטן — וועגן דעם קאָן קיין צוויי מיינונגען נישט זיין. שפּעטער וועט מען אפֿשר ווייטער פֿרוון:

— די קעפּ אין דער הייך, חברה!

די הייטערקייט איז אָבער צעהונען געוואָרן גלייך, ווי איזאַק האָט נאָר דערציילט וועגן שלמהלעס בייעסן. גוויאזדא האָט זיך באַמיט נישט ארויסצווייזן זיין אומרו.

— מה רעש? וואָס פאַר א מורא? זייוונלס זשאַנדאַרמעריע וועט נישט וואַגן... אויף אַ פאַרשטעלונג, אַ פאָר הונדערט מענטשן... זיי וועלן נישט וואַגן. אויסערן רעוויר וועלן זיי די בעז נישט אַרויסשטעקן...

דאָס האָבן אלע געהאַלטן פאַר ריכטיק, חערפאַר האָט מען דאָך אויסגעקליבן טאַקע פראַנטשישעקס שענק אויף דער ניי־שטאָט: נאָענט צום יידישן רעוויר, נאָענט צום מקום, צו די ריבאַקעס, ווו ס'וווינען די פוילישע גוטע ברידער. דאָרט וועלן גאָטס סטראַפּטשעס מורא האָבן צו טשעפּן. א דערלויבעניש האָט פראַנטשישעק ארויסבאַקומען — עס ווערט דאָרט בפירוש גערעדט וועגן דריי גרויסע פאָלקס־פאַרווייליגגען מיט מוזיק און פרייליכמאַכערס — בכן: ווער קאָן זיי שטערן?

די ראיות פון גוויאזדאָן האָבן נישט איבערצייגט. גוט, שמשים — נישט, אָבער פּאָליציי, זשאַנדאַרמען האָבן געקאָנט מאַכן אַן איבערפאַל? קאָן עס דאָך צעקלאַפּן דאָס גאַנצע טעאַטער... די האָרעוואַניע, וואָס אזוי־פיל מענטשן האָבן אריינגעלייגט, און די האָפענונגען, וואָס נאָכמער מענטשן האָבן זיך שוין געמאַכט. גוויאזדא האָט זיך א ביסל אָנגעצונדן:

— וואָס האָט איר געמיינט, קינדער, א שפּילעכל? א שפּאַציר? דעם פּשוטן מענטשן קומט גאָרנישט אָן לייכט... שווער קומט אָן דאָס שטיקל ברויט, שווער — א ביסל ליכט, א ביסל פרייד, א ביסל גוטע לופט. ארויסרייסן מוז מען עס, בכוח ארויסרייסן. קראַדניקעס, גאָטס קאַזאַקן, תקיפים טרעטן נישט אָפּ אזוי לייכט... פאַר אַלץ מוז מען זיך ראַנגלען.

פון אים האָט זיך געטראָגן אַן אינערלעכע היץ. ער האָט זיך איצט געווענדט גלייך צו איזאַקן:

— דו, איזאַק, זאָלסט זיך נאָר נישט שרעקן! א סך שוועריקייטן וועלן דיך מקבל־פּנים זיין. דו מוזט זיי קאָנען אויסטראָגן, איבערטראָגן...

צום ערשטן מאָל האָט גוויאזדא צו איזאַקן אזוי בולט גערעדט אויף „דו". שטענדיק איז די פאָרם פון רעדן צווישן זיי געווען א פאַרנעפּלטע. עס האָט אויסגעזען, ווי ביידע וואָלטן נאָך נישט געפונען די נייטיקע מאָס פון היימישקייט. דער איצטיקער אופן האָט איזאַקן אָנגעגעבן אַ גלעט געמאָן און גלייכצייטיק דערשראָקן: אין טאָן פון גוויאזדאס רייד איז געווען עפּעס באַאומרואיקנדיקס.

ער האָט זיך איינגעקוקט אויפמערקזאַם אין גוויאַזדאַן; אַ ווייטיקלעכער שמייכל איז געווען אויסגעשפּרייט אויף זיין פאַרמוטשעטן פּנים.

— פילסט זיך נישט מיט אַלעם? אפשר רופן אַ דאָקטאָר? — איזאַק איז אויך אַריבער אויף „דו".

— ס'איז גאָרנישט, קינדער, מיד.. לאָזט מיך, לאָזט מיך איצט אַ ביסל שלאָפן.

אַלע האָבן זיך געגעבן אַ באַוועג, געגרייט צום אַרויסגיין.

— אַ גוטע נאַכט, שלאָפט געזונט. — האָבן שטיל אַ פּליסטער געטאָן די פרויען, ווי צו אַ קינד אין וויגל.

איזאַק איז צוגעגאַנגען האַרט צו גוויאַזדאַס געלעגער, אָנגענומען זיין דופק, אַ ווישׁ געטאָן דעם שטערן. גוויאַזדאַ האָט לייכט אַראָפּגענומען זיין האַנט, אַ רגע זי געהאַלטן אין דער אייגענער דלאָניע, איינגעקוקט זיך אין לייטזעליק געשמייכלט.

— אַ ווויל מיידל, שרהלע... — זיין קאָפּ איז שווער פאַרזונקען אין קישן. — אַ גוטע נאַכט...

VIII

געציילטע טעג זענען געבליבן ביז פּורים. אין דער שענק „אונטער די דריי נעגערס" זענען זיך יעדן אָוונט צונויפגעקומען די פּורים־שפּילער, די קלעזמאָרים, איבערגעחזרט די שפּילן, אין דעם גרויסן זאַל, אויף דער בינע, וווּ דאָס וועט אויך אַן אמת פאָרקומען אין געציילטע טעג אַרום. אין דער דערבייאיקער ביר־האַלע זענען געזעסן די שטאַם־געסט פון פראַנטשישעקס שענק און די געשוואוירענע פריינד פון די פּורים־שפּילער — סטאַניסלאַוו לאַיעק, יאַן דער בערנער, אַ סך פון די, וואָס פלעגן זומער זיך טרעפן אויף דער סאַסקע־קעמפּע. זיי האָבן געטרונקען ביר און געוואַרט — אפשר דאַרף מען צוהעלפן, עפּעס צום אָנטאָן, עפּעס מאַכן אויף דער בינע. די וויכטיקסטע זאַכן זענען שוין געמאַכט געוואָרן אויף אַן אַנדער אָרט, דאָ האָט מען בלויז געברענגט דאָס אויסגעפּאַרטיקטע. גענייט און איבערגעמאַכט מלבושים האָט מען ביי די „דריי מיידלעך" — אַזוי האָט מען גערופן די שטוב, וווּ עס האָבן געוווינט פייגל, כאַוועשע און שרהלע.

אין די לעצטע טעג פון די צוגרייטונגען האָבן זיי אַלע דריי נישט אָנגענומען קיין אַנדערע אַרבעטן — כאָטש עס האָט זיך דערנענטערט דער

סעזאָן: פרילינג, פסח. ווען מען פון זיי האָבן געקאָנט ליגן אין קאָפּ די בעסטע קוגדן, די פיינסטע באַשטעלונגען, אז אָט־אָט קומען פאָר די פאָרשטעלונגען און ס'איז נאָך דאָ אַזויפיל צו טאָן.

די עלטסטע ביי די ארבעטן איז איצט געווען די יינגסטע — שרהלע. קודם כל האָט זי געקענט פון אויסנווייניק אַלע דריי פורים־שפּילן, געוווסט ווער און וואָס עס קומט דאָרטן פאָר, וואָס מען דאַרף צוקלייבן אָדער אויפנייען. פאַרשידענע רעשטלעך פון ביליקע סחורות, אַלטע קליידער און שטיקלעך פאַטשעווקע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בגדי מלכות. אונטער שרהלעס אויג — מיט קאָלירטע בענדלעך און פראַנדזן — זענען פון די שטיקלעך געוואָרן רייכע פילקאָלירטע בגדים. שרהלע האָט אירע חברטעס געגעבן אָנווייזונגען: וואָס פאַר א מאָס און גרייס דאָס אָדער יענץ קלייד דאַרף זיין, א מענער־מלבוש, צי א פרויען־מלבוש פאַר מענער. אַלץ, וואָס איז געמאַכט געוואָרן לויט אירע אָנווייזונגען, איז כמעט אָן א פאַפּראַווקע גרייט געווען פאַר דער בינע.

די לעצטע טעג פלעגט זי מיט יעדער פאַרטיע פאַרטיקע זאַכן מיטגיין אין שענק אַריין. געהייסן האָט עס: צי וועט מען עפּעס נישט דאַרפן פאַרריכטן נאָכן אָנמעסטן. אָבער אַלע האָבן געוווסט, אַז זי טוט עס צוליב איזאַקן. איינס איז נאָר נישט געווען קלאָר: צי זי טוט עס, איזאַק זאָל קאָנען אַרבעטן מיט אַ רואיקן קאָפּ, נישט אָנהייבן פלוצלונג מיט אַ מוטנעם בליק צו זוכן עמעצן, צי ווייל זי אַליין וויל זען, וואָס איזאַק טוט, און טאַקע אַ קוק טאָן, וואָס די פורים־שפּילער חזרן איבער און איינוועגס אָפּשפּילן אין זיך די אָדער יענע פרויען־ראָל. וואָס פאַר אַ ווייטיק דאָס איז: אַלע פרויען־ראָלן ווערן נאָך אַלץ געשפּילט דורך מענער!

איר אַריינקום אין שענק אַריין איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַ ברייטן „דאָברי וויעטשור“ פון פראַנטשישעקן אַליין, מיט צעשמייכלטע פנימער פון די קעמפּע־באַקאַנטע. און זאַל פון די פורים־שפּילער, וואָס האָבן געמאַכט רעפּעטיציעס, איז באַלד געוואָרן אַ „הוראַ“! שלמה בדחן האָט באַלד אויפן אָרט פאַרפאַסט קופּלעטן וועגן די קליידער, וועלכע זי האָט מיטגעברענגט, פאַרטשעפּנדיק ביי יעדן קלייד דעם פורים־שפּילער, וואָס האָט באַדאַרפט אין דעם קלייד שפּילן. און ביי יעדער געלעגנהייט — איזאַקן. נאָר איזאַק האָט נישט געהערט, אָדער זיך נישט געמאַכט הערן זיינע שטעכווערטלעך: ער האָט מעשה זאָרגעוודיקער באַלעבאָס דורכגעקוקט די קליידער, אויסגעפרעגט זיך אויף גוויאַזדאַן: וואָס ער טוט איצט, און וואָס פאַר אַ שטימונג ער איז. פאַרבייגייענדיק האָט ער אַ פרעג געטאָן, צי שרהלע

וואָלט נישט געהאַט קיין חשק צו בלייבן אויף דער רעפּעטיציע און ווידער זיך גענומען צו דער אַרבעט. רואיק, אָן נערוון. אין שרהלעס אָנוועזנהייט האָט ער זיך באַמיט נישט צו הייבן דעם טאָן, אַרויסצוווייזן, אַז ער איז צופֿרידן מיט די פֿאָרשריטן פֿון די שפּילערס. אויב ער איז אַפֿילו נישט געווען צופֿרידן, פֿלעגט ער דאָן געדולדיק אויפֿקלערן, באַווייזן. אפֿשר דערפֿאַר האָבן זיך פֿון אַלע זייטן געהערט בקשות, זי זאָל פֿאַרבלייבן, ווען זי האָט זיך נאָך אַ שעה־אַנדערהאַלבן געקליבן צום אַוועקגיין. ס'איז אַלעמען פֿריילעכער אויפֿן האַרצן, ווען זי איז דאָ. אַזוי האָבן זיי טאַקע אונטערגעשטראָכן. אַלעמען. אַ לאַכנדיקע האָט זי אָנגעוויזן אויפֿן פּעקל קליידער — זאָלן זיי זיך איינרעדן, אַז דאָס איז זי, וועט זיי אויך זיין פֿריילעך... דער קליינער גדליהו בעללאַו, שלמה בדחנס ברודערל, האָט איינמאָל אַפֿילו געפּרוווט דורכצוזוכן די קליידער. ער האָט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי שרהלע איז דאָרט טאַקע דאָ. זיין ברודער האָט אויף אים אָנגעשריגן:

— גדליה, קוק נישט אַרונטער אונטער שרהלעס קליידער!

דאָס ייִנגל איז דערשראָקן געוואָרן פֿון דעם הילכיקן געלעכטער, וואָס די ווערטער האָבן אַרויסגערופֿן. „וואָס לאַכן זיי אַזוי, די דערוואַקסענע?“ — האָט ער נישט געקאָנט פֿאַרשטיין.

ערב דעם גרויסן טאָג, אַ פּאָר טעג פֿאַר פּורים, האָבן זיך שרהלעס באַזוכן שיר נישט שלעכט געענדיקט:

זינגט אַ פּאָר טעג האָבן גוויאַזדאַס מענטשן — די וואַכן אויף הער גאַס און דיזשורנע אין שטוב — באַמערקט, אַז עס דרייען זיך אַרום פֿאַרדעכטיקע פֿאַרשוינען. זיי האָבן אויסגעזען, ווי איבערגעטוענע לייט פֿון זייוול שמשס חברותא, אָדער באַהעלפֿערס. וואָס האָבן נישט געהערט צו גוויאַזדאַס חברה. פֿאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז, אַ בליק געטאָן, דערזען די וואַכן — האָבן זיי אָפּגעצויגן, ווי האָזן.

איז געשטאַנען עפּעס אַ ווילער יונג פֿון גוויאַזדאַס וואַך־מענטשן, האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך פֿאַרמאָסטן צו אַ קלאַפּ, — יענער איז אַוועקגעפֿלויגן, ווי פֿייל פֿון בויגן. מען האָט זיך צוגעוווינט דערצו, און גוויאַזדאַ האָט אַלעמען באַרואיקט.

— נעמט זיך נישט צום האַרצן. נישט קיין נייס ביי אונדז...

דעם אָוונט האָט זיך שרהלען אויסגעוויזן, אַז אייגער פֿון די האָזן, ווי מען האָט זיי גערופֿן, גייט איר כסדר נאָך. זי איז טאַקע געגאַנגען אין באַגלייטונג פֿון אַ פּעסטן, געזונטן שטיינהאַקער, וועלכער האָט געטראָגן דאָס פּעקל מיט מלבושים, אָבער זי האָט דאָך צוגעאיילט די טריט. צו וואָס

אומזיסט און אומגישט מאַכן אַ טומל, אַ געשלעג? ווען זיי זענען אַרויס פון רעוויר און יענער איז אַלץ נאָכגעגאַנגען, איז שוין פאַר איר קיין ספק נישט געווען, אַז דאָס שפּירט מען זי מאַקע נאָך. אַריינקומענדיק „אונטער די דריי נעגערס", האָט זי עס באַלד דערציילט איזאַקן. דערהערט האָט עס אויך שלמה ברחן, וואָס האָט, ווי זיין שטייגער, אויפגעזונגען:

— חברה, מען דאַרף געבן אַ פעסטן בלאָז!
שרהלען איז נאָכגעגאַנגען ביז אַהער אַ האָז...

מען האָט איבערגעריסן די רעפּעטיציע און אַ לאָז געטאָן זיך אין ביר־האַליע. חוץ די געוויינלעכע געסט און באַקאַנטע פּנימער, איז ביי דער ביר־פאַס געשטאַנען אַ יונגערמאַן מיט פאות פאַרלייגטע הינטער די אויערן. ער האָט פאַוואָליע געצויגן ביר פון קופל, נאָר געזען האָט מען, אַז ער איז אָנגעשפּיצט מיט אויגן און אויערן אויף דעם, וואָס קומט פאַר אין צווייטן זאַל.

שלמה האָט אַ ווונק געגעבן: דאָס איז עס! — נאָר בינעם האָט מיט אַ באַוועגונג פאַרהאַלטן דעם גאַנצן עולם, געלאָזן זוגעגאַנגען צום יונ־גערמאַן:

— ווער איז אַ ייד? פון וואַנען? וואָס טוט מען עפּעס דאָ? צו וועמען?

אַן אויגנבליק האָט דער יונגערמאַן פאַרלוירן ס'לשון, נאָר באַלד זיך באַהערשט, ער איז אַפּנים נישט געווען פון די שרעקעוודיקע. ער איז אַ פּראָ־ווינצער, באַצאָלט דאָס טאָג־געלט, מען האָט אים פאַרהאַלטן איבערצוגעכ־טיקן אין וואַרשע...

— ס'טייטש גאָר קיין מורא נישט? ווו געכטיקן? אַזוי פעסט ביי זיך, יונגערמאַן? און פּאָליציי, קהל, גאָר קיין מורא נישט?

מען האָט קודם געוואָלט דערגיין ביי אים, ווער איז עס דער, וואָס איז אַזוי פעסט ביי זיך און געמט אים אויף זיינע פּלייצעס.

— זייוול דער אויבערשמש... — דער יונגערמאַן האָט דאָס געענט־פערט מיט דער גאַנצער זיכערקייט, אַז דאָס וועט באַרואיקן די נייגעריקע.
— האָז! שפּיאָן! אַ משכנתא!

דראָענדיק זענען געווען די אויסרופן פון די פורים־שפּילער, וואָס האָבן פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט דעם פרעמדן.

ווען די פוילישע פריינד זענען געוואָרן געוואָרן ווען וואָס עס האַנדלט זיך, איז די לאַגע געוואָרן גאָר דראָענדיק. פון די טישלעך האָבן זיך אייניקע אויפגעהויבן, כמאַרנע זיך גערוקט צום יונגערמאַן, וועלכער האָט געקאָנט

באַשײַנפּערלעך אַראָפּלײענעז פֿון זײערע פּנימער, אַז קײן גלעט אין בעקל װעט ער נישט קריגן.

— שפּיק, אין דער מאַמען אַרײַן... — האָט מען געצישעט צװישן די צײן.

דער שענקער האָט זיך ערנסט דערשראָקן: אַ מתנת־יד פֿון די חבֿרה־לײט קאָן זיך שלעכט ענדיקן פֿאַרן פֿרעמדן. קײן סגולה פֿאַר דער קאָנצעסיע אויף דער שענק איז עס נישט. מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון זײן פּאַרטרוגקענעם באַס האָט ער זיך באַמיט אַלעמען איבערצושרײַען:

— פּאַנאָװיע! אויף דער גאַס! רעדט מיט אים אויף דער גאַס! אין שענק איז ער אַ גאַסט, װי אַלע!

דער פֿרעמדער איז געװען בלאַס, װי צום חלשן. די פּיס האָבן זיך אים אונטערגעבראָכן. ער האָט זיך אַ װאַקל געטאָן, אַרױסגעלאָזט דעם קופּעל פֿון האַנט און מיט בײדע הענט זיך אָנגעכאַפּט אין פּאַס, װי אַ זינדיקער פֿון הומש אין בית־המקדש בײַם מזבח. די שפּיל, זעט ער, װערט ערנסט. מיט װויליונגערישקײט װעט ער דאָ נישט אױסקומען.

— ייִדן! כ'בין אַ פּראָװינצער... כ'װײס פֿון גאָרנישט... רב זײװל האָט געהײסן... צוגעזאָגט שכר... כ'האָב אַ װײב מיט קינדער... האָט גאָט אין האַרצן... נישט געװוסט... נישט געמײנט...

שרהלע מיט איזאַקן זענען אַרײַנגעקומען אין ביר־האַליע. דערזען דאָס בלאָטערן פֿון דעם ייִדן, דערהערט זײַנע תחנונים, האָט שרהלע רחמנות גע־קריגן אויף אים:

— ניטע, חבֿרה, טשעפּעט אים נישט! לאָזט אים גײן... אַ טאַטע פֿון קינדער...

די מענטשן־רײף אַרום פֿרעמדן איז אַ ביסל לױזער געװאָרן. בינעם האָט אים אַפֿילו געפּרוּװט צו דערװײזן, װי געמײן דאָס איז, װאָס ער האָט געװאָלט טאָן.

— „ממזר לא יבֿוא בקהל"... פֿאַרגעסן, האַ?

נאָר געשטערט האָט אים שלמה בדחן, װאָס איז אַרױפֿגעשפּרונגען אויף דער פּאַס און אױסגעזונגען:

— הער זשע אויס, דו בראַט פֿון פּסו־בראַטן,
כ'װעל נישט טשעפּען דײַן מאַמען און טאַטן,
כ'װעל נאָר זאָגן, ס'זאָל זיך גוט אין דײַן האַרצן אײַנבאַקן:
נאָכאַמאָל װעט מען דיר ברעכן דײַן האַלדז און נאַקן.
און אַצינד, אײדער ער טוט אײַך עפּעס אַ פֿרעג,

חבֿרה, נישט וואַרטן — באַווייזט אים דעם וועג!

פלינק האָבן צום ציטערנדיקן יונגערמאַן אַ טאַנץ געגעבן איטר דער לייכטפיסיקער און בערל דער לאַנגער, אָנגעכאַפּט אים אונטער די אָרעמס, צוגעפירט צו דער טיר פון שענק און מיט אַ לייכטן שטויס מיט דער קני אין הינטן משלח געווען אים אויף דער גאַס אַרויס. דורך דער אָפענער טיר, אין די קנוילן פאַרע, וואָס האָט פון איר געשלאָגן, האָט מען געזען, ווי ער האָט זיך אויסגעצויגן אין שניי — אַ קלאָדע האָלץ.

— נו, צוואָס... צוואָס ווי טאָן אַ מענטשן! — שרהלען האָט עס האַרציק פאַרדראָסן.

— נישקשה, ער וועט זיך אַ ביסל אויסניכטערן אין שניי, — האָט זי איזאַק באַרואיקט און צוריקגערופן דעם עולם אין זאַל אַריין.

IX

זייוול שמש איז געווען ווילד. ער האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן חדר, פאַכנדיק מיט די לאַנגע ציצית פון ארבע כנפות, מיט צעפּאַטלטע באָרד און פאות. דאָס קאַפּל האָט זיך פאַררוקט הויך אויפן שטערן אַרויף, ער האָט זיך געריבן דעם שטערן.

אין חדר האָט געשלאָגן אַ היץ פון גרויסן אויוון. די איבעריקע שמשים און אונטערשמשים, וואָס זענען געזעסן אין חדר, האָבן פאַנאַנדערגעשפּילעוועט די קאַפּאָטעס, אַראָפּגעוואָרפן די וואָלענע טיכער, געווישט די פנימער מיט לאַנגע ברוינגעלע־רויטע פאַטשיילעס, נאָר איינער פון די אָנוועזנדיקע האָט געציטערט ווי אין קדחת. אַ צאָן אין אַ צאָן האָט ביי אים געקלאַפּט און נעבעכדיקייט האָט מיט גאָרנישט דערמאָנט די וווילינגערישע זיכערקייט פון דעם יונגערמאַן נעכטן, וואָס איז נאָכגעגאַנגען שרהלעס טריט.

אייגנטלעך האָט זייוול געוווסט, אַז קיין איינער פון זיי וואָלט זיך נישט קיין עצה געגעבן מיט די פּורים־שפּילער אַליין, ביחידות. ווען אים אַליין איז אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט זיי, האָט זיך אים באַלד געזעצט אַ גענדזן־הייטל פון שרעק. קיין כבוד קאָן מען דאָך נישט דערלעבן פון די שקצים... אָבער אויסגיסן די גריץ, אויסגעבן, וועד עס האָט געשיקט, פאַרשיטן די הבנות, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן צו שטערן די פּורים־שפּילער!

— אַזאַ פּראָווינצער כניאָק! אַזאַ פאַרדאָסטער שלימזל...

נאָכאַמאָל האָט ער זיך געהייסן גענוי דערציילן דעם גאַנצן פאַרלויף פון נעכטיקן אָוונט. פון איינס איז ער צופרידן געווען. ער האָט מיט וואָס צו קומען צום רב און דאָזאָר, בפירוש אָנווייזן אויף דער נעסט פון זינד. אַ סימן, אַז ער איז נישט געשלאָפן און מיט מסירת נפש אַלץ אויסגעפונען... אַ שפּילעכל? אויסגעפונען דאָס אָרט, ווו די לצים קומען זיך צונויף פראַווען זייערע שטיק, נישט אין רעוויר! זאָלן זיי וויסן זיין מסירת=נפש! זאָלן זיי וויסן, די קהל=טאַטעס, ווי מענטשן זענען מפקיר זייער לעבן פאַר קהל, ווי ער, זייוול, איז זיך מפקיר... אָבער ווען דער שלימזל קריכט נישט אַזוי אין די אויגן אַריין, וואָלט ער זיך נישט פאַרשיט אַזוי גיך, מער געקאָנט דערגיין. ביר האָט זיך אים פאַרגלוסט, אַ רוח אין זיין... ביר... זייוול אַליין וואָלט איצט מיט הנאה אויסגעטרונקען אַ פעסל ביר, אַזוי איז אים דער האַלדז אויסגעטריקנט פון דער היץ, פון כעס, פון שרייען...

— וואָן צוריק אין שטעטל אַריין, כניאָק! שלימזלען זענען דאָ גענוג אין וואַרשע, אָן דיר...

מער האָט אים דער שלימזל נישט אינטערעסירט. וועגן שכר, וואָס ער האָט אים געהאַט צוגעזאָגט — איז נישטאָ וואָס צו געדענקען. זיינע אַלע מחשבות זענען געווען פאַרנומען מיט די פורים=שפּילער. איינס איז אויף דער האַנט: גוויאַזדאַ רעכנט זיך נישט. אַ חולה מסוכן. דער דאָקטאָר סמודעגצקי האָט ערגעץ געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, וואָס מען האָט גלייך צוגעטראָגן זייוולען, אַז גוויאַזדאַ קאָן אַ ליאַדע טאָג צומאַכן אַן אויג. אַן עול וועט אַראָפּ פון די פּלייצעס. ס'וועט לייכטער זיין זיך אַן עצה צו געבן מיטן פעבל. אָן גוויאַזדאַן זענען זיי אָן אַ קאָפּ. איינציקוויין וועט מען זיי קאָנען אונטערהאַקן די פליגל. זיי וועלן שוין ליגן איינגעלייגט ביי אים, אוי, וועלן זיי ליגן! ס'וועט נאָר בלייבן אָוועקצופּטרן דעם לערער — גוויאַזדאַס רעכטע האַנט. ער מאַכט דאָך די גאַנצע טריאַטער=שפּיל! אַ בייז האַרץ אויף אים האָט שוין זייוול פון לאַנג: די מעשה אין ביר=גערטנדל, די קאָזע — האָט פאַרגעסט זיך נישט! און ווען מען לאָזט דעם לערער בודק זיין דורך זשאַנדאַרמען! ס'איז דאָך זיכער, אַז ער שטינקט מיט טרפות. מיטן עטאַפּ וואָלט מען אים משלח געווען פון וואַרשע... לאָזט מען נישט. דער יונגער אונגער האָט עפּעס אַ קוועטש געטאָן ביים דאָזאָר. רב מאַטייאַס ראָזען אפילו. אַ צרה מיט די אויפגעקלערטע מיוחסים: איידל, ווייכהאַרציק. ווען מען לאָזט אים, זייוולען! ער וואָלט ערשט צענומען די הענט. שמייסן! שמייסן! גישקשה, יידישע היגטנס פאָלוביען שמיץ, געוויינט פון הדר. ס'איז זיי צום געזונט. ווען ער, זייוול, כאַפּט נישט אַריין קליינערהייט מיט די קאַנטשי=

קעס — אָהאָ, ווי ער האָט אריינגעכאַפּט, — וואָס וואָלט פון אים געוואָרן? אָבער — אַדאַנקען גאָט, אַדאַנק די קאַנטשיקעס.

שטרענג האָט ער זיך ארומגעקוקט, באַטראַכט גדלותדיק זיין ארמיי. אַט וואָס ער איז געוואָרן אדאַנק דעם: זייער ראש, זייער באַפעלגעבער. ציטערן זאָלן זיי פאר אים, פאר זיין דעך!

...דאָס ערגסטע איז אָבער די נקבה! באַשיינפערלעך צו זען, אז זי איז די גאַנצע מאַכערין ביים טעאַטער. ווער איז זי? פון וואַנען האָט זיך גענומען די צרה? וויאזוי מאַכט מען זי צונישט?

— ווי הייסט זי, די נקבה? — האָט ער פלוצלונג ארויסגעברומט, דרייענדיק מיט די פארגאָסענע אויגן פון איין פנים צום צווייטן, ווי ער וואָלט וועלן ארויסשלעפּן פון זיי א שרעקלעכן סוד.

— שרהלע דעם סופרס...

— א קאַלושינער יתומה...

— א נייטאָרין...

— א געלאַרנט מיידל...

יעדער פון די אָגעווענדיקע האָט זיך באַמיט צו באַווייזן מיט די ידיעות, וואָס ער האָט דערוואָרבן, שנאַפּנדיק ארום געוויאַזדאָן און די פּורים-שפּילער. יעדעס וואָרט, וואָס ער זאָגט, האָט יעדער געהאַלטן, איז א באַווייז פון זיין פליסיקייט אין דער גאָטפאָרכטיקער ארבעט. אפשר וועט מען עס אָפּשאַצן און אויף פסח עפּעס צוואַרפן. מען דאַרף, נעבעך, די פּאָר גראָשן סכנות-נפשות — א מלבוש פאר די קינדער, א זאַט יום-טוב.

דעם סופרס? דאָס איז בכלל צו זייוולען נישט דערגאַנגען. א יתומה, א מיידל! — פאר זיינע אויגן האָט פארבייגעשוועבט א בילד פון אַ ווילסטער מכשפה, וואָס איז אויף א בעזעם געקומען צו רייטן פון קאַלושין קיין וואַרשע, דאָ צו פארזייען זינד. אין די קינדער-יאָרן האָט מען אים געשראָקן מיט אזא מכשפה. א לאַנגע פארבויגענע נאָז, ווי א שנאָבל פון א רויב-פויגל; דאַרע, אויסגעבראָכענע פינגער, ווי מתים-קנאָכן; און איבלדיקע נאָגעניש האָט אים אָנגעכאַפּט הינטערן לעפעלע אויפן בלויזן געדאַנק, אז ער קאָן זיך צונויפטרעפן מיט דער מכשפה. זייט מען האָט אים התונה געמאַכט, מיט א סך יאָרן צוריק, האָט ער בכלל נישט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג וועגן נקבות. יעדן טאָג חזרט ער איבער מיט א באַזונדערער התמדה שלא עשני אשה...

— עוקר מן השורש זיין דאַרף מען זי, די מכשפה... פּאַרטיליקן, ווי עמלקן...

דער פּראָווינצער שלימזל האָט זיך אויסגעטשוכעט: וואָס רעדט ער, וואָס רעדט ער, דער ווילדער ייד? א מכשפה? זי — א מכשפה? סיידן — לילית...

וואָס גיכער האָט ער געוואָלט אַנטרונען ווערן פון דאַנען. פאַרגעסן וועגן שכר, אבי ווייטער פון דעם משוגענעם הויז. אין הונגער, נויט, דחקות אין אייגענעם שטעטל — אבי ווייטער פון זייוולס השגחה.

X

— פאַרשטאַרקן די שמירה... וואַכן... ארום פראַנטשישעקס שענק...

גוויאַזדא האָט מיט א שוואכער שטים געוואָרפן אָפּגעהאַקטע זאַצן. יע־דעס וואָרט איז געווען אַן אָנשטרענג פון די לעצטע כוחות. ער איז געווען, ווי א פאַרוואונדעטער מיליטער־פירער אין אָנבליק פון דער אַנטשיידנדיקער שלאַכט. אַן אָפּשיין פון פייער־צונגען האָט זיך געדראַפּעט אויף די ווענט, אויפן סופיט, געמאַכט דעם איינדרוק פון א גרויסער שרפה ערגעץ ווייט. ארום זיין געלעגער זענען זיי געשטאַנען פאַרגליווערטע, נאָר יעדעס וואָרט איז אויפגענומען געוואָרן ווי א באַפעל.

— די שענק וועלן מיר שוין אָפּהיטן. אויף אונדז קאָן מען זיך אויך פאַרלאָזן. — סטאַניסלאַוו דער רימער האָט גערעדט שטיל, באַמיט זיך צוצודעמפן זיין הילכיקע שטים.

דער שוסטער פּראַנעק האָט אים אונטערגעהאַלטן.

— זאָלן זיי נאָר פרוון. זאָלן זיי נאָר אָנהייבן מיט אונדז, די כאַלאַ־טשאַזשעס!

די דראָענדיקייט פון זיין שטים איז אויפגעכאַפּט געוואָרן דורך גוויאַזדא. זי האָט אים באַאומרואיקט. ער האָט בעטנדיק געקוקט אויף די ערנסטע פּנימער, געוואָלט מיט די בליקן זיי איבערגעבן זיין גאַנצע זאָרג פאַר דעם, וואָס קאָן געשען, וואָס מען דאַרף מיט אַלע כוחות אויסמיידן, פאַרהיטן:

— נישט פאַרטשעפּען קיינעם... נישט אָנפאַלן... נאָר שיצן זיך, שיצן...

די ערנסטקייט אויף אַלע פּנימער האָט געזאָגט, אז מען פאַרשטייט אים. ביי אַלע איז געווען א געמיש פון געפילן: די זאָרג פאַר גוויאַזדאַס שווערן צושטאַנד, דער ציטער פאַר דער גרויסער געשעעניש, וואָס דער־וואַרט זיי — די טעאַטער־פאָרשטעלונגען, און די מורא טאָמער וועט עפּעס

אין לעצטן מאָמענט קאַליע מאַכן. צוויי טעג זענען נאָך געבליבן צו פּורים, אַלץ איז גרייט, אַלע זענען גרייט — זאָל מען זיי איצט שטערן? — זיי וועלן זיך נישט לאָזן. מען האָט געקאָנט איבערלייענען פון זייערע פּנימער א גרייטקייט אויף אַלץ, אויף אַלץ, אפילו...

נאָר גוויאַזדאַ האָט באמת נישט געוואָלט קיין שפיכת־דמים.

— פאַרזיכטיק, קינדער, פאַרזיכטיק!

ער האָט שוין קוים געפּליסטערט אָנווייזונגען: נישט לאָזן זיך אריינשלעפּן אין געשלעגן. גבורה באַשטייט נישט אין שפּרינגען אין פייער אריין. א גרעסערע גבורה איז צו האַמעווען די האַנט, ווען זי סווערזשעט צו דערלאַנגען א קלאַפּ. זיי קאָנען ספּעציעל וועלן אונטעררופן א געשלעג, מען זאָל האָבן און אויסרייד צוצונעמען ביי פּראַנטשישעקן די דערלויבעניש. נישט לאָזן זיך אונטערפירן... דער עיקר — אַכטונג געבן אויף זיך, אויף יעדן איינעם, באַזונדערס — אויף איזאַקן, אויף שרהלען. זיי זענען, ווייזט אויס, די ערשטע צילברעטער פאַר זייערע קלעפּ.

— שרהלען קיין טריט נישט לאָזן אַליין... — קוים וואָס מען האָט אים געהערט. ער האָט געפּאָכעט מיט דער נשמה.

שרהלע האָט זיך פאַררויטלט און איז אין כעס געוואָרן אויף זיך, פאַרוואָס זי האָט זיך פאַררויטלט. זי האָט געפילט, אז דאָס בלוט שלאָגט איר אין פּנים אריין און נישט געקאָנט זיך גובר זיין, באַרואיקן. זיכער איז זי געוועזן: גוויאַזדאַ טרייבט איבער מיט זיין פאַרזיכטיקייט. זי גופא פילט נישט די מינדסטע שרעק, קאָן זיך אַליין אויסגעצייכנט אָפּהיטן. דערביי איז זי געווען צופרידן, וואָס מען טראַכט אַזויפיל וועגן איר. אז ס'וואַקסט מיט יעדן טאָג איר אָנזען צווישן די פּורים־שפּילער, די וויכטיקייט פון איר אָנטייל אין צוגרייטן די פאָרשטעלונגען — דאָס האָט זי געפילט. דאָס האָט א ביסל געשטילט איר פאַרדרוס, הלמאי זי שפּילט נישט אַליין... דער געדאַנק האָט זי אומאויפהערלעך געפּייניקט: זי מוז שפּילן! דאָס גאַנצע טעאַטער וואָלט דאַן גאָר אַן אַנדער פּנים געהאַט, ווען זי... און טאַקע זי אַליין אויך — אויפסניי וואָלט זי ערשט אָנגעהויבן צו לעבן! איר ברוסט ווערט דאַן צעזעצט פון געפילן, וועלכע זי מוז אויסלאָדן, אויסלעבן. דעם גאַנצן גוף גייט דורך א ציטער פון וועלן אויסדריקן פאַרשידענע צושטאַנדן, פאַרשידענע געמיטן. דאָס פּנים צוקט און צאַפּלט, קוים איינגעהאַלטן אויף צוימען דורך צונויפּפּרעסן די ליפּן.

אין צימער איז געוואָרן א באַוועגונג. פאַרטאָן אין אירע מחשבות, האָט שרהלע נישט באַמערקט דאָס אריינקומען פון דאָקטאָר סטודענצקי.

באַלד וועט ער מן־הסתם בודק זיין דעם קראַנקן — מען דאַרף אַרויסגיין פון צימער. דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעקאָכט:

— אַ לופט אין צימער! איר וועט אים דאָך דערשטיקן מיט אייערע אָטעמס. שוין אָפּטראָגן זיך! אַלע, אַלע... בינעם בלייבט... אויסלופטערן...

איינציקווייז און פּאָרנווייז האָבן זיי זיך אַלע אַרויסגעשלייכט דורך דער נידעריקער טיר, שטיל, ווי שאָטנס

דער קרעכץ פון שניי אונטער די פיס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט שטילע שמועסן. אין קליינע גרופּעס איז דער עולם אַרויס אויפן גאַס. פייגעלע מיט כאַוושען האָבן וועגן עפּעס געשמועסט פאַרטאָן, גישט באַמערקט, אַז שרהלע איז אָפּגעשטאַנען פון זיי. איזאַק האָט זי פאַרהאַלטן אויפן הויף.

— גוויאַזדאַ האָט געזאָגט: מען דאַרף אייך גוט היטן... — ס'זענען צו איר קוים דערגאַנגען זיינע ווערטער. ביים שיין פון שניי האָט זי אָבער אַרויסגעלייענט זייער זין פון זיינע אויגן.

שמייכלענדיק האָט זי אָנגעוויזן אויף אירע הברטעס, וואָס זענען פאַר־רויסגעגאַנגען. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און פעסט אַ דריק געטאָן. דאָס האָט באַהאַרפט אויסדריקן:

— מיט מיר איז זיכערער.

די הברטעס האָבן זיך אומגעקוקט. דערזעענדיק, אַז איזאַק גייט מיט שרהלען, זענען זיי ההאיק ווייטער געגאַנגען. צום טויער פון הייזל, וווּ זיי האָבן געוווינט, זענען זיי צוגעגאַנגען אַלע צוזאַמען. ביים אַריינגיין אין טויער האָט זי איזאַק ווידער פאַרהאַלטן. זי האָט אים אָנגעקוקט פאַר־הידושט:

— צייט זאָגן אַ גוטע נאַכט.

— נאָך אַ רגעלע... באַלד... איך גיי... כ'וויל זאָגן...

די ווערטער האָבן געקנוילט אין זיין האַלדז — אַ באַרבלענדיקער שעפּטש, אָנשטאָט ווערטער. ער האָט זיך געראַנגלט מיט זיך. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי זי וואָלט נישט וועלן זען אים מאַטערן זיך. פּלוצלונג האָט ער אויפגעהויבן ביידע אָרעמס — אַ פייגל, וואָס צענעמט די פליגל צום פלי. אַזוי געשטאַנען אין אויגנבליק און — מיט דער גאַנצער קראַפט זי אַרומגענומען.

ווי אַ מיד עופהלע, האָט זי פאַרוואָרפן דעם קאָפּ. אַ הייסער שטראָם איז איר אַדורכגעלאָפן פון מוח ביז די שפּיץ־פינגער. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און לסוף אוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל.

די מאַטע שײַן איז נישט דערגאַנגען צו דעם ווינקל, וווּ זײ זענען געשטאַנען. אָבער זי האָט באַלויכטן צוויי פּעסטע מענער־געשטאַלטן, אָנגעפּעלצטע און וואַטעוונע טיזליקעס, מיט גרויסע וווּליק־שטיוול אויף די פֿיס. זײ האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ פּאָר טריט פֿון דעם הײַזל און פֿאַרשנדיק געקוקט אויף דער אַרומיקער שנייאיקער ווייסקייט.

שמואל, דער געוועזענער משרת פֿון אַלטערן, און הענעך דער שטײַנהאַקער האָבן געוואַכט איבער איזאַקן.

ו.

די פּורים־שפּיל

I

די אַסיפה, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן ביי רב שלמה־זלמן ליפשיץ, האָט נישט אויסגעזען אַזוי, ווי דער רב האָט זיך געווונטשן. געקומען זענען טאַקע אַלע מורא־הוראהס און דיינים, די גבאים פון חסידישע און מתנגדישע שולן; אָבער די וויכטיקסטע מחותנים, אויף וועלכע דער רב האָט געהאָפט, די דייטשמערישע גבירים פון קהל, וואָס האָבן אָפענע טירן ביי מלכות— זיי זענען נישט געקומען. נישט, חלילה, מחמת גרינגשעצונג צום רב. ווי אַלע מאָל האָבן זיי אויך היינט אַרויסגעוויזן דעם גרעסטן דרך־ארץ פאַרן גרייז־גרויען פּאַסטעך פון דער וואַרשעווער סטאַדע און צוגעשיקט האָניק־זיסע אַנטשולדיקונגס־בריוולעך, פול מיט יראת הכבוד און העכסטע ליב־ווערטער. די קהלישע און מלוכהשע וויכטיקע ענינים—און אלע זייערע געשעפטן זענען ביי זיי געווען מלוכהשע ענינים פון גרעסטער וויכטיקייט — האָבן זיי, צו זייער גרעסטן באַדויערן און האַרצווייטיק, געשטערט צו גענים פון דעם תענוג צו טרינקען דעם האָניק פון דעם גרויסן תלמיד־חכמס ליפּן און צו באַלייכטן זייערע אויגן מיט דער העלער ליכטיקייט, וואָס שטראַלט פון אים. זיי זענען אָבער טיף איבערצייגט, אַז די גאָטספאָרכטיקע און געטרייע שליחים זייערע — דער סעקרעטאַר פון דער קהילה, פאַפּראָצקי, און דער דירעקטאָר טוגענדהאָלד — וועלן מיטן גרעסטן נוצן זיין זייערע ממלא־מקומים ביי דער וויכטיקער אַסיפה, וואָס דער מאור־הדור האָט באַוויליקט צוזאַמענצורופן.

אייגנטלעך איז עס ביי זיי אַפילו נישט געווען קיין אָפּגערעדטע זאַך.

בעת אַ צופּעליקן שמועס אויף דער בערזע מיט דעם אַלטן ראָזען און עפּשטיינען האָט טעפּליץ געמאַכט אַ וויץ: צי האָבן זיי שוין באַשטעלט אַ לאָזשע אין דעם יידישן טעאַטער, וואָס דאַרף דעם נאָענטסטן פּורים געבן זייַנע פאָרשטעלונגען? געווען זענען זיי אַלע שטענדיקע באַזוכער פון טעאַטערס. אין די הכנסות פון פּוילישן טעאַטער איז געווען אַ געזיכערטע פּאָזיציע: די לאָזשעס, וואָס זיי האָבן אויסגעקויפט. טעפּליץ איז בכלל געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון טעאַטער און עס האָט אים שוין לאַנג פאַרדראָסן, וואָס מיכאַל עטינגער מאַכט פאָרשטעלונגען אין זיינע סאַלאָנען — טאַקע אויף לשון=קודש, אָבער דאָך היימישע פאָרשטעלונגען. דערמיט פאַרשטעקט ער אין שאָטן אַלע אַטראַקציעס פון טעפּליצס סאַלאָן. ער האָט זיך אַפילו אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק איינצואָרדענען ביי זיך אַ פאָרשטעלונג אויף פּויליש, אָדער גאָר אויף יידיש, וואָס וואָלט זיכער געווען אַ גרויסע סענסאַציע. ווייל אויב עטינגערס פאָרשטעלונגען האָבן פאַרשטאַנען אַ ביסל מענער, משכילים פון עלטערן דור, וואָלטן דאָך אַ יידישע פאָרשטעלונג פאַרשטאַנען אויך די ווייבער און אַפילו די יוגנט, וואָס איז אַ ביסל געהרגעט אויף לשון=קודש. דערמיט וואָלט ער איינגאַנצן אַוועקגעלייגט עטינגערן. האָט ער אָבער אַלץ נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרנעמען זיך דערמיט — די געשעפטן, קיין עין=הרע, וואַקסן. און דאָ פּלוצלונג איז ער געווויר געוואָרן וועגן די פאָרשטעלונגען, וואָס גרייטן זיך „אונטער די דריי נעגערס“, — האָט ער געמאַכט דעם שפּאַס...

פון דעם שפּאַס האָט יצחק=שמעון ראָזען געמאַכט אַ שווערן ערנסט. ער האָט טאַקע אויך געהערט וועגן דעם, אַז די פּורים=שפּילער גרייטן זיך. ס'איז אָבער נישט אַזאַ פּשוטע זאַך. מען האָט אים איבערגעגעבן — און די הערן קאָנען זיין זיכער, אַז זיינע אינפאָרמאַטאָרן זענען מענטשן, אויף וועלכע מען קאָן זיך פאַרלאָזן — אַז ביי דער גאַנצער שפּיל דרייען זיך אויך אַרום פּוילישע באַלמעלאָכעס, מען מאַכט עס אין אַ שענק אין דער פּוילישער געגנט. דאָס קאָן ווערן געפערלעך.

מיט דער מיינונג איז אויך געווען עפּשטיין: אַ פּורים=שפּיל, אַרויסגעטראָגן אויסער דעם רעוויר, קאָן ברענגען צום חוזק מאַכן פון יידן. דאָס קאָן שאַדן דעם רעספּעקט, וועלכן עס האָבן זיך דערוואָרבן די פּראָמינענטע יידן ביי דער פּוילישער געזעלשאַפט, ביי מלכות. בכלל קאָן אַזאַ דערנענטערונג פון יידישן און פּוילישן פעבל זיין געפערלעך. עס קאָן, חלילה, פאַרשטאַרקן די נישט געזונטע שטימונגען, וואָס דרימלען נאָך זינט דעם אויפשטאַנד. אַפילו יאַקאָבינישע מחשבות — דאָס איז זייער געפערלעך פאַר דער מלו=

כה, פֿאַר דער גזירה־לשאַפֿט. וואָלט עס נאָך געווען אין די גרענעצן פֿון רעוויר — איז אַ האַלבע צרה...

נישט ווילנדיק האָט זיך טעפּליץ צעלאַכט: — „צי שפּאַסן די מענטשן?“ — זייערע חשובע מיטשמועסער האָבן נישט פֿאַרבאַהאַלטן זייער פּאַרדרוס דערפֿון. ער האָט זיך אַנטשולדיקט, ס'האָט זיך אים צופֿעליק דערמאָנט אַ פֿרײַלעכע געשיכטע, גאָר נישט דאָס איז ער אויסן. דער עיקר — צי ווייסן נישט די הערן, אַז אַזאַ פּרוּוו אין רעוויר וואָלט צעטראָגן אוי: צעטריבן געוואָרן דורך זײַוול שמש און זײַנע משרתים? עפּשטיין האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַן מיינונג: מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט נישט דערלאָזן, עס זאָל אַרויס אויסערן רעוויר. וואָלט עס נאָך געווען אין אַ סאַלאָן, פֿאַר חשובע באַלעבאַטים — וואָלט נישט אויסגעמאַכט צו באַצאָלן די פּורים־שפּילער און זאָלן זיי פֿאַרווײַלן... אָבער פֿאַרן פּעבל?

איצט איז לײַכטער געוואָרן טעפּליצן צו אַנטפּלעקן אַ סוד: ער האָט טאַקע געוואָלט מאַכן אַ סורפּריז זײַנע געסט און פֿאַרגעשלאָגן, דורך זײַנעם אַ פֿאַרטרויענס־מענטש, די פּורים־שפּילער זאָלן אַלע שפּילן געבן בײַ אים אין די סאַלאָנען. ער האָט זיי אַפֿילו פֿאַרגעשלאָגן אַ גאַנץ בכבודיקע סומע געלט — די הערן ווייסן דאָך, אַז ער האָט פֿײַנט צו קאַרגן אויף קולטור־צוועקן... איז זײַן שליח קוים אַרויס פֿון זיי מיט גאַנצע ביינער. דער אָנפֿירער פֿון די שפּילער, דווקא אַן אייראָפּעישער מענטש, אַ געבילדעטער — נישט צו גלייבן, אַז אַזאַ וואַלגערט זיך אין שמוץ פֿון רעוויר — האָט שטאָלץ געענטפֿערט: מיר זענען נישט קיין כשר־פֿלייש צום האַנדל... די הערן פֿאַרשטייען די אָנצוהערעניש? — נו, גוויאַזדאַס חברה, וואָס קאָן מען זיך ריכטן פֿון זיי?

דער פֿאַקט האָט נאָכמער פֿאַרשטאַרקט די איבערצײַגונג פֿון די הערן, אַז די פֿאָרשטעלונגען קאָנען זײַן שעדלעך, אַפֿילו געפֿערלעך. ווער ווייסט, צי ס'וועט דאָרט נישט אָפּגעלאַכט פֿון דער מלוכה, פֿון די פּראָמינענטע לײַט... טעפּליץ האָט זיך אָבער אײַנגעקשנט, אַז שטערן זיי מיט זײַוולס מעטאָדן קאָן נאָך מער שאָדן ברענגען. עס קאָן זיי קאָמפּראָמיטירן אין די אויגן פֿון דער פּוילישער געזעלשאַפֿט, שאַפֿן דעם אײַנדרוק, אַז זיי, די פּראָמינענטע ייִדן, זענען קעגן קולטור, קעגן פּראָגרעס, אַז זיי זענען פֿון איין ליים געקנאָטן מיט די חסידישע פֿאַנאַטיקער. דאָס האָט געהאַט אַ שטיקל ווירקונג. זיי האָבן ערנסט געקנײַטשט די שטערנס, געזיפֿצט און אַליין אויף זיך רחמנות געהאַט: וואָס פֿאַר אַ שווערן עול זיי מוזן שלעפּן אויף זייערע פּלייצעס — צו זײַן די סמעטענע פֿון דער ייִדישער געמיינדע, בײַ אַזאַ אָפּגעשטאַנענקייט

פון זייערע מיטגלויביקע. לסוף זענען זיי געקומען צו אַ הסכם: איינגעטלעך לעבן דאָרט, קאָן מען זאָגן, פון זייער חסד אַזעלכע יידן, ווי אייזנבוים, טו־גענדהאָלד, פּאַפּראָצקי — זאָלן זיי זיך שוין דרייען דעם קאָפּ דערמיט.

דערפּאַר טאַקע — ווען עס איז אָנגעקומען דאָס בריוועלע פון רב הכולל — האָבן זיי גלייך פאַרשטאַנען וועגן וואָס די אַסיפה וועט זיין און געענטפערט, נישט אָפּגערעדטערהייט, כמעט דעם זעלבן נוסח. זיי פאַרלאָזן זיך אויף די, וואָס האָבן נישט קיין אַנדערע זאָרגן, ווי קולטור, בילדונג און דרך־ארץ ביי די וואַרשעווער יידן.

אַנטאָני אייזנבוים האָט זיך געמאַכט קראַנק. געוווסט האָט ער, אַז דער רב האָט אים פּיינט, בעיקר צוליב דער ראַבינער־שול. ער זידלט אים אָפּט מיט די ערגסטע צונעמען — צוואָס דאַרף ער ווידער הערן, אַז ער איז „דער טאַטע פון די שמדניקעס" און ענלעכס? אגב האָט ער אויך פאַר־שטאַנען, אַז ער וועט זיך דאַרפן מוזן טרעפן מיט יעקב טוגענדהאָלדן. יע־נער וועט אים נישט זשאַלעווען קיין שטעכווערטלעך און שפּילקעלעך — דאָס וועט זיך באַלד אָפּשלאָגן אויף דער לעבער. ווידער מוזן עסן גריצן און ליגן וואַרעם־פּלאַשן... שוין בעסער באַצייטנס ווערן א ביסל נישט גע־זונט. וואָס דאַרף וועט גערעדט ווערן, וועט ער דאָך סיי ווי וויסן: דער איי־דעם, פּאַפּראָצקי, האָט א גוטן זכרון — קיין איין וואָרט, וואָס וועט דאָרט געזאָגט ווערן, וועט נישט פאַרפאַלן ווערן...

איז אומצופרידן געווען רב שלמה־זלמן ליפשיץ. ער האָט געקוועטשט מיט די אויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ. די שטיקלעך פּנים פון אונטער דער ווייסער באָרד און דער שטערן האָבן אויסגעזען, ווי א לאַנג־פאַרוויא־נעטער עפּל. אין קאָפּ האָט ער זייער שנעל דורכגעטראַכט די סיבות דער־פון, פאַרוואָס דער אָדער יענער איז נישט געקומען און מיט זיין פּקחות איז ער גיך דערגאַנגען דעם אמת. ער האָט זיך אפילו אויסגעמשלט, ווי יענע רעדן צווישן זיך, ווי זיי באַמיען זיך צו געפינען א דריידל, ארויסצו־דרייען זיך פון דעם עסק.

— אוי, ווי, ווי צו מיר! — האָט ער שטיל געזיפצט, דערפאַר ווייל ער מוז האָבן צו טאָן מיט דער חברה הפקר־יונגען, שמדניקעס. אָבער נישט ווייניקער דערפאַר, וואָס ער מוז זיך מאַכן נישט באַמערקן די התנהגות פון די פּני, די גבירישע שיינע יידן, וואָס זענען אפשר נאָך גרעסערע שמדניקעס, ווי דער המון. דורך די זיפצן האָט ער זיך אויסגעטענהט מיט גאָט: „צווישן וועמען האָסטו מיך ארייגעוואָרפן אויף דער עלטער? ווי דניאלן אין לייבן־גרוב — אין א הייל פון לצים, אין א נעסט פון זינד און

שמד". ער איז א פאסטער, ביי וועמען עס צעלויפן זיך די שעפעלער אין אלע זייטן און ער איז אלט, שוואך, נישט בכוח זיי נאָכצולויפן, אָנצוטאָגן, צוזאַמענצוטרייבן.

— רבונו של עולם! — האָט ער שטיל געמורמלט, זיך פאַרענטפערט פאַר די זינד, וואָס זענען געפאַלן אויף זיין קאָפּ אָן זיין שולד. אַט־אַט וועט ער זיך דאַרפן שטעלן פאַרן בית־דין של מעלה: וואָס וועט ער ענטפערן? מיט וואָס וועט ער זיך פאַרענטפערן, אז זיין סטאַדע איז געוואָרן ללעג ולקלס, צו שאַנד און צו שפּאָט.

— ניין, ניין, ניין! — א פאַרצווייפלטער אויסגעשריי האָט זיך אַרויס־געריסן פון זיין שעפּטשען. מען טאָר דערצו נישט דערלאָזן!

באַבערדיקטע קעפּ האָבן בלויז צוגעשאָקלט, זיפצן האָבן עדות געזאָגט וועגן די זעלבע געפילן ביי אַלע.

ווידער האָט דער „חמדת שלמה" אָנגעהויבן שטיל, מיט א צעוויינטיק־טער שטים, וואַרפן איינצלנע ווערטער, פון וועלכע עס איז אַרויסגעדרונ־גען, אז דער מין טיאַטראָן איז געצנדינערישע אויסגעלאַסנקייט, צוליב דעם איז אין א גרויסער מאָס חורב געוואָרן דער בית־שני... אין אזא נעסט פון זינד קאָן געמאָלט זיין, זכרים זאָלן דאָרט פּראַווען די שטיק צוזאַמען מיט נקבות...

— טאָקע א נקבה, א לילית איז ביי זיי א גאַנצער כּל־ולך... — רב שייע מורה־הוראה האָט זיך אליין דערשראָקן פאַר זיינע ווערטער. דערזען פאַר זיך די פעסטער סמאָלע, מיט וועלכע מען וועט ברענען די זינדיקע צו־ליב זייערע עסקים מיט לילית.

— אוי, אוי, אוי! — רב שלמה־זלמן האָט אָנגעהויבן צו קלאָגן מיט אן איכה־ניגון. — עוקר זיין! עוקר זיין! מיט קאַנטשיקעס, מיט אייזערנע בעזעמס, מיט שטעקנס...

אזא גרויסע קהילה, ווי וואַרשע, זאָל זיך נישט קאָנען קיין עצה געבן מיט דעם ביסל הפקר־יונגען? אוי, ווען מען קאָן זיי צוביינדן צו דער קונע אין בית־המדרש, ווי אַמאָליקע צייטן, שפּייען אין זיי — מיט שפּייעכץ זאָל אָפּגעשווענקט ווערן די זינד. אויסשמירן די לילית מיט סמאָלע און פעדערן, שלעפּן איבער דער שטאָט... שמייסן! שמייסן!

טוגענדהאַפט האָט מיט גרויס יראת־הכבוד און הסכמה פאַר אַלע טענות פון רב באַמיט זיך צו באַווייזן, אז דאָס אַלץ איז נישט פון די לייכטע זאַכן. וואָלטן די לצים געפּראַוועט זייערע שטיק אין רעוויר — נו, דאַן וואָלט מען עפּעס געקאָנט טאָן פון דעם מין... מיט דער הילף פון דער

פּאָליציי וואָלט מען זיך אַן עצה געגעבן. נישט צו דערלאָזן אזא חילול השם — מעג מען אַלץ טאָן. אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן אויסערן רעוויר. דאָרט איז שוין, לײדער, נישטאָ קיין שליטה, סײדן די פּאָליציי אַליין.

גלאַטן האָט פּאָפּראָצקי געוואָלט איבערשטײַגן טוגענדהאָלדן מיט דער זאַכלעכקייט פון זײַנע רייד: דאָס האַרץ ווערט גערירט דערפון, וואָס עס לעבט איבער צוליב דער הפקרות און אויסגעלאַסנקייט אין אונדזער גאָטספאָרכטיקער שטאָט דער חשובער רב־הכולל, דער זייל פון גלויבן און אָרדענונג אין אונדזער קהילה, דאָס ליכט פון תורה און חכמה. ער האָפט אָבער, אַז עס וועט זײַן אַ רפואה פאַר די הערצער פון דעם געערטן ראַבינאַט און אַלע פאָרנעמע יידן, אויב זיי וועלן באַוויליקן צוצוטאָן אַן אויער צו זײַן פאָרשלאַג.

אַלע אויגן און אויערן האָבן זיך אָנגעשפּיצט צו פּאָפּראָצקין. ער האָט פּאַוואָליע, מיט דער הנאה פון אַ קאַץ, וואָס שפּילט זיך מיט אַ מויז, אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ בלעטל פּאַפּיר און, קוקנדיק טריומפירנדיק אויף טוגענדהאָלדן, געגעבן צו פאַרשטיין: אויב קיינער וועט נישט האָבן דאַקעגן, איז ער איבערצייגט מיט דעם פּאַפּיר אַ סוף צו מאַכן צום הפקרות.

פייערלעך האָט ער געלייענט וואָרט ביי וואָרט. געהערט האָט מען אים איינהאַלטנדיק דעם אָטעם. איין טוגענדהאָלד האָט זיך צוגעפּאָקאָרטשעט, געוואַרעט זיך פון פאַרדרוס, פאַרוואָס איז עס אים נישט אײַנגעפאַלן?

— דאָס איז אַ בריוו צום פּאָליצמייסטער. — פּאָפּראָצקי האָט יראת־הכבודיק פאַרגלייזט די אויגן. — „צום דאָזאָר איז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז עטלעכע יידן זענען זיך משתדל, מען זאָל זיי דערלויבן פאָרצושטעלן אין פורים אַ סצענישע שוישפּיל אין דער יידיש־דייטשישער שפּראַך. דער חשובער רב און אַ סך אַנדערע מיטגלידער פון דער היגער קהילה האָבן זיך מכוח דעם געוואָנדן צום דאָזאָר בוזשניטשני, און דער לעצטער האָט דעם כבוד צו בעטן דעם געשעצטן גענעראַל, ער זאָל זיך רעכענען דערמיט, אַז מיט אַזאַ פאָרשטעלונג שאַפט מען נישט קיין שום גוטן מאָראַלישן איינפלוס אויף די געמיטער פון די צושויער. פאַרקערט, זי איז אַ נישט אָנשטענדיקע אָפּשפּעטעניש, וואָס פירט צו דעמאָראַליזאַציע, און דאָס איז לויט די רעליגיעזע דינים שטרענג פאַרבאָטן. דערפאַר בעטן מיר זײַן וווילגעבוירנקייט זאָל באַוויליקן נישט צו דערלאָזן אַזעלכע פאָרשטעלונגען זאָלן פאָרקומען, און אויב עס וועט נייטיק זײַן, פאָרצושטעלן, ווו מען דאַרף, אַז אויך אַן אַנדער מאַכט זאָל נישט אַרויסגעבן דערויף קיין דערלויבעניש"...

ער האָט פּילדייטיק אָפּגעהוסט און געקוויקט זיך מיט דער אַרומיקער

שטילקייט, מיט דער ערנסטער פארטראכטקייט פון אלע, וואָס האָבן באַוווּנדערט די געשיקטקייט פון דער ווענדונג צום סאמע פּאַליצמייסטער:

— דער בריוו, מיט א שיינעם שלח־מנות לכבוד פורים, קאָן האָבן א גוטע ווירקונג.

די מורה־הוראהס האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ: פון זייערע פּלייצעס איז אראָפּגעפאַלן דאָס מיאוסע פעקל — דערפון זענען זיי קודם־כל געווען צופרידן. רב שלמה־זלמן האָט טיף אָפּגעזיפצט:

— וואָס זאָל מען טאָן? מען איז דאָך אין גלות...

II

צוויי גרויסע טאָוולען זענען געווען אויסגעלייגט אויף דער ערד און ביי יעדן טאָוול האָט זיך באַוועגט א מענטשלעכער קנויל. ביי דער זייט זענען געשטאַנען ליימענע טעפּלעך מיט לאַנגע טאָלער־פּענדזלען. יעדער ריר מיטן פּענדזל איבער א טאָוול האָט ארויסגעברענגט א קאָלירטן אות, א באַפּוצעכץ, א פּליטערל. א לאַנגע צייט האָבן די מענטשלעכע קנוילן נישט ארויסגעגעבן קיין קלאַנג, קיין וואָרט נישט געזאָגט, ווי איינער וואָלט מורא געהאט צו שטערן דעם צווייטן. פון צייט צו צייט האָט זיך איינער פון זיי איינגעקוקט אין א גרויס שטיק באשריבן פּאפּיר, וואָס איז געלעגן צוקאָפּנס פון ביידע טאָוולען — און ווידער פלייסיק געצויגן מיטן פּענדזל. אין דער שטילקייט און איילעניש האָט זיך געפילט די גרויסע אחריות פון די מענטשן פאר זייער ארבעט.

דער ערשטער האָט זיך אויפגעשטעלט א לאַנגפיסיקער, דאַרער מענטש. אוועקגעלייגט דעם פּענדזל און מיט דער אויבערשטער זייט פון דער דלאָניע א שאר געטאָן די בלאָנדע קוטשמע האָר, וואָס איז אים ארויסגעקראָכן פון אונטערן מיצל. ער האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין דעם באַמאָלענעם טאָוול, א קוק געטאָן פון איין ווינקל, פון א צווייטן, צוגעזשמורעט די אויגן. א רגע געמורמלט אין דער שטיל, ווי א קאַץ, ווען ס׳באלעקט זיך נאָכן אויסטליאסקען א טעפּל סמעטענע. דערנאָך האָט ער אָפּגעווישט די הענט אין פילקאָלירטן פּענצער, ארויסגעצויגן פון א טיפער קעשענע דעם ציבוק, אָנגעשטאָפּט מיט טאבאק, פארריכערט, געלאָזט א פּאָר קנוילן רויך צו דער סטעליע און א זאָג געטאָן פאר זיך:

— פּאַרטיק!

דאָס וואָרט, געזאָגט אויף פּויליש, האָט דעם צווייטן אַ שטויס געטאָן, ווי אַ שאַרפער עלנבויגן. נאָך שנעלער האָט ער אָנגעהויבן צו ציען דעם פּענדזל, דרייען זיך אַרום זיין טאָוול. זיין שכן האָט דערווייל געלאָזט קנוילן רויך און אָנגעהויבן זיך צוצוקוקן צום חברס אַרבעט: ווידער געמרוישעט די אויגן, אַוועק אַ פּאָר טריט, געקוקט מיט באַוואונדערונג אויף די באַפּו־צעכצער אַרום די אותיות, אָבער באַלד זיך פאַרקרימט:

— דורכגעלאָזט צוויי אותיות אונטן... „אַדבענדזשיע שיען”, נישט „בענדזשיע”.

דער מאָלנדיקער האָט נישט גלייך געכאַפּט דעם זין פון די פּוילישע ווערטער. ער האָט זיך אַ דערשראָקענער אויפגעזעצט, איינגעקוקט אין גע־שריפטס אויפן פּאַפּיר, געדרייט זיך אַרום טאָוול מיט זאָרג. באַלד האָט זיין פּנים אויפגעלויכטן: זייטיק האָט ער צוגעמאָלט די צוויי פעלנדיקע אותיות, פאַרוואַנדלענדיק זיין פעלער אין אַ נייער באַפּוצעכץ. איצט האָט ער שוין אַ צופרידענער אַוועקגעלייגט דעם פּענדזל:

— פאַרטיק!

ער האָט אַרויפגעקוקט צו זיין לאַנגן שכן מיט אַ פראַגע: וואָס זאָגסטו עפּעס צו דעם שטיקל אַרבעט? אין דעם פרעגנדיקן בליק איז אָבער געווען אַזויפיל אַליינזיכערקייט, ווי ער וואָלט נישט געוואַרט אויף קיין אַנדער ענטפער אויסער אַנטציקונג.

דער לאַנגער איז אפשר טאַקע געווען אַנטציקט מיט דער אַרבעט פון זיין חבר, פונדעסטוועגן האָט ער אַריינגעוואָרפן:

— צופיל באַפּוצעכץ, זימל... שיין איז עס, זייער שיין. נאָר שווער צום לייענען.

זימל איז אויפגעשפּרונגען — אַ צערייצטער האָן — פאַררײסן זיין מיצקע צום חבר, וואָס איז געווען אַ צוויי קעפּ העכער פון אים. צי פון אויפרעגונג, צי ווייל עס איז אים שווער געווען צונויפצושטעלן זאַצן פון די צעבראָכענע פּוילישע ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעקוועטשט פון זיך — ער האָט געשטאַמלט, אַרויסגעהאַלפן זיך מיט אַ סך האַנט־באַוועגונגען.

— אָווא, אָנופּרי... מיינסט, כ'פאַרשטיי נישט... אַרבעט אַ סך, נוצן ווייניק... צעכאָווע מייסטער בעסער, האַ? צעכאָווע מייסטער, וואָס?

אין די לעצטע ווערטער איז געפלאָסן גאַל. זיין סאַמע אָנגעווייטיקט אָרט איז געווען דער צעך. מיט יאָרן צוריק האָט מען אים נישט געוואָלט אַריינ־נעמען אין צעך פון די וואַרשעווער מאַליאַזשעס, ווייל ער איז אַ ייד. דער־פאַר האָט ער איצט נישט געטאָרט אַרבעטן זעלבשטענדיק אַלס מאַליאַזש.

נאָר געקאָנט אַרויסהעלפֿן פּוילישע מייסטערס — דער עיקר טאַקע אָנופֿרין — ווען מען האָט באַדאַרפֿט מאַכן אַ ייִדיש שטיקל אַרבעט. פֿאַרשטייט זיך, אַז ווען ס'האָט זיך געמאַכט אַ שטיקל אַרבעט אין אַ שול אָדער בית־המדרש, איז ער געווען פֿון אויבן. דאָרט האָבן די פּוילישע מייסטערס קיין דריסת־רגל ניט געהאַט. נאָר דערפֿון איז שווער געווען אויסצומאַליעווען די חיונה. כאָטש אַלע מייסטערס האָבן אים גערופֿן „זימל גאָלדענע הענט“, כאָטש ער האָט געהאַט דעם שם פֿון אַ קינסטלער אין פֿאַך — אַ קינסטלער בכלל, וועלכער קען די שענסטע אָרנאַמענטן צוטראַכטן און אויסמאָלן, איז ער וואָכנלאַנג אַרומגעגאַנגען אַ הונגעריקער. דער צער איז פֿאַר אים דער־פֿאַר געווען די פֿאַרקערפּערונג פֿון אַלדאָס שלעכטס אין דער וועלט. אָנופֿרי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אויב זימל האָט זיך ווידער צעקאָכט מיט „צעכאָווע מייסטער“, איז ער גאָר שטאַרק באַליידיקט.

— קאָכסט זיך ווידער, זימל. איך רעד צו דיר פֿון האַרצן, אָט, אַ חבר צו אַ חבר, אַ ברודער צו אַ ברודער, קריכסטו אַרויס מיטן צער. כ'האָב דעם צער אין... וואָס מיר צער? דיין איין פֿינגערל איז מער ווערט, ווי די לאַפּע פֿון אַ צעכאָווע מייסטער. נאָר לאָז זיך לערנען, צופֿיל טויג ניט. שיין און גוט איז ניט שטענדיק אַ פּאָר. אָט, פֿאַרשטיי...

זימל האָט געהערט. דער ערשטער כעס איז אַריבער, קאָן ער שוין רואיק אויסהערן. לעולם רעדט דאָך אָנופֿרי שטענדיק צו דער זאַך. אפֿילו ווען ער קערט אַריין אַ גאַנצע קוואַרט אָקעוויט, אַרבעט דער קאָפּ ביי אים. כאָטש זימל איז דער עלטערער, מיט אַ יאָר צען עלטער — אָנופֿרי איז קוים אַריבער די דרייסיק — מעג מען הערן זיינע באַמערקונגען. דאָס פֿאַך קען ער ביזן נאָפּל. „וואָס האָט זיך פּלוצלונג אין מיר אויפֿגעקאָכט דער כוהן?“

און אות נאָך און אות האָט אים אָנופֿרי אָנגעוויזן. צו פּאַרציקטע אותיות. אַזוי פּאַרציקט, אַז ס'וועט שווער זיין צו כאַפּן דאָס וואָרט. די טראָמפּייטעלעך פֿון אויבן זענען שיין געמאַכט, יאָ — ממש לעבעדיק, זיי שאַלן אַראָפּ פֿון דעם טאָוול.

— אָבער אָט די אותיות, אָ! כ'בין ניט גערעכט? צו וואָס האָסטו אויסגעצויגן פֿון אונטן צוויי הירשן אין לויף? אין אַ שול לויפֿן הירשן, גוט... דאָ וועט דאָך זיין אַ טעאַטער־שפּיל, ניט קיין דאַווענען. צו וואָס הירשן?... דאָס מיצל מיט די גלעקלעך איז גוט, ס'קלינגט. נאָר פֿאַרוואָס ניט מאַסקעס? אויסטערלישע מאַסקעס, ווי ביי קאָלענדע. ס'איז דאָך אַרויסצושטעלן אין דרויסן, דער עולם זאָל לייענען, ס'זאָל רופֿן דעם עולם.

געדענק, זימל, נישט דער עולם פון רעוויר. דאַרט לאָזן דאָך די ראַבינעס נישט אַרויסשטעלן, נאָר דאָ, פאַרן עולם פון נייַשטאָט און אַלטשטאָט, פאַר פוילישע מענטשן, דאַרף מען מאַכן אַזוי, זיי זאָלן קאָנען בעסער לייענען דעם טאָוול.

ווען זיין כעם האָט שוין זימל געהאַט פאַרגעסן, אָנופרים רייד האָבן אים אויפגעהייטערט:

— ווי מיינסטו, ס׳וועט זיין, הא? ס׳וועלן קומען מענטשן? מען וועט... מען וועט... נו, ס׳וועט זיין א זאַך?

— מיינסט די טאָוולען וועלן ברענגען דעם גאַנצן עולם? — אָנופרי האָט זיך קליגגעגדיק צעלאַכט. — ניין, ניין, דערויף טאָר מען זיך נישט פאַרלאָזן. נאָר „בראַטסטוואָ“ איז צוגעגרייט נישט פון הייגט. דו, זימל קאָנסט נישט אונדזער סאָסקע-קעמפע-חברה... האָסט דאָך נאָך נישט אַרי-בערגעשפּאַנט די וויסל, אַחוץ אויפן בית-עולם אין פּראַגע... אָדער צו מאַליעווען שמואל זבימקאָווערס שול... אַלע זענען גרייט. מיטגיין, מיט-שלעפּן אַנדערע. פון רעוויר וועט דאָך אויך נישט פעלן קיין געסט. בלויז א טייל פון גוויאַזדאָס חברה קאָן אָנפילן א זאַל. נו, אונדזערע טאָוולען וועלן אויך צוהעלפן... — ער האָט שעלמיש אונטערגעוווּנקען צו זימלען, ווי איינער זאָגט: „לאָמיר נאָר נישט צו ביליק שעצן אונדזער אַרבעט“.

ביידע האָבן ווידער מבֿינישׂ באַקוקט די טאָוולען — איינער האָט באַ-וווּנדערט דעם צווייטנס אַרבעט.

— ווייסט, אָנופרי, ביי דיר איז יעדעס אות פעסט, געזונט, נישט צו רירן, נישט צו דרייען. שמעקט, ווי א פרישער לאַבן ראַזעווע ברויט.

א לייכטן שטויס אין די פּלייצעס האָט ער דערפאַר געכאַפּט פון אָנופריען:

— נו, נו, נעם נישט אויפן זיכער. — ער האָט אָבער צופרידן א צי געטאָן די הויזן: — ס׳איז א גוט שטיקל אַרבעט, מען קאָן נישט זאָגן. טו א צי, זימל...

זימל האָט זיך פאַרקייכט ביים אויסגעצויגענעם ציבעק.

— עי, נישט צום פלעשל, נישט צו א ספּודניצע. פון וואָס האָסטו הנאה אין לעבן, זימל?

מיט פאַרטערטע אויגן האָט זימל פרייליך א וווּנק געטאָן אויפן מאָלעכץ. ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

— איר וויצלט זיך און די צייט לויפט. ווי האַלט עס? — האָט פראַג-

מישעק געפרעגט דורך דער אָפענער טיר. א פאריאכמערטער איז אריינגעלאָפן איזאק.

מיט א כיוון האָט זיך אָנופרי געמאכט אים נישט באמערקן. ער איז צו צום ברענענדיקן קיכל, וווּ ס'האָט געפּאַרעוועט א שאָל הייס וואסער.

— אָפּוואשן די הענט, זימל.

איזאק האָט אויפמערקזאם באטראכט די טאָוולען. אותיות האָבן געטאנצט פאר זיינע אויגן, ווי צעשפּילטע קינדער אויף א זוניקער לאָנקע.

— ס'געפעלט. זעסט... — אָנופרי האָט ווילייגעריש געוווּנקען צו זימלען.

— גוט, זייער גוט. עס לעבט. — דער בליק פון איזאקן האָט זיך א ביסל אָפּגעשטעלט אויף זימלס געציקטע און פארפּוצטע אותיות. — דאָ איז א ביסל צופיל. ס'שווינדלט שוין פאר די אויגן.

— א קונציק שטיקל. אין א רעם אוועקצושטעלן. א מייסטערשטיק.

— אייפעריק האָט אָנופרי אָנגעהויבן צו דערווייזן די שיינקייט פון זימלס ארבעט. זימל האָט זיך שטיל פאררוקט אונטערן קיכל.

די טאָוולען האָבן געצויגן אלע אריינקומענדיקע. שרהלע מיט שלמה בדחן האָבן זיך פארקוקט אין דער פרייליכער פארביקייט, געשטאנען געפּלעפט פון אנטציקונג. איזאק האָט ארומגענומען שרהלען מיט איין אָרעם און לייכט א דריק געטאָן צו זיך.

— אוי, ווי שיין! — האָט שלמה געשעפּטשעט, געשטאנען און געגלאָצט מיט די אויגן.

שרהלע האָט זיך גלייך געכאפּט, אז שלמה קען נישט לייענען קיין פּויליש, האָט זי אָנגעהויבן ווי פאר זיך צו לייענען דעם אינהאלט פון טאָוול, וואָרט ביי וואָרט. אין חלל פון דער ליידיקער האליע האָבן די ווערטער געקלונגען, ווי א פייערלעכער סוד, וואָס געליבטע זאָגן זיך צום ערשטן מאָל:

„אין דעם גרויסן זאל פון דער ביר־שענק „אונטער די דריי גנערס" וועלן פּאָרקומען פאָלקס־פארוויילונגען מיט מוזיק און טענץ. עס וועלן פאָרגעשטעלט ווערן פארן חשובן פּובליקום דריי טעאטער־שטיק אין דער יידיש־דייטשישער שפּראך (לכבוד דעם יידישן יום־טוב פּורים): 1) די וווּנדערבארע שפּיל וועגן יוספן, וואָס איז פארקויפט געוואָרן דורך זיינע ברידער; 2) די פרייליכע שפּיל וועגן דער ווּסטער מפּלה פון פערסישן מיניסטער המן; 3) די באלערנדיקע שפּיל וועגן דעם נביא, וואָס האָט ארויסגעפירט די יידן פון מצרים, משה. די אלע פאָרשטעלונגען וועלן

אויסגעפירט ווערן דורך באַליבטע יידישע פריילעכמאַכערס, וואָס זענען געניט אין געזאַנג, אין טאַנץ און אין קאָמישע סצענעס, אראַנזשירט דורך דעם געלערנטן הער איזאַק שערצשפּילער אויס ווין. אַ ספּעציעלע קאַפּעליע אונטער דער אָנפירונג פון באַקאַנטן מוזיקאַנט הער שטורם און מיט דער באַטייליקונג פון באַליבטן צימבל־שפּילער מרדכילע פייערמאַן. אָנהייב 8 אַזייגער אין אָוונט"...

— אין אַ גוטער שעה... — די ברכה האָט שרהלע געזאָגט אין דעם זעלבן טאָן, ווי זי האָט געלייענט. עס האָט אָבער אָפּגעקלונגען מיט אַ לייכטן ציטער אין דער לופט, ווי אַ נישט ווילנדיק פאַרטשעפּעטע סטרונע פון מרדכי פייערמאַנס צימבל.

III

דער פּאָליצמייסטער איז געווען אויסער זיך: שוין צייט מען זאָל וויסן, אַז שבת, נאָך אײנס אַזייגער, איז ער פאַרנומען מיט זייער וויכטיקע און שטרענג־געהיימע דינסט־ענינים. קיינער, קיינער קאָן נישט דורך אים אויפגענומען ווערן. וויפל מאָל דאַרף ער איבערחזרן אַזאַ אײנפאַכע זאַך?

אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע, איז געשטאַנען פאַרן שרייבטיש דער אַדיוטאַנט. ער האָט געדולדיק געוואַרט, ביז דער כעס פון זיין באַפעלגעבער וועט אויסקאָכן. ער איז געווען פאַרקוקט אין דעם אָרדער, וואָס האָט זיך געבאָמבלט ביים קראַגן פון פּאָליצמייסטערס מונדיר צום ריטם פון די שאַרפע באַוועגונגען, וועלכע זיין באַפעלגעבער האָט געמאַכט, איבערשטעלנדיק רוגזהדיק דאָס שרייב־געצייג אויפן טיש, די פעקלעך אַקטן און ביכער.

נאָך דער כוואַליע פון באַוועגונגען און בייזן סאָפּען פון פּאָליצמייסטער, האָט ער ערנסט און רואיק געהאָרכזאַם געמאָלדן, אַז דאָס איז אַ זעלטענער אויסנאַמפאַל. עס בעט די אוידיענץ אַ דעלעגאַציע פון דער היגער יידישער געמיינדע — די זעלבע, וואָס האָבן נעכטן אַריינגעטראָגן אַ פּעטיציע צו זיין הויכגעבוירנקייט, באַגלייט מיט אַ באַשיידענער מתנה, לכבוד דעם יידישן יום־טוב.

יאָ, די מתנה געדענקט דער פּאָליצמייסטער. אַ טייל פון דער מתנה ליגט טאַקע איצט אונטן, אין דער קאָטש, דאַרף מיטפאָרן מיט אים אויף דעם שטרענג־געהיימען דינסטלעכן צוזאַמענטרעף. „אינטערעסאַנט, וואָס

פּאַר אַן איינדרוק וועט עס מאַכן אויף ליזבען?" — האָט ער געטראַכט. — „ליזבען!" כ'קלינגט האַרציקער, ווי „עליזאַבעט". אין די גראַנקען האָט ער אַזוי שטענדיק גערופן די רייצנדיקע באַלעט־טענצערין, וואָס האָט געפאַנגען זיין האַרץ און געהאַלטן עס אין אירע דינינקע פינגער, ווי אין אַן אייזערנער קלעם. „ליזבען"... זי וויל עס נישט הערן. „עס קלינגט וולגאַר", זאָגט זי. שוין בעסער „ליזעלאָט". „ס'איז מיר נענטער צום האַרצן", — זאָגט זי. עס דערמאָנט איר די פּאַריזער היים, זאָגט זי. די היים... ער ווייס, אַז זי איז קיינמאָל נישט געווען אין פּאַריז. אַהערגעקומען איז זי מיט אַ מאַנצנדיקער ציגיינער־גרופּע. אָבער דאָס איז דאָך נישט וויכטיק — רייצנדיק איז זי, ווי פּאַריז אַליין. איר בליק, איר באַוועגונג, איר הענטל, איר פּיסל...

— די פּעטיציע? יאָ, יאָ, די פּעטיציע... כ'דערמאָן זיך. איבערגעגעבן דעם קאַפּיטאַן וואָליגסקי צו דערלעדיקן. זאָל די דעלעגאַציע זיך ווענדן צום קאַפּיטאַן.

ווידער האָט דער אַדיוטאַנט געהאָרכזאַם געמאָלדן, אַז די דעלעגאַציע בעט דורכוים אַן אוידיענץ ביים פּאָליצמייסטער פּערזענלעך. די אָנגעזעענע שטאָט־בירגער פֿאַרזיכערן, אַז דאָס איז אַ קאַזוס פֿון ספּעציעלער וויכטיקייט און דרינגענדיקייט. נאָר זיין הויכוואוילגעבוירנקייט קאָן אין דער פֿראַגע זאָגן זיין וואָגיק וואָרט. פֿון אַדיוטאַנטס רייד האָט זיך געפֿילט דער גלויבן אין דער וויכטיקייט פֿון „קאַזוס" — אין קעשענע ביי אים האָט געשאָרכט אַ קנאַקעדיקער פֿינפֿאונצוואַנציקער, מיט וועלכן די דעלעגאַציע האָט אים איבערצייגט אין דער וויכטיקייט.

— אָבער היינט איז שבת! שבת! — אַ געדאַנק האָט אויפֿגעלויכטן אין פּאָליצמייסטערס שאַרבן מיט דער שאַרפֿקייט פֿון אַ בליץ. — אַ יידישע דעלעגאַציע אום שבת? ס'איז דאָך זייער הייליקער רוטאָג... ניין, ניין, איך קאָן קיינעם נישט אויפֿנעמען. נישט סאָליד... סאָלידקייט און פּינקטלעכקייט זענען יסודות פֿון דער אָרדענונג, פֿאַרשטאַנען?

ווען דעם האָט ער נישט איינמאָל געלערנט זיינע אונטערגעאָרדנטע, כסדר עס איבערגעחזרט און פֿאַרלאַנגט, דאָס זאָל אַריין אין זייערע געהירן, אין בלוט, ווי אַ טייל פֿון זייער גאַנצן צונויפֿשטעל. עס איז, קאָן מען זאָגן, אַ קאַטעכיזם פֿון דינסט, באַזונדערס פּאָליציאישער, פֿאַרשטאַנען?

— אָט, מענטשן, מענטשן! ווי שווער עס איז אייך צו דערציען!...

ער איז געגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסן, שוין נישט פֿאַרלאַנגט דעם קולט פֿאַר אַבסאָלוטער דיסציפּלין, סובאָרדינאַציע און אָרדענונג, אין גייסט

פון וועלכע ער איז דערצויגן געוואָרן אין הויז פון זיין פאָטער, דעם פאַראָרעמטן באַלטישן באַראָן. נו, דערצו פעלט די סלאַוון טראַדיציע, קולטור... דאָס זענען איינגעשאַפטן פון אַ ראַסע, פון דער גערמאַנישער ראַסע, וואָס איז באַרופן איינצופירן אַ שטיקל אָרדענונג אין דער פאַרוואָרלאָזטער מלוכה פון צאַר. אָבער עלעמענטאַרע באַגריפן וועגן סובאָרדינאַציע און דיסציפלין וועט ער שוין אַריינהאַמערן אין די פאַרשטאָפּטע קעפּ. איינמאָל געזאָגט יאָ, דאַרף זיין יאָ. איינמאָל איינגעשטעלט אַן אָרדענונג, מוז זי אָפּגעהיט ווערן. צוויי אַזייגער דאַרף ער זיין ביי ליזבען אויף מיטיק. וועט עס נישט זיין פינף מינוט נאָך צוויי.

— פאַרשטאַנען? — ער האָט פלוצלונג איבערגעריסן די איגערלעכע באַטראַכטונגען און שאַרף אַ קוק געטאָן אויפן אַדיוטאַנט, ווי יענער וואָלט מחויב געווען אַרויסצולייענען יעדן געדאַנק, וואָס איז נאָר וואָס אַדורכגעלאָפן זיין מוח.

דער אַדיוטאַנט האָט גוט געקענט זיין פּאָליצמייסטער, געוווּסט, אַז עס איז אומזיסט דאָס עקשנען זיך. „דער רוח האָט אָנגעטראָגן די פאַרשאָלטענע יידן גראָד איצט“.. אָבער דער פּינפּאונצוואַנציקער... און טאָמער געלינגט — נישט דער לעצטער. „ווו מען דאַרף — האָבן זיי אַ ברייטע האַנט, די קאַהאַלניקעס“...

— איך דערלויב זיך געהאָרכזאַם צו ציען אייער אויפמערקזאַמקייט, אַז דער פאַקט, וואָס אַ יידישע דעלעגאַציע האָט געוואַגט צו באַאומרואיקן אייער הויכוווילגעבוירנקייט אום שבת, ווי איר האָט עס באַוויליקט זייער טרעפלעך צו באַמערקן, איז דער בעסטער באַווייז פון דער וויכטיקייט און דרינגענדיקייט פון דעם קאַזוס...

די עקשנות פון אַדיוטאַנט און זיין לעצטער אַרגומענט, וועלכן דער פּאָליצמייסטער האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן קיין לאָגיק, האָבן אים געצוווּנגען זיך צו פאַרטראַכטן. און אויב אַן ערנסטער בונט? אומרועןְ? — „הייליקע מוטער, ווי שווער עס איז אָפּצוהיטן די אָרדענונג אין דעם פאַרשאָלטענעם, אומרואיקן לאַנד“...

— וואָס איז דען געשען?

— די יידישע געמיינדע האָט באַקומען אינפאָרמאַציעס, אַז נישט געקוקט אויף זייער פּעטיציע ווערן איינגעאָרדנט, אויסער די גרענעצן פון יידישן רעוויר, הורד פאַרדעכטיקע פאַרשוינען פון יידישן פעבל עפנטלעכע טעאַטער־פאָרשטעלונגען...

— וואַ־אָס? — דער ברום פון פּאָליצמייסטער האָט געקלונגען, ווי

דאָס רעדן פֿון אַ פֿאַרהונגערטער חיה... ניין, דאָס קאָן ער שוין ניט באַנעמען! צוליב דעם וואָס מען איז צו באַאומרואיקן שבת, נאָך איינס אַזוינער? דאָס איז אמתע יידישע חוצפּה! וואָס פֿאַרא רעכט האָבן די קאַהאַלניקעס צו שטערן מענטשן זיך פֿאַרווײַלן? ווען ליזכען הערט אַזאַ זאַך! ניט צו באַשרייבן, וואָס עס וואָלט זיך געטאָן מיט איר! דורך איר האָט ער דאָך מאַקע אַרויסגעגעבן אַ דערלויבעניש עפּעס אַ שענקער אויף די פֿאַרווײַלונגס־פֿאַרשטעלונגען. ער וואָלט זיך אַליין אַראָפּגעכאַפּט זען אַזעלכע פֿאַרשטעלונגען. ער וואָלט זיכער מער פֿאַרשטאַנען ווי אין פּוילישן טעאַטער, ווו ער מוז גיין אַמפּלעד און ווו ער לאַנגווײַליקט זיך אויפֿן טויט... מאַקע מיט ליזכען וואָלט ער זיך אַהין אַראָפּגעכאַפּט, זי האָט ליב אַזעלכע סענסאַציעס. ער וואָלט זיכער זיך אָנגעלאַכט, געווײַלט... פֿינצטערע מענטשן, די קאַהאַלניקעס, שוואַרצע קראָען, אויסגעטרוקנטע, אויסגעוואַשענע פֿון יעטוועדער לעבנס־פֿרייד. אַך, ווען זיי האָבן ניט די אָנגעשטאָפּטע קעשענעס, אַ צוטריט צו זיין הויכלויכט, דעם פֿירשט, וואָלט ער זיי...

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿונעם פֿאָטעל און אין זיין גאַנצער גרויס זיך אַוועקגעשטעלט הינטערן פּאָרטרעט פֿון צאַר. ער איז געשטאַנען אַ מאָמענט אין דער זעלבער פּאָזיציע, ווי דער צאַר אויפֿן פּאָרטרעט. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך באַמיט צו אונטערשטרייכן זיין ענלעכקייט צום צאַר, אַן ענלעכקייט, וואָס האָט זיך געשאַפֿן דורכן פֿאַרקעמען דעם פּליך מיט אַ פּאָר האָר, דורך דער פֿאָרם פֿון די באַקנבערד און דער גרימאַסע פֿון אייזערנער דעצידירטקייט אויפֿן פֿעטן, קיילעכדיקן פּנים.

דער אַדיוטאַנט האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די קנאַפּל און פֿייערלעך אַרויסמאַרשירט פֿון קאַבינעט. די פּאָזע פֿון פּאָליצמייסטער איז אים געווען גוט באַקאַנט — דאָ האָט שוין ניט געקאָנט גילטן קיין שום אַפּעלאַציע.

טוגענדהאָלד און פּאַפּראָצקי, וואָס האָבן געוואַרט אין אַדיוטאַנטס קאַבינעט, האָבן די גאַנצע צייט צוגעגרייט אין קאָפּ פֿאַרשידענע ראיות, מיט וועלכע זיי וועלן זיכער קאָנען איבערצייגן דעם פּאָליצמייסטער. דאָס אַריינקומען פֿון אַדיוטאַנט האָט צעבלאָזן אַלע ראיות. אין זיין פּנים האָבן זיי דערקענט, אַז דער שבת איז זיי אומזיסט און אומגישט פֿאַרשטערט געוואָרן.

דער אַדיוטאַנט האָט זיך נאָך געפֿלייסט צו באַווייזן, אַז דער פֿינפֿאונצוואַנציקער אין זיין טאַש איז ניט קיין אַרויסגעוואָרפֿענער. ער האָט דאָך אויסגעפּועלט, אַז די חשובע הערן זאָלן אויפֿגענומען ווערן דורכן קאַפּיטאַן וואָלינסקי.

ביידע שתדלנים האָבן זיך פון דעם אַליין געפילט באַליידיקט: נישט קיין גרויסער יחוס פאַר זיי אַ שמועס מיטן קאַפּיטאַן. דערצו זענען זיי געווען זיכער, אַז ביי אים וועט מען גאָרנישט פועלן — זיי דערמאָנען זיך נישט, דער קאַפּיטאַן זאָל האָבן געקריגן אַ פּאַסיקן שלח־מנות.

— די חשובע הערן האַרפן פאַרשטיין: שבת, נאָך איינס אַזייגער, איז זיין הויכוווילגעבוירנקייט פאַרנומען מיט אויסעראָרדנטלעך וויכטיקע געהיימע דינסט־ענינים. ווען די הערן וואָלטן פריער געקומען...

— ערשט היינט אין דער פרי זענען מיר געוויר געוואָרן וועגן די מעלדונגען, וואָס זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאַר דער שענק. מיר זענען געווען איבערצייגט, אַז אונדזער פּעטיציע...

דער אַדיוטאַנט האָט הילפלאָז צענומען די הענט, איבעררייסנדיק דערמיט טוגענדהאַלדם באַרעדעוודיקייט.

אומצופרידן מיט זיך איז געווען פּאַפּראָצקי. ער האָט זיך נערוועז געווישט דעם שטערן, וואָס איז געווען אין אַ שרייענדיקן היפּוך צו זיין שטענדיקער ממש דיפּלאָמאַטישער באַהערשטקייט: „ווי האָט מיר געקאָנט אַרויס פון קאָפּ, אַז דער בעסטער וועג צום פּאָליצמייסטער איז דורך דער טענצערין... קינד און קייט ווייסן, אַז שבת איילט ער אַהין צו איר. ווען איך וואָלט געדענקט צו פאַרכאַפּן דעם וועג“...

— מיר גייען צום קאַפּיטאַן. מען מוז פּרוּוון אַלע וועגן. — פּאַפּראָצקי האָט עס קוים אַרויסגערעדט. די שולד פאַרן פאַרנאַכלעסיקן די טענצערין האָט אָפּגעקלונגען אין זיין שטים.

זייער העפלעך האָט ביידע הערן אויפגענומען דער קאַפּיטאַן וואָלינסקי. בכלל איז ער געווען העפלעך און עלעגאַנט. אין האַלטונג און טאָן האָט ער זיך באַמיט כסדר אונטערצושטרייכן זיין אַריסטאָקראַטישן אָפּשטאַם. דער זשאַנדאַרמען־מונדיר האָט געפינקלט מיטן גאָלד פון באַפּוצונגען, קנעפּ, אַקסלבאַנדן. איין האַנט האָט ער נאַכלעסיק געהאַלטן אויפן שרייבטיש, צו באַווייזן זיינע לאַנגע, אויסגעצערטלטע פינגער, דעם גרויסן סיגנעט מיטן פאַמיליען־הערב. ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט די ביטע, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך טוגענדהאָלדן אין זייער אַ באַבלימלטער שפּראַך. נישט אַלץ האָט ער פאַרשטאַנען — די פּוילישע שפּראַך איז אים אַלץ נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. ער קאָן דאָך אָבער נישט פאַרלאַנגען פון די יידן, זיי זאָלן רעדן פראַנצויזיש. דעם אינהאַלט פון די רייד האָט ער טראָץ אַלעם גוט באַנומען. איבעריקנס — האָט ער זיך געריכט אויף דעם וויזיט. דער שענקער פראַנטשישעק וואַראַ האָט אים נאָך נעכטן צוגע־

גרייט דערצו. גוטער, אַלטער וויין איז געווען אין דעם קיישל. עס טוט אים נאָך היינט אַ ביסל ווי דער קאָפּ. נישט קיין ווונדער — אַזאַ נאַכט און אַזאַ וויין.

— יאָ, יאָ, אַ פּיינלעכער פֿאַל. — ער האָט מיטפֿילנדיק ערנסט פֿאַרשנורעוועט די ליפּן. די זעקעלעך אונטער די אויגן, אַן אָפּשפּאָרונג פֿון דער לעצטער נאַכט און פֿון אַ סך פֿריערדיקע נעכט, האָבן אונטערגעשטראָכן דעם איינדרוק פֿון אויפֿריכטיקן מיטלייד אויף זיין יונג, גאָר אָפּגעגוצט פּנים. — ווען די הערן וואָלטן מיך באַצייטנס געוואָרנט.

אין דער אמתן, האָט אים געקאָכט אַ כעס אויף די ייִדן, וואָס האָבן דורכגעלאָזט אַזאַ געלעגנהייט, אַדאַנק וועלכער ער וואָלט געקאָנט אַרויסקריכן פֿון דער שווערער לאַגע צוליב זיין קאָרטן־חוב ביים פּולקאָווניק רעמיזין. סוף־כל־סוף — אויב ער וועט נישט באַצאָלן אין די נאָענטסטע וואָכן וועט ער זיך מוזן אַריינשיסן אַ קויל אין קאָפּ אַריין. אַן ערן־חוב! וואָס פֿאַרשטייען די פֿאַרשאָלטענע ייִד וועגן אַזעלכע זאַכן...

— ווען די הערן וואָלטן באַצייטנס... איצט קאָן איך שוין גאָרנישט מאַכן. דעם אונטערשריפֿט פֿון פּאָליצמייסטער מוז איך רעספּעקטירן. דער פּאָליצמייסטער האָט אייגנהענטיק אונטערגעשריבן די דערלויבעניש... — ער האָט מיט אַ כיוון אונטערגעשטראָכן דעם פּאָליצמייסטערס ראָל אין דער גאַנצער זאַך. ער האָט געוווּסט וועגן דער שיינער יום־טובֿ־מתנה, וואָס דער פּאָליצמייסטער האָט געקריגן. „מיך האָבן זיי אויסגעמיטן, די פֿאַרשאָלטענע ייִדן, זאָל זיי איצט“...

פּאָפּראָצקי האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה: אפֿשר אים געבן צו פֿאַרשטיין, אַז קהל וועט זיך לאָזן קאָסטן? — „ניין, ווידער אַרויסגעוואָרפֿן געלט. ער וועט נישט וואַגן אָנצוהייבן מיטן פּאָליצמייסטער, אָנצוהייבן מיט דער מענצערין“...

מיט אַ זיפֿץ האָט זיך דער קאַפּיטאַן אויפֿגעהויבן פֿון טיש — אַ סימן, אַז דער שמועס איז געענדיקט. ביידע שתדלנים האָבן זיך טיף פֿאַרנייגט און אַרויס מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

אַ שמייכל האָט אויסגעקרימט דעם קאַפּיטאַנס מויל. פֿון באַהעלטעניש אין שרייבטיש האָט ער אַרויסגענומען אַ פֿלאַש וויין, אָנגעגאָסן אַ גלאָז און פֿאַרקוקט זיך אין דער געדיכטער רויטקייט פֿון געטראַנק, וואָס האָט זיך געמיניעט ווי בלוט:

— גוטער וויין, מיינע הערן, גוטער וויין...

IV

אַזוי־פֿיל געסט האָט די שענק „אונטער די דריי בענערס“ נאָך נישט געזען. אַזאַ פֿאַרשידנקייט פֿון געסט האָט זי נאָך אויך נישט געהאַט. צווישן די בכבודיקע באַלמעלאָכעס פֿון דער נייער און אַלטער שטאָט, וואָס זענען געווען שטאַמגעסט אין דער שענק, האָט מען געזען אַ גרויסן עולם יונגוואַרג, באַשיידן געקליידטע געזעלן און לערן־ייִנגלעך, חברה פֿון די ריבאַקעס — אין הויכע יוכטענע שטיוול און געשוואָלענע שפּענצערס. אָבער דעם גרעסטן אויפֿזען האָבן אַרויסגערופֿן די ייִדישע יונגעלייט, אין זייער כאַראַקטעריסטישער קליידונג, מיט בערדלעך און גלאַטע פּנימער, מיט פֿאַרלייגטע פּאות הינטער די אויערן און אַנדערע — פֿאַרשוירענע, ווי נישט־ייִדן. איינצלנע זענען שוין אַפֿילו געווען אָנגעטאָן אין רעק און פּעלערינעס, לויטן שניט פֿון די עלעגאַנטן פֿון קראָקעווער פֿאָרשטאָט. עס האָבן געשווימלט פֿאַר די אויגן די פֿאַרשידנקאָלירטע קאָפּ־צודעקן: היטן, צילינדערס, ייִדישע היטלעך און ברייטראַנדיקע קאַפּעליושן, ראָגאַטיווקעס און פֿוטער־קעפּקעס.

ביים אַרייַנגאַנג אין גרויסן זאַל — הינטער אַ ספּעציעל אָפּגעצוימטן טיש — איז געזעסן די פֿיל־ליבּיקע פֿרוי פֿראַנטשישקאָוואַ און פֿאַרקויפֿט די איינטריטס־קאַרטן. ביי דער טיר איז געשטאַנען פֿראַנטשישעקס עלטסטער זון און אָשר דער לייכטפֿיסיקער, אַרייַנגעלאָזט אין זאַל דעם עולם מיט די איינטריטס־קאַרטן. ביים בופֿעט האָט געקיניגט פֿראַנטשישעק וואַרע, מיט זיינע צוויי עלטערע טעכטער ביי דער זייט, באַדינט מיט געטראַנקען אויף רעכטס און אויף לינקס. געדיכטע שוויס־טראָפּנס זענען אַראָפּגערונען איבער די פֿאַררויטלטע, פֿעטע באַקן — זיין גאַנץ פּנים האָט געשטראַלט. ס'איז דער גרעסטער נצחון זיינער איבער אַלע קאָנקורענטן פֿון דער נייער און אַלטער שטאָט, איבער די ייִדישע שענקער פֿון רעוויר! דער הייליקער גייסט האָט אים אַ שנעל געטאָן אין פּאַטילניצע, ער זאָל מסכים זיין אויף דעם פּלאַן פֿון רימער סטאַניסלאַוו — לאָזן מאַכן ביי זיך אין זאַל די ייִדישע פֿאָרשטעלונגען. נישט וועגן דער הכנסה פֿאַר די איינטריטס־קאַרטן גייט דאָ — פֿון זיין חלק אין דער הכנסה וועט זיכער גאָר ווייניק בלייבן נאָכן אַראָפּרעכענען די הוצאות אויף דער דערלויבעניש, די פּרעזענטער דעם פּאָליצמייסטערס באַלעריגע, דעם קאַפּיטאַן וואָלינסקי, דעם פּריסטאַוו און די קאָלאָדעטשנע, וואָס האָבן צוגעזאָגט צו וואַכן עס זאָל זיין אָרדענונג, קיינער זאָל נישט פּרוון שטערן די אָוונטן. וועט עפּעס בלייבן דערפֿון אויך — וועט עס גאָר זיין אַ גאָב פֿון גאָט... דער עיקר איז — דאָס לייזעכץ.

דאָס אַריינציען נייע געסט אין שענק. פראַנטישעק איז איבערצייגט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער זיין איינער פון די פּאָפּולערסטע מענטשן אין וואַרשע. זיין שענק וועט ווערן דאָס ראַנדעוווּ-אָרט פון דער וואַרשעווער געזעלשאַפט. „וווּ וועלן מיר זיך טרעפן?" — „אויף די יידישע פאַרשטעלונגען, ביי פראַנטישעק וואַראַ אין דער שענק „אונטער די דריי נעגערס".

— האָבן אים אין די אויערן פריילעך געקלונגען שמועסן, וואָס וועלן זיכער אין אַ פּאָר טעג אַרום געפירט ווערן ביי לורסן, ביי סעמאַדעני, אַפילו אין די סאַלאָנען פון דער בעסטער געזעלשאַפט. אָט דאָס פּערל, וואָס איז נאָר וואָס אַריינגעקומען, — דאָס זענען זיכער בעסערע מענטשן, פון יענע גאַסן...

— ביטע, מיינע הערשאַפטן! וואָס ווינטשן די הערשאַפטן? זאָשו, גיב אָן צוויי גרויסע העלע...

פאַר דער באַלויכטענער מיט צוויי גרויסע לאַמטערנעס גאַסנטיר האָבן זיך כסדר געזאַמלט גרופּקעס מענטשן, וואָס האָבן מיט נייגער געלייענט די פאַרביקע טאָוולען, דעם אָנזאָג פון די פאַרשטעלונגען, אָנופרים און זימלס אַרבעט. געווען אַזעלכע, וואָס זענען באַלד פאַראינטריגירטע אַריבער די שוועל פון דער שענק. אַנדערע האָבן זיכער געמאַכט פּלענער צו קומען מאָרגן, איבערמאָרגן. ווייניק גלייכגילטיקע זענען געווען גאָכן איבערלייענען די טאָוולען, אייניקע האָבן נאָר געמורמלט: „אָן איינפאַל! יידישע פאַרשטעלונגען"... כסדר האָבן אויך אַריינגעשטראָמט נייע יידישע באַזוכער, וואָס זענען אין איילעניש געשפּרונגען איבער דער שוועל פון דער שענק, צומאָל זיך פאַרטשעפּעט פון איילעניש, פון פריער, ווייזט אויס, צוגעגרייטע גלייך אַהערצוקומען.

אין דער שענק האָט זיך איינער געריבן אין אַנדערן צוליב דער ענגשאַפט. ס'איז שווער געווען זיך דורכצושלאָגן צום בופעט. כאָטש עס זענען כסדר אָפּגעפלאָסן מענטשן אין גרויסן זאַל אַריין, איז עפּעס אַלץ כמעט נישט קלענער געוואָרן דער עולם צוליבן צופלוס פון נייע געסט.

דער זאַל, איינגעהילט אין אַ טונקעלן רויך פון די געדיכט-פאַנאַנדער-געשטעלטע אייל-לעמפּלעך, איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן אַלץ מער אָנגעפילט. די אויסגעשטעלטע בענק איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון זאַל זענען געווען געדיכט באַזעצט מיט מענטשן, און אַ שפּאָר ביסל מענטשן האָט זיך נאָך געדרייט צווישן די בענק, כאַפּנדיק אַ שמועס מיט באַקאַנטע. הויכע יידישע געשפּרעכן — הייטערע, האָפערדיקע אין טאָן — זענען דורכגעמישט געווען מיט פּוילישע באַגריסונגען, וואָס זענען אויסגעמישט געוואָרן צווישן פריינד, יידישע און פּוילישע, מיט שטילערע פּוילישע שמועסן,

וואָס זענען געפירט געוואָרן צווישן באַקאַנטע. געוואָרפן האָט זיך שטאַרק אין די אויגן אַריין די איבערוואָג פון מענער. בלויז אייניקע פוילישע געסט זענען געקומען אין דער באַגלייטונג פון פרויען, אויסגעזוכט זיך באַקוועמע פלעצער אויף די בענק. צווישן יידישע עולם האָט מען קיין פרויען נישט געזען. ערשט ווען מען האָט זיך גוט אַרומגעקוקט, האָט מען געקאָנט באַמערקן, ווי עס לויפן שנעל אַרויף מיט הילצערנע טרעפ אויף דער גאַלעריע די אַריינקומענדיקע יידישע פרויען — פאַרשווינדן אונטער דער באַריערע... דאָרט איז שוין שווער געווען צו זען אַ פנים, אָדער ציילן די קעפ — די גאַנצע גאַלעריע איז געווען איינגעטונקט אין אַ נעפל פון רויך, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די אייל-לעמפלעך.

זייער גיך איז די לופט געוואָרן אָנגעהיצט און געדיכט, ווי דער אייל אין די לעמפלעך. מענטשן האָבן אָנגעהויבן פאַנאַנדערצושפּיליען די קאַזשוכעס, בעקעשעס, וואַרעמע שפּענצערס. אַ ווילייגערישע שטים האָט אַ רוף געטאָן צו דער גאַלעריע:

— עזרת נשים, ס'איז אייך נישט קאַלט?

אַ הילכיק געלעכטער פון אונטן האָט דערויף געענטפערט, איז אָבער באַלד איינגעשטילט געוואָרן דורך שטאַרקע „ש-ש-שאַ“, וואָס זענען געקומען פון דער גאַלעריע.

אין כאַמע פאָרנט זאַל זענען געווען קונציק איינגעאָרדנטע לייטערס פון ביידע זייטן, באַשטעלטע פון אויבן ביז אַראָפ מיט גרויסע אייל-לאָמפן און קליינע לעמפעלעך. דאָס האָט באַלויכט אַ גרויסן, דיקן טוך, באַמאָלן מיט אַ געפלעכט פון טראָמפייטן, פלייטן און שופרות, פון וועלכע עס איז קונציק אַרויסגעוואַקסן אַ גרויסער פאַקל. מבינים האָבן באַלד דערקענט: „זימלס אַ שטיקל אַרבעט!“ אַ ווינטעלע האָט אָפט געכוואַליעט דעם פאָרהאַנג, וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי הינטער אים וואָלט געקלאַפט אַ גרויס האַרץ.

געקלאַפט האָבן דאָרט מיט אומגעדולד און אומרו אַ סך הערצער.

ווי אַ זומער-פויגל האָט אַרומגעשוועבט שרהלע — יעדע רגע אויף אַן אַנדער אָרט, אומעטום געוואָרפן אַן אויג, מיט יעדן אַ פאָר ווערטער. אָט פאַרריכט זי דאָס פאַסיגע העמד און די לאָקן ביי שלמה בדחן, וואָס האָט אַליין געזוכט אַ ספּעציעל געשטעל פאַר יוספן. אָט גיט זי אַ גלעט ביינעמס לאַנגע, גרויע באָרד, וואָס האָט גלייך אים פאַרוואַנדלט אין יעקב אָבינו. דערביי גיט זי אים אַ שעפּטשע, אַז נעצל איז שוין געקומען, גוויאַזדאַ פילט זיך גוט, אָשר וועט נאָך שפּעטער צולויפן... ביידע שיינען דערפון. זי באַ-

רואיקט דאָס שווערע געמיט פון שלמהלע משרת, וועלכער איז אומגליקלעך, וואָס איזאַק האָט אים פאַרשלייערט אין ווייבערישע יופּיצעס — געמאַכט אים פאַר אַ פּוטיפּאַרע. ער, שלמהלע, האָט געמאַכט אַזאַ וויכטיקן שריט אין זיין לעבן — אייִנגעריסן מיט די אונגערס. נאָכן הייגטיקן אַוועקגיין פון דער היים אָן אַ וואָרט, ווען דאָרט ברענט די אַרבעט פון צוגרייטן די סעודה, מעג ער שוין מאָרגן שפּילערהייט אייִנפּאַקן די זאַכן און זיך אָפּטראָגן פון דער שטעלע. ווי גישט ווי איז ברויט געווען צו דער זעט און צום ברויט... און דאָ גאָר — פּוטיפּאַרע! טאַקע איין שרהלע האָט געקאָנט אַרויסרופן אַ שמייכל אויף זיין פאַרזויערט, פאַרדאַגהט פּנים: „וועסט פאַרגעסן ווען פּוטיפּאַרען און גאָר שפּילן פאַרשידענע העלדישע געשטאַלטן אין גייע שפּילן, וואָס איזאַק וועט צוגרייטן“... וואָס די שרהלע קאָן! אַלץ אַזוי רואיק, צו דער צייט. אייליק — און באַהערשט, פאַרזאָרגט און שטראַלנדיק פון דער אינערלעכער פרייד, וואָס האָט אין איר געברויזט: באַלד וועט זיך אָנהייבן דאָס טעאַטער, זייער טעאַטער...

דער היפּוך פון איר איז געווען איזאַק. געשטאַנען איז ער כסדר אויף איין אָרט, נאָר עס האָט אים אונטערגעהויבן: ער האָט אייִנגעטענהט מיט שטורמען. צום ווייפלטן מאָל האָט ער אים דערמאָנט, ווען און וואָס ער דאַרף שפּילן — און אַלץ מורא געהאַט, אַז שטורם וועט עפּעס פאַרפּלאָנטערן. דערפּיו, ווי די מוזיק וועט אויפשפּילן, איז אַ סך אָפּהענגיק, ווי די חברה וועט אויפזינגען! מיט די רייד איז ער זיכערער: ער וועט שטיין ביי זיין זייט ביגע מיטן העפט אין האַנט, שרהלע — ביי דער צווייטער. זי דאַרף גאָרנישט קיין העפט! ביי איר אין קאָפּ זיצן פעסט אַלע דריי שטיק, וואָרט ביי וואָרט... איז טאָמער וואָס — וועט מען אונטערכאַפּן אַ וואָרט. אויב עמעצער וועט עפּעס פאַרגעסן, פאַרדרייען, דורכלאָזן. אָבער וואָס וועט זיין מיטן שפּילן און זינגען?

מרדכילע פייערמאַן איז געשטאַנען דערנעבן און אַרייִנגעשמייכלט אין בערדל אַריין: וואָס קאָכט ער זיך אַזוי, דער לערער? כמעט אַלע ביגונים האָט צונעקליבן און צוגעטראַכט ער, מרדכילע, וועט ער שוין צוהיטן, עס קאָל אַלץ דורכגיין גלאַטיק. וואָלט זיך דער לערער ווייניקער געזאָרגט פאַר דער מוזיק — זאָל נאָר אויף דער בינע זיין אין אָרדענונג!

האָט עס איזאַקן טאַקע אַ שטויס געטאָן נאָכאַמאָל נאָכצוקוקן די בינע: צי עס שטייען אויף אַן אָרט די צוויי קלעצלעך, וואָס דאַרפן בילדן די פעלזן אין מדבר, די פאַס, וואָס איז די הייל, אין וועלכער די ברידער וואַרפן אַריין יוספן... יאָ, אַלץ איז אויף אַן אָרט. דער עולם שפּילער דרייט זיך

אַרום, ווי אויף צעגליטע קוילן, אין די אויסטערלישע מלבושים, מיט די קליאַטשע=בערד און לאַנגע לאָקן — אַלץ מיניעט זיך, נאָר אָנצוהייבן, נאָך דערפילן דעם אָטעם פון די הונדערטער מענטשן, וואָס וואַרטן דאָרט אונטן אויף דעם, וואָס זיי וועלן דאָ באַווייזן!

ביי איזאַקן איז דער אומרו געלאָפן אין בלוט. ער האָט אים געפילט אין יעדן האָר=וואָרצל, אין יעדן צוק פון אַ נערוו. עס איז דאָך דער וויכטיקסטער טאָג אין זיין לעבן, דער וויכטיקסטער טאָג אין לעבן פון אַזוי פיל מענטשן! צי פילן זיי, צי גיבן זיי זיך אָפּ אַ חשבון דערפון: היינט קאָן געשען עפּעס אַזעלכעס, וואָס וועט פאַרבלייבן לדורות ביי יידן, וועט וואַקסן און דערגיין צו גרויסע זאַכן? און מיט דעם אויך וועט אויסוואַקסן ער, איזאַק, דער מענטש אָן אַן אָרט אין לעבן, אָן אַן אָרט אין דער וועלט. היינט, היינט קאָן עס געשאַפן ווערן זיין אָרט — אַ הויכס, אַ דערהויבנס, וואָס וועט אַרויסשיינען פון חשבות פון רעוויר, באַשיינען דעם רעוויר.

— אַלע קאַרטן זענען פאַרקויפט. דער זאַל איז אָנגעפּראָפּט. מען דאַרף אָנהייבן... — אָשר דער לייטפּיסיקער האָט עס אַרויסגעזאָגט אין איין אָטעם און אַרויסגערופן נאָך אַ גרעסערן ציטער ביי אַלע אויף דער בינע.

די קאַפּעליע האָט געגעבן אַ לויף אויף איר אָרט פאַר דער בינע. עס דערהערן זיך שוין די נישט זיכערע טענער פון מרדכילעס סטראָיען די סטרונעס פון צימבל. שטורם הערט זיך איין אין די טענער און גרילצט אויף זיין פידעלע, זרח אויפן באַס. דער טומל אין פול=געפּאַקטן זאַל הייבט זיך אָן איינצושטילן. אַ רגע שטילקייט און אָט דערהערט זיך אַ בראַזג אין די טאַצן, אַ האַק אין דער פּויק, און דער גאַנצער אָרקעסטער שלאָגט אָן, ווי דער געברום פון אַ שטורעם וואָלט אַדורך דעם זאַל. באַלד איז דער שטורעם אַריבער אין אַ האַרצנאָגנדיקן מזרח=ניגון, וואָס האָט עפּעס געקלונגען, ווי אַ תחינה, און עפּעס אַ ברי געטאָן, ווי די הייסע זון אין מדבר...

— אין אַ מזלדיקער שעה! — שרהלע האָט עס כמעט אויפן קול אויסגערופן צו איזאַקן און צו די שפּילער אויף דער בינע.

קיינער האָט זי נישט געהערט. אַ שרעק האָט אַלעמען אויסגעשטייפט און געמאַכט טרוקן אין האַלדז. אונטער די פיס איז טאַקע געווען דער דורכגעברענטער זאַמד פון מדבר... ביי איזאַקן זענען אָנגעלאָפן די אָדערן אויפן שטערן פון אָנגעשטרענגטן איינהערן זיך צו דער מוזיק. די האַנט האָט ער געהאַלטן אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט זי, ווי אַ האַק, אַלס צייכן פאַר די, וואָס האָבן אַרויפגעצויגן דעם פאָרהאַנג. הייזעריק האָט ער אָנגעהויבן צו

זינגען די ערשטע טענער פון כאָר, און באַלד האָבן זיין שטים פאַרהילכט די שטימען פון די שפּילער:

— טרינקט, טרינקט, מיינע ליבע ברידער,
אָוונט איצט וועלן מיר זינגען לידער:
טרינקט, טרינקט, מיינע ליבע מענטשן,
אָוונט איצט וועט אונדז גאָט בענטשן!
טרינקט, טרינקט, מיינע ליבע קינדער,
אָוונט איצט וועט מען פירן די שאָף צו די רינדער...

אין געזאַנג זענען די שפּילער באַפרייט געוואָרן פון זייער געלייטטקייט, פריי זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן, באַלעבן די ביגע. עס האָט אַ פינקל געטאָן מיט קאָלירן, אַריינגעצויגן אין מתיקות פון דער נגינה...

— אין אַ מזלדיקער שעה... — האָט שוין שרהלע געשעפּטשעט פאַר זיך.

V

ווי פאַרזינדיקטע הדר־ייִנגלעך, זענען טוגענדהאָלד און פּאַפּראָצקי געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אין חדר פון רב שלמה־זלמן ליפּשיץ. זיי האָבן אָפּגעוואַרט, ביז דער רב האָט אָפּגעמאַכט די הבדלה, ביז עס זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען די מקורבים פון טיש — אַלץ נישט געהאַט קיין האַרץ צו פאַרשטערן דעם זקן זיין פריידיקן שבתצונאַכטס. געהאַלטן האָבן זיי זיך פאַר די גרעסטע קרבנות פון דער גאַנצער מחלוקה: אַ שבת אָפּקומען אין לויפּעניש און ערגערניש, אין בזיונות, בייגן און בוקן זיך פאַרן פריין — אומזיסט און אומגעשט. וואָלט כאָטש עמעצער פון די קהלישע טאַטעס מיטגעמאַכט מיט זיי דעם וועג פון פּיין — דאָס נישט. יענע זענען זיך משמח אין זייערע זאַלן — די געבעכדיקע משרתים דאַרפן אַלץ אויסטראָגן אויף זייערע פּלייצעס, זיין די כפּרה־הינדלעך פון קהל.

אין לויפעניש האָבן זיי נישט געפילט קיין קעלט. פאַרקערט, ווען זיי זענען אַהער געקומען, האָט עס ממש געפּאַרעוועט פון זייערע דורכגעשוויצטע אונטערשטע מלבושים. איצטער האָבן זיי ערשט דערפילט די קעלט, וואָס איז אַדורך מיט אַ דרינגעם קדחת־טרייסל איבער זייערע לייבער, כאָטש ביים רב אין דער היים האָט געגלעט אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט פון די ביז גליונג אייגעהייצטע אויוונס פריימיק ביימאָג. טוגענדהאָלד האָט

בחוש געזען, ווי עס מאַטערט אים שוין ווידער דער שטיקנדיקער הוסט און דער פּאַראָקסיזם פון ניסן...

דעם אויסדרוק פון זייערע פּנימער האָט דער רב נישט באַמערקט. געזען האָט ער שוין גאָר שוואַך און כמעט כסדר געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן. אַחוץ אַלעם, האָט ער גאָרנישט געהאַט קיין גרויס הנאה שטענדיק, ווען ער האָט פאַר זיך געזען די נאַקעטע פּנימער פון די אָד און ווי מדריכים פון יונגן דור פון זיין אָרעמער סטאַדע. נאָר דער שמש, וועלכן מ'האָט קיינמאָל נישט באַדאַרפט לייגן קיין פינגער אין מויל, האָט אַלץ אַרויסגעלייענט פון זייער מראה און אומרואיק אינטערגעהוסט, נישט קאָנענדיק ביי זיך באַשליסן — לאָזן וויסן דעם אמת דעם „חמדת שלמה“, צי אפשר גאָר בעסער פאַרהוילן? דער רב וועט דאָך, חלילה, קיין אויג נישט צומאַכן א גאַנצע נאַכט פון ערגערניש, אָפּקרעכצן, אָפּזיפצן, אָפּקלאָגן ביז פאַרטאָג, שליידערנדיק אַלע קללות פון דער תוכחה... אויסגיין וועט עס צו זיין, דעם שמשם, קאָפּ...

— נו, נו, רבותי! — דער רב האָט אומגעדולדיק געמורמלט די פראַגע.

דעם גאַנצן אמת האָבן זיי אַרויסגעלייגט אויפן טעלער. אָנגעהויבן פון אָפּמאָלן אין די טונקלסטע פאַרבן זייער וועג פון פיין און בזיון א גאַנצן טאָג. דעם חלק האָט אויך זיך גענומען פאַפּראָצקי. טוגענדהאָלד האָט נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט אַרייַנצוואַרפן א פאָר שטעכיקע באַמערקונגען אויפן חשבון פון די אָפיציעלע קהלישע פירער, וואָס האָבן קיין פינגער נישט צוגעטאָן, כדי צוהעלפן זיי אין דער שווערער שתדלנות. לעצטנס האָט ער בכלל געטראָגן א בייז האַרץ אויף די גבירים, ביי וועלכע ער איז שוין מער נישט קיין שטיב־לערער — יעדער פון זיי האָט זיך געפונען עפּעס א מלאַקאָסאָם, גאָר וואָס געקומען פון אויסלאַנד, א שטודירטן... אמת, דערויף איז ער שוין נישט געווען קיין בעלן, זיינע אַמביציעס האָבן העכער געגרייכט... אָבער די זעלבע גבירים האָבן נישט אַרויסגעוויזן דעם נייטיקן אינטערעס, נישט מיטגעהאָלפן מיט גענוג געלט אַרויסצוגעבן זיין נייעם חיבור. בכלל זייער באַציונג צו אים — פון אויבן אַראָפּ, ווי פון באַלעבאַטים צו א משרת — איז אים געווען דערווידער. ער האָט געהאַט אַספּיראַציעס צו קריגן עפּעס א שטעלע ביי מלכות. נישקשה, דאַן וועלן שוין די זעלבע גבירים קריגן דרך־ארץ פאַר זיין קנעפּל... האָט ער זיי טאַקע נישט געזשאַלעוועט. אים איז אָבער אין די רייד אַריין פאַפּראָצקי, וועלכער האָט נישט געקאָנט דערלאָזן צופיל רייטן אויף זיינע ברויטגעבער, נישט געקאָנט פאַרטראָגן ווי טוגענדהאָלד פאַרמינערט דעם אָנזען פון זיינע באַלעבאַטים אין די אייג=

פֿון רבֿ. דאָס אַלץ אָבער, די אַלע דערציילעניש און אַמפּערניש, האָט דער רבֿ געהערט מיט אומגעדולד.

— אַ גוים, הערסטו! אַ שליח־ציבור מוז האָבן האַרצקלעמעניש. דערצו האָט ער אַ האַרץ... און זינדיק איז מען אויך געגוג. נישקשה, מעג מען כאָטש אַ קליין ביסל אָפּקומען ביים לעבן. דער עיקר! וואָס איז דער עיקר?

— די פּורים־שפּיל קומט פֿאָר! — טוגענדהאָלד האָט די ידיעה אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ פֿאַרביסנקייט, ווי אים אַליין וואָלט צומאָל הגאה געטאָן, וואָס דאָס פֿעבל האָט אָפּגעטאָן אויף טערקיש די קהלשע טאַטעס, די תקיפֿים, און טאַקע דעם פֿאַנאַטישן פּאַסטעך פֿון די צאן־קדשים אויך.

אַן אַגמערערדישער שטויס האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן הויז, מיט דער שטאָט, מיט דער גאַנצער וועלט — אַזוי האָט זיך אויסגעוויזן דעם רבֿ. פֿאַר זיינע פֿאַרמאַכטע אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרייען אין רייפֿן — דער לייכטער, דער טיש, די מענטשן. ער האָט זיך אַליין דערזען דרייען און קוילערן זיך אין עפּעס אַ ווילדן קרייל. זיין גוף האָט זיך געשאָקלט אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי דער אימרו פֿון אַ זייגער. אַ צונויפֿגעדרייטער קנוידער האָט אים אַ שפּאַר געטאָן אין האלדז און געצווונגען אַ פּאָר מאָל אַ פּלאַטער צו טאָן מיט די ליפּן אויף צו כאַפּן לופֿט.

— ווי, ווי צו די אויערן, וואָס הערן דאָס. — זיין שטים האָט זיך כסדר געוואַקלט צווישן אַ כאָרכל און אַ פּישטש. — נישט תופֿס צו זיין, נישט תופֿס צו זיין...

אויף טוגענדהאָלדס צערייצטע גערוון האָט עס געווירקט, ווי דאָס ראַצן פֿון מעסער איבער אַ טעלער. פּאַפּראָצקי איז געווען באַהערשטער. ער איז פֿון פּאַרויס געווען צוגעגרייט אויף אַן אויסבראָך און באַשלאָסן אים איבערצוואַרטן. דער שמש האָט מיט ציטערדיקע הענט אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער און דערלאַנגט דעם רבֿ, זיין האַנט איז אָבער האַסטיק אָפּגעשטויסן געוואָרן און טראָפּנס וואַסער האָבן פֿון איר אַראָפּגעקאַפּעט אויפֿן טיש. מיט ביידע הענט האָט זיך דער רבֿ אָנגעכאַפּט אין טיש, מיט די לעצטע כוחות האַלב אונטערגעהויבן זיך אויפֿן בענקל און אַ רגע געשטאַרט מיט אויפֿגעריסענע רויטע אויגן אויף ביידע שתדלנים. מיט אַ געפּרעסט קול, וואָס האָט פּלוצלונג באַקומען אַ שטאַרקן קלאַנג, האָט ער אָנגעהויבן צו וואַרפֿן באַפֿעלן דעם שמש, די שתדלנים, דער גאַנצער שטאָט:

— די רגע זאָל מיר זיין דאָ זייוול שמש! אַרויסשלעפּן פֿון די שטובן אַלע גבאים, שמשים, באַהעלפֿערס, ערלעכע יידן! פֿאַנאַנדערטרייבן די הפֿקר־יונגען! צעבלאָזן זיי ווי פּלעווע אויפֿן ווינט. אַ מלחמת הקודש!

דער שמש האָט אומבאַהאָלפן געקוקט אויף ביידע שתדלנים: — „אדרבא, עסט אויף די קאַשע, וואָס איר האָט פאַרקאָכט! וואָס קאָן איך דאָ העלפן?“.

מיט אַלע כוחות האָט זיך מוגענדהאָלד באַהערשט ניט ארויסצוווייזן, וואָס ער טראַכט אויף אַן אמת וועגן דעם רב מיט זיינע פּלענער. ס'האָט אים גאַנץ דייטלעך געאיבלט. א ביטערניש האָט געשלאָגן צום גומען. פּאַפּראָצקי האָט זיך אָבער ניט פאַרלוירן. ער האָט געוווּסט, אַז יעדע כוואַליע מוז אָפּפאַלן, ווי הויך זי זאָל זיך ניט האָבן אויפגעהויבן. האָט ער איבערגעוואַרט, ביז דער רב איז א דערשעפּטער צוריקגעפאַלן אין דער טיפער שטול, ביז זיין שטים האָט זיך ווידער פאַרוואַנדלט אין א ניט אַרטיקולירט כאָרכלען. דאַן האָט ער געלאַסן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס קאָן, הלילה, דערפירן צו שפיכת־דמים פון ערלעכע יידן, וואָס וועלן זיך אַרויסלאָזן אויסער די גרענעצן פון רעוויר. לויט אַלע ידיעות זענען אויפן פורים־שפיל געקומען הונדערטער הפקר־יונגען פון פוילישן פּעבל, און דער חשובער רב פאַרשטייט דאָך, מיט וואָס עס קאָן זיך ענדיקן אַזאַ צוזאַמענשטויס...

אַן איבהדיקער קווייטש האָט פאַרטויבט פּאַפּראָצקיס געלאַסענע רייד. גרויסע טרערן האָבן רימשקעסווייז זיך געשלענגלט איבער די טיפע קנייטשן פון רבס פּנים און פאַרשוווּנדן אין דער באָרד. — „פון וואַנען, פון וואַנען וועט קומען די הילף?“.

אין דער זעלבער צייט האָט זייוול שמש ווילד ארומגעשפּאַנט איבער זיין שטוב, אָפּגעשטויסן פון זיך יעדעס מאָל אַן אַנדערס פון זיינע קינדער, וואָס זענען אים געקומען אונטער די הענט. ער האָט געוואַרט מיט אימה: אָט וועט קומען צו לויפן א שליח פון רב מיט אַן עקסטרא ארויסרוף!

א גאַס ווייטער, אויף דער פראַנטשישקאַנער, האָט בעריש אונגער זיך מצער געווען מיט דער גרויסער חרפּה, וואָס עס האָט געטראָפן די קהילה, און אויסגעלאָזט דעם כעס צו זיין ווייב — הלמאי זי כליפּעט. נאָטשע אונגער האָט זיך געפּאַטשט אין בויך: — „שטאָט־טאַטעס, אומשטיינס געזאָגט! ביי מיר וואָלט צו אַזאַ נבלה ניט דערגאַנגען... שטאָט־טאַטעס!“... זיין הייזעריק געלעכטער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די פריידגפון די דאָזאָרעם מפּלה איז ביי אים שטאַרקער, ווי דער צער צוליבן נצחון פון פּעבל.

אויסערן רעוויר, אין די סאַלאָנען פון די פּני, איז די ידיעה כמעט גלייכצייטיק אָנגעקומען דורך פאַרשידענע ספּעציעלע שלוחים און צופּעליקע אינפאָרמאַטאָרן. רב יצחק־שמעון ראָזען האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ

באַר פּאַרדרוס: „שלעכט, שלעכט זיך געענדיקט. אויף להבא דאַרף מען אָזעלכע זאַכן בעסער צוגרייטן, אונטערשמירן!"... זיין טאַטער עזרא האָט געטיילט דעם פּאַטערס פּאַרדרוס, נאָר אויסגעדריקט עס אויף איר אופן: נאַליק, מיט פאַרביסענע ליפּן. איר נאָז האָט זיך נאָך שטאַרקער אויסגע־צויגן און די קרייזלעכע הויט פון איר פּנים האָט אַרויסגעשלאָגן דעם דיקן שיכט פּודער. אפשר דערפאַר האָט הענריקן נאָר געפרייט דער נצחון פון די פּורים־שפּילער, און אפשר האָט זיך טאַקע ווידער דערוועקט אין אים דער סענטימענט צו זיין חבר איזאַק. ער האָט זיך אין דעם שמועס נישט אַריינגעמישט, נאָר ביי זיך האָט ער באַשלאָסן: — „מאָרגן וועל איך זיין אַ גאַסט אין דער שענק „אונטער די דריי נעגערס"... מאַמיאַס ראָזען האָט אָבער יאָ געזאָגט זיין וואָרט:

— וואָס פאַר אַ טראַגעדיע מאַכט איר? זאָל זיך דאָס פאָלק ווייַלן...

— עזרא איז פון ערגעריש אַרויס פון זאַל, זי האָט עס נישט געקאָנט אַריבערטראָגן.

ביי עפּשטיינען אין סאַלאָן האָט זיך אויפגעהויבן אַ קאָכעניש. עפּשטיין האָט עס גלייך איינגעשטילט:

— די שמאַטע־יידן וועלן אונדז קאָמפּראָמיטירן אין די אויגן פון דער געזעלשאַפט... האָבן אַלע געסט צוגעשאָקלט באַדויערנדיק מיט די קעפּ, אפילו די, וואָס האָבן געטראַכט: „הלמאַי וואָלט איך בעסער געווען „אונטער די דריי נעגערס", איידער אויסגיין פון לאַנגווייל אין דעם סאַלאָן".

גרויס פאַרדרוס פון דער ידיעה האָט געהאַט טעווֹלע טעפּליץ. נישט דערפאַר, ווייל די פאָרשטעלונג קומט פאָר, נאָר ווייל זי קומט פאָר נישט ביי אים אין סאַלאָן. ער וואָלט איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַרטונקלט אַלע אויסגעזוכטע איינפאַלן פון עטינגערן, אויפגעהויבן דעם אָנזען פון זיין, טעפּליצעס, סאַלאָן.

געקלאָגט האָט מען אויפן גזשיבאָוו, אין גבריאל אייזנמאַנס גרויסע הדרים, וואָס זענען פול געווען מיט טיש־זיצערס, אָרעמע קרובים און סתם חסידישע יידן. ווי אין אַפּקלאַנג פון ירבס איכה־טאָן, האָט זיך דאָרט געהערט:

— וויי, וויי, צו וואָס עס האָט דערלעבט די קהילה קדושה וואַרשע!

אין אַלע גבירישע און באַלעבאַטישע הייזער — ביז צו דער אַלטער היים פון די זביטקאָווערס אויף פּראַגע — זענען אויפגעפלאַמט געוואָרן די געמיטער דורך דער שרעקלעכער ידיעה. דער גרעסטער ווייטיק איז געווען, וואָס זיי, די באַלעבאַטישע יידן, האָבן זיך געלאָזט איבערכיטרעווען, נישט באַוויזן צו שטערן אַזאַ נבלה.

אין דער זעלבער צייט איז פון גיישטאַט געלאָפן אויף שמאָלע מיליע, טאָפּטשענדיק אין שניי און טרייבנדיק מיט די לעצטע כוחות, א פאַריאַכמערטער און פאַרסאָפּעטער אָשר דער לייכטפיסיקער. ערשט ביי דער טיר פון גוויאַזדאַס שטוב האָט ער זיך פאַרגונען אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, שטיל אָנגעקלאַפּט דריי מאָל לויטן אָפּגערעדטן צייכן: צי וועט דער קלאַפּ נישט אויפוועקן גוויאַזדאַן, חלילה, אויב ער שלאָפט.

די טיר אין פאָדערהייזל האָט שטיל געעפנט באַוטשע און באַלויכטן אָשרס פּנים מיטן ציטערדיקן ליכט פון אייל־קנויטל. זי האָט נישט באַדאַרפט פרעגן — פון אָשרס העלע, קינדישע אויגן, האָט זי אַרויסגעלייענט, אַז די ידיעה קאָן מען צולאָזן גוויאַזדאַן. געוואַכט האָט זי איבער זיין קראַנקן־בעט צוזאַמען מיט פייגעלען. די הערצער זייערע האָבן זיך געריסן צום זאַל „אונטער די דריי נעגערס". אָבער אַלע מענער זענען דאָרט געווען ביימיק, האָבן דאָרט געמוזט זיין, האָט זי מיט פייגעלען אויך דעם קרבן געברענגט און אָפּגענומען עם פאַר ליב, ווי אַלע שטילע קרבנות, וואָס זיי ברענגען מאַמעלעך. זי האָט איבערגעוואַרט מיט אָשרן אין פאָדערהויז, ביז עס וועט זיך פאַנאַנדערגיין די קעלט פון דרויסן, וועלכע אָשר האָט געבראַכט מיט זיין אַריינקומען, און דאַן אויף די שפּיץ פינגער אים אַריינגעפירט אין צימער אַריין.

צי האָבן זיך די שאָטנס פון די אייל־קנויטן אַזוי טיף צעלייגט אויף גוויאַזדאַס פּנים, וואָס איז איינגעטונקט אין קישן, צי זענען עס טאַקע געווען די אמתע גריבער פון דעם חולהס איינגעשרומפּנקייט — האָט אָשר נישט געקאָנט אונטערשיידן. עס האָט אים אָבער געגעבן א פאַרקלעם ביים האַרצן, און ער איז געבליבן שטיין אָן א וואָרט צופוסנס פון בעט. א לאַנגע רגע האָט געדויערט די שטילקייט, ביז גוויאַזדא האָט א ריר געטאָן מיט די ליפּן. אָשר האָט נישט געהערט די ווערטער, נאָר פון זיינע טיפע, איינגעגראָבענע אויגן האָט ער אַרויסגעלייענט גוויאַזדאַס פראַגע: — „וואָס הערט זיך, אָשר?".

— א שמחה! א פרייד! נאָך דעם ערשטן טייל... דער עולם יובלט...

— די ווערטער זענען געפאַלן שטיל, אָפּגעהאַקט, נאָר אַזוי הייס, אַז זיי האָבן מיט ליכטיקייט אָנגעהויבן צו פלאַטערן אַרום גוויאַזדאַס קאָפּ.

א בלאַסער שמייכל האָט אויסגעגלייכט א פּאָר קנייטשן אויפן פּנים פון חולה. ער האָט אַרויפגעצויגן די ברעמען, א פּאָר מאָל א מאַך געטאָן מיט די ליפּן און לסוף אַרויסגעשעפּטשעט:

— גוט יום־טוב, קינדער, זאָל זיין... — א פאַרשטיקטער, טרוקענער הוסט האָט אים איבערגעריסן די רייד.

VI

דער רעוויר איז געווען איינגעהילט אין חשכות פון א סוף=ווינטערנאכט. אין אלע הייזער האָבן שוין לאַנג פאַרהילכט די לעצטע לאַבעדיקע קולות, די באַלעבאַטים זענען געשמאַק געשלאָפן, פאַרוויגטע דורכן אויסגעטרונקענעם ווייַן לכבוד המנס מפּלה. אין די שטובן איז געהאָנגען אַ געדיכטע לופט, ווו גישט ווו האָט זיך געהערט אַ פאַרטויבט קינדעריש געוויין, גיך איינגעשטילט מיט דער וואַרעמקייט פון אַ מאַמעס ברוסט. דער רעוויר איז יום=טובדיק געשלאָפן.

טיף אין דער נאַכט האָבן זיך די פּורים=שפּילער געשלייכט איבער די גאַסן. אין יעדער גרופּע איז געווען איינער, וואָס האָט דעם וועג באַלויכטן מיטן צאַנקענדיקן ליכט פון אַ לאַמטערנדל — עס האָט געוואָרפן אומהיימלעכע שאָטנס אַרום, מאָדנע אויסגעצויגן די פּנימער און געשטאַלטן. די אויסערלעכע אומהיימלעכקייט האָט אָבער גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיטן אינערלעכן צושטאַנד פון די מענטשן. עס האָט געהויכט פון זיי מיט פריידיקייט פון גרויסער איבערלעבונג, מיט גליקלעכקייט פון אַ מקוים=געוואָרענעם חלום. די מידקייט נאָך צוויי טעג אומאויפהערלעכן ברויזן איז במעט פאַרשוווּנדן פון זיי. שלמה בדחן איז געגאַנגען טאַנצנדיק, מיטציענדיק אין דעם טאַנץ זיין ברודערל גדליהו. שטיל האָט עפּעס אַרייַנגערעדט אין שלמהלע משרת זימל דער מאָליער, געזאָגט מבינות וועגן די צוויי אָפּגעשפּילטע אָוונטן. אוודאי איז אים אַלץ געפעלן, אַלץ איז געווען ווויל און פיין, נאָר... צי האָט דער פּאַיאַץ, באַלד ביים אָנהייב, גוט אַרייַנגעפירט אין דער פאָרשטעלונג דאָס לידל —

וואָס זאָל מען מאַכן?
זינגען און לאַכן.
לאַכן און זינגען
— באַוויַין דיינע דינגען.

דאָס לידל איז זייער אַלט — און גוט, וואָס מען האָט עס געגעבן. נאָר צוואָס די קרימענגיש דערביי? עס האָט געפּאַסט פאַר הויף=פּורים=שפּילער, גישט פאַר זיי — אַרטיסטן פון טעאַטער. אַזוי האָט ער טאַקע בפירוש געזאָגט: אַרטיסטן פון טעאַטער... די ווערטער אַליין האָבן שלמהלען אַזוי פאַרשיכורט, אַז ער האָט אָנגענומען פאַר ליב אַלע פאָרוואורפן. „אַרטיסטן פון טעאַטער“... ווי שיין דאָס קלינגט! שענער, ווי דער קלאַנג פון גאָלדענע

מטבעות, ווען מען פרווט זייער עכטקייט, אָנקלאַפּנדיק אין אַ שטיין. דער קלאַנג פון מטבעות איז די שענסטע מוזיק פאַר בעריש אונגערן. נאָר שלמהלע ווייסט: מרדכילעס צימבל גיט אַרויס שענערע קלאַנגען, זימלס איצטיקע ווערטער זענען נאָך שענער! אפילו בעריל, ווען זימל האָט פאַרגעוואָרפן דאָס ווילדע פּאָכען מיט די הענט, האָט טאַקע ווידער אַ פּאָכע געטאָן, אָבער באַלד געצווימט זיינע הענט, פאַרכישופט פון זימלס באַצייכענונג: „ארטיסטן פון טעאַטער"...

דאָרט, אין גרויסן זאַל פון דער שענק, קומט נאָך אַלץ פאָר אַ פאַרוויילונג. אַ גרויסער טייל פון דעם עולם — יאַנקלס און בערלס, חיימס און פראַנעקס, סטאַשעקס און אָנופריס, דבורהס און זאָשעס — וועלן דאָרט ביזן טאָג אַריינטאַנצן אין פּאָלקעס און אָבערקעס, צו דער גרויסער פרייד פון פראַנטשישעק וואַרא, וועלכער האַלט אין איין אַרויסקוילערן פרישע פעסלעך ביר. אָבער זיי, די „ארטיסטן פון טעאַטער", מוזן אָפּרוען, כאַפּן דעם אָטעם נאָך דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט און גרויסער איבערלעבונג. מאָרגן וואַרט אויף זיי אַ שווערער נסיון — די פאָרשטעלונג „משה".

אפּנים דער געדאַנק האָט מער פון אַלץ פאַרוואָלקנט איזאַקס שטערן. עס האָבן גישט געהאָלפן ביגעמס באַזאַכטע באַווייזן: אַן גוזמא קאָן מען רעדן וועגן אַ גרויסן נצחון, וואָס זיי האָבן אָפּגעהאַלטן. דער אומרו פאַר דער מאָרגנדיקער פאָרשטעלונג האָט אים געמאַטערט. ער האָט זיך געפילט, ווי פאַר זיין ערשטן עקזאַמען אין דער ראַבינער־שול. ניין, נאָך אומרואיקער. דאַן האָט ער נאָך גאָרנישט באַגומען, ער האָט זיך נאָר געשראָקן פאַר דעם אומבאַוווסטן, וואָס דערוואַרט אים. איצט האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ פאָרבילד פון עפּעס, וואָס ער האָט אויסגעחלומט — פון אַ טעאַטער ביי יידן. דער מאָרגנדיקער אָוונט וועט זיין דער איינגטלעכער פּרווו אויף וויפל די ווירקלעכקייט וועט זיך דערנענטערן צו זיין חלום. ער האָט געפילט, אַז עס איז טאַקע דאָ אַ גרויסע באַרעכטיקונג אין דער פרייד פון זיינע חברים, פון שרהלען: דער דערפאָלג פון די צוויי פּורים־שפּילן האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען... נישט נאָר צוליב דעם איבערגעפּולטן זאַל: נעכטן איז נישט געווען צו וואַרפן אַ שפּילקע צו דער ערד, היינט זענען הונדערטער מענטשן אַוועק, ווייל ס'איז שוין פאַר זיי קיין פּלאַץ נישט געווען. עס איז געקומען אַזאַ געמישטער עולם, וועלכן קיינער האָט נישט דערוואַרט. די איינענע און שטענדיקע פּוילישע געסט זענען צעשוועמען געוואָרן צווישן עלעגאַנט געקליידטע מענטשן פון „יענע גאַסן", פּוילישע אינטעליגענץ און אייראָפּעישע יידן. מען האָט אים דערציילט, אַז

העניק אונגער איז געקומען מיט מאַטיאַס ראָזען און זיי האָבן געמוזט אַוועק, ווייל ס'איז שוין קיין פּלאַץ נישט געווען. נאָר דער אויסערלעכער דערפֿאָלג האָט פאַר איזאַקן געהאַט אַ קלענערע באַדייטונג, ווי דאָס, וויאַזוי דער עולם האָט אויפגענומען די פּורים=שפּיל. טראָץ דעם טומל און אָפטע הויכע באַמערקונגען אויפן אַדרעס פון די שפּילערס מצד זייערע היימישע, גוטע ברידער, האָט מען געזען, ווי דער עולם ווילט זיך אויף אין אמת לאַכט האַרציק און באַוווּנדערט די שפּילער. זיי האָבן טאַקע געגעבן פון זיך אַ שלל פון אויסדריקלעכקייט, צעטאַנצטקייט, זינגעוודיקייט — אמתע טעאַטער=פרייד. ס'האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים די אַלטע פּורים=שפּיל. איזאַק האָט זיך נאָך נישט געקאָנט אויסקלאָרן, צי איז עס צוליבן דיסטאַנס, וואָס האָט אָפּגעטיילט די בינע פון עולם, צי איז עס אַ פּראָדוקט פון דער אַרבעט, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט ביים רייניקן און פאַראייניקן פאַראיינהייטלעכן די פּורים=שפּילן, צי איז עס צוליבן אחריות=געפיל, וואָס האָט באַהערשט אַלע שפּילער. איינס איז נישט אָפּצולייקענען: עס איז פאַרשוווּנדן פון זייער שפּיל דער טאָן פון גאַסן=הפקר, עס איז אויפגעקומען אַ געלייערנטע פאָלקס=שפּילעוודיקייט: אין טעקסט, אין דער באַוועגונג, אין געזאַנג, אין טאַנץ. אייניקע שפּילער האָבן אַרויסגעשיינט מיט אמתן טאַלאַנט. שלמה בדחן, למשל, איז אַ קינסטלער, אַ גרויסע טעאַטער=סטיכיע... יאָ, דאָס אַלץ איז אמת, אָבער...

דער „אָבער“ האָט געהאַט אַ שייכות דער עיקר צו דער מאָרגנדיקער פאָרשטעלונג. דאָרט איז שוין שפּילעוודיקייט נישט די הויפּט=זאַך. דאָרט האַנדלט זיך דאָך וועגן אַרויסבאַקומען אַ געדאַנק, באַווייזן געשטאַלטן, דורך וועלכע עס דאַרף אויסגעטראָגן ווערן דער געדאַנק. דעם סקעלעט פון קלינגעמאַנס „משה“ האָט ער, איזאַק, אָנגעטאָן מיט פלייש און בלוט פון זיינע געפילן און געדאַנקען. ער האָט דאָך, ווי זיידענע פעדעם אין אַ וואָל=געוועב, אַריינגעפלאָכטן אין דער שפּיל זיינע טראַכטעניש וועגן פרייהייט און ליכט פאַרן פאָלק, וועגן אַ וועג פון גליק פאַר מענטשן. פאַר אים אַליין איז נאָך דער וועג איינגעהילט אין נעפּל פון זוכעניש, ווי זשע וועלן די שפּילער... „און אפשר איז טאַקע די זוכעניש אַליין — גליק? אפשר איז דאָס דער זין, די באַרעכטיקונג פאַר יעדן דריטטערן ציטער פון דער מענטשלעכער נשמה?“ — האָט אַ זייטיקער געדאַנק אים איבערגעריסן די הויפּט=טעמע. ער האָט אָבער באַלד ווייטער געצויגן זיין פריערדיקן געדאַנק: „וועט אפילו... צי וועט דאָס אַרויסקומען? צי וועלן די שפּילער עס קאָנען איבערגעבן? צי וועט דאָס דערגיין צום פאַרשידנאַרטיקן עולם?

אזויפיל פארשטייען דאָך בכלל נישט די ווערטער פון דער בינע... און די, וואָס פארשטייען די ווערטער, הייסט עס נאָך נישט, אז זיי וועלן פארשטיין דעם זין פון די ווערטער"...

פאר זיך אליין האָט ער זיך נישט געוואָלט מודה זיין, אז דער עיקר ציטערט ער דערפאר, ווייל „משהן" באטראכט ער — מער, ווי די איבעריקע פאַרשטעלונגען — פאר זיין קינד. דער אויסגאנג פון דער פאָרשטעלונג איז ביי אים פארבונדן מיט די פלענער צו שאפן נייע טעאטער-שטיק, וועלכע שוועבן נאָך אין זיין דמיון מיט מטושטשע בילדער. דערצו האָט ער זיך נישט געוואָלט מודה זיין, ווייל דאָס וואָלט געווען א פארמינערונג פון דעם פארדינסט פון זיינע חברים. יעטוועדן געדאנק וועגן זיינם אן אנטשיידנדיקער ראָל אין דעם גאנצן טעאטער האָט ער געטריבן פון זיך. יעדן האָט ער געהאלטן פאר א גלייכן שותף צו דער התחלה, ער האָט אפילו ביי יעדער געלעגנהייט אלעמען געגעבן צו פארשטיין, אז פאר דעם אייגנטלעכן פאָטער פון טעאטער האלט ער גאָר יאָסל גוויאזדאן. יענער האָט עס זיי געשטויסן, באגייסטערט, אים אליין אָנגערעגט, ממש באצווונגען... גוויאזדא... ווען ער זאָל כאָטש מאָרגן קאָנען זיין אויף דער פאָרשטעלונג. זיין איינדרוק, זיין מיינונג, וואָלט פאר אים, איזאקן, געווען דער בעסטער פסק-דין, א וועגווייזער און אפשר א דערמוטיקונג.

זיינע געדאנקען האָט איבערגעריסן שרהלע מיט א שעפטש:

— אָשר האָט געזאָגט, אז ער איז רואיק איינגעשלאָפן, ער הוסט נישט. ער האָט זיך געוויצלט, אז מאָרגן וועט ער זיין אויף דער פאָרשטעלונג. הערסט מיך? גוויאזדא...

זיי האָבן זיך אויף א רגע אָפגעשטעלט. שוין נישט ווייט דאָס הייזל אויף שמאָלע מיליע. אלץ ארום איז איינגעהילט אין פינצטערניש. איזאק האָט ארויפגעקוקט: אויך פון אויבן האָט קיין בלאסער שיין פון א שטערנדל נישט דורכגעריסן די פינצטערניש.

— נישט טומלען אויפן הויף. נישט אויפוועקן גוויאזדאן... — בינעם איז ווידער געוואָרן דער קאָמאנדיר.

לאמטערנדלעך האָבן געצאנקט אויף „א גוטע נאכט". איזאק איז אריין אין דער פינצטערניש פון הויף.

VII

„אָ, משה, האָסט ביי מיר אין פּאַלאַץ געהאַט פון שענסטן
און פון בעסטן,
כבוד און וווילטאָג, קליידער און גאָלד, וואָס דיין האַרץ גלוסט צו
טרינקען און צו עסן.
צי איז אַזאַ אומדאַנקבאַרקייט גראָד פיין און רעכט,
דו זאָלסט צעבונטעווען אַקעגן מיר די קנעכט?“

פּרעהס שטים האָט געציטערט פון אויפרעגונג. ער האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיט זיין אנטוישונג צוליב משהן, אַז ער האָט נישט געלייגט קיין אכט דערויף, וואָס די ליכטלעך אַרום זיין טראָן האָבן געצאַנקט און דער קאָפּעטש פון זיי האָט געביסן אין האַלדז. ווי צולהכעיס האָט זיך דער רויך פון די ליכטלעך כסדר געצויגן צום טראָן, געטריבן דורכן ווינטל פון די פּעכערס, מיט וועלכע פּרעהס לייב-וואַך האָט געקילט דעם קעניגלעכן קאָפּ. איינער פון די הויפלייט, בערל דער לאַנגער, איז אַפילו אָן אויפהער אַרומגעגאַנגען מיט אַ שערל פון ליכטל צו ליכטל און אָפּגעשניטן דעם איבערגעברענטן קנויט, דאָס האָט אָבער נאָר אויף אַ רגע פאַרקלענערט דעם קאָפּעטש. די סצענע האָט איזאַק איינגעשטעלט נאָכן ערשטן אקט, כדי אויסצומיידן פּרעהס פּוצן די ליכטלעך מיט די פינגער, פון וואָס דער הערשער פון מצרים האָט פריער געהאַט אויסגעשמירט די פינגער אין סאַזשע.

אַ פּויזע איז אויסגעהאַלטן געוואָרן ביי אַלגעמיינער שפּאַנונג. משה האָט אָפּגעוואַרט אַ רגע. עס האָט זיך געפילט, אַז ער גרייט זיך צו געבן זיין האַר און דערציער דעם לעצטן ענטפער, אַן ענטפער, וואָס איז אָנגעוואַקסן אין אים נאָך לאַנגן טראַכטן און איבערלעכן געראַנגל. משהס ווערטער זענען געווען געטאַקט, וואָרט ביי וואָרט. רואיק, באַהערשט, כאָטש אין שלמה ברחנס אויגן האָט געגליט אַ פייער. ער האָט דערציילט וועגן די ליידן פון זיינע ברידער און שוועסטער, וועלכע ווערן אונטער בייטשן געטריבן צו קנעטן די ציגל און ליים, בויען פאַר פּרעהן גאַנצע שטעט; ער האָט דערציילט וועגן די עוולות, וואָס פּרעהס שטאַטהאַלטער באַגייען קעגן די פּויערים, צונעמענדיק ביי זיי דעם גרעסטן טייל פּרוכטן פון זייער שווער אַרבעט; וועגן אָרעמקייט, שמוץ און קראַנקהייטן ביים אָרעמען פאָלק; וועגן די רייכע סעודות און אויסגעלאַסנקייט, וועלכע עס פּראַווען די כוהנים און האַרן. וואָס מער ער האָט דערציילט, אַלץ מער ברען האָבן באַקומען

זיינע ווערטער, אלץ שטארקער זענען זיי אַנגעגליט געוואָרן דורכן פייער, וואָס האָט געברענט אין משהן אינעווייניק, וואָס האָט אזוי ארויסגעגליט פון שלמה בדחנס אויגן. ווען ער האָט פארענדיקט:

ווי ס'קאָן דער מענטש נישט אָטעמען אָן לופט, ס'געוויקס נישט וואַקסן אָן זון און אָן וואַסער,
קאָן קיין פאָלק נישט לעבן אָן פרייהייט, ס'מוז די אונטערדריקער האַסן.
כ'בין אַ קינד פון מיין פאָלק, כ'האָב ליב מיינע שוועסטער און ברידער.
מיין איינענער ווילסאַג איז מיר מיאוס און דערווידער.
גיב פרייהייט דעם פאָלק, לאָז פון מצרים אַרויס די אָרעמע מענטשן,
דאָס איז אונדזער באַגער, אונדזער אַלעמענס ווונטשן!

איז אַ שאָרך אדורך איבערן זאַל. ווי אַן אָפּגעבריטער האָט זיך פרעה אויפגעריסן פון זיין טראָן. זיין לייב-וואַך האָט זיך אויסגעבויגן, גרייט צו וואַרפן זיך אויף משהן. אַ שווערער זיפץ האָט זיך ארויסגעריסן פון צענד־לידער ווייבערישע העלדזער אויף דער גאַלעריע, נאָר דער פאָרהאַנג האָט פארדעקט די בינע, לאָזנדיק דעם עולם וואַרטן אין אומגעדולד, וואָס וועט מער ווערן פאָרקומען.

אין זאַל האָט זיך ווידער אויפגעהויבן אַ טומל. קלאַנגען פון יידישע און פוילישע רייד האָבן זיך איבערגעפלאָכטן אין איין גרויסן האַרמידער. איזאַק איז אַ דערשעפטער אוועקגעפאַלן אויף אַ בענקל הינטער די קוליסן. די גאַנצע צייט איז ער געשטאַנען אָנגעשפאַנט, געציטערט פאַר יעדן וואָרט און יעדער באַוועגונג פון די שפילער. איצט האָט עפּעס אָפּגעטייעט אַרום האַרצן: ער האָט געפילט, אז דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער בינע, איז דערגאַנגען צום עולם. עס האָט געריכט. און אויב עס רירט, הייסט — עס איז מער אָדער ווייניקער פארשטאַנען געוואָרן.

אויף דער בינע איז געווען אַ יום־טוב. מען איז זיך געפאַלן אין די אָרעמס, געקושט, געווינטשעוועט. פון די באַשמירטע פנימער — גלאַטע און באַקלעפטע מיט קליאָטשע — האָט אַראָפּגעשיינט פרייד. מער פון אַלעמען האָט געמענט שמאָלצירן שלמה בדחן. נישט קיין קלייניקייט — אזא מבין, ווי זיין חבר דאווידסאָן, דער שמאָלצער, אַ ביסל פארריסענער באַגומיל דאווידסאָן, דער מענטש פון „אמתן טעאַטער“, דער, מיט וועמענס מבינות מען רעכנט זיך אין פוילישן טעאַטער, — דריקט איצט זיין האַנט און זאָגט פייערלעך:

— ביסט א טאלאנט, סאלאָמאָן, אַן אמתער טאלאנט!

דאַווידסאָן זוכט איזאַקן, באַמערקט אים אין אַ ווינקל פון דער קוליסע און באַגריסט אים פייערלעך:

— איך גראַטולירן אייך! עס קאָן פון דעם אַרויסוואַקסן, א מעאַטער אַרויסוואַקסן! ריינע טאלאנטן!

ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך באַלד געכאַפּט: צופיל באַגייסטערונג קאָן פאַרמינערן זיין אייגענע ווערט, האָט ער צוגעגעבן —

— בריליאַנטן אין בלאָטע!

א מאַך מיט דער האַנט איז געווען איזאַקס ענטפער. ער איז איצט נישט בכוח געווען אַריינצולאָזן זיך אין אַ וויכוח מיט דאַווידסאָנען. אַ מאָמענט פון דערשעפונג נאָך דער נערוון־אָנשפּאַנונג האָט אים געלייגט די קעל. נאָר שרהלעס אויגן האָבן ביז א בלישטש געטאָן אין דער ריכטונג פון דאַווידסאָנען.

דער טומל פון הויכע גערעדערייען און זאַל האָט זיך דורכגעשלאָגן דורכן פאָרהאַנג און אָנגעהאַלטן, ביז די קאַפּעליע האָט אויפגעשפּילט די ערשטע טענער. ערשט דאַן איז דער טומל צוביסלעך שטילער געוואָרן, איינגעשרומפּן, אויסגעהויכט זיך אין דער געדיכטער לופט, וואָס איז גע־האַנגען איבערן זאַל. דער עולם האָט שוין ביזן סוף מיט שפּאַנונג, און העלכער עס האָט זיך געפילט איינטערעס און אַפילו דרך־ארץ פאַר דעם, וואָס קומט פאָר אויף דער בינע, שטיל אָפּגעוואַרט די פאַרענדיקונג פון דער פאָרשטעלונג, כדי מיט הילכיקע פּאַטשערייען און באַגייסטערנדיקע אויסרופן צו דאַנקען די שפּילער פאַר דער איבערלעבונג, וואָס האָט זיי פאַרשאַפט דער אָוונט.

הינטער די קוליסן האָבן זיך א לאָז געטאָן פרייגד און גוטע ברידער פון די שפּילער. דער גאַנצער טומל האָט זיך אַהין אַריבערגעטראָגן. ווי מחותנים, האָבן זיך אָנגופרי מיט זימלען אַרומגעדרייט צווישן די געסט, געבעטן זיך ביי זיי, מען זאָל די שפּילער זיך לאָזן איבערטאָן, נישט א תל מאַכן פון די בינע־קליידער.

— זיי וועלן נאָך צוגוצקומען! אָהאָ, א מין צוגוצקומען, — האָט זימל אַלעמען איבערצייגט.

צו אָשרן איז מיט א טענה צוגעגאַנגען בינעם: הלמאי האָט ער נאָך נישט אויפגעטראָגן צו גוויאַזדאַן די ידיעה וועגן גרויסן נצחון. שלמהלע משרת האָט זיך מיט פייער באַמיט צו איבערצייגן שרהלען, אַז דער דער־פאָלג פון דער פאָרשטעלונג האָט איבערגעשטיגן אַלעמענס דערוואַרטונ־

געז. שרהלע האָט אים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט די אויגן גערעדט צו איזאַקן: — „אָט איז דער סוף פון אונדזערע הייסע וויכּוחים, און ענטפער אויף אַלע ספקות, מיט וועלכע דו האָסט זיך געמאַטערט אין משך פון די לאַנגע חדשים צוגרייטונגען“... אָבער אָט שטופּט זיך דורך אין זאַל אַן אייראָפּעיש געקליידעטער ייִד, זוכט איזאַקן, און שטעלט זיך אים פאָר:

— טורקוס, דוד טורקוס.

איזאַק האָט געקוקט, נישט פאַרשטייענדיק וועגן וואָס עס גייט.

— איר, גערטנער העגר שערצשפּילער, האָט אוודאי געהערט וועגן דעם באַקאַנטן דרוקער און פאַרלעגער מאיר מיכאל גליקסבערג? דערלויבט איך צו מעלדן: איך בין זיין רעכטע האַנט. קיין זאַך ווערט דער הער גליקסבערג נישט טאָן אָן מיר. איך בין זיין געשעפטס־פירער. איך מעג דרייסט זאָגן וועגן זיך, אַז איך פאַרשטיי זיך אויף געשעפט. מיך קען מען אין וואַרשע. מען קען מיך גוט ביי לורסן אויפן טעאַטער־פּלאַץ. טעאַטער־דירעקטאָרן ווייסן, אַז ביי מיר קאָן מען קריגן אַ גוטע עצה וועגן געשעפט. איך וויל זיך נישט רימען, איר, העגר שערצשפּילער קאָנט זיך ערקונדיקן וועגן מיר... דער הער דאַווידסאָן וועט עס זיכער באַשטעטיקן, אָט שטייט ער טאַקע דאָרט... איך האָב פיינט צו פאַרלירן צייט אויף פּוסטע רייד. איך וויל אייך פאָרשלאָגן אַ געשעפט, איך בין זיכער: אַ גוט געשעפט פאַר ביידע צדדים.

ער איז טאַקע אַריבער צו קורצע און זאַכלעכע פאָרשלאַגן: ער וועט איבערנעמען די געשעפטלעכע זייט פון טעאַטער. גרייט אַריינצולייגן געלט, ריזיקירן. די שוישפּילער וועלן האָבן אַ געזיכערטן פאַרדינסט, ווי עס פירט זיך אין די רעגירונגס־טעאַטערס. דער הער שערצשפּילער, אַלס זייער לעדער און אָנפירער, וועט פאַרשטייט זיך באַזונדערס האָנאָרירט ווערן. מאָרגן קאָן מען שוין מאַכן דעם אָפּמאַך. באַדינגונגען — צום אָפּרעדן. צום רב וועט מען נישט גיין... אפשר — מאָרגן אַ ראַנדעוווּ ביי לורסן? אַלע טעאַטער־געשעפטן ווערן דאָרט אָפּגעמאַכט. אויב עס איז דעם הער שערצשפּילער באַקוועם... אויב נישט — אפשר אין לייבלס רעסטאָראַן אויף טוואַרדע גאַס? ווו כ׳וועט אים זיין באַקוועמער...

איזאַק איז געווען באַרוישט. ער האָט געגלאָצט אויף טורקוסן און אַלץ נישט געקאָנט באַנעמען וועגן וואָס עס גייט. שרהלע האָט אָבער גיך געכאַפּט דעם זין פון פאָרשלאַג און אַליין באַשלאָסן: מאָרגן וועט זיין אומעטגלעד, דער הער פאַרשטייט דאָך — מידקייט, איבערגעאַרבעט, דערשעפּט. זאָל זיין אויף מיטוואָך, צוועלף אַזייגער, טאַקע ביי לורסן. בעסער אומסערן רעווייר.

טורקוס האָט זיך גאַלאַנט פאַרנייגט און אַ קוש געטאָן איר האַנט. ער האָט ניט באַמערקט דעם פלאַם, וואָס האָט אַ זעץ געטאָן אין אירע באַקן און די ברייט אויפגעריסענע אויגן, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז אַזאַ זאַך איז מיט איר געשען צום ערשטן מאָל אין איר לעבן.

ביים אַרויסגאַנג פון זאַל איז געווען אַ גרויסער געדראַנג. מאָרגן איז ווידער אַן אַרבעטס־טאָג, צום טאַנץ וועט קיינער ניט פאַרבלייבן. שטורם, פייערמאַן און די רעשט קאַפעליע האָבן געפאַקט די אינסטרומענטן. אַפילו פראַנטישישעק וואַראַ איז געווען צופרידן, וואָס עס ענדיקט זיך. זיינע טעכמער זענען אָנגעשלאָפן געוואָרן ביים בופעט, און ער אַליין וואָלט היינט ניט בכוח געווען מער צו באַדינען די געסט. די דריי טעג האָבן זייערס געגעבן. אַ סך מער, ווי ער האָט זיך גערעכנט. איצט — שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן!...

אין אַ טונקעלן ווינקל פון זאַל זענען געשטאַנען צוויי עלעגאַנט געקליידעטע הערן און שטיל געשמועסט אויף פויליש. ווען דער זאַל איז שוין כמעט ליידיק געוואָרן, האָט איינער פון זיי אָוועקגעבויגן דעם פאָרהאַנג און אַרויסגעקוקט אויף דער בינע. ער האָט גראָד געטראָפן דאָס ווינקל, ווו איזאַק איז געשטאַנען מיט שרהלען. נאָר וואָס האָט זיך טורקוס געהאַט געזעגנט מיט זיי.

— מען קאָן צו דיר, איזאַק?

פאַר איזאַקן איז דאָס געווען אומגלויבלעך: הענריק אונגער האָט אַראָפגעגירעט אַהער.

— עס וויל דיך באַקענען הער מאַטיאַס ראָזען.

שרהלע האָט זיך צוריקגעצויגן און אויסגעמישט צווישן די שפילער, טיילנדיק אויף רעכטס און אויף לינקס לויב־רייד און דערמוטיקונגס־ווערטער. איזאַק האָט זיך שווער אויפגעהויבן און אַראָפגעשפרונגען אין זאַל אַריין.

אָנגעהויבן האָט הענריק מיט גראַטולאַציעס. ער איז זייער צופרידן, וואָס זיין חבר איז אַזוי געלונגען די אונטערנעמונג. געצווייפלט האָט ער קיין מאָל ניט, אַז איזאַק האָט עפּעס אין זיך — עפּעס ניט דורכשניטלעכס. אפשר דאַרף מען צוהעלפן, ער זאָל אָנווענדן זיינע פעיקייטן אין אַ פאַסיקער סביבה, אין אַן אמת טעאַטער, — ער, הענריק, האָט באַקאַנטשאַפטן, איז גרייט צו העלפן. און דער הער ראָזען, פאַרשטייט זיך, קאָן נאָך מער.

ריכטיק, מאַטיאַס ראָזען איז איבערראַשט דערפון, וואָס ער האָט געזען. דאָס איז דאָך אַלץ, הויפטזעכלעך, איזאַקס פאַרדינסט — זיין אייראָפעישע קולטור, זיין וויסן, זיינע פעיקייטן. נאָר דערמיט האָט מען געקאָנט

אַרויסבאַקומען פון דער פינצטערער מאַסע אַזויפיל אמתע קונסט. ער, ראַיען, איז אַ ליבהאָבער פון קונסט, גרייט צו העלפן די קינסטלער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר קונסט, פאַר דער אַנטוויקלונג פון טאַלאַנטן. אויסער דעם — מען דאַרף קוקן אויף זאַכן מיט אָפענע אויגן: דערווייל איז זיי געלונגען איבערצוכיטרעווען קהל. אָבער דאָס צווייטע מאָל קאָן שוין נישט געלונגען. צו וואָס פטרן די ווערטפולע כוחות? אויב דער הערשערצשפילער וועט זיך נייטיקן אין זיין הילף אָנצוקומען אין אַן אמת טעאַטער — איז ער שטענדיק גרייט צו דינען.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק די הערן! — איזאַק האָט אינגאַנצן איפגעקאָכט.

— איך וועל זיך נישט אָפרייסן פון מיינע שפילער, פון מיינע קינסטלער. גאָר מיט זיי וועל איך שאַפן מיין טעאַטער. און טאַקע פאַר זיי, פאַר זיי אַלע, וואָס זענען דאָ היינט געווען... איך בין גליקלעך, וואָס דער געערטער הער רעדט וועגן קונסט. אויב דאָס איז קונסט, איז די פינצטערע מאַסע, ווי דער הער האָט זיי אָנגערופן, — זענען זיי טאַקע קינסטלער, אמתע קינסטלער, וואָס וועלן נאָך באַווייזן, וואָס זיי קאָנען... — מיט זיי וועל איך ווייטער שאַפן, ווייטער זיך באַמיען אַפילו גובר צו זיין די שטערונגען פון קהל. יאָ, מיר זענען גרייט אויף אַלץ! אָ, ווען די הערן זאָלן מיר אין דעם וועלן העלפן...

ביידע הערן האָבן זיך גלייך העפלעך געזעגנט.

— אומפאַרבעסערלעך! — העגריק האָט עס אויסגעזיפצט מיט באַדויערן, ווען זיי האָבן פאַרלאָזט די שענק און איינגעשטיגן אין דער וואַרטנדיקער קאַטש אויף דער גאַס.

אַ הייטערקייט איז פלוצלונג באַפאַלן איזאַקן. די מידקייט, דערשעפטקייט זענען צעטייעט געוואָרן, ווי שנייעלעך אין דער וואַרעמקייט. אַ נייער צופלוס פון ענערגיע האָט אים איצט צעוואַרעמט. ער איז לייכט אַרויפגעשפרונגען אויף דער בינע און מיט אַ פעסטער שטים אויסגערופן, איבערשרייענדיק דעם טומל:

— חברה! הורד אייך איז היינט געבוירן געוואָרן אַ טעאַטער. אַ יידיש טעאַטער.

ז.

קהלס צאָרן

I

— מושב לצים, ווי איז מיר! אָשמנו, בגדנו...

דער „חמדת שלמה“ איז געווען פאַרצווייפלט, צעבראָכן. די הפקר=יונגען האָבן מנצח געווען! די פאָרגעקומענע פאָרשטעלונגען זענען פאַר אים געווען אַ באַווייז, אַז די יאָרן פון זיין רבנות אין ק״ק וואַרשע זענען ניט געווען עולה=יפה, ניט געבראַכט צו אַ פאַרשטאַרקונג פון דת, נאָר פאַרקערט. מיט וואָס וועט ער פאַרענטפערן די חטאים פון די צאן=קדשים, וועלכע זענען דורך דער השגחה איבערגעגעבן געוואָרן אונטער זיין רשות? די זינד פון די וואַרשעווער יידן וועלן פאַלן אויף זיין קאָפּ, דאָס זענען געווען זיינע זינד — ווער ווייסט, צי וועט ער נאָך באַוויזן צו פאַרדינען דערויף, מען זאָל אים מכפר זיין די זינד? גלייך נאָך פורים האָט ער אַליין אויף זיך אַרויפגעלייגט אַ תשובה, תעניתים. דער ערשטער תענית האָט אַזוי דערשעפט דעם זקן — און אפשר גאָר די ערהנערנישן, אַז ער איז ניט געווען בכוח אויפצושטיין פון געלעגער, און דער אייליק אַרויסגערופענער דאָקטאָר בערנשטיין האָט פאַראָרדנט אַבסאָלוטע רו פאַר זיינעטוועגן און אומבאַדינגט איבעררייסן דעם תענית. ער מוז געפלעגט ווערן מיט יאַיכעלער, אַ שטיקל עוף, איינגעמאַכטס, ווייל עס דראָט, ער זאָל, חלילה, אויסגיין, ווי אַ ליכט.

די משפחה און מקורבים האָבן מיט בקשות און יללות געפרוווט איבערציינגן דעם רב. אַלע וואַרשעווער מורה=הוראות זענען זיך צונויפגעקומען ביים קראַנקנס בעט און קוים באַוויזן איבערצורעדן רב שלמה=זלמן מיט

פּסוקים פון דער תורה און ראיות פון דער גמרא, ער זאָל איבעררייסן דעם תענית. דער רב איז איינגעגאַנגען מיט איין תנאַי: אַלע מורה=הוראהס זאָלן זיך מתחייב זיין נישט צו רוען, ווירקן אויף די דאָזיקע אָרעמס און שיינע באַלעבאַטים, מען זאָל אָנהייבן אַ הייליקע מלחמה קעגן דעם מושב=לצים — עד חרמה. דער רב גופא האָט שוין מער נישט געוואָלט רעדן און זען די דייטשמערישע באַלעבאַטים און זייערע יוצר=משרתים. טיף אין האַרצן האָט ער געהאַלטן, אַז פון זיי נעמט זיך די פּעסט, פון זייערע סאַלאָנען און פון ראַבינער=סעמינאַר. דער המון איז נאָר אָנגעשטעקט געוואָרן דורכן שלעכטן ביישפּיל, וואָס עס גיבן די שטאָט=טאַטעס. „דער פיש שטינקט פון קאָפּ“, — האָט דער רב ליפּשיץ געטראַכט אין זיך. דאָס זאָגן הויך האָט ער נישט געהאַט קיין מוט — טאָמער דערגייט עס פּאָרט צו די קאַרפּן=קעפּ און מיט זיי צו קעמפן האָט ער זיך נישט געפילט בכוח. אַלנפאַלס — זיך האָט ער נישט געהאַלטן פאַרן קאָפּ פון דער קהלה. ער איז געווען דאָס האַרץ — אַן אַלט, קראַנק האַרץ, וואָס קאָן יעדע רגע אויפהערן צו קלאַפּן. דאַן וועט שוין פאַרבלייבן בלויז דער שלעכטער קאָפּ, פון וועלכן עס קאָנען קומען גאָר גרויסע צרות, זינד, אומגליקן — „ווי, ווי, צו וואָס איך האָב דערלעבט!“

די מורה=הוראהס האָבן געהאַלטן וואָרט: יעדער פון זיי האָט זיך מטריח געווען צו אַ דאָזאָר, אַ פּאָר באַלעבאַטים — חסידים, מתנגדים און „דייטשן“. באַלד ביים רב ליפּשיצס קראַנקן=בעט האָבן זיי זיך צעטיילט — אָן די געוויינלעכע מחלוקות און וויכוחים, מן=הסתם אויס דרך=ארץ פאַרן קראַנקן — ווער מיט וועמען און וויאַזוי עס דאַרף רעדן. און צומאָרגנס זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער שטאָט.

דעם זעלבן טאָג זענען אין די פּיינסטע יידישע הייזער, געשעפטן און קאַנטאָרן פאָרגעקומען די שמועסן פון די מורה=הוראהס מיט די גדולים פון דער קהילה. די בערעקסאָגס האָט מען אויפגעוויזן מיט אותות און מופתים, אַז זייער גרויסער זיידע, רב שמואל זביטקאָווער, וועט קיין רו נישט האָבן אין קבר, אויב אין דער קהילה, וואָס ער האָט אויסגעפּיעשטשעט, וואָס איז זיין קינד געווען, וועלן געשען אַזעלכע נבלות. ביי די חסידים, ווי גבריאל אייזנמאַן צי איטשע מאיר אַלטער, האָט מען נישט באַדאַרפט פירן קיין איבעריקע רייד. זיי האָבן אַלע מיטגעקלאָגט מיטן „חמדת שלמה“ אויפן גרויסן חורבן, וואָס האָט געטראָפן די קהילה. הילף מיט אַ ברייטער האַנט האָבן אויך באַלד צוגעזאָגט רב חיים דאַווידזאָן און רב שלמה=זלמן פּאָזנער, בעריש אונגער און אַפילו נאַטשע אונגער, וועלכער האָט אָבער דערביי נישט

דורכגעלאָזט די געלעגנהייט אָפּצוחוזקן פון די דאָזאָרעס: „אויך מיר אויפטוער, דערלאָזט צו אַזאַ נבלה!“. שווערער איז צוגעגאַנגען מיט די יידן, וואָס האָבן זיך שוין געהאַלטן פאַר פּריצים און געחלומט וועגן שליאַכעצקע הערבן, ווי קאַראָל זילבערשטיין, עטינגער־ראַוווסקי, צי אַפילו מאיר בערזאָן. זיי האָבן נישט בדעה אָנצוהייבן אַ מלחמה מיט די שמאַטע־יידן, גיין, זאָלן זיי טאָן, וואָס עס גלוסט זיך זיי. — „וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צו אונדז?“. דעם רבס שליחים זענען אָבער נישט אָפּגעשטאַנען. אָנגעגורט מיט געדולד און הכנעה, האָבן זייערע ווערטער געטריפט, ווי טראָפּנס בוימל אויף סאַמעט, צוביסלעך איינגעזאַפּט געוואָרן אין די פאַרשלאָסענע הערצער פון די פּריצישע יידן. — „פילט איר נישט, ווילגעבוירענע הערן, דאָס שיינדל פון ישראלס קינדער אויף דער פּוילישער ערד, אַז אַזאַ אויפרודערונג צווישן המון, ווי עס קאָן ווערן אַ מין טיאַטרון, קאָן, חלילה, פאַרשטאַרקן די שנאה צו אַלע יידן, באַשמוצן דאָס פּנים פון יעדן, וואָס שטאַמט פון די בני־יעקב און חלילה וחלילה אַרויסרופן אַ באַוועגונג קעגן מלכות און דעם צאָרן פון מלכות קעגן יעדן, וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון ברית אַברהם?“... לסוף האָבן זיי געפּועלט — ביי וועמען, כדי פּטור צו ווערן פון די צודרינגלעכע באַזוכער, ביי וועמען — סתם אַזוי, כדי נישט אָנצוגיין פאַר אַ קאַרגן — די פּריצים וועלן קיין געלט נישט זשאַלעווען. זייערע נעמען זאָלן נאָר נישט זיין פאַרמישט אין דעם גאַנצן עסק.

דאָראָזשקעס מיט מורה־הוראהס און זייערע שמשים האָבן זיך געטראָגן איבער „יענע“ גאַסן צו די פּאַלאַצן, הייזער און קאַנטאָרן פון די פּריצים, פון אייניקע דאָזאָרעס און סתם שיינע יידן. מיט אַ שולד־געפיל האָבן אויסגעהערט די טענות עפּשטיין, טעפּליץ און יצחק־שמעון ראָזען. אמת, אפשר האָבן זיי טאַקע גרינגגעשעצט דעם ענין. איצט וועלן זיי זיך ערנסט דערמיט פאַראינטערעסירן און וועלן אַלץ טאָן, כדי צו פאַרריכטן דעם פעלער, וואָס האָט פאַרשאַפט אַזויפיל שפיכת־דמים דעם חשובן גייסטיקן פירער פון דער קהילה.

די דריי האָבן זיך טאַקע באַלד פאַרשטענדיקט, אָפּגערעדט צו טרעפן זיך דעם זעלבן אָוונט אויף אַ דרינגענדיקן שמועס ביי רב יצחק־שמעון ראָזען, פאַרבעטנדיק אויך אַנטאָני אייזנבוים, יעקב טוגענדהאָלד און אַברהם פּאַפּראָצקי, די, וואָס סוף־כל־סוף איז עס זייער אַרבעט צו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן.

זיי זענען זיך צונויפגעקומען אין גרויסן קאַבינעט פון ראָזענען — אַ נידעריקער חדר, וואָס האָט זיך ממש געבויגן אונטער דער שווערקייט פון

אַלטע מעבל־שטיק, באַשטעלטע מיט מנורות, חנוכה־לאָמפּן, בשמים־ביקסן און אַנדערע אַנטיקן, צו וועלכע יצחק־שמעון ראָזען האָט געהאַט אַ באַזונדערע שוואַכקייט. אין טיפע, געשניצטע פּאָטעלן, באַדעקטע מיט געפּרעסט לעדער — מייסטערשטיק פון דאַנציקער אַרבעט — זענען פאַרזאָרגטע געזעסן די פאַרבעטענע הערן. צוגעקומען איז נאָך מאַטיאַס ראָזען, וואָס האָט זיך אַליין אָנגעבאָטן אַלס אָנטיילנעמער פון דער אַסיפה. קיין שום הקדמות זענען נישט געווען נייטיק. אַלע האָבן געוווּסט, וואָס זיי דאַרפן היינט אַדורכרעדן, אויף וואָס צו געפינען אַן עצה. דערווייל האָט מען טועם געווען דעם געריכטן וויין פון מאַסיווע זילבערנע בעכערס. די מידקייט נאָך דעם טאָג געשעפטן און די געריכטקייט פון וויין האָבן אַ ביסל באַשווערט די צינגער. בלויז אייניצלנע ווערטער זענען דערווייל געפאַלן אַרום דער פראַגע, צום עיקר איז מען אַלץ נישט צוגעטראָטן.

איבערגעריסן די שלאַבעריקייט פונעם שמועס האָט ערשט מאַטיאַס ראָזען.

— איך האַלט זיך, מיינע הערן, פאַר באַרעכטיקט צו רעדן, ווייל איך בין דער איינציקער פון די אָנוועזנדיקע דאָ, וואָס האָט אַליין בייגעוווינט די יידישע פאָרשטעלונג. באַוויליקט אויסצוהערן מיינע געדאַנקען אויף דער טעמע. דאָס טעאַטער, דאָס איז מיין טיפסטע איבערצייגונג, קאָן זיך לאַנג נישט אויפהאַלטן צווישן דער אָרעמקייט... אינטערעסאַנט, ווי אומגלויבלער עס זאָל אייך נישט קלינגען, מיינע הערן, דאָס איז געווען אַן אמתע קונסט־ערלעבונג. יאָ, יאָ, איך זאָג עס מיט דער פולסטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ס'איז קונסט! און טאַקע דערפאַר קאָן עס לאַנג נישט אָנהאַלטן. די פינצטערע מאַסע איז נישט דערוואַקסן צו באַנעמען ערנסטע קונסט. טאַקע דערפאַר דאַרף מען זיי גאָרנישט שטערן. די גאַנצע געשיכטע וועט זיכער זייער גיך אַליין אויסהויכן די נשמה. עס פּאַסט נישט דעריבער צו מאַכן קיין סקאַנדאַלן און אַרויסרופן לייטיש געלעכטער. איך בעט מיך נישט שלעכט צו פאַרשטיין, כ'בין ווייט פון אונטערשטיצן אַזאַ ווילדע צוטראַכטעניש. איך האָב אַפילו געפּרוּווט צו רעדן מיט זייער אָנפירער, נו, דעם רעדל־פירער פון די פורים־שפּילער... אַן אינטערעסאַנטער סוביעקט. אייראָפּעיש געבילדעט, אַ באַגאַבטער מענטש... אַ נישט געלונגענער פּרווו געווען, ער האָט מיך אויפגענומען מיט פאַראַכט. אָבער ווען מען זאָל קאָנען אים אַוועקרייסן פון די שפּילער, אַריינגעמען אין אונדזער קרייז, וואָלט זיך די גאַנצע זאַך באַלד געענדיקט... איך בין איבערצייגט! אפשר וואָלט דער הער איינבוים געפּרוּווט? ס'איז זיינער אַ תלמיד, פון דער ראַבינער־שול, איזאַק שערצשפּילער.

אַ שטעכיקער בליק פֿון טונעגדהאָלדן האָט דערציילט וועגן זיין טריומף איבער אייזנבוימען. אָבער אייזנבוים האָט זיך געהאַט פֿאַרויס באַוואָפֿנט מיט סבלנות, ווייסנדיק, אַז טונעגדהאָלד וועט דאָ נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט, כּדי זיך מיט אים אָפּצוחשבונען פֿאַר זייער לאַנגיאָריקער קאָנקורענץ. האָט ער זיך איצט אָנגעכאַפּט אין מאַטיאַס ראָזענס רייד, ווי אין אַ רעטונגס־ברעט:

— ביטע זייער, כ׳בין גרייט צו רעדן מיט מיין אַמאָליקן תלמיד, כאָטש ס׳וועט מיר זיין גענוג פּיינלעך... ער איז אַוועק לתרבות־רעה, אָבער איז אומבאַדינגט געבילדעט. אונדזער שול האָט געגעבן אַ סך, זייער אַ סך אירע תלמידים... — ער האָט געמיינט דערמיט צו טריומפֿירן איבער טונעגדהאָלדן, — און ער איז זייער באַגאַבט, ווי דער חשובֿער הער מאַטיאַס האָט עס אַליין באַוויליקט צו באַמערקן. איך טראַכט אַפֿילו ביי זיך, צי וואָלט נישט געווען אַ פּלאַן איבערצונעמען די אויפֿזיכט איבערן גאַנצן טעאַטער, אַוועקפֿירן אים אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג: אָנשטאָט עס זאָל דינען צו פֿאַרשפּרייטן הפֿקרות, זאָל עס ווערן אַן אָרט פֿון ליכטיק מאַכן אין די מוחות פֿון דער מאַסע, לערנען זיי גוטע זיטן און פֿאַרשטענדעניש פֿאַר זייערע פּליכטן לגבי דער העכערער געזעלשאַפֿט...

איצט האָט זיך שוין טונעגדהאָלד דערפֿילט ווי אַ פֿיש אין וואַסער:

— מיין גרעסטע פּערזענלעכע אַכטונג פֿאַר דעם געערטן דירעקטאָר פֿון דער ראַבינער־שול, פֿאַר זיין קולטור און גוטע כּוונות. אונדזערע חכמים האָבן שוין געלערנט אָבער, אַז כּוונות איז נאָך, ליידער, נישט אַלץ. עס קאָן פֿון זיי אַרויסקומען גאָר עפּעס אַנדערש. איך מוז, ליידער, דערווייזן, אַז דער געשעצטער דירעקטאָר אייזנבוים לערנט זיך גאָרנישט פֿון לעבן. צי געדענקען נישט די הערן זיין דורכפֿאַל מיטן „בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסעל“, וואָס איז געוואָרן אַ קאַריקאַטור פֿון צייטונגען ביי לייטן? גאָרנישט געגעבן דער אויפֿקלערונג און דער בעסערער געזעלשאַפֿט, אַחוץ שאָדן. דער געשעצטער דערציִער פֿאַרגעסט וועגן די צרות און חרפּות, וועלכע עס פֿאַרשאַפֿן דעם יידישן כּלל שוין זינט יאָרן אַ סך פֿון זיינע תלמידים, האָספּיטאַנטן פֿון דער ראַבינער־שול. זעלטן גייט פֿון דאָרט אַרויס אַ נוצלעכער מענטש. דאַקעגן זעען אָפֿט די בזיונות, שאָדן פֿאַר מלכות און פֿאַרן יידישן דת. איך וויל דאָ, פֿאַרשטייט זיך, נישט מאַכן איצט קיין חשבון פֿון חטאים פֿון דער ראַבינער־שול, נישט אויפֿווייזן די פֿעלערן פֿון הער אייזנבוימס פֿירונג, חלילה. נישט איצט איז די צייט דערצו. איבעריקנס קומט עס אַליין אויף גאַנץ קלאָר. — ער האָט פֿרום פֿאַרגלאָצט די אויגן. — איך קאָן אָבער

גישט פֿאַרשווייגן מיין שרעק פֿאַר די גייע פֿלעגער פֿון הער אייזנבוים. איך בין איבערצייגט, אַז אַזאַ פּרווו מיטן טעאַטער קאָן ווידער האָבן דאָס זעלבע פּנים, ווי די פֿריער דערמאָנטע אויפֿטוען פֿון הויכגעשעצטן דירעקטאָר אייזנבוים. דאָס קאָן נאָכמער פֿאַרשטאַרקן די קעגנערשאַפֿט פֿון פֿרומע יידן, פֿון די רבנים קעגן יעטוועדן מין אויפֿקלערונג ביי יידן. און דאָס, גלויב איך, איז קעגן די איידעלע אינטערעסן פֿון די הויכגעערטע און פּראָמינענטע הערן, די פֿאָרגעשריטנסטע מענטשן פֿון אונדזער שטאָט, וועלכע ווידמען אַזויפֿיל טייערע צייט און כּוחות, שוין אָפּגערעדט וועגן געלט, פֿאַר די פֿראַגן פֿון פֿאָרשריט פֿון אונדזערע אָרעמע גלויבנסגענאָסן און פֿון קולטור בכלל. דעריבער מיין איך, אַז דער הער אייזנבוים האָט ווידער געגעבן, אָן שלעכטע כּוונות, פֿאַרשטייט זיך, אַ שעדלעכע עצה. איך מיין, אַז עס איז איבעריק די הערן צו איבערצייגן, אַז ווען מען זאָל זיך צוהערן צו זיין פּלאַן, וועט ווידער אַרויסקומען דערפֿון עפּעס אַ רעה פֿאַרן כּלל...

אייזנבוים האָט זיך איינגעקאָרטשעט, ווי עס וואָלטן אים אָנגעכאַפּט בויך־קראַמפֿן. יעדעס וואָרט פֿון זיין קעגנער, כאָטש עס איז געווען באַפּוצט און באַצוקערט, איז געווען אַ קלאַפּ איבער זיין קאָפּ. די גלעזער פֿון דיברילן זענען געוואָרן פֿאַרנעפּלט מיט פֿאַרע, מסתּמא פֿון די פֿלאַמען, וועלכע האָבן אים אַ שלאָג געטאָן אין די באַקן און אַרויסגעקוועטשט אייניי גראָבע טראָפּנס שווייס. „כ'האָב אָבער פֿריער געוווסט, אַז טאָמער איך וועל זיך צונויפֿטרעפֿן מיט דעם גיפֿטיקן שרץ, וועלכער פֿאַרסמט מיר אַזויפֿיל יאָרן מיין רו, וועל איך ליידן אַן עוולה — האָט ער זיך אַליין געביסן. — דאָס מענטשעלע האָט תּמיד געוווסט ווען און ווו אַריינצושטעכן אַ שפּילקעלע, און זיינע שפּילקעס זענען געווען שאַרף און ווייטיקלעך". נמבע פֿלעגט אייזנבוים טראַכטן שווער, פּאַוואָליע און אויף זיין שטייגער איפּריכמיק. זיין קעגנער אָבער פֿלעגט צאַפּלען און דרייען זיך, ווי אַ שלאַנג, קיינמאָל האָט אים נישט אויסגעפֿעלט קיין וואָרט. ער פֿלעגט בלישטשען מיט אַ שאַרפֿן געדאַנק. קלוג איז עס, דאָס מענטשעלע! יאָ, דאָס קאָן מען אים נישט צונעמען... טיף אין האַרצן פֿלעגט אים אייזנבוים אַליין אָפֿט באַוווּנדערן פֿאַר זיין בליציקייט און שלאָגפֿאַרטיקייט, אַפֿילו מקנא זיין. דערפֿאַר טאַקע האָט ער שטענדיק געציטערט פֿאַר אַ דירעקטער באַגעגעניש מיט אים.

די ריי איז געקומען אויף פּאַפּראָצקין. ער האָט אויסגעצייכנט געפֿילט דאָס האַרץ־קלעמעניש פֿון זיין שווער, ס'איז אַ רחמנות געווען אויף אים. ביי יעדן צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי גייט טוגעדהאָלד שטענדיק אַרויס אַ

געוווּנענער. אָבער דאָסמאָל האָט ער איינגעבוימען, ביים בעסטן ווילן, נישט געקאָנט העלפן. אַז איינמאָל גאָר — אַליין איבערנעמען דאָס פּורים־שפּילעכץ! אין תּוך גענומען איז פּאַפּראָצקי פֿולשטענדיק מסכּים געווען מיט טוגענדהאָלדן. ער האָט זיך שוין נישט איינמאָל געאַמפּערט מיטן שוועער צוליב זיין אומפֿאַרשטענדלעכער שוואַכקייט צום לשון פֿון פּעבל, צום זשאַרגאָן. אַי, ווען דער שווער זאָל זיך לאָזן איבערצייגן צו לשון־קודש! אין אָבער די צרה, אַז איינגבוים איז אַליין נישט צו שטאַרק אין לשון־קודש — אפשר דערפֿון זיין שוואַכקייט צום זשאַרגאָן... אָבער דאָסמאָל ווערט זי שוין אויף אַן אמת געפּערלעך און ס'איז דעריבער פּאַפּראָצקיס חוב, אין די אינטערעסן פֿון קהל, צו גיין יד־אַחת מיט טוגענדהאָלדן — קעגן דעם שווערס שוואַכקייטן. ער האָט געלאַסן, באַזאַכט, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מלוכה־מאַן — און פֿאַר אַזאַ האָט זיך פּאַפּראָצקי געהאַלטן — אָנגעהויבן:

— עס טוט מיר זייער לייד, וואָס איך מוז אויפֿמערקזאַם מאַכן, דעם זייער געערטן הער טוגענדהאָלד, אַז ס'איז נישט צום גוטסטן פֿון דער זאַך ביי יעדער געלעגנהייט צו מאַכן פּערזענלעכע חשבונות. אונטער דעם צודעק פֿון אַ געערכטן ענין אַריינצופּלאָנטערן פֿאַרשידענע אומגערעכטע פּרעטענזיעס און שטעכווערטלעך. אַלע זענען מיר דאָ כּלל־טוער, אויפֿגעקלערטע מענטשן און דאַרפֿן איצט טראַכטן וועגן די אינטערעסן פֿון כּלל און פֿון דער אויפֿקלערונג. פֿון דעם שטאַנדפּונקט בין איך פֿולשטענדיק איינשטימיק מיטן געערטן הער טוגענדהאָלד, אַז מען טאָר אויף קיין פֿאַל נישט דערלאָזן צום באַפּעסטיקן זיך פֿון די פּורים־שפּילן. מיר מוזן אַנטקעגנקומען דעם פֿאַרלאַנג פֿון דעם דורך אַלעמען געשעצטן רב הכּולל, פֿון אַלע פֿרומע וואַרשעווער יידן: דאָס זשאַרגאָנישע טעאַטער, אָט דאָס פֿאַרזעעניש, וואָס טראָגט אין זיך הפקרות, אויסגעלאַסנקייט, גאָטלאָזיקייט און אפשר אויך אַ געפֿאַר פֿאַר דער אָרדענונג, מוז מען אויסראָטן מיטן וואָרצל.

דאָס האָט אַ ברי געטאָן טעפּליצן, ער האָט זיך אַזש אַ דריי געטאָן אין פֿאָטעל:

— איך וועל מיין נאָמען נישט געבן צו אַזאַ מיאוס שטיקל אַרבעט! עס פּאַסט גאָרנישט פֿאַר די פּני פֿון וואַרשע צו פֿירן אַ קאַמף קעגן אַזעלכע קינדער־שפּילן, ווי די פֿאָלקס־פֿאַרווייַלונגען. איך בין אין אַ גרויסער מאָס איינשטימיק מיט מיין יונגן פֿריינד מאַטיאַס ראָזען.

יצחק־שמעון ראָזען איז גאָרנישט געווען צופֿרידן, וואָס זיין זונס מיינונג האָט געפֿונען אַזאַ איינפֿלוסרייכן אָנהענגער, ווי טעפּליץ. ער האָט אויסגעדריקט זיין פֿאַרוווּנדערונג, וואָס אַזאַ קלוגער מענטש, ווי רב טעווועלע, שעצט גרינג די סכּנה פֿון הפקרות ביים פּראָסטן פֿאָלק.

אויסגעגליכט די מיינונגס־פאַרשידנקייטן האָט עפשטיין: קיינער פון די פני דאַרף זיך טאַקע פערזענלעך נישט אַנגאַזשירן אין דעם גאַנצן ענין, עס פאַסט נישט. עס איז אָבער גענוג, אַז מען זאָל ביי אַ געלעגנהייט לאָזן פאַלן אַ וואָרט קעגן דעם — דאָרט, ווו מען דאַרף. למשל: ס'איז אַ דעמאָראַליזאַציע פאַרן פעבל, עס קאָן ווערן אַ קאָנקורענץ פאַר די פאָרשטעלונגען פון די רעגירונגס־טעאַטערס, אָדער עפעס פון דעם מין. דאָס איבעריקע דאַרפן שוין טאָן די באַאַמטע פון קהל, אונטערן אויפזיכט פון די דריי אָנוועזנדיקע דאָ הערן, וואָס זענען דאָך די אמתע אויפזעער איבער דער מאָראַל און דערציונג ביי יידן. מען וועט שוין זען, די הילף זאָל זיין גרייט צו יעדער צייט, ווען עס וועט נייטיק זיין. אין געלט וועט קיין אָפהאַלט נישט זיין...

— טוט, מיינע הערן, טוט! — האָט ער געמוטיקט די אָנוועזנדיקע. — טאָן דאַרף מען באַצייטנס און אַנטשלאָסן. אויסראָטן מיטן וואָרצל. צעקלאַפן דאָס טעאַטער, צעטרייבן די גאַנצע חברה פון גוויאַזדאַן. ענדלעך מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג און אויסלערנען דרך־ארץ די שמאַטע־יידן. זיי זענען שוין צופיל צעלאָזט געוואָרן.

II

דעם זעלבן אָוונט איז דער ענין טעאַטער אויף פאַרשידענע אופנים אַרומגערעדט געוואָרן אין אַ סך יידישע הייזער. ביי גבריאל אייזנמאַן אויפן גזשיבאָוו, צי ביי איטשע־מאיר אַלטער אויף דער וואָלאָווע איז עס געווען אַ סיבה צו קלאָגן אויף דער שרעקלעכער זינד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן איינצוואָרצלען אין שטאָט. — „ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ שטראָף פון גאָט דאָס קאָן נאָך אַרויפציען אויף אונדז!“ — דער הייליקער צאָרן איז אַזוי געשטיגן, אַז מקורבים און טיש־זיצערס זענען גרייט געווען אַרויסצוגיין אין גאַס און אָנצוהייבן אַ מלחמת־הקודש. די באַזאַכטע באַלעבאַטים האָבן זיי באַרואיקט: ס'וועט, אם ירצה השם, איינגיכן קומען דער טאָג. דער „המדת שלמה“ וועט עס נישט פאַרשווייגן! קהל וועט זיך מוזן נעמען דערצו!

און אין שכנות מיט גוויאַזדאַס שטיבל, אין איזאַקס קליינעם חדרל, זענען געווען פאַרזאַמלט די שפילערס. זיי זענען זיך געקומען קוויקן מיט דעם נחת פון דערגרייכטן און טראַכטן וועגן ווייטער. די מערהייט פון די שפילער איז געווען באַרוישט פון דערפאָלג גופא. דאָס איז געווען פאַר זיי

די זיסע פרוכט. איזאַק איז אויך געווען דערפון פאַרשיכורט. אין אַזאַ שטימונג האָט אים נאָך שלמהלע משרת ביז איצט נישט געזען. — „דער לערער איז גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן!“ — און דער לערער האָט חוזק געמאַכט פון שלמהלען. — „האַרנטע“ — האָט ער אים גערופן, צו שלמהלעס גרויסן פאַרדרוס. שלמה בדחן האָט ביי אים געהייסן „עדמונד קין“. וועגן דעם באַרימטן ענגלישן אַרטיסט האָבן שוין אַלע געהערט אָן אַ שיור דערציילונגען פון איזאַקס מויל. דער צונאָמען האָט דעם בדחן גוט פאַרשיכורט, כאָטש ער האָט, ווי שטענדיק, גערעדט מיט גראַמען, געשאָטן מיט וויצן — אַמאָל זייער געפעפערטע. אַלע זענען געווען שיכור אָן בראָנפן. די ניכטערע זענען געווען נאָר בינעם און שרהלע. זיי האָבן עס געמאַכט די אָפּרעכענונג מיט פראַנטישעק וואַרא און אַהיימגעקומען מיט דער בכבודיקער סומע פון צוויי הונדערט דריי און זיבעציק גילדן, וואָס זענען געבליבן ריינער ריווח פון די פאָרשטעלונגען. גוויאַזדאַן האָבן זיי געהאַט אָפּגעגעבן דעם באַריכט, כאָטש דער דאָקטאָר סטודענצקי האָט שטרענג פאַרווערט מיט וואָס נישט איז אים צו באַאומרואיקן אָדער צו מאַטערן. זיי האָבן נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו מאַכן וועלכע עס איז פלענער וועגן פאַרטיילן דעם ריווח אָן גוויאַזדאַס הסכמה. איצט זענען זיי געווען פעסט ביי זיך, אַז אַלץ, מיט וואָס זיי קומען צו די שפּילער, איז געווען באַטראַכט דורך גוויאַזדאַן, לויט זיינע עצות.

— 273 גילדן! — בינעם איז געווען זיכער, אַז מיט דער ציפער וועט ער מאַכן דעם גרעסטן איינדרוק אויף זיינע חברים. ער האָט געהאַט אַ טעות. דער לאַנגער בערל האָט נאָר אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, זימל מאַליאַזש האָט פאַרחלומט זיך צעשמייכלט און דער עולם שפּילערס האָט ווייטער פרייליך געטומלט.

באַרויִקט האָט זיי שרהלע מיט אַ צודרינגלעכן „ששאַ!“... דאָס געלט איז פאַרדינט געוואָרן דורך אַלע שפּילער און וואָלט באַדאַרפט צעטיילט ווערן צווישן אַלע גלייך. אַ יושר וואָלט אָבער געווען אַ טייל פון דעם געלט זאָל בלייבן אין דער „מעוז־לדל“־קאַסע. מען האָט איר שוין אָפּגעגעבן, וואָס מען האָט אויסגעבאָרגט אויף צוגרייטן די פאָרשטעלונגען, עס וואָלט אָבער נישט געשאַדט, עס זאָל דאָרט בלייבן אויף הוצאות צו די ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען און אויף הילף פאַר די שפּילער, ווען זיי וועלן זיין אין אַן עת צרה. דאָס איבעריקע זאָל צעטיילט ווערן צווישן די שפּילער, וואָס נייטיקן זיך.

— ווער נייטיקט זיך נישט? — האָט זיך עמעצער נישט דרייסט אָנגערופן.

— איך!

בינעמס ענטפער האָט אַרויסגערופן אַ טומל.

— וואָס איז? אַ גרעסערער גביר פון אונדז? באשר דו פאַרדינסט פון דיין אַרבעט? ביסטו נישט דער איינציקער.

— זאָלן זיך אַנדערע אויך אָפּזאָגן.

— רעכט אַזוי! איך זאָג זיך אָפּ. — חיים דער שניידער האָט זיך געהאַלטן פאַרן גרעסטן גביר פון אַלע.

—איך זאָג זיך אָפּ, — האָט איזאַק זיך אַריינגעמישט.

דאָס האָט שוין קיינער נישט געוואָלט אָננעמען:

— ווו איז יושר? מער צייט און כוח פון אונדז אַלעמען אַריינגעלייגט, דער גאַנצער דערפאָלג נעמט זיך פון לערער... קיינער וועט דערויף נישט מסכים זיין!

— פאַרקערט, איזאַק דאַרף קריגן צוויי חלקים. אַזוי איז אָפּגערעדט.

— בינעמס רייד זענען פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דאָס איז גוויאַזדאָס מיינונג און די אַמפּערניש האָט זיך איינגעשטילט. איזאַקן, וואָס האָט זיך נאָך אַ ביסל געוועָרט, האָט עס אין דער אמתן שטאַרק הנאה געטאָן. נישט צוליבן געלט — דאָס האָט נישט געהאַט פאַר אים קיין באַדייטונג. ער האָט זיך שוין אָפּגעוווינט צו טראַכטן וועגן געלט בכלל, זינט ער לעבט אונטער דער השגחה פון גוויאַזדאַס סביבה. באַדאַרפט האָט ער זייער ווייניק און געהאַט האָט ער עפּעס שטענדיק מער, ווי ער האָט באַדאַרפט. עס האָט אים אָבער געפרייט דער אייפער, מיט וועלכן די שפּילער האָבן זיך געאַמפּערט פאַר זיין טובה וועגן. ער האָט עס באַטראַכט ווי זייער אָפּשאַצונג פון זיין אַרבעט, ווי אַן אויסדרוק פון זייער באַציונג צו אים. דאָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע. ער האָט זיך איצט געפילט שולדיק פאַר די געשרייען אויף זיי, פאַר די באַליידיקונגען און זידלערייען, וועלכע ער האָט אָפטמאָל נישט געקאַרגט בעת די צוגרייטונגען. אַ וואַרעמקייט האָט אים אַרומגענומען, — „קיינער טראָגט נישט קיין בייז האַרץ אויף מיר, אַלע געדענקען נאָר דאָס גוטע". ער האָט זיך געפילט ווי פאַרשעמט און געשמייכלט. פאַרלוירן האָט ער אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבערן צעשויבערטן קאָפּ, און באַמערקנדיק נעבן זיך דעם קליינעם גדליהו, האָט ער אים אַרויפגענומען אויף די קני. אַ קוש געגעבן:

— מאָרגן קריגסטו ביי מיר אַ פּאָר נייע שיך.

עפּעס אַ קינדישע פרייד האָט דערביי באַהערשט איזאַקן. ער איז געוואָרן, ווי דער קליינער גדליהו, — גליקלעך און פאַרלוירן. שרהלע האָט

עס באמעריקט און געווען צופרידן. — „אויף אן אמת א גוט הארץ", — האט זי זיך געטראכט. א מילדע ווארעמקייט האט ארומגעכאפט איר הארץ. באלד האט זי זיך אָבער באמיט נישט צו טראכטן וועגן דעם. עס צעגעמט עפעס אזוי מאָרגע, מאכט אָנגענעם פויל, פארוויגט. און איצט דארף מען זיין וואך, מאכן פלענער, עפעס טאָן:

— מאָרגן האט איזאק א טרעפונג...

יעדער פון די שפילער האט זיך דערפילט פאר א שותף צו די וואָגיקע זאכן, וואָס וועלן געשען. מען ווייסט נאָך טאקע גאָרנישט גענוי — אייגער א מענטש איז געקומען, האט גרויסע פראָיעקטן. געדולד און בטחון. ס'איז ערשט דער אָנהייב. א גוטער אָנהייב! ווייטער וועט זיין בעסער. אלע האָבן עס געפילט, געגלויבט אין דעם, געלעבט דערמיט.

דערווייל קאָן מען מיט אַ פריילעך געמיט זאָגן „אַ גוטע נאַכט", גיין צו זיך אין די קאָנורעס, אויף די הארטע געלעגערס. אָפּרוען, שלאָפן...

— א גוטע נאכט! — אייגציקווייז זענען זיי שטיל ארויס פון איזאקס חדר, כדי נישט צו מאַכן קיין טומל אויפן הויף: עס קאָן שטערן גוויאַזי דאס רו.

שרהלע איז די לעצטע פארבליבן אין צימער. עס איז געווען זעלבסט־פארשטענדלעך: אירע חברטעס וואכן נעבן גוויאזדא. שלמהלע משרת האט אפילו געטראכט זיך צו פארהאלטן — צו די אונגערס גייט ער שוין נישט. א פרייער פויגל! האט ער אָבער אויפגעכאפט איזאקס א בליק אויף שרהלען און שנעל זיך אָפּגעטראָגן נאָך בינעמען.

אין קליינעם צימערל, אין מאַטן שיין פון אייל־קנויט, האָבן זיך גע־צאפלט אויף די ווענט טונקעלע שאָטנס פון ביידע געשטאלטן.

— פארבלייב נאָך! — האט איזאק קוים א שעפטשע געטאָן. שרהלע האט דערפילט דעם ווארעמען ציטער אין זיין שטים. דער לאנגער שאָטן האט זיך געגעבן אַ וויג. זי האט זיך צוגעשלייכט צום בענקל, וואָס איז גע־שטאנען נעבן איזאקן. צוויי הענט האָבן זיך גלייכצייטיק אויסגעצויגן צו זיך, קוים באַרירט און פעסט זיך איינגעקלאמערט.

— ביסט גליקלעך, ס'וואָר? — איר שטים האט געכוואליעט מיט צערטלעכקייט.

— גליקלעך? כ'ווייס... וואָס איז דען גליק? מען זאָגט: אַן אינערלעכע זיכערקייט, אַז מען האט עפעס דערגרייכט אין לעבן. אַ פאַרווירקלעכונג פון א חלום... אָדער דאָס געפיל, אז מען איז אויפן וועג צו דער פארווירק־לעכונג. דאָס געפיל האָב איך. יאָ!

זי האָט געוואָלט א גלעט טאָן זיין האנט — מיטן לעצטן פינגער פון איר איינגעקלאַמערטער האנט האָט זי א פיר געטאָן איבער דער אויבערפלאך פון זיין דלאָניע. ער האָט עס נישט געפילט, געהערט ווייטער. לכתחילה האָבן זיך האַסטיק געריסן די ווערטער. אינערלעך אָנגעגליטע, אָנגעדראָלענע פון היץ, האָבן זיי זיך נישט געקאָנט צונויפקלאַמערן אין זאַצן. יעדעס וואָרט האָט זי באַזונדער איינגעזאַפּט אין זיך, אָנגעוואַרעמט זיך מיט זיין היץ און דערפון איז איר קלאָר געוואָרן, וועגן וואָס ער רעדט. צוביסלעך איז זיין רעדן גופא געוואָרן קלאָרער — אָדער אפשר האָט זי זיך נאָר צוגעוויינט צו דעם אופן? צופרידנקייט און ספקות האָבן זיך געראַנגלט אין זייגע ווערטער: זיי האָבן דערגרייכט צו עפּעס, אמת, צי האָט עס אָבער אַ קיום? ניין, ער צווייפלט שוין נישט, אַז דער עצם-געדאַנק איז אַ ריכטיקער: טעאַטער איז בכוח צו געבן אַן אומגעוויינלעכע פרייד און דערהויבונג דעם פשוטן מענטשן. אויפרודערן זיין מוח, שטויסן אים צו טראַכטן, באַרייכערן זיין לעבן...

— איצט צווייפל איך שוין נישט, טעאַטער איז מיין אָרט. דאָ וועל איך זיך קאָנען אויסלעבן מיט אַלע חושים. אפשר איז עס די ירושה פון דורות בדחנים? זי איז געפלאָסן אין מיין בלוט, יאָרן לאַנג געדרימלט און איצט דערוואַכט מיט אַ נייער קראַפט, אויפגעוועקט דורך די געשעענישן, פאַקטן... כ'האָב שטענדיק ליב געהאַט פאָרשטעלונגען, טעאַטער. ליב געהאַט צו זען. איצט האָב איך באַקומען דעם באַגער צו שאַפן, ווערן א טייל דערפון. טאַקע פון יידישן טעאַטער. דאַווידסאָן אַנטלויפט פון יידישער אָרעמקייט, און ביי מיר איז עס אַן אויסלעבונג פון מיין שטענדיקן סענטימענט צום אָרעמען יידישן מענטשן. יאָ, כ'האָב געפונען מיין וועג אין לעבן! און וואָס פאַר א מאַטעריאַל עס איז פאַראַן אויף צו פאַרווירקלעכן מיין חלום! די רייכקייט פון אויסדרוק, די שפּילעוודיקייט, געפילפולקייט פון די הפקרדיקע פורים-שפּילער און בדחנים! ווער האָט עס גאָר געקאָנט דערוואַרטן? די נישט אויסגעשפּילטע, נישט אויסגעלעבטע רעגונגען פון אונדזערע טאַטעס, זיידעס, עלטער-זיידעס, פאַרפייניקטע פון שווערן לעבן, פאַרחושכטע דורך דער מורא... א מורא, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעוואָרפן געוואָרן דורך דעם גבירים תקיפות, דעם שטרייפלס פאַרביסנקייט. דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די אויגן פון די שפּילער, אין דער באַוועגלעכקייט זייערער, אין דער קלאַנגען-רייכקייט פון זייערע שטימען, אין דער שפּראַך פון זייערע הענט. קיינער פון די פורים-שפּילער ווייסט זיכער נישט, ווי רייך זיי זענען אין דעם, וואָס עס הייסט ביי לייטן טאַלאַנט. אַן אוצר, אַן אמתער אוצר!

שרהלע איז מיט דעם אלעם מסכים געווען, מיט דער גאנצער פלאמיקייט פון זיינע רייד. איין זאך האָט זי נאָר געוואָלט צוגעבן: זי איז אויך אזוי, זי פילט אויך דאָס זעלבע! עס קוואלן אין איר אזויפיל געפילן, איבערלעבונגען, חלומות, אפילו דורכטראכטענישן. זי וויל עס אויך אויסדריקן אויף דער בינע. זי וויל עס אלץ פארוואנדלען אין געשטאלטן, אין לעבנס, אין פרייד און ליידן...

ספקות האָבן א שטראָם געטאָן פון איזאקן:

— און קהל? זיי וועלן נישט דערלאָזן... א טונקעלע כמארע הענגט איבער אונדזערע קעפּ. די כמארע וועט אונדז פארפלייצן מיט א האָגל פון רדיפות, מסירות. זיי זענען פעיק צו אַלץ, כדי צו דערגרייכן זייערס. וואָס פאר א פנים האָבן די אלע אָנגעבלאָזענע יידישע פריצים אין פארגלייך מיט א מלכותדיק קנעפּל? נעבעכדיקע בעטלער, מיט זייער גאנץ עשירות. אָבער פארן אָרעמען יידן איז יעדער פון די תקיפים א שליח פון גאָט. און זיין האנט איז לעבן און טויט. זיי האָבן געפסקנט פארן טעאטער — טויט. דאָס בין איך זיכער.

— טויט? — האָט קלאַנגלאָז שרהלע איבערגעחזרט. — פאַרוואָס? פארוואָס?

— ווייל אזוי לוינט זיך זיי.

אן אויסגעמאטערטער, האָט איזאק זיך אראָפּגעבויגן, אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף שרהלעס קני. צוביסלעך האָט זי אראָפּגעבויגן איר קאָפּ און מיט א לאנגן קוש אין זיין שטערן געפּרווט צו שטילן זיין אומרו. ער האָט גענורעט זיין קאָפּ אין די פאלדן פון איר קלייד, אויפגעהערט צו טראכטן. א ווארעמקייט האָט זיך צעגאָסן אין זיין מוח, אָנגעהויבן צו קרייזן אין די אָדערן. עס איז איר ליב געווען דערמיט, זי האָט אָבער נישט געוואָלט זיך נאָכגעבן דער ליבקייט: איר האָבן אויך געמאַטערט געדאַנקען, זי מוז זיי ארויסזאָגן. ער מוז זי אויסהערן, פארשטיין, מיטפילן.

— גליק, האָסטו געזאָגט, איז דאָס געפיל, אז מען איז אויפן וועג, אויפן וועג צו פארווירקלעכן א חלום. ביסטו דאָך אויפן וועג. מוז מען גיין ווייטער, זיכערער. נישט אָפּשרעקן זיך פאר כמארעס, פאר האָגל. אויב דער וועג איז א ריכטיקער, וועט גאָרנישט זיין שרעקלעך. דיין וועג איז א ריכטיקער. דו הערסט? א ריכטיקער!

ווי שווער עס זענען נישט דערגאנגען צו אים די ווערטער, דאָך האָבן זיי געווירקט בארואיקנדיק. זי האָט ווייטער גערעדט, דאָסמאָל שוין וועגן אירע ספקות, אירע טענות: ס'איז איר דערווידער צו זיין בלויז א מיטגייע־

רין אויף זייטיקע סטעזשקעס פון זיין וועג. זי וויל גיין גלייך מיט אים. זי פילט אין זיך די זעלבע כוחות, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט ביי די שפּילער. זי קאָן זיין א גלייכע מיטבאַטייליקטע...

— מורא פאַרן קהל? דאָס טעאַטער איז דאָך סיי־ווי פאַר זיי טרפות. טרפות איז נישטאָ קלענערע אָדער גרעסערע. טריף איז טריף. פאַרוואָס זשע זאָל איך נישט מיטשפּילן אין טעאַטער? העכסטנס: נאָך א זידלעריי צו אַלע זידלערייען. נאָך א קללה צו אַלע קללות... דאָס טעאַטער וועט דער־פון געווינען, ווערן אַן אמת טעאַטער. שווער איז נאָר דער אָנהייב. מען דאַרף דורכברעכן די צוים, וועלן זיך געפינען אַנדערע אויך. ס'וועט וואַקסן דער אָנזען פון טעאַטער, זיין כוח, זיין ווירקונג. מוז מען וואַגן, אָן דעם וואָלטן אונדזערע לעצטע פאָרשטעלונגען אויך נישט געווען. איך וויל וואַגן! איך בין גרייט אויף אַלץ.

ער איז אויפגעשפּרונגען פון בענקל און אָנגעהויבן ארומשפּאַצירן איבערן צימער. איר דרייסטקייט איז פאַר אים געווען אַ דערמוטיקונג:

— אַוודאי וואָלט עס גאָר אַן אַנדער פּנים געגעבן דעם טעאַטער. אַזא הייסער באַגער אַליין קאָן זיך שוין באַרעכטיקן אויף דער בינע. א פרוי אויף דער בינע, אַן אמת טעאַטער. — און ווידער האָט ער זיך א וואַקל געטאָן. — אָבער די סכנות...

— איך בין גרייט אויף אַלץ, — האָט זי ווידער איבערגעחזרט.

דאָס פלעמל פון אייל־קנויט האָט זיך צעחיגט פון דעם ווינטל, וואָס זיין ארומשפּאַנען האָט ארויסגערופן. אין רויך פון פלעמל זענען פאַר אים אויפגעגאַנגען בילדער פון א פאָרשטעלונג, וועלכע ער האָט פאַרטראַכט: יהודית. די געשיכטע פון יהודית און האָלאָפערנעס! אין יהודית פּנים האָט ער דערקענט שרהלעס שטריכן. ער האָט געשמייכלט צום בילד, געשמייכלט צו שרהלען:

— מען דאַרף טאַקע פּרוּוון, מען דאַרף... אויב מיר וועלן נאָך מאַכן א טעאַטער.

ער האָט דערפילט איר אַקסל ביי זיינעם. ער האָט מילד געשמייכלט צו איר, זיינע הענט האָבן זיך אויסגעצויגן זי אַרומצונעמען.

III

אין האַלבן טאָג צו געפינען א פריי טישל אין דער צוקערניע „לורס“ אויפן טעאַטער־פּלאַץ איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. די יוסטע

שטאָם־געסט פֿון דער צוקערניע האָבן שוין פֿון לאַנג געהאַט פֿאַרנומען זייערע טישלעך און, פּיפּקענדיק זייערע ציבוקן, ציגאַרן, פֿון צייט צו צייט געכאַפּט פֿון די שאָלן אַ שלונג שאָקאָלאַד, טיי אָדער ביר פֿון קופּעל. דאָ זענען אָפּגעמאַכט געוואָרן געשעפֿטן, גיטער און הייזער זענען פֿאַרקויפֿט געוואָרן; דאָ האָבן אַדוואָקאַטן און ריכטער געכאַפּט אַ שמועס וועגן ענינים, וואָס וועלן דאַרפֿן אַנטשיידן ווערן דורכן געריכט. דער עיקר האָבן דאָ אַרומגעשוועבט צייטונגס־מענטשן, וואָס האָבן געזוכט אַ טעמע פֿאַר אַ פּאָר שורות, פֿאַר אַ סענסאַציאָנעל נאָטיצל אין דער כראָניק „פֿון די העכערע ספֿערן“. אַזאַ נאָטיצל פֿלעגט בדרך כּלל געבוירן ווערן ביי אַ פֿלעשל גוטן וויין, וואָס איז געשטעלט געוואָרן דורכן פֿאַראינטערעסירטן און איז גיריק אויסגעטרונקען געוואָרן דורכן צייטונגס־מענטש. מען האָט לאָרנעטירט שכנותדיקע טישלעך, געמאַכט פֿעפֿערדיקע באַמערקונגען אויפֿן חשבון פֿון די געציילטע פֿרויען, וואָס זענען געקומען אין צוקערניע אין דער באַגלייטונג פֿון אַ גאַנצער כאָפּטע אויסגעפּוצטע און אויסגעפּאָמאַדירטע יונגעלייט. מען האָט דערציילט פּוסטע וויצן און סענסאַציאָנעלע געשיכטעס, וואָס זענען מערסטנטייל געווען אויסגעזויגן פֿון פֿינגער. די געשיכטעס זענען פֿון פֿריער געווען צוגעגרייט פֿאַר אַ באַשטימטן קליענט, וועלכער האָט פֿון פֿאָרויס געוווסט, אַז עס איז אַ ליגן. דאָך האָט ער הנאה געהאַט, וואָס דער ליגן איז אויסגעטראַכט געוואָרן וועגן אַן אַנדערן, נישט וועגן אים. אָפֿטמאָל איז אַזאַ געשיכטע אויפֿן אָרט איבערגעטשעוועט געוואָרן אויף אַן אַנדער אַדרעסאַט, ווען עס האָט זיך גראָד געמאַכט אַ פּאַסיקער אָפּנעמער. נישט איינמאָל האָט געטראָפֿן, אַז אַ מעשהלע, אַ פּליאָטקעלע איז גראָד פֿאַרקויפֿט געוואָרן דעם, וועגן וועלכן זי איז צוגעטראַכט געוואָרן, — מען האָט נאָר געביטן דעם נאָמען פֿון קרבן. דאָס האָט לחלוטין נישט געשטערט דעם אָפּנעמער הנאה צו האָבן פֿון איר, פּאַטשן זיך אין בויך, וואָס זיין קאָנקורענט וועט ווערן שפּייז פֿאַר הונגעריקע אויף אַ רכילותל.

דעם גרעסטן אויפֿזען האָבן אַרויסגערופֿן אַקטיאָרן אין דער צוקערניע. קיינער פֿון די לייטישע בירגער האָט זיי נישט געהאַלטן פֿאַר זייערס גלייכן, יעדער האָט זיי אין האַרצן, אָדער אין אייגענעם קרייז, באַטראַכט פֿאַר געפֿאַלענע אָדער נידעריקע ברואים — אַפֿילו ווען זיי האָבן געגלאַנצט מיט סיגנעטן, אויף וועלכע עס איז געווען אויסגראַווירט אַן אַלטער, בכבודיקער משפּחה־הערב... דאָך האָבן אַ סך פֿון די פּאָרנעמע געסט זיך געריסן צו האָבן אַן אַקטיאָר ביי זייער טיש, שטעלן אים כּיבוד, מאַכן קאָמפּלימענטן. שפּעטער, ווען דער אַקטיאָר איז אַוועק, האָט מען זיך ווייטער לוסטיק גע־

מאכט אויף זיין חשבון, געחוזקט פון אים. פּנים אל פּנים אָבער האָט מען אים אָפּגעגעבן איבערגעטריבענעם כּבוד. ווער שמועסט, אז עס איז אהינגעקומען קרוליקאָווסקי, אָדער אן אקטיאָר פון ענלעכן ראנג, האָט מען אים ממש געריסן אויף שטיקער. די גרעסטע פּני האָבן אים פריינדלעך באַגריסט, פארבעטן צום טישל, צו דערציילן א נייעם וויץ, אן עקספּראָמט.

— יערער מאגנאט וויל האָבן זיין הויף־נאר. איר זענט אָבער פאר מיר צו קליינע מאגנאטן, — האָט קרוליקאָווסקי אמאָל רעפּליקירט צו א פּאָר הערן, וואָס האָבן אים צופיל צודרינגלעך געוואָלט פארהאלטן ביי זייער טישל, ווען ער האָט זיך געאיילט אין טעאטער אריין.

יידן, אַפילו אייראָפּעיזירטע, האָט מען ווייניק געזען אין דער צוקערניע. די גרויסע געשעפטס־מענטשן האָבן דערצו קיין צייט נישט געהאט. שארפן די ציין און בארעדן אנדערע איז באקוועמער אין די אייגענע סאַלאָנען. אריינפאלן פלעגט צו „לורסן“ אמאָל א קלענערער בערזע־מעקלער, אָדער איינער פון די יוצר־משרתים ביי די גרויסע, מערסטנטייל וועגן געשעפטלעכע ענינים. דוד טורקוס איז אָבער, אלס אגענט און געשעפטספירער פון פארלעגער און דרוקער מאיר מיכאל גליקסבערג, געווען א שטענדיקער איינגייער דאָרט. די מערהייט קליענטן האָט ער דאָ געטראָפן און אָפּגעשלאָסן מיט זיי געשעפטן. דערפאַר מן־הסתם האָט ער געהאַט זיינס א שטענדיק קליין טישל אין א ווינקל, ארויפצוגיין אויף טרעפּלעך, פון וואנען ער האָט געקאָנט גוט אָבסערווירן די אריינקומענדיקע און — וועןנייטיק — פארבלייבן אומבאמערקט. האָט זיך טאקע איזאק אוועקגעזעצט אין סאמע ווינקל אויפן בענקל. ער האָט נישט געהאט קיין אינטערעס צו אָבסערווירן די רעשיקע געזעלשאפט און דער עיקר — געוואָלט ווייניקער ווערן אָבסערווירט און לאָרגנעטירט דורך זיי.

טורקוס האָט גערעדט „קורץ און שארף“: ער וויל זיך נישט פאָרשטעלן אין איבערגעטריבענע פארבן. אייגנס קאָן ער דרייסט זאָגן וועגן זיך: ער איז אַ ליבהאָבער פון טעאַטער, פון קונסט. נישט, חלילה, ער זאָל אַליין וועלן שפּילן — זיכער האָט ער נישט קיין פעיקייטן דערצו, כאָטש ער האָט עס קיינמאָל נישט געפּרוווט. איבעריקנס — אין זיין שטאנד קאָן ער זיך נישט פארגינען אויף אזא לוקסוס צו מאכן פון זיך א חוזק פאר דער ליטישער געזעלשאפט.

— כ׳מיין, חלילה, נישט צו באליידיקן דעם געערטן קינסטלער, נאָר אזא איז די לאגע. דאָס איז נישט קיין סוד פאר קיינעם...

דאָך לעבט ער מיט טעאטער, ער אָטעמט מיט טעאטער, אויב מען

קאָן זיך אזוי אויסדריקן. דערפאר וואָלט ער געוואָלט זיין מיטן טעאטער פארבונדן. ער לאָזט נישט דורך קיין איין פאָרשטעלונג, וואָס ווערט געשפילט אין ווארשע.

— ווען איך וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט איך אין די פרייע אָוונטשעהן געוואָרן א פאָרהאנגציער אין איינעם פון די טעאטערס. פאסט עס נישט פאַר אַ מענטשן אויף אַ שטעלונג, פאַר אַ מענטשן, מיט וועלכן עס רעכענען זיך גאנץ אָנגעזעענע בירגער.

אן אומגעדולדיקייט איז, ווייזט אויס, קענטיק געוואָרן אין איזאקן, ווייל טורקוס איז שנעל אריבער צו דער אייגנטלעכער טעמע:

— אין אייער טעאטער זע איך א מעגלעכקייט פאר זיך, אויסצולעבן זיך, עס איז א נייס און איך קאָן האָבן די סאטיספאקציע פון א מענטשן, וואָס האָט געהאָלפן אויפקומען עפעס נייס אין דער קונסט. און כ'וועל נישט לייקענען, איך זע אין דעם א געשעפט אויך. א גוט געשעפט. אויף מיין געשעפטלעכער נאָז קאָן מען זיך פארלאָזן. אָן באהעלטעניש: איך וואָלט געווען גליקלעך, ווען עס לאָזט זיך פארבינדן מיין טעאטער־ליבע מיט א גוט געשעפט. איך בין זיכער, אז צוליב מיינע ווערטער וועט דער הער זיך נישט איבערשאצן, נאָר ער וועט עס געהעריק אָפּשאצן. אין די אינטערעסן פון אונדז ביידן.

צום וואָרט איז נאָך איזאק אלץ נישט געקומען. ער האָט זיך באגנוגנט מיט צושאָקלען מיטן קאָפּ אויף הסכמה. הכלל, האָט טורקוס געהאלטן — א שותפות קאָן פאר זיי ביידן זיין דאָס פאסיקסטע. ער, טורקוס, איז גרייט צו אינוועסטירן אין געשעפט א גרויסן טייל פון זיינע אָפּשפּאָרונגען. ער האָט דערביי אזא שמייכל געטאָן, איזאק זאָל פארשטיין, אז די אָפּשפּאָרונגען זענען נאָרנישט קיין קליינע. ער האָט באקאנטשאפטן ביי נאטשאלסטוואָ, דאָס הייסט אַ זיכערקייט, אַז עס וועט זיין אַ דערלויבעניש. ער ווייסט ווו און וועמען צו שמירן. די אַלע זאַכן נעמט ער אויף זיך. אויב איזאַק וועט איינגיין, וועט ער פון די זאָרגן זיין אינגאנצן פטור. איזאקס אויפגאבע וועט זיין — צושטעלן פאָרשטעלונגען. מאכן, צוגרייטן, אויסשטעלן. אלדאָס איבעריקע נעמט טורקוס אויף זיך.

— טעאטער איז נישט איין מענטש. טעאטער קומט אויף אין דעם אָנטייל פון א סך. יעדער אָנטיילנעמער גיט זיין חלק, פון די חלקים שאפט זיך די גאנציקייט, שאפט זיך טעאטער. — די באמערקונג האָט איזאק געמאכט נאָך א לאנגער רגע טראכטן. ער איז געווען באַרוישט פון טורקוסן, פון זיינע פאָרשלאָגן און זיין זיכערקייט.

— ריכטיק, ריכטיק, דאָס ווייס איך אויסגעצייכנט. איך האָב שוין געזאָגט: טעאַטער אינטערעסירט מיך פון לאַנג. אָבער איך ווייס, אז איר, מיין הער, זענט די נשמה פון דער גאַנצער גרופּע, קאָן מען זאָגן. זייער אָרגאַניזאַטאָר, לערער. די גרופּע האָט דאָך צו אייך זיכער צוטרוי. און אז די זאַך וועט לונגען, דאָס וועלן זיי זיך גיך אליין איבערצייגן. איך קאָן דאָך נישט רעדן מיט יעדן באַזונדער. דאָס איז שוין אייער זאַך... איר האָט א געלעגנהייט און זיי האָבן א געלעגנהייט. קיין סך טורקוסעס זענען נישטאָ, מיין הער. — ער האָט עס גערעדט מיט אזא גלויבן, אז איזאַק איז צו־ביסלעך אָנגעשטעקט געוואָרן דערפון. מיר קאָנען מאַכן דעם ערשטן פּרוּוו. זענט איר מסכים, הייב איך שוין אָן מיין אַרבעט, קריגן אַ דערלויבעניש. און איר טוט אייערס, גרייט צו דאָס טעאַטער. די געשפּילטע שטיק, נייע שטיק...

די זאַך האָט אויסגעזען צו זיין רעאַל. איזאַק האָט זיך אָנגעצונדן צו איר:

— אָ, נייע שטיק! דאָס איז מיר גאָר צום הארצן. כ'האָב פּלענער, איינפאַלן, געדאַנקען. די יידישע געשיכטע איז א רייכער קוואַל, פון וועלכן מען קאָן שעפּן אָן אויפהער. פאַנאַטיזם און אויפקלערונג, אָרעם און רייך, שטאָט־תקיפים און המון, מתנגדים און חסידים. נישט אויסצושעפּן. איך קען שוין אייניקע זאַכן פון דעם מין, געשריבענע פאַר דער בינע. דאָקטאָר עטינגער פון זאַמאָשטש האָט א שטיק. אין דייטשלאַנד האָב איך געלייענט אזא יידישע זאַך „לייכטזין און פרומעליי" פון א דאָרטיקן אָנגעזעענעם פּעדאַגאָג, דעם הער האַללע־וואָלפזאָן. מען קאָן איבערזעצן, איבערמאַכן. ס'זאָל נאָר זיין צוליב וואָס, וואָלט איך...

— טוט! איך בין מיט אייך. — טורקוס האָט זיך אויף אַן אמת באַגייסטערט.

— און א פּרווו? צי געמט איר זיך אונטער אויסצופּועלן עס זאָל שפּילן אַ פּרווו? צי קאָן מען דען זיך פאָרשטעלן אַזאַ העלדישע געשטאַלט, ווי יהודית, זאָל שפּילן אן איבערגעטוענער מאַן? אין אַן אמת טעאַטער...

— איר האָט עס מיר פון מויל אַרויסגעריסן. אַנדערש האָב איך זיך נישט פאָרגעשטעלט. אוודאי א פּרוי! איך בין איבערצייגט, אז די פּרוי, וועלכע איך האָב דאָן באַגעגנט ביי אייך אין טעאַטער, קאָן באַשיינען די בינע. אירע אויגן רעדן וועגן דעם. דאָס איז דאָך אַן אויסגעטרוימטע יהודית, אויף וויפל איך פאַרשטיי זיך דערויף.

קאָלירן האָב זיך דורכגעריסן דורך דער איילפאַרביקער הויט פון איזאקס באַקן, פלעמלעך האָבן זיך צעטאַנצט אין זיינע אויגן. די לעצטע ווערטער פון טורקוסן האָבן רייף געמאַכט זיין באַשלוס: מיט דעם מענטשן וועט ער פּרוּוון. ער קאָן טאַקע העלפן, עס זאָל ווערן א טעאַטער, זאָל ער אַפילו מאַכן אַ געשעפט דערביי, איז נאָך בעסער, וועט עס פאַר אַלעמען זיין צום גוטן. און שרהלע... שרהלע וועט שפּילן! דער מענטש האָט אין איר דערקענט א קינסטלערין — דאָס אליין האָט אים שוין דערהויבן אין איזאקס אויגן. שרהלע איז איצט געווען אין צענטער פון זיינע געדאַנקען און פילונגען. אומבאַמערקט איז זי געוואָרן פאַר אים די פאַרקערפּערונג פון אַן אמת טעאַטער. די גאַנצע צייט האָט ער אָפּגעשאַצט איר גרויסע הילף ביים אָרגאַניזירן די פאָרשטעלונגען, די לעצטע טעג אָבער האָט ער גאָר שטאַרק אָנגעהויבן צו פילן שרהלעס ווירקונג אויף זיין אינערלעכער וועלט. איר איינפלוס אויף זיינע האַנדלונגען און באַשלוסן. די פּלענער וועגן נייע פאָרשטעלונגען זענען אַליין פון זיך אויסגעוואַקסן אין פאַרבינדונג מיט איר. נישט ווי מיט א זייטיקער צוהעלפערין, נאָר ווי א פאַרקערפּערין פון געשטאַלטן, וועלכע דאַרפן געבוירן ווערן אויף דער בינע. נאָכמער — ער האָט זיך שוין נישט פאָרגעשטעלט צו קאָנען פאַרווירקלעכן אייניקע בינע־פּלענער אָן שרהלען. און איצט — טורקוס...

— זייט מוחל, אויב איך בין זיך טועה. מיר שיינט, אַז אייער עולם... כ׳מיין, די פּשוטע יידישע מענטשן, מיט וועלכע איר זענט פאַרבונדן, זענען נאָך ווייניק צוגעגרייט צו ערנסטע, כ׳מיין בלויז געשיכטלעכע טעמעס. צי מיינט איר נישט צו פאַראינטערעסירן זיי מיט עפּעס אַנדערש אויך? אָט האָט איר גערעדט וועגן הייניטצייטיקע שפּילן, זאַכן פון זייער לעבן. דאָס איז גוט, זייער גוט. אָבער בלויז מיט ערנסט וועט מען זיי, שיינט מיר, גיך אויסמאַטערן. מען דאַרף א ביסל פאַרווייַלן. לאַכן, זינגען. דאָס זענען נאָך קינדער, ניי־געבוירענע קינדער פאַרן טעאַטער. קינדער דאַרף מען אַמאָל פאַרשפּילן. איך בין זיך מודה, אַז איך אַליין האָב אויך ליב זיך צו פאַרשפּילן מיט עפּעס פריילעכס, קאָמישעס. און איך האַלט זיך נישט פאַר א ניי־געבוירן טעאַטער־קינד. דער מענטש דאַרף א ביסל אויפהייטערונג, יעדער מענטש, דער פּשוטער מענטש אוודאי. מיינט איר נישט אַזוי? — טורקוס האָט זיך באַמיט צוצוזוכן ווערטער, וואָס זאָלן נישט צופיל אונטערשטרייכן זיינע ספקות וועגן דער אויפנעמספעיקייט פון דעם נייעם יידישן טעאַטער־עולם. ער האָט מורא געהאַט ארויסצורופן אַן אַמפּערניש. זיין פּראַקטישער חוש פון א געשעפטסמאַן, וואָס האָט צו טאָן מיט פאַרשידענע קליענטן

און מוז זיך צופאסן צו זיי, האָט גלייך אויפגעכאפּט איזאקס נערוועזקייט. ער האָט געזען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ מענטש, וואָס ציגערט זיך לייכט אָן. אזא איז פעיק צו שנעלע אויסברוכן און צום שנעלן אָפּגעקילט ווערן. האָט ער געוואָלט איינהיטן דעם ברען, וועלכן ער האָט שוין באמערקט ביי איזאקן צום פלאן פון זייער שותפות. די קלענסטע אומגעלומפּערטקייט וואָלט עס אפשר געקאָנט פארלעשן. ער האָט צו שטארק געגלויבט אין דעם פלאן פון אַ טעאַטער, ער זאָל וועלן ריזיקירן מיט צעקלאַפּן דעם פלאַן צוליב עפּעס א נישט פאסיק וואָרט.

דאָס איז אָבער געווען איבעריק. זיינע פלענער וועגן דעם מין פאָרשטעלונגען זענען שוין פון לאנג געווען איזאקס פלענער:

— איך זע אויך טעאטער נישט אנדערש ווי לערנען און אמוזירן. דעריציען דורך אן ערנסט וואָרט און דורך א שפּאס, א לידל. אונדזער פּשוטער מענטש איז זייער מוזיקאליש. מיט מוזיק קאָן מען אמאָל רעדן צו זיין הארצן נישט ווייניקער, ווי מיט ווערטער, אמאָל נאָך מער. מיט אויסלאכן דאָס שלעכטע לערנט מען אמאָל מער דאָס גוטע, ווי מיט רעדן וועגן דעם גוטן. די הייגטצייטיקע זאכן, וועגן וועלכע איך האָב פריער געזאָגט, זענען דורכויס צום פארוויילן. ס'איז גיכער א קרומער שפּיגל, עס ווייזט פארגרעסערטע פעלערן און לעכערלעכקייטן. כ'וויל זיך אויך נישט אָפּזאָגן פון די פורים-שפּילן. באריכערטע, פארשענערטע, אויסגערייניקטע פון גראָבקייטן און געשמאַקלאָזיקייטן, אָבער מיט דער גאַנצער פרישקייט פון פאָלקס-שפּילן. דאָס טעאטער, וויל איך, זאָל טאקע זיין א פאָלקס-טעאטער. ס'איז ארויסגעוואקסן פון פאָלק און אים דארף עס דינען, דעם פשוטן מענטשן. טאקע פאר אים וויל איך מיר זאָלן זיין. א טייל פון אים זאָלן מיר פארבלייבן. אָן אים האָבן מיר נישט וואָס צו טאָן.

ערנסט האָט טורקוס איינגעהערט זיך אין איזאקס רייד, כאָטש עס איז אים שווער געווען אליין צו שווייגן. א ביסל איז אים קשה געווען איזאקס פארליבטקייט אין פאָלק... יאָ, ביי גליקסבערגן האָט מען אויך גערעדט וועגן פאָלק, וועגן דינען דעם פאָלק — אָבער דעם פוילישן פאָלק. דאָס האָט א זין. עס האָט אן ערד אונטער זיך און א הימל איבער זיך. נאָר די יידישע אָרעמקייט? די כאלאטן מיט די פאות, וואָס ווערן דורך א ווינט צעפלאטערט, ווי זיי וואָלטן זיך געטראָגן אין דער לופטן?

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, מיר שיינט, אז איר שאצט איבער דעם המון, וועלכן איר רופט פאָלק. עפּעס קלינגט עס מיר א ביסל נישט פראקטיש און צומאָל יאקאָביניש. — איזאק האָט אָנגעשפּיצט די אויערן,

גרייט שאַרף צו ענטפֿערן אויף דער מינדסטער באַליידיקונג פֿאַר די פּשוטע מענטשן. — נאָר איך וויל זיך מיט אייך נישט אַמפּערן. דאָס שמעקט מיט פּאָליטיק און איך האַלט זיך שטענדיק ווייט פֿון פּאָליטיק. פֿאַר מיר עקזיסטירט געשעפֿט און קונסט. אין אונדזער שותּפֿות זע איך ביידע זאַכן. דערפֿאַר ציִ איך אויס צו אייך מיין האַנט. נעמט איר זי אָן, איז אָפּגעמאַכט. איך טרעט באַלד צו צו דער אַרבעט און איר טוט אייערס. איך בין זיכער, אַז מיר וועלן נישט באַדויערן.

IV

די ידיעה וועגן שותּפֿות, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן איזאַקן און טורקוסן, האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע פֿרייד און גוטע האָפֿענונגען ביי דער חברה שפּילער. די פֿרייד איז נאָר געשטערט געוואָרן דורך גוויאַזדאַס געזונט־צושטאַנד. מען האָט שוין קיינעם נישט צוגעלאָזט צום קראַנקן, אַחוץ בינעמען און די מיידלעך, וואָס האָבן זיך געביטן ביים וואַכן. חברה האָבן זיך אַרומגעדרייט איבערן הויף מיט פֿאַרחושכטע פּנימער און געפּרוווט אַרויסצוליייענען עפּעס אַ טרייסטנדיקע בשורה פֿון דאָקטאָרס פּנים. דאָקטאָר סטודענצקי איז לעצטנס צו פֿאַר מאָל אַ טאָג געקומען צום קראַנקן, נאָר וועגן קיין בעסערונג האָט מען פֿון אים נישט געהערט. פֿאַרקערט, — אויף אַלע פֿראַגן האָט ער געענטפֿערט מיט אַ שווערן זיפֿץ, אָדער אַ האַנטבאַוועגונג, וואָס האָט אויסגעדריקט מאַכטלאָזיקייט. איינמאָל האָט ער נאָר אויסגעשעפּטשעט, אַרויסגייענדיק פֿון קראַנקן:

— ער דאַרף גרויס רחמים...

מען האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עס האַלט זייער שלעכט.

די ידיעות זענען צו איזאַקן דערגאַנגען, ווי דורך אַ נעפּל. דאָקטאָר סטודענצקי האָט אים געזאָגט, אַז גוויאַזדאַס טעג זענען געציילטע און קיין שום רעטונג איז שוין נישטאָ.

— סיידן אַ נס... איר גלויבט עפּעס אין ניסים?

ער האָט טאַקע נישט געגלויבט. איזאַק האָט די ידיעה דורכגעווייטיקט און צוביסלעך שלום געמאַכט מיטן געדאַנק. איינס האָט ער נאָך געוואָלט — פֿאַרטיק מאַכן זיין טעאַטער־שטיק „יהודית“ און פֿאָרלייענען עס פֿאַר גוויאַזדאַן. זאָל דאָס בילד פֿון אויפֿקומענדיקן טעאַטער, אין וועלכן גוויאַזדאַ האָט אַזויפֿיל האַרץ אַריינגעלייגט, באַגלייטן דעם טייערן מענטשן אויף זיין לעצטן וועג. זאָל ער זיך נאָך קאָנען פֿאָרשטעלן, ווי שרהלע וועט רירן די הערצער

פֿון עולם אין דער געשטאַלט פֿון יהודית. ווייל וואָס ער האָט נישט געטראַכט וועגן דעם טעאַטער־שטיק, איז עס געווען פֿאַרבונדן מיט שרהלען. פֿאַר איר שרייבט ער דאָס שטיק. ווען נישט זי, וואָלט ער אויפֿן ערשטן פֿייער געלאָזט עפּעס אַ לייכטערע זאַך, וועלכע ער קאָן אַ סך גיכער צונויפֿשטעלן — באַזונדערס מיט דער הילף פֿון שלמה בדחן, וואָס שפּרודלט מיט פֿאָלקס־לידער, וויצן, חכמות. אָבער זי האָט ער געוואָלט באַווייזן אין גרעסטן גלאַנץ, זי זאָל זיך גלייך דערווערבן אַן אָנזען און דעם שם פֿון אַ גרויסער קינסטלערין. דאָס קאָן מען אויספֿירן נאָר מיט אַזאַ געשטאַלט ווי יהודית. ס'איז אין פֿאַרנעם פֿון אַ שעקספּיר־געשטאַלט, אָדער פֿון דער אַלטער גריכישער טראַגעדיע. ער האָט אויף קיין איין מאָמענט נישט געצווייפֿלט, אַז שרהלע וועט עס אויסטראָגן, זי וועט אַרויס אַ זיגערין פֿון דער פֿייער־פּראָבע. איז ער איצט מיט אַלע חושים געווען פֿאַרטאָן אין שרייבן. כמעט אָן אויפֿהער, כמעט קיילעכדיקע מעת־לעתן. צוערשט — גיריק זיך אַריינגעלייענט אין ביכער, געניסטערט אין ספֿרים, געזוכט אָפּצופֿרישן די געשיכטלעכע ידיעות פֿון דער טעמע, תקופֿה, פֿאַרהעלטענישן. דערנאָך — שוין לאַנג געקריצט מיט דער גענדזענער פּען איבערן גראָבן פּאַפּיר, געשטראָכן און איבערגעשריבן, צעריסן און אויפֿסניי געשריבן. ער האָט שוין פֿאַר די אויגן געהאַט די גאַנצע פֿאָרשטעלונג, געזען זיך באַוועגן די העלדן, זייער טאָן, רעדן. ווען ער האָט אָבער שוין געהאַט אָנגעשריבן דאָס געזעענע און איבערגעלייענט פֿאַר זיך, האָט עס אים אויסגעוויזן צו זיין גאָר עפּעס אַנדערש, ווי דאָס, וואָס ער האָט געהאַט געזען. ער איז ווילד געוואָרן און צעריסן דאָס געשריפּטס.

איין מענטש האָט נאָר געוואַגט איבערצורייסן איזאַקס התבודדות און אַמאָל שטרענג איבעררייסן. — צווינגען אים זיך לייגן אָפּרוען אויף אַ פּאָר שעה, עפּעס אָפּעסן. שרהלע! זי האָט געטיילט אירע מעת־לעתן אויף וואַכן איבער גוויאַזדאַן און איבער איזאַקן. זי האָט געוווּסט דעם גאַנצן אמת וועגן גוויאַזדאַס צושטאַנד, נישט אַרויסגעוויזן עס, אָבער מען האָט עס געקאָנט אַרויסלייענען פֿון די טיפֿע שאָטנס אונטער אירע אויגן, פֿאַררויטלטע פֿון שלאָפֿלאָזע נעכט, פֿון די איינגעפֿאַלענע באַקן, פֿאַרשאַרפֿטע קינבאַקן. זי האָט געשוועבט איבערן הויף פֿון איין הויז צום צווייטן ווי אַ שאָטן. אפֿילו ווען זי האָט אַרויסגעגעבן פֿאַראָרדענונגען וועגן איינקויפֿן, עפּעס ברענגען, מאַכן. מערסטנס האָט זי זיך באַנוצט מיט דער הילף פֿון שלמהלע משרת, וואָס איז שטענדיק אויסגעוואַקסן נעבן איר, ווו זי האָט זיך באַוויזן. אין דער שווערער שטימונג אַרום, ווען אַלע האָבן פֿאַרלוירן די קעפּ — אפֿילו

בינעם האָט אויסגעזען צו זיין איינגעבראָכן — האָט זיך שרהלע ארויסגעוויזן פאַר דער שטאַרקסטער. זי האָט עס אָפּגענומען די פאַראָרדענונגען פון דאָקטאָר, געזאָרגט וועגן עסן פאַר די וואַכנדיקע און געזאָרגט וועגן איזאַקן. און ווען זי האָט זיך באַוויזן אין זיין חדר, האָט זי געמוזט אויסהערן, וואָס ער האָט פאַר דער צייט אָנגעשריבן, אפילו דאָס, וואָס ער האָט פאַרשטראָכן, ווייל ס׳איז אים נישט געפעלן געוואָרן. זי האָט אים דערמוטיקט מיט א וואָרט, געריממט זיין ארבעט, כאָטש דאָס געלייענטע פלעגט זעלטן דערגיין צו איר אויסגעמאַטערטן מוח. שטענדיק פלעגט זיך ענדיקן אַזא לייענען מיט אירע שטילע, אָבער זייער אַנטשלאָסענע פאַראָרדענונגען:

— דו מוזט עס אויפעסן אינגאַנצן. איך וועל נישט אוועק, ביז דו וועסט נישט האָבן אויפגעגעסן.

ער האָט זיך געברוגזט, ווי א געצערטלט קינד, וועמען מען שטערט אין א באַליבטער שפיל. גראָד איצט איז אים איינגעפאַלן א נייער געדאַנק, די בעסטע סצענע פון גאַנצן שטיק... ער קאָן איצט נישט איבעררייסן, ס׳וועט אים צעקלאַפּן די מחשבות, ער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט צעוויגט אין שרייבן, איצט איז ער גראָד אין א צושטאַנד, ווען עס וועט אים אוועק, ווי אויף פוטער... זי איז נישט אָפּגעטראָטן, ביז וואַנען ער האָט נישט ליידיק געמאַכט דאָס געברענגטע טעפל, אָדער טיף אין דער נאַכט, ווען די ארומיקע שטילקייט האָט ממש איינגעוויגט צום שלאָפן, און איזאַק האָט זיך אַלץ געראַנגלט מיט א נישט געענדיקטער סצענע:

— נאָר דאָס וועל איך פאַרענדיקן און איך גיי שלאָפן. —

איז זי געלאַסן צוגעגאַנגען צום טיש, אַ בלאָז געטאָן דעם אייל־קנויט און אין דער פינצטער נאָך צוגעגעבן:

— אויף א פרישן קאָפּ וועסט זיך דיר בעסער שרייבן.

ער האָט זיך געבייזערט, א שטיים געטאָן דאָס בענקל אין דער פינצטער. אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט און פון געלעגער האָט זיך דערהערט דער שווערער אָטעם פון זיין אומרואיקן שלאָף. דאַן האָט זי זיך שטיל ארויסגעשלייכט פון חדר און געאיילט צו גוויאַזדאַן צו פאַרבייטן פייגלען אָדער כאַוטשען, געוואַכט מיט אייגן און אויערן איבער דער צאַנקענדיקער ליכט פון גוויאַזדאַס לעבן. די געפילן און געדאַנקען האָט זי געטיילט צווישן דער צאַנקענדיקער ליכט און דעם ברענענדיקן פלאַם, וואָס געפינט זיך דאָרט, אין שכנותדיקן חדרל.

אזוי איז אוועק א גאַנצע וואָך. אויף דער אַכטער נאַכט, ווען שרהלע איז אריין, ווי יעדע נאַכט, פאַרלעשן דעם אייל־קנויט אין צימער פון אי־

זאַקן, האָט זי אים געטראָפן מיטן קאָפּ אויפן טיש, די האַנט מיט דער געניזענער פעדער אַראָפּגעהאָנגען. זי איז שטיין געבליבן אַ פאַרשטיינערטע, פלאַמיקע רעדער האָבן אָנגעהויבן צו קרייזן פאַר אירע אויגן, פון איר האַלדז האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשטיקטער אויסגעשריי. רופן הילף? — דער מינדסטער טומל טאָר נישט הערגיין צו גוויאַזדאַן. אַן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג האָט פאַרטריבן פון אירע אויגן די פלאַמיקע רעדער. זי איז צוגעגאַנגען נענטער צום טיש און באַמערקט אַ לייטזעליקן שמייכל אויף איזאַקס פּנים, זי האָט דערפילט דעם רעגלמעסיקן אָטעם פון אַ רואיקשלאָפנדיקן. אַ טרער האָט איר אַ ברי געטאָן אין די אויגן־ווינקעלעך, אַ זיפץ פון דערלייכטערונג האָט געמאַכט פלאַטערן דאָס פלעמל פון אייל־לעמפל. זי האָט אָנגענומען דעם שלאָפנדיקן אונטער די אָרעמס און באַמיט זיך אים אויפצוהייבן פון בענקל. ער האָט שווער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, מיט פאַרלאָפענע אויגן געקוקט אויף איר, נישט באַנומען, וואָס דאָ קומט פאָר. פלוצלונג האָט ער זיך אויסגעגלייכט אַ וואַכער, איינגעקלאַמערט זי אין זיינע אָרעמס, פריידיק אַריינגעשעפטשעט איר אין אויער אַריין:

— פאַרענדיקט, פאַרטיק... יהודית איז געבוירן געוואָרן.

מיט אַ צופלוס פון פרישע כוחות האָט ער געכאַפּט די באַשריבענע בלעטער פון טיש:

— שוין. פאַרטיק. באַלד וועל איך לייענען — דיר, גוויאַזדאַן.

— דאַרפסט איצט שלאָפן, טייערער. ס'איז שפּעטע נאַכט.

איזאַק האָט נישט געוואָלט הערן. ער מוז עס שוין איבערלייענען, שוין הערן זייער מיינונג. ער מוז! ערשט נאָכדעם וועט ער קאָנען אַנטשלאָפן ווערן.

— גוויאַזדאַ שלאָפט, מען טאָר אים נישט שטערן, — זי האָט אים נישט געוואָלט זאָגן, אַז גוויאַזדאַ איז שוין אַ פּאָר שעה אָן באַוווסטזיין. ווי אַ קליין קינד, האָט זי איזאַקן געפירט צו זיין געלעגער, פאַרלאָשן אויפן וועג דאָס פלעמל פון אייל־לעמפל און איינגעוויגט אים מיט אַ שטילן פליסטערן. ווערטער, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן, אין וועלכע ער האָט דערפילט בלויז די וואַרעמקייט פון דער מאַמעס רייד ביים איינשלעפערן אין די קינדער־יאָרן.

אין משך פון דער וואָך האָט אויך דוד טורקוס נישט גערוט. שוין אויסגעוועזן ביי זיינע באַקאַנטע פון פּאָליציימייסטערס קרייז, פאַרזיכערט זיך אַ צד ביים נאַמיעסטניקס איינפלוסרייכע באַאַמטע, געטיילט מתנות, צוזאָגן, אָנדייטונגען אויף די גרויסע גליקן, וואָס דערוואַרטן זיי, ווען דאָס

געשעפֿט מיטן טעאַטער וועט אַוועק אַ גאַנג. אומעטום האָט מען אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַר אַ שווערער ביסן דאָס וועט זיין — איינצובייסן דעם ווידערשטאַנד פֿון קהל, אַז פֿון יענער זייט וועט מען נישט זשאַלעווען קיין געלט אויף צו שטערן, און מען האָט אים געראָטן, ער זאָל דערווייל פּרוּוון בעטן אַ דערלויבעניש אויף אַ פּאָר פֿאָרשטעלונגען בלויז, און דווקא נישט אין אַ באַקאַנטן טעאַטער=זאַל, נאָר ערגעץ אין אַ זייט, אין אַ ביר=שענק אָדער טאַנץ=זאַל. איז טאַקע טורקוס אַוועק צום שענקער פֿראַנטישעק וואַרא און אָפּגערעדט מיט אים איינצואָרדענען די פֿאָרשטעלונגען אויף באַדינגונגען, וועלכע זענען פֿאַר ביידע געווען גינסטיק. זיי זענען אויך געקומען צו אַ הסכם, אַז דעם זומער וועט מען גאָרנישט שפּילן, כּדי צוצוגרייטן ווי געהעריק און מיט פֿאַראַד דעם אָנהייב פֿון טעאַטער און כּדי די שפּילערס זאָלן זיך קאָנען צוגרייטן מיט נייע זאַכן. דאָס גלייכסטע וועט זיין צו מאַכן דעם אָנהייב ערשט אין האַרבסט, סוכּות=צייט, ווען דער עולם וועט לויפֿן פֿון די גערטנער און פֿון די שפּאַצירן ביי דער ווייסל. נאָכדעם האָט ערשט טורקוס אַריינגעטראָגן אַ בקשה צום פּאָליצמייסטער וועגן אַ דערלויבעניש אויף אַכט פֿאָרשטעלונגען אין דער יידיש=דייטשישער שפּראַך, פֿאַר אַ באַגרענעצטן קרייז מענטשן, אין אַ פּריוואַטן זאַל, וואָס וועט נישט בילדן די קלענסטע קאָנקורענץ פֿאַר די רעגירונגס=טעאַטערס און וועט זיין אַ באַלערנדיקע פֿאַרוויילונג פֿאַרן פּראָסטן פֿאָלק, נישט באַליידיקנדיק די עפֿנטלעכע מאָראַל.

די באַמיונגען פֿון טורקוסן זענען אָבער גיך געוואָרן אַ סוד פֿאַר גאַנץ בראָד. עס האָט אויפֿגערודערט דעם ראַבינאַט, קהל, עס האָט זיך דאָרט אַ רודער געטאָן. צו דעם קרייז פֿון גוויאַזדאַס מענטשן איז עס נישט דערגאַנגען — זיי זענען געווען דערשלאָגן און אָפּהעטיק, פֿאַרגעסן בכלל וועגן טעאַטער. איזאַק אַליין האָט אַוועקגעלייגט דעם פֿאַרטיקן כּתב=יד און אָנגעהויבן זיך צו בייטן מיט בינעמען אין דיזשורירן ביים קראַנקן=בעט. פֿאַרטאָן אין זיין שרייבן, האָט ער געטריבן פֿון זיך יעטוועדן געדאַנק וועגן דער האָפֿנונגסלאָזיקייט פֿון דער לאַגע, אַליץ געהאָפֿט נאָך צו הערן גוויאַזדאַס אַ לויב=וואָרט וועגן דער אַרבעט, אין וועלכער ער האָט אַריינגעלייגט זיך אינגאַנצן, זיינע געפֿילן צו די מענטשן דאָ, זיינע געפֿילן צו שרהלען. איצט האָט ער ערשט דערזען פֿאַר זיך דאָס אמתע בילד פֿון גוויאַזדאַס לאַגע — דעם שטומען שאָטן פֿון אַמאָליקן גוויאַזדאַ. דאָס האָט אים דערשיטערט און צוגענומען די פֿעיקייט צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. ער האָט אין שרהלעס בליקן געזוכט אַ טרייסט, אַ דערמוטיקונג, נאָר זי האָט אים איצט

נישט געקאָנט געבן די טרייסט. די שאַרפע שפּורן פון ווייטיק און טרויער האָבן אַוועקגעלייגט שאָטנס אויף איר פּנים, אין אירע אויגן. דער גאַנצער קרייז פון גוויאַזדאַס מענטשן האָט אויסגעזען, ווי אַ סטאַדע שעפּסן, וואָס פרעסן זיך צונויף אין איין קנויל, אין פאָרגעפיל פון אָנקומענדיקן שטורעם.

און קהל האָט נישט גערוט. באַלד ווי עס איז דערגאַנגען די ידיעה וועגן טורקוס באַמיונגען — צי דאָס איז געשען דורך איינעם פון די באַאַמטע, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט צופרידנשטעלן פון טורקוסעס צוזאָגן און געזוכט אַ באַלדיקן נוצן פון צד שכנגד, צי אַ פאַרטרויונגס־מענטש פון צד שכנגד איז צופעליק געוויר געוואָרן וועגן דעם, דאָס איז פאַרבליבן אַ סוד — אָבער באַלד, ווי עס איז דערגאַנגען, האָט זיך אַ רודער געטאָן אין בית־הקהל און אין ראַבינאַט, ווי אין אַ בינשטאָק. שטאַפעטן זענען געלאָפן צו די דאַזאָרעס, צו די מורה־הוראהס, צו די אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים. געהיימע אסיפות — צופעליקע און ספּעציעל צונויפגערופענע — זענען פאָרגעקומען אין די קאַנטאָרן, זאַלן, ביים „חמדת שלמה“ און אין קהל. אומעטום איז געפאַלן דער זעלבער באַשלוס: שוין אָנהויבן צו האַנדלען, נישט פאַרזוימען און פאַרזען, ווי דאָס פאָריקע מאָל. מען האָט פאַרגעסן, אַז עס דערנענטערט זיך פּסח. אַלע אַנדערע ענינים זענען אַוועקגערוקט געוואָרן אין אַ זייט. דער עיקר איז איצט — צעקלאַפן די פלענער פון די פּורים־שפּילער, נישט דערלאָזן מער צו חילול־השם. מיט איין זאך איז מען נאָר נישט געווען אייניק — וויאַזוי צו צעקלאַפן. יעדעס קרייזל האָט זיך געהאַט זיין פּלאַן. יעדער באַלעבאָס האָט פאָרגעשלאָגן זיין בעסטן און זיכערסטן וועג.

מיט די אַלע פלענער האָבן די דאַזאָרעס נישט געהאַט קיין צייט און קיין געדולד זיך צו פאַרנעמען. האָבן זיי דעם ענין איבערגעגעבן אין די הענט פון טוגענדהאָלדן און פאַפּראָצקין. זיי וועלן זיך שוין צום בעסטן אַן עצה געבן דערמיט. צו וואָס אַריינמישן די חשובסטע באַלעבאַטים פון שטאָט? דער רב־הכולל האָט אָבער אויך געוואָלט האָבן זיין פאָרשטייער אין שטאַב פון דער הייליקער אַרמיי. קיין גרויסן צוטרוי צו די גלוחים האָט ער פאָרט נישט געהאַט. ער האָט זיך איינגעעקשנט, אַז דער אויבערשמש זייוול זאָל זיין דער דריטער.

טוגענדהאָלד האָט זיך אַפילו געפילט דערפון באַליידיקט. פאַפּראָצקי איז גאָר געווען שאָקירט: — „אַ געזעלשאַפט פאַר מיר, דער ווילדער, צעפּאַטלטער שמש!“... אָבער איינרייסן מיטן רב־הכולל האָט קיינער פון זיי נישט געוואָלט. זיינס אַ וואָרט האָט נאָך פאָרט געהאַט אַ וואָג, אַפילו ביי

די פאַרגעשריטענע באַלעבאַטים, די גרויסע הערן. טיף אין האַרצן האָבן זיי ביידע געפילט — ביי זייער גאַנצן גרויסהאַלטן זיך — אַז זיי זענען נישט מער ווי משרתים. טאַקע בכבודיקע משרתים, ווערטפולע — אָבער נישט מער ווי משרתים ביי די גרויסע הערן. האָבן זיי געמוזט אַראָפּשלינגען אויך די פּיל. אויפגעבראַכט זענען זיי אָבער געוואָרן, ווען זייזוול דער אויבער־שמש איז נישט געקומען צו דער באַשטימטער צייט, מאַנטיק צוועלף אַזייגער ביי טאָג, אויף דער אַסיפה פון שטאָב, אין הויז פון דער קהילה. טוגענד־האָלד האָט ארומגעצאַפּלט אין פּאַפּראָצקים קאַבינעט, ווי אין קדחת.

— אַזאַ חוצפּה! אַ שמוציקער כניאָק! פּטרן מיין טייערע צייט צוליב דער בריאה.

געוועזן האָט פּאַפּראָצקי געמישט די בלעטער פון אַ דיקן אַקטן־בוך, נישט וועלנדיק זיך אַרויסכאַפּן מיט אַן איבעריק וואָרט, וואָס קאָן שפּעטער דערגיין צום רב ליפּשיץ און דערצו נאָך אין אַ פאַרקריפּלטער פאָרם. — „פּאַר טוגענדהאָלדן מוז מען זיך היטן מיט יעדן וואָרט“... אין זיך האָט ער נאָך געשאָלטן די ווילדע פּאַנאַטיקער, דעם ווילדן המון, מיט וועלכן אים — מיט זיין בילדונג, זיין קולטור — קומט אויס צו האָבן צו טאָן, ווייל דאָס אומגליק האָט געוואָלט, ער זאָל געבוירן ווערן אַ ייד. אָ, גאָט!

אָן אַ קלאַפּ האָט זיך אויפגעפּראַלט די טיר. ביידע האָבן אהין גע־ווענדט זייערע בליקן. אין טיר איז געשטאַנען זייזוול אויבערשמש, נאָכמער צעפּאַטלט און צעפּלאָמט, ווי שטענדיק. פון זיין פלײשיקער נאָז האָט זיך געטראָגן אַ געדיכט סאַפּעניש מיט אַ פייף. אַפּנים, אַז ער האָט געמוזט זייער שנעל אַהערלויפן, ווייל ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם, שטייענדיק אַ לאַנגע רגע אָנגעשפּאַרט אין דער פּוטרינע. אָפּגע־האַקטע זילבן האָבן זיך ענדלעך אַרויסגעריסן פון זיין האַלדז, ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט איבערגעבן די גרויסע פרייד, וואָס האָט געברויזט אין אים:

— גע־גע־געשטאָרבן... גוויאזדאַ... יאָסל... גע...שטאָרבן...

פּאַפּראָצקי האָט אָפּגעאָטעמט מיט דערלייכטערונג:

— אַ שטיין אַראָפּ פון וועג.

— דאַרף מען איצט מאַכן איינגאַנצן אַ נייעם פּלאַן... — טוגענדהאָלד האָט זיך שוין געהאַט באַרואיקט.

V

רעשטלעך שניי האָבן זיך געראַנגלט מיט טונקעלער פּליסיקייט, וואָס האָט זיך געריסן אויף דער אויבערפלאַך פון דער אויסגעקנאָטענער ערד. אַ וואַרעם ווינטל האָט מקצר געווען דאָס אויפהאַלטן זיך פון די צוגויפגעשלאָגענע שניי־בערגלעך, האָט אַרויסגעקוועטשט פון זיי טרערן, וואָס זענען אַראָפּגערונען אין שלענגלדיקע ריטשקעלעך צו דער טונקעלער פליסיקייט. פון די דעכער און פוטרינעס האָבן זיך אָפּגעריסן לעצטע שטיקלעך פון פאַר־פרוירענעם אייז־טריפּעכץ, מיטגעריסן געוואָרן מיט די ריטשקעלעך און פאַרזונקען צוזאַמען מיט זיי אין איין גרויסער בלאָטע. די פרייד פון פרילינגדיקן אויפקום האָט זיך אָבער נישט געפילט, מיט אַ דריבנעם ציטער האָט שפּאַצירט איבער די ביינער דער טרויער פון ווינטערס אונטערגאַנג. מיט דעם טרויער האָט זיך צונויפגעגאָסן אַ טריבע מענטשלעכע מאַסע, וואָס איז מיט אַ דראָענדיקן שווייגן געפלאָסן איבער די גאַסן פון רעוויר.

אַרויסקוקנדיקע קעפ פון די טויערן, שטיין געבליבענע אויף די גאַסן, האָבן אויף צווייערליי אופנים אויפגענומען די מאַסע: אייניקע האָבן זיך שנעל צוריקגעצויגן און אַוועק אין אַן אנדער ריכטונג, געטריבן דורך עפּעס אַ מורא; אַנדערע האָבן מיט אַ טיפן קרעכץ זיך פאַראייניקט מיט דער פליסנדיקער מאַסע, מיטגעשפּאַנט מיט איר אינמיטן גאַס, איינטאָפּטשענדיק די בלאָטע אין אַ געדיכט קלעפּעכץ. ווו נישט ווו האָט זיך דערהערט אַ הייבער כליפּ, אַ „וויי איז מיר!", אַ פּרווו פון ווייבערישער יללה, וואָס איז באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן אין דער פייערלעכקייט פון דעם שטילן גיין פאָרויס.

וואַרשע האָט באַגלייט יאָסל גוויאַזדאַן צו זיין אייביקער רו.

קיינעם האָט מען נישט באַדאַרפט אויפקלערן, ווער עס איז געווען די סיבה פון דעם טרויער־קאָנדוקט. אַ ייד פון רעוויר האָט געקאָנט נישט וויסן, ווער עס איז איינער פון די דאָזאָרעס, געקאָנט נישט געדענקען דעם נאָמען פון אַ מורה־הוראה. פאַר קיינעם איז אָבער נישט פרעמד געווען דער נאָמען גוויאַזדאַ. פאַר קיינעם איז ער נישט געווען גלייכגילטיק: אָדער מען האָט אים געשאָלטן, אָדער געבענטשט. מיט דער מאַסע זענען מיטגעגאַנגען די, וואָס האָבן אים געבענטשט.

פאַר די פּשוטע וואַרשעווער יידישע תושבים און פאַר די טאָג־צעטל־יידן איז געווען אַ קנאַפּע נפקא־מינה — עפּשטיין, צי עטינגער, טעפּליץ, צי ראָזען, אונגער, צי פּאָזנער, בערעקסאָן, צי דאַווידזאָן. אָדער דאָס זענען

געווען פֿאַר זיי סתם גבירים, אָדער — ביי די, וואָס דאָס ביטערע לעבן האָט אַרויסגערופֿן אַ שטענדיקע ביטערקייט אויף דער צונג — אַ קראַנקייט. אַליין, וואָס איז געווען דער היפּוך פֿון עוולה, פֿרעמדקייט, ביטערניש, איז פֿאַר זיי געווען דער נאָמען גוויאַזדאַ. פֿאַר אַ סך האָט ער געקלונגען, ווי דער אָנדענק פֿון דער פֿאַרשטאָרבענער מאַמען, ווי אַ טרייסט אין די שווערע מינוטן, ווי אַ האָפֿענונג אויף יושר, אויף אַ וואַרעמער שטוב און אויף פֿריילעכע, זאַטע קינדער, אַן אָנשפּאַר פֿאַר שוואַכע, אומגעוואָרפֿענע דורכן לעבן, אָדער פֿאַלנדיקע אונטער דער לאַסט.

די געשעפֿטן אויף נאַלעווקעס, פֿראַנטשישקאַנער, וואָלאָווע, זענען כמעט אַלע געווען פֿאַרמאַכט. זייערע באַלעבאַטים זענען געזעסן אין די שטובן און אויפֿמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די קולות פֿון דער גאַס. נישט דערפֿאַר, ווייל מערסטנס משרתים זענען אַוועק אויף דער לוויה, ווייל אַ סך סוחרים פֿון דער פּראָווינץ האָבן זיך אָפּגעהאַלטן צו גיין איינקויפֿן בעתן לוויה־צוג. די מורא האָט זיי געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט אין די שטובן, כאָטש אויף די גאַסן האָבן זיך אויף אַלע ראָגעס און אין שאָטנדיקע ווינקלען גע־פֿונען פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרמען, צוגעבראַכטע אַהער פֿון אַלע עקן שטאָט. אוודאי האָט דאָס באַרואיקט די הערצער פֿון די באַלעבאַטים, אָבער ווער קאָן וויסן, אויף וואָס אַזאַ פֿאַרביטערטער, פֿינצטערער המון איז פֿעיק?

איבער דער שטאָט איז פֿון מויל צו מויל געגאַנגען די ידיעה, אַז די קהילה האָט געהאַט באַשטימט נישט צו דערלאָזן צו גוויאַזדאַס קבורה אויפֿן נייעם געגשער בית־עולם. אַז דער הרב ליפּשיץ האָט פֿאַרלאַנגט פֿאַר גוויאַזדאַן „קבורת חמור“ און אַז צווישן די מנהיגים פֿון דער עדה איז געווען אַ גרויסער וויכוח, וויאַזוי זיך צו פֿאַרהאַלטן אין שייכות מיט גוויאַזדאַס טויט. געווען אַזעלכע אַפֿילו צווישן די חשובע יידן, ווי די ראָזענס אַ שטייגער, וואָס האָבן דווקא פֿאַרלאַנגט, מען זאָל גוויאַזדאַן מקבר זיין מיט כיבודים — דערמיט אַ ביסל איינגעמען די געמיטער פֿון המון. דער צד פֿון די אונגערס און אייזנמאַנס האָט געהאַלטן מיטן „חמדת שלמה“. די מחותנים עפּשטיין און טעפּליץ, וואָס האָבן געהאַט די שטאַרקסטע סיבות פֿיינט צו האָבן גוויאַזדאַן צוליב זיין קאַמף ווען כשר פֿלייש, זענען דווקא געווען געמעסיקט: נישט אויפֿצורייצן און נישט צו גלעטן, טאָ, ווי גוויאַזדאַס חברה וועלן פֿאַרלאַנגען, נאָר נישט מיט צופֿיל התלהבות. מען האָט זיך געטאַמפּערט און געקאַכט, ביז ביינעם איז געקומען דערליידיקן די לוויה־פֿאָרמאַליטעטן און מיט אַ געפֿרעסט קול געמאָלדן, אַז גוויאַזדאַס

לעצטער ווילן איז געווען צו געפינען זיין אייביקע רו אויפן פראגער בית=עולם. נישט אין שכנות מיט די זביטקאָווערס, נאָר צווישן דער יידישער אָרעמקייט, וועמענס נידעריקע קברים, אָרעמע מצבה=ברעטלעך און שטיינדלעך זענען געווען צעוואָרפן ארום פארקן פון בית=עולם. די פאָדערונג איז פאַר זיי געווען אזוי אומדערווארט, אַז די קהילה=טאַטעס האָבן אין ערשטן אויגנבליק פארלוירן די קעפּ. באַטראַכט פארדעכטיק בינעמס גרוי, פארגליווערט פנים: „אין דעם שטעקט עפּעס אַ כּוונה!". דווקא נישט אויף דעם בכבודיקן און נעענטערן גענשער בית=עולם, נאָר אַ שפּאַציר איבערן גאַנצן רעוויר, דער פּוילישער ניישטאָט און אַלטשטאָט, איבער גאַנץ פּראַגע — ווער ווייסט, וואָס דאָס פּעבל וויל אָפּשפּילן פאַר אַ חתונה אויפן וועג? דערפאַר טאַקע זענען באַלד געלאָפן עקסטרע שלוחים צום קאָמיסאַר פון רעוויר, צום פּאָליצמייסטער אַליין. דערפאַר — די שמירה אויף די גאַסן און די שרעק פון די באַלעבאַטים.

נאָר דער צוג איז געגאַנגען רואיק און כמאַרנע, געגאַנגען שווייגנדיק. פון פאָרנט האָט געשפּאַנט אַ חברה פון אַ מאַן צוואנציק — ברייטפּלייציקע שטיינהאַקערס און טרעגערס אין זייערע שווערע ארבעטס=מלבושים, ווי זיי וואָלטן זיך גרייטן ריין צו מאַכן דעם וועג פאַרן ארון. איזאַק מיט בינעמען זענען געווען אין דער ערשטער ריי פון די, אויף וועמענס פּלייצעס עס האָט זיך אָנגעשפּארט דער מיט אַ שוואַרצן טוך באַדעקטער ארון. הינטער זיי — גוויאזדאס מקורבים, די פּורים=שפּילערס און זייער עולם. געגאַנגען איינגעבויגן אונטער דער שווערער משא נישט פון ארון, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר דינע ברעטלעך, נישט פון גוף, וואָס האָט געוויגן נאָך ווייניקער פון די ברעטלעך, — נאָר אונטער דער לאַסט פון שווערן פארלוסט, וואָס האָט זיי געטראָפן. באַלד הינטערן ארון האָט שווייגנדיק זיך פאָרויסגערוקט אַ צונויפגעדריקטע מאַסע פון עטלעכע הונדערט מאַן — איין גוף מיט פאַרשיידן באַדעקטע קעפּ. אָפּגעריסן פון זיי מיטן שטח פון אַ פּאָר טריט, וואָס איז איינגעהיט געוואָרן כמעט די גאַנצע צייט פון טרויער=צוג, איז געגאַנגען אַ צווייטע צונויפגעדריקטע מאַסע — ווידער פון פאַרשיידענעם עלטער און פאַרשיידנסטער קליידונג — מיט שרהלע, כאַווטשע, פייגל, צלבה די אלמנה אין דער ערשטער ריי. דערנאָך האָבן ערשט געשטראָמט אין די הונדערטער צוגעקומענע שוין בעתן דורכגיין די גאסן — ווארשעווער תושבים און טאָג=צעטל=יידן, בילדנדיק אַ דריטע געשלאָסענע מאסע פון מלווים, וואָס איז געוואקסן מיט יעדער דורכגעגאנגענער גאס. דאָס איז געווען דער איינציקער בייטנדיקער זיך טייל פון דער לוויה. ביי די זייטן

זענען נאָך מיטגעגאַנגען קלענערע געזעמלער מענטשן — נישט מיטן גאַנצן צוג — ווי זיי וואָלטן נישט וועלן פאַרפעלן די מצווה פון לוויית המת און גלייכצייטיק נישט פאַררעכנט ווערן צו די אָנטיילנעמער פון דער לוויה. צווישן די מיטגייענדיקע ביז ניישטאָט האָט מען געקאָנט זען דעם דאָקטאָר משה סטודענצקי, וועלכער איז געווען פאַרטאָן אין א שטילן שמועס מיט רב איציק בעל־דיקדוק, ביז זיי זענען באַגעגנט געוואָרן דורך אברהם־יעקב שטערן און זיין איידעם חיים־זעליק סלאָנימסקי, אָנגעהויבן מיט זיי א שמועס וועגן גוויאַזדאַן. שטערן האָט געענטפערט מיט אַ פרומען זיפץ און אַריבער אויף חידושים פון מאַטעמאַטיק, אָפּרייסנדיק זיי פון דער לוויה און פאַרקערעווענדיק צוריק אין דער גערירכטעניש פון רעוויר.

דער צוג איז דערוויל אַריבער אויף די גאַסן פון ניישטאָט. דאָ האָבן זיך שוין זעלטענער באַוויזן די מונדירן פון פּאָליציאַנטן, דערפאַר איז די דריטע גרופּע מלווים פאַרגרעסערט געוואָרן דורך נייע מענטשן — פון אַן אַנדער אויסזען, אַנדערן הולך. גוויאַזדאַס פּוילישע פריינד האָבן אָנגעהויבן אָנצוציען פון אַלע גאַסן.

— ווער? ווער איז עס געשטאָרבן? — האָבן זיך געהערט נייגעריקע שטימען פון פאַרבייגייער, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל געזען אַזא גרויסע און שטילע יידישע לוויה.

— אַ הייליקער ייד! — האָט געשטילט זייער נייגיר פראַנטשישעק ווארא, וואָס איז פון מיר פון זיין ביר־שענק אַוועק מיטן צוג.

— דער גרעסטער ייד! — האָט געענטפערט סטאַניסלאַוו לאָיעק, וואָס איז שוין מיטגעגאַנגען פון דער פראַנטשישקאַנער גאַס. ער האָט פיינט געהאַט הייליקייטן.

— אַ מענטש, אַן איידעלער מענטש איז געשטאָרבן! — האָט אים טרויעריק פאַרראָכטן יאַן דער בעדנער.

האַרט ביי דער בריק איז אין דער לעצטער גרופּע מלווים פּאַרגעקומען אַ שטאַרקע ענדערונג. מיט אַ געשטיקט כליפּען זענען שטיין געבליבן אַ סך יידענעס — די קינדערלעך זענען געבעך, אַליין פאַרבליבן אין שטוב, מען דאַרף אָפּקאָכן אַ ביסל וואַרעמס; טאָג־צעטל־יידן האָבן געבעטן מחילה ביי די שכנים — דער טאָג איז קורץ און דאגות־פרנסה גרויס. מען מוז פאַרט אַהיימקומען מיט אַ פּאָר גראָשן פאַרדינסט. און איינגעשלאָסן האָבן זיך אין דער מאַסע אַ פּאָר צענדליק פּליטאַקעס און פישער פון די ווייטערע ביי־וויסל־געסלעך. איבער דער בריק גייענדיק, האָט מען שוין געזען אין דער דריטער גרופּע א מערהייט פּוילישע מלווים. ערשט אויף דער צווייטער זייט

פון דער ווייסל, אויף פראגע, האָט פארשלונגען די פריערדיקע מערהייט אַ המון יידן, מענער און ווייבער, וואָס האָבן מקבל־פנים געווען די לוויה מיט הילכיקע געוויינען, קלאָג־אויסגעשרייען. ווי פארשעמט פון דער שטיל־קייט פון די שפּאַנענדיקע מיטן אָרון, זענען די יללות צוביסלעך אָפּגעפאַלן, פארבאהאלטן געוואָרן אינעווייניק, ביז די מאַסע איז ווידער באַהערשט געוואָרן דורך אינערלעכן טרויער.

די טונקלקייט האָט שוין אָנגעהויבן צו פארווישן די פנים־שטריכן, ווען ביים אָפענעם קבר האָבן זיך דערהערט די געזעגענונגס־ווערטער. גע־רעדט האָט איזאַק. ווען דער שווייגנדיקער ביגעם האָט אים מיט די אויגן געגעבן צו פארשטיין, אַז ס'איז צייט זיך צו געזעגענען, האָט איזאַק נישט געדענקט, אַז נאָך בעתן מאכן דעם פּלאַן פון דער לוויה איז אים פארטיילט געוואָרן דער כבוד מספּיד צו זיין גוויאַזדאַן. ער האָט די גאַנצע צייט נישט געטראַכט וועגן דעם. איין געדאַנק האָט אים נאָר געבויערט דעם מוח: — נישטאָ מער גוויאַזדאַ! — איצט, ווען ער איז שטיין געבליבן פּנים אל פּנים מיטן מת אין קבר, מיט די הונדערטער פאַראומערטע, פאַרחושכטע פּנימער, מיט שרהלעס רויטע, פארשוואָלענע אויגן — האָט אַ גליווער אַרומגעכאַפּט זיין מוח. וואָס קאָן ער זאָגן? באַוויינען דעם אַוועקגייענדיקן און טרייסטן די פארבליבענע? וואָס זענען ווערטער אין פארגלייך צום פאַרלוסט? אָבער אַזויפיל גאָענטע אויגן האָבן געקוקט מיט ווייטיק און דערוואַרטונג אויף זיינע ליפּן. די פאַרשידנקאָליריקע, פאַרשידנאַרטיקע אויגן זענען געוואָרן איין גרויס אויג, וואָס קוקט אריין אין דער טיפעניש פון זיין נשמה. אָ, זיי לייענען דאָרט זיכער אַרויס דאָס, וואָס ער פילט אין דער רגע, וואָס ער האָט דורכגעלעבט דורך דער לעצטער צייט און צו וואָס ער איז דערגאַנגען דורך זיין באַקאַנטשאַפט מיט גוויאַזדאַן... דאָס אויג וועט גלייך דערפילן די ווערט און עכטקייט פון יעדן אַרויסגעזאָגטן וואָרט. אָפּנאַרן דאָס אויג, וואָלט געהייסן אָפּנאַרן גוויאַזדאַן, אָפּנאַרן די אַלע מענטשן, אָפּנאַרן שרהלען — זיך אַליין.

-- ס'איז געשטאָרבן אונדזער פריינד... אַ פריינד פון מענטשן... פון אונדז אַלע, פון אַלע, וואָס נייטיקן זיך אין מענטשלעכער פריינדשאַפט... אַ האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן... אַ ליבנדיק האַרץ. אַ גרויס האַרץ, וואָס איז געווען פול מיט ליבשאַפט צו מענטשן, צו פּראָסטע מענטשן...

די ווערטער זענען שוין אַליין געפלאָסן, געריסן זיך פון דער צונג, צונויפגעגאָסן זיך מיט די געפילן פון אַלע, וואָס זענען איצט דאָ געשטאַנען אין דער פייכטער טונקלקייט פון ערב־פרילינגדיקן בין־השמשות. דעם נאָ־

מען גוויאַזדאַ האָט ער שוין זעלטן דערמאָנט. ער האָט גערעדט וועגן די אַנוועזנדיקע מענטשן, זייערע לעבנס, זייערע נויטן, זייערע עוולות. גערעדט האָט ער פּשוט און אמתדיק. יעדער איינער האָט געפילט, אַז דאָס רעדט ער וועגן אים, זיין משפּחה. וועגן רחלס, יאַנקלס, שרהס, חנהס, נפתּלים, גיטלס, וועלוולס — וועגן זייער לעבן, צרות, ביטערניש און פּלאָג. עס האָט אויפגעטויכט דאָס בילד פון יידישער נויט, פון מענטשלעכער נויט. נישטאָ קיין יושר. אַ מענטש אָן יושר איז אַ חיה. דאָס לעבן פון מענטשן ווערט דערדריקט דורך דער חיה. גוויאַזדאַ איז געווען — יושר. ער איז געווען דער מענטש.

— עס איז אַוועק פון אונדז ד ע ר מ ע נ ט ש יאָסל גוויאַזדאַ...

שאָטנס האָבן זיך צוריקגעשלייכט אין דער פינצטערניש פון פּראַגער פּעלדער און פאַרוואָרלאָזטע געסלעך. ס'איז שווער געווען צו אונטערשיידן, ווער עס זענען די שאָטנס. עס האָט געשפּאַנט דער טרויער.

VI

גאָר נישט אָראָפּלאָזן די הענט! נישט לאָזן זיך איינוויגן דורכן טרויער — דער געדאַנק האָט טאָג און נאַכט געבויערט שרהלעס מוח. זי האָט געזען, ווי איזאַק איז אריינגעפאַלן אין אַ הינערפּלעט, גאַנצע טעג געשטאַרט אין עפּעס אַן אומזעבאַר פּינטעלע. שלמה בדחן האָט אויפגעהערט צו שיטן מיט וויצן און גראַמען. שלמהלע משרת איז געוואָרן האַמעטנע און ארומגעשלעפּט זיך אויף בלייענע פיס. אַפילו דער געלאַסענער און באַהערשטער בינעם איז געווען גאַנצע טעג פאַרטשמיעליעט. דאָס גוויאַזדאַ-קרייזל האָט אויסגעזען, ווי צעפלאָשעטע שעפּסן אָן אַ פּאַסטעך. מערקווירדיק איז דערביי געווען, אַז דווקא די שוואַכסטע, די פרויען, — זענען איצט געווען די שטאַרקסטע, די צום מייגסטן באַהערשטע. און מער פון אַלע — שרהלע.

פון ווינטער זענען שוין פאַרבליבן שוואַכע שפּורן — פּעטע בלאָטעס אויף די טיף צעאַקערטע דורך רעדער געסלעך. אויך די שפּורן זענען דורך פּרילינגס-ווינטן צוביסלעך אויסגעטרוקנט געוואָרן. מען האָט אָנגעהויבן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די גראָבע טיכער און וואַטענע שמאַטעס פון ווייבערשע גופים און צעריסענע, וואַטענע שפּענצערס — פון מענערשע. דאַן האָט זיך ערשט אַנטפּלעקט די גאַנצע אויסגעדאַרטקייט, די אויסגעטריקנטע ביינערדיקייט פון די מענטשן. פון די ביינער האָבן איצט אָנגעהויבן ארויסצושפּאַצירן פאַרשידענע מיחושן און חולאתן, וועלכע זענען אין משך פון

ווינטער געווען פֿאַרבאָרגן צווישן דעם באַרג שמאַטעס. איצט זענען זיי אַרויסגעקראָכן, דערוועקטע דורך די קוים וואָרעמענדיקע שטראַלן פֿון דער זון. דאָקטאָר סטודענצקי איז טאָג און נאַכט אַרומגעלאָפֿן צווישן די איינגעבויגענע הייזלעך, פֿאַרשריבן רפֿואות און דער עיקר געראָטן:

— גוט זיך דערנערן. ריין האַלטן זיך און די שטוב. אַכטונג געבן אויף זיך...

ער האָט אַפֿילו געפּרוּווט צו אַלאַרמירן די שטאָט־טאַטעס, אַז עס דאַרף אַן עפּידעמיע אין רעוויר. דער הונגער און שמוץ זענען אַזוי גרויס, אַז ווען עס זאָל זיך, חלילה, אַרײַנכאַפּן אַן אָנשטעקנדיקע חולאת, קאָן זי זיך ווי אַ שׂריפֿה פֿאַנאַנדערטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט. אין די הויכע פֿענצטער האָט מען אָבער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— דער ליבער דאָקטאָר איז שטענדיק איבערגעטריבן. זאָלן ווייניקער קבצנים זיך רייסן קיין וואַרשע. אין די שטעטלעך איז אַ בעסערע לופֿט, דאָרט איז לײַכטער מיט באַשפּייזונג, ס׳וועט פֿאַר זיי זיין געזונטער צו בלײַבן אין די שטעטלעך...

דער דאָקטאָר האָט עטלעכע מאָל געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט וועגן דער געפֿאַר פֿון אַ מגפֿה ביי גוויאַזדאַן אין שטיבל. קיינעם איז עס אָבער איצט אין קאָפּ נישט געלעגן. שׂרהלע האָט עס אויך נישט גענומען צו ערנסט, אָבער די כסדרדיקע געוויינען און יללות וועגן הילף פֿאַר קראַנקע קינדער, קראַנקע עלטערן האָבן זי נישט געלאָזט רוען. זי האָט איצט געפֿירט די „מעוז־לדל"־קאַסע און געזען: דאָס, וואָס מען קאָן העלפֿן פֿון דער קאַסע, איז אויף אָפּצווישן די ערשטע טרערן פֿון אַ מאַמען, פֿון קינדער. די טרערן זענען אַלץ מער געפֿלאָסן און דאָס האָט זי געצוווּנגען צו ווערן רירעוודיקער.

קיינער האָט נישט באַמערקט, וויאַזוי דאָס איז געשען און קיינער האָט נישט געקאָנט פּינקטלעך באַשטימען, ווען עס איז געשען — צי פֿאַר די שלושים, צי נאָך די שלושים — נאָר זי האָט זיך געפֿונען צוזאַמען מיט איזאַקן אין גוויאַזדאַס חדר, פֿון וואַנען איזאַק האָט זיך נישט גערירט. זי האָט שוין בכלל נישט געאַרבעט מיט די מיידלעך, אינגאַנצן געווען פֿאַרנומען מיט באַלעבאַטעווען און פֿירן די קאַסע, וועלכע איז געווען אויסגעטרוקנט ביזן דנאָ. אין איזאַקס חדרל איז אַריין בינעם מיט שלמהלע משרת, וואָס האָבן ביידע נישט געאַרבעט. שׂעהן לאַנג זענען זיי שווייגנדיק געזעסן מיט איזאַקן, אָדער מיט אָנגעקומענע חברים, וועלכע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין חדרל, כמעט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, נאָר אונטערגעברומט פֿון צייט צו צייט — פֿאַר זיך — אַן אומעטיקן ניגון. עס האָט געמאַכט אַ דער-

דריקנדיקן איכה־איינדרוק. דער קליינער גדליהו האָט עס נישט געקאָנט פאַרשטיין, האָט איינמאָל געפרעגט דעם ברודער זיינעם:

— שלמהלע, ווי לאַנג זיצט מען שבעה?

שלמה בדחן איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַן אָפּגעבריטער, אָן אַ וואָרט אַרויסגעלאָפן פון חדר, שעהן לאַנג אַרומגעשפּאַנט איבער די גאַסן — אַן אַ פאַרוואָס.

די וואָכן לאַנגע שווייגעניש האָט שרהלען דערדריקט. זי האָט זיך באַמיט מיט אירע בליקן אַרויסרופן עפּעס אַ רעגונג צום לעבן ביי איזאַקן, אָבער אומזיסט. ער איז געווען ווי פאַרגליווערט און צומאָל זי נישט באַמערקט. האָט זי אים אָנגעהויבן צו וועקן, מונטערן מיט ווערטער, זאַצן, לסוף — מיט גאַנצע מאָנאָלאָגן:

— אונטערגעבן זיך דעם טויט? מעג מען דען? דעם גרעסטן ווייטיק מוז מען קאָנען פאַרהיילן, כל־זמן מען לעבט, ווען נישט, וואָלט דאָך די וועלט געוואָרן איין גרויסער בית־עלמין. יעדער טרויער מוז זיך ענדיקן. ווי דער טאָג קומט נאָך דער נאַכט, מוז אַרבעט פאַרטרייבן דעם טרויער. מעג מען זיך דען אַזוי אָפּשליסן אין אייגענעם ווייטיק?

נאָר מער פון אירע רייד האָט געווירקט איר נאָכאַנאַנדיקע פאַרטועגקייט, דאָס נישט אַוועקלאָזן מיט לייזדיקע הענט קיינעם, וואָס איז געקומען נאָך הילף. אומבאַמערקט פאַר אים אַליין איז אויך איזאַק אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט: דאָ דאַרף מען אָנשרייבן אַ בקשה צו מלכות פאַר אַ פּראָווינצער ייִדן, וואָס איז געקומען מיט זיין פּעקל צרות זוכן הילף ביי גוויאַזדאַן. ווער זאָל אים פאַרטרעטן, אויב נישט איזאַק? מען דאַרף אַ ביסל ברענגען אין סדר די חשבונות פון דער קאַסע.

— עפּעס קאָן איך אַליין נישט דערגיין, ווו עס שטעקט דער טעות אין חשבון...

פאַרשטייט זיך, אַז איזאַק האָט צוגעהאָלפן. פון ערגעץ־ווו האָט זי באַקומען אַ ניי פּויליש ביכל, וואָס איז פון הרעזדן דורך אומוועגן אָנגעקומען קיין וואַרשע. דרך־אגב האָט זי עס אַוועקגעלייגט אויפן געלעגער. איזאַק האָט אויסגעצויגן די האַנט, דערפילט די סודותדיקייט פון די פּאַפּירענע בלעטלעך, אָנגעהויבן עס צו לייענען, נישט אָפּרייסנדיק זיך שוין דערפון ביזן לעצטן בלעטל. האָבן כסדר אים אָנגעהויבן אונטערצוקומען אונטער דער האַנט פרישע ביכער — פון זיין אַלמערל, נייע ביכער, וועלכע זי האָט ערגעץ־ווו באַקומען. זי האָט קיינעם נישט געזאָגט, אַז דער ערגעץ־ווו איז טאַקע העניק אונגער, וואָס האָט זיך טראָץ אַלעם אינטערעסירט מיטן

גורל פון זיין חבר. איזאַק האָט מיט מער אינטערעס אָנגעהויבן צו לייענען. זי האָט שוין אַכטונג געגעבן, אַז די ידיעה וועגן דעם און וועגן די קליינע אַרבעטן, וואָס ער האָט געטאָן, זאָל דערגיין צו דער גאַנצער חברה, דאָס האָט זיי אַ ביסל אויפגעמונטערט. צווישן די ביכער האָט זי אים איינמאָל אונטערגערוקט דעם כתב־יד פון זיין „יהודית" — ער האָט עס אָבער אָפּגעשטויסן פון זיך.

דערווייל האָט זיך דער פרילינג שוין פעסט אָנגענומען מיט פאַרבן און זאַפטן, וועלכע האָבן אַרויסגעשיינט פון די געציילטע ביימער און בלומען אין רעוויר, פון די הויך וואַקסנדיקע ווילדגראָזן און שטעכעלעך, וואָס זענען נישט אָנגערירט געוואָרן אַפילו דורך די אויסגעהונגערטע ציגן. די לופט אין די געסלעך איז געוואָרן שטיקנדיקער און געדיכטער, די גאַסן האָבן שוין אָנגעהויבן צו פאַרוואָנען מיט אַ צענעמענדיקער היץ... סטאַניסלאַוו, פראַנעק, יאַן און די איבעריקע פריינד פון אויסערן רעוויר האָבן גערופן אַפּצוקילן זיך צווישן דעם גרינס פון דער סאַסקע קעמפּע. מילא — אַ שיינע פּאָר שבתים, זונטיקס און יום־טובים זענען אַוועק אָן דער הייטערקייט ביים ביר אין די שענקען און ביר־גערטנדלעך. ווילאַנג איז אָבער דער שיר? שוין בעסער זייער אופן צו דערטרינקען דעם טרויער. זיי האָבן דעם וויטיק נאָך גוויאַזדאָס טויט דערטרונקען אין עטלעכע קוואָרט אָקעוויט. אָנופרי האָט באַוויזן, אַז ער שטייגט זיי אַלע איבער. קיין מענטש לעבט נישט אייביק. דאַרף מען צום גוטן דערמאָנען די אַוועקגעגאַנגענע, נישט אין צער, נאָר אין פרייד אויף דער לופט, אונטער דער זון — צולהכעיס דעם טויט.

שווער איז אָנגעקומען שרהלען איינצורעדן איזאַקן, ער זאָל פאַרלאָזן דאָס דעמפּיקע חדרל. דאָ זענען איר שוין צוהילף געקומען אַלע בורים־שפּי־לער, אַלע גוויאַזדאָס מקורבים, וועלכע עס האָט ווידער אַ צי געטאָן צו דער רחבותדיקייט פון דער סאַסקע קעמפּע, צו דער לופט ביי דער ווייסל. די העלדזער זענען דאָך אויסגעטרוקנט געוואָרן אין די הושנע געסלער... אַ שפּאַציר צום אָנדענק פון גוויאַזדאַן — איזאַק טאָר זיי נישט לאָזן אַליין. אויסגעפירט האָט אָבער גדליהלע בעלאַו:

— די גרויסע איז נישט גוט. כ'וויל נישט זיין קיין גרויסער. פינצטערן אָפּ אין חדר נאָך ערגער, ווי ביים רבין... — ער האָט דערביי געמאַכט אַזעל־כע גרימאַסן, ווי זיין ברודער שלמה בדחן, אַרויסגערופן אַ הייטערקייט ביי אַלע, אַפילו ביי איזאַקן.

איזאַק האָט זיך ענדלעך געלאָזט איינרעדן. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט ביים ערשטן אַרויסגיין אויף דער לופט. דער ערשטער שבת־

זונטיק האָט אים ווייניק דערקוויקט, טראָץ דער גלעטנדיקער קילקייט אויף דער קעמפּע. אָבער מיט יעדער וואָך איז די הנאה פון די שפּאַצירן געשטיגן. עס האָבן זיך ווידער געלאָזט הערן ביי דער ווייסל די קלאַנגען פון אַ יידישן ניגון, אַ יידיש לידל. עס האָט זיך באַוויזן מרדכילע פייערמאַן מיט זיין צימבל. איינמאָל און אַ צווייט מאָל האָט ער געשפּילט סתם אַזוי זיך, אַ האַרצנאַגנדיקן ניגון. דער עולם האָט עס אונטערגעכאַפּט און אונטערגעהאַלטן. אַן אַנדער מאָל האָבן זיך שוין אַראָפּגעגליטשט פון די סטרונעס היימערע קלאַנגען פון אַן אָבערעק. פון אָנהייב אַ ביסל פאַרשעמט, דערנאָך — אַלץ דרייסטער און לעבעדיקער האָט זיך דער עולם אַ לאָז געטאָן אין טאַנץ, און די סאַסקע קעמפּע האָט ווידער אויפגעלעבט מיט יוגנט און פרייד.

VII

שטויביקע וואָלקנס האָבן זיך געטראָגן פון די צעגליטע גאַסן, תשעה־באָב־קלאַנגען — פון די פענצטער פון קלויזן און שטיבלעך, ווען דער אויבערשמיש זייוול איז געלאָפן אַ צעיאַכמעטער צום הויז פון „חמדת שלמה“. די פּאָלעס פון זיין קאַפּאָטע האָבן געפלאַטערט, ווי פליגלען פון אַ פלעדערמויז, זיי האָבן צוגעגעבן אימפּעט דעם לויפן. ער האָט נישט געשנאַפּט און גענישטערט אויפן וועג, ווי זיין שטייגער איז געווען, נאָר געלאָפן אָן אָפּשטעל, אונטערגעיאָגט דורך אַ וויכטיקער בשורה.

צום רב האָט מען אים בשום אופן נישט געוואָלט צולאָזן. דער אַלטער רב איז לעצטנס זייער אָפּט באַפאַלן געוואָרן דורך אַ שוואַכקייט, דער תענית האָט אים גאָר אָוועקגעלייגט. דער דופק האָט קוים געקלאַפּט אין אים און די מקורבים האָבן געציטערט, צי זענען עס נישט, חלילה, די לעצטע מינוטן זיינע. זייוול האָט אָבער פאַר קיינעם נישט געוואָלט אויסזאָגן, וואָס עס בורעט אַזוי אין אים, נאָר פאַרן רב אַליין: אולי, אפשר וועט פאַלן אַ גנעדיק וואָרט און אַ ברכה פון רבס מויל. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן זיין עקשנות — צום רב האָט מען אים נישט צוגעלאָזט. מיט גרויס האַרצווייטיק האָט ער געמוזט אַנטפּלעקן דעם סוד פאַרן מורה־הוראה רב שכנא זאַקאָן, וואָס האָט זיך געפירט מעשה באַלעבאָס אין רב ליפּשיצס אויפנעם־צימער:

— די פּורים־שפּילער... ווידער מיט שקצים, אויף סאַסקע קעמפּע, מיט נקבות, גרייטן אַ שפּיל...

רב שכנא האָט געקנייטשט די געדיכטע ברעמען, געצופּט אַ שפּיץ פון

דער גרויליקער באָרד און געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט זיך טיף פאַרטראַכט. אייגנטלעך האָט אים הנאה געטאָן, וואָס דער חילול־השם איז געשען גראָד דאָ, ווען ער פראַוועט וואַרשעווער רבנות, ווי אַ רב־הכולל כמעט. זיין חשיבות האָט ער איצט נאָך שטאַרקער דערפילט, וואָס עס האָט אַרויסגערופן אין אים אַ גדלות און אַ שטאַרקן צופלוס פון כוחות, פון ענערגיע. איצט איז ער ביכולת עפעס אויפצוטאָן, עפעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אים אַרויסרוקן אויפן אויבנאָן פון ראַבינאַט, ממש פאַראייביקן זיין נאָמען. ער האָט אַ שטרענגען בליק געטאָן צו זייוולען, שטאַרקער פאַרקנייטשט די ברעמען, געוויגן יעדעס וואָרט:

— פון וואַנען ווייסט ער עס? צי האָט ער באַגלויביקע ידיעות? צי וועט זיך פון גאַנצן ענין נישט אויסלאָזן אַ בוידעם, ווי אַמאָל, ביי די איבערפאַלן אויף די ביר־גערטנדלעך?

זייוול האָט זיך געקאָכט און געסאָפעט, שוויס־טראָפנס האָבן אַרויסגעשלאָגן אויף זיין פנים, ווי דאָס ברויזנדיקע בלוט וואָלט זיך געריסן דורך דער צעגליטער הויט: ער שווערט ביי באָרד און פאות, איז גרייט צו שווערן ביי אַ ספר־תורה. זיכערע מענטשן האָבן דערטראָגן. שוין עטלעכע שבתים און זונטיקס קומט עס פאָר. גוויאַזדאַס טויט האָט גאָרנישט באַרואיקט די שקצים. דאָס לערערל, דאָס דייטשל, איז דער גאַנצער כל־ולך ביי זיי. און אַ נקבה, זיין נקבה, אָן חופה וקידושין... מען סטאַרעט זיך שוין ביי נאַטשאַלסטוואָ. עפעס אַ דייטשל, אַ משרת ביים דרוקער גליקסבערג, האָט געמאַכט מיט זיי יד־אחת. ער האָט געגנג און ווייסט ווו צו שמירן. נאָך ימים־נוראים האָרף זיך אָנהייבן די שפיל בפרהסיא. אַן אמת טעאַטער, ווי ביי גוים, רחמנא לצלן... מען דאַרף וועלטן איינלייגן, הימלען רייסן, אויפרודערן די גאַנצע קהילה און נישט דערלאָזן צום חילול־השם.

אַ ציטערדיקער מאַך פון רב שכנאס האַנט האָט געענטפערט, אַז ער גלויבט זייוולען און ער פילט אויך די חשיבות פון מאָמענט. די זעלבע האַנט האָט אייניקע מאָל געווישט דעם געקנייטשטן שטערן. רב שכנא טראַכט...

— און וואָס זאָגן די באַשטימטע פון קהל? די דייטשלעך?

דאָס איז געווען פאַר זייוולען נישט באַקוועם: זיין חוב איז טאַקע געווען דעם ענין קודם איבערגעבן טוגענדהאָלדן און פאַפראָצקין, מיט וועלכע ער האָט דאָך בשותפות באַדאַרפט פירן די מלחמה קעגן דער הפקרות. ער האָט עס אָבער נישט געוואָלט — טיילן מיט זיי דעם נצחון? אַזוי לאַנג קרענקען זיי, די דייטשלעך! אָבער ווי דרייט מען זיך אַרויס דערפון?

— רבי! שמייסט מיך, שילט מיך. — כ'קאָן מיט די דייטשן נישט

פירן קיין מלחמות־הקודש... אַ קשיה אויף זיי? אַז אַליין האָבן זיי פאַרקויפט די נשמה דעם טייוול.

רב שכנא האָט אַ ציטער געטאָן: — „אָווא, אפשר טאַקע? היינטיקע צייטן קאָן מען עפּעס זיכער זיין?“ — ער האָט ווידער געקוועטשט דעם שטערן, געהאַט אַ ישוב־הדעת מיט זיך. אויף זייוולען האָט ער שוין מער נישט געקוקט — פאַרקוקט זיך אויף אַ פּונקט איבערן שרייבטיש, ווו ער האָט אַרויסגעלייענט די תשובה אויף זיינע הרהורים. ער האָט אַרויסגענומען זיינע גרויסע שפּאַקולן, ערנסט באַטראַכט דעם שפּיץ פון דער געזונטער פעדער און אָנגעהויבן מיט געציקלטע אותיות צו שרייבן בריוולעך. יעדעס בריוול האָט זיך אָנגעהויבן מיט:

— לכבוד הגביר האדיר, היחסן וגדול בדור...

די פּים האָבן זיך ביי זייוולען אונטערגעבראָכן פון מידקייט און אויפרעגונג. זעצן זיך — פּאַסט נישט, דער מורה־הוראה האָט אים נישט געבעטן זיצן. האָט ער זיך צוגערוקט צו דער וואַנט און אָנגעשפּאַרט זיך. מיט דער רויטער פּאַטשיילע געווישט דאָס פּנים און געפּאַטשט אויף אָפּצוקילן זיך. רב שכנא האָט אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט, נישט אַרויסגעזאָגט קיין וואָרט, קיין ברום נישט געגעבן, נאָר געציקלט אותיות אויפן פּאַפּיר. „ווי לאַנג הויערט עס שוין? אפשר אַ שעה און אפשר פינף“. זייוול האָט פאַרלוירן די מאָס פון צייט. עס האָט אים אויסגעזען אַן אייביקייט.

אויפן טיש ביי רב שכנאַן איז אָנגעוואַקסן אַ בכבודיקער שטויס בריוולעך. ער האָט איבערגעקוקט נאָכאַמאָל די אַדרעסן אויף דער צווייטער זייט. ווידער אין פאַרטראַכטעניש אַ צופּ געטאָן די שפּיץ באָרד, אַרויסגערוקט דאָס סאַמעטענע קאַפּל ביז דעם לעצטן קניימש פון הויכן שטערן. — „גיי, קיינעם נישט דורכגעלאָזט פון די ראָזאָרעס, די פּני פון די פרומע יידן: רב חיים ראַווידזאָן, רב גבריאל אייזנמאַן, רב איטשע מאיר אַלטער...“ נישט פאַרגעסן די אַדירים אין געלט, אַפילו די אויפגעקומענע, ווי נאַטשע אונגער און, להבדיל, אויך די קאַרפּן־קעפּ פון די „דייטשן“. ער איז געווען צופרידן פון זיך. אַלע פּני פון וואַרשע וועלן היינט אויפגעציטערט ווערן פון זיינע געציקלטע אותיות. היינט וועט ער זיין אויף זייערע אַלעמענס ליפּן און, אם ירצה השם, אין אַ פּאָר טעג אַרום — אויף די ליפּן פון דער גאַנצער ערדה. ער, דער העלד פון טאָג, וואָס האָט מציל געווען דאָס יידישע וואַרשע פון די גרעסטע תרפות און בושות.

מיט אַ השיבותדיקער באַוועגונג פון דער האַנט, נישט קוקנדיק אַפילו אויף זייוולען, האָט ער אָנגעוויזן אויפן שטויס בריוולעך:

— כהרף־עין צונויפגעמען אַלע שמשים. הייגט זאָלן די בריוו דערגיין צו די הענט, בסוד־סודות. ס'זאָל, חלילה, נישט דערגיין צו די טריפהניאַקעס, די פורים־שפּילער. קיין פאַרע פון מויל נישט לאָזן. דאָ איז שוין אַלץ באַשריבן.

אַ נעפּל האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר זייוולס אויגן, אַ רויש אין די אויערן. די פיס זענען אים געווען אָנגעדראָלן פון דעם לאַנגן שטיין. האָט ער זיך פון אָרט נישט גערירט, נאָר אויסגעליפּעט אויפן מורה־הוראה זיינע פאַרגאָסענע אָקסענע בליקן. ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, ס'איז צו אים גאָרנישט דערגאַנגען.

רב שכנא האָט אים ערשט איצט אָנגעקוקט און שאַרף צוגעגעבן:

— יעדע רגע איז טייער. בעזרת השם וועלן מיר אָנהייבן אַ מלחמה־הקדושה. עוקר זיין מיטן שורש דאָס בייז. גאָט וועט אונדז העלפן.

אַ שטראָם פון פרישע כוחות איז אַדורך זייוולס אברים: ער האָט ענדלעך פאַרשטאַנען. ס'איז מקוים געוואָרן זיין חלום! מען וועט זיי שמייסן — די שקצים, די שמרגיקעס, די פורים־שפּילער, די הוזקער! ער אַליין, מיט גאָטס הילף, מיט די אייגענע הענט, מיט אַ ברכה פון קהל. גיריק האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן שטוים בריוולעך: שנעל לויפן, צונויפרופן די שמשים! פאַרטיילן די בריוולעך! זאָל זיך שוין אָנהייבן — די מלחמה־הקדושה, זיין מלחמה, זיין נקמה!

פאַר זיינע אויגן האָבן שוין געשוועבט צעהאַקטע פנימער, צעריסענע מלבושים. און נקבות! נקבות מיט אראָפּגעריסענע קליידער, מיט צעפּלאָשעטע האָר, מיט נאַקעטע שטיקער פאַרשייטן לייב אין דרויסן. אויסשמירן זיי אין פעך, באַשיטן מיט פעדערן און נאַקעט שלעפּן איבער די גאַסן. פאַרשפּאַרן אין דער קונע, מלקות! שמייסן — בלוט זאָל שפּריצן פון די געזעסן! ער האָט צוגעדריקט די בריוולעך צו זיין ברוסט אונטער דער קאַפּאָטע און אָן געזעגענונג אַ שפּרונג געטאָן צום אַרויסגאַנג.

— בעזרת השם! — האָט אים נאָכגעיאָגט רב שכנאס פייערלעכע ברכה.

דעם זעלבן אָוונט האָט מען אין די שענסטע הייזער פון רעוויר און אין די יידישע הייזער פון יענער זייט זיך געסודעט און געפּילפּולט איבער רב שכנאס בריוול. שטאַפּעטן זענען געלאָפן פון איין גביר צום צווייטן, פון איין חשוב צום צווייטן — געבראַכט קורצע ידיעדי־בריוולעך. קאָטשן האָבן געפירט שפּעט אין דער נאַכט די חשובסטע וואַרשעווער באַלעבאַטים אויף גיך צונויפגערופענע אסיפות. פון בעט זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן די

געלערנטע קהלישע עצה=געבער און משרתים — אייזנבוים, טוגענדהאַלט
פּאַפּראָצקי און מינדערוויכטיקערע פון זיי. אַלץ בסוד=סודות, נישט אָנגע
געבן קיין סיבה, אָן אַ וואָרט אויסער די געשלאָסענע קרייזן און אַסיפות.

צומאָרגנס, כאור הבוקר, זענען קאַטשן צוגעפאָרן צום פּאַלאַץ פון
גאַמיעסטניק, צום גובערנאַטאָר, פּאָליצמייסטער, צו יעדן קנעפּל, וואָס האָט
עפּעס אַ דעה געהאַט אין וואַרשע. רייכע פרעזענטער זענען אַוועקגעשטעלט
געוואָרן אויף די טישן. ביי אַ סך זענען צוגעקומען קאָנקרעטע אַסיגנאַציעס
און רויט=געלבלעכע בערגלעך מיט גאָלד=מטבעות. שטערנס פון גאַמשאַל-
סטוואָ האָבן זיך ערגעץ געקנייטשט, בליקן זענען אויסגעלייטערט געוואָרן
ביים באַטראַכטן די מתנות, ביים שאַצן זייער ווערט. פרייגדלעכע האַנט=
דרוקן האָבן פאַרענדיקט די קורצע אוידיענצן, וואָס האָבן ביי די שתדלנים
אַרויסגערופן די זיכערקייט, אַז דאָסמאָל זענען נישט אומזיסט אַרויסגע=
וואָרפן די מתנות. שטיל האָט מען גערעדט צווישן זיך און שטיל זיך גע=
פרייט. קיין איין זייטיק אויער טאָר נישט דערגיין, וואָס עס גרייט זיך אין
וואַרשע. עס טאָר גאָרנישט דערגיין אין דרויסן — ווי פון אַ מיליטערישן
שטאַב פאַר די צוגרייטונגען צו אַ גרויסער שלאַכט.

VIII

די זון האָט שוין אָנגעהויבן פאַרגיין. יונגוואַרג האָט זיך גענומען
פּליוסקען אין וואַסער. פרייגלעכע קולות, איבעררופן, שפּאַסן און שטעכ=
ווערטלעך האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן, געקלונגען מיט זאָרגלאָזער
לוסטיקייט.

אין שאָטן פון אַ בוים איז געלעגן אויסגעצויגן איזאַק, אַרויפגעקוקט
צו דער בלויקייט פון הימל, וואָס האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ פּיאָלעטענעם
אָפּשיין. ער האָט אין די געדאַנקען דורכגעקוקט די גאָר וואָס אַדורכגעמאַכ=
טע פּראָבע פון זיין „יהודית“, פאַרטראַכט זיך: — „דאָס דאַרף מען ענ=
דערן, פאַרריכטן ביי דער ווייטערדיקער פּראָבע“... — באַלד וועט זי זיך
אָנהייבן. ער האָט דערפילט, ווי אַ טראָפּן האָט אַ קאַפּע געטאָן אויפן
שטערן, געחידושט זיך: אַ רעגן ביי אַזאַ לויטערן הימל?

איבער אים איז אַ פאַנאַנדערגעלאַכטע געשטאַלטן שרהלע, מיט פאַר=
רויטלטע באַקן. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן פלעצלעך מיט פוטער און
מיט דער צווייטער געפרווט אַראָפּצולאָזן נאָך אַ טראָפּן פון דעם געטראַנק

וואָס האָט זיך געפּונגען אין טעפּל. ער האָט זיך צעשמייכלט, אויפגעזעצט, און ביידנס ציין האָבן זיך פעסט איינגעביסן אין די פּלעצלעך.

אויף דער גאַנצער פּאָליאַנע זענען געווען פּאַנאַנדערגעוואָרפן חברה שפּילער, געגעסן און געקוויקט זיך מיטן קאַלטן טרונק, וואָס איז געווען צוגעגרייט פאַר יעדן פון זיי. געאיילט האָבן זיי זיך גיכער אָפּצועסן, ווייל זיי האָבן געוווסט: איזאַק האָט פיינט צו מאַכן לאַנגע הפסקות. באַלד וועט מען זיך ווידער פאַרוואַנדלען אין די פאַרצייטישע ייִדן און גריכן פון „יהודית". היינט איז איזאַק טאַקע רואיקער, ווי די לעצטע צייטן. אָבער שטענדיק, ווען ער איז רואיק, איז ער שטרענגער. דאַרף מען זיך היטן נישט אָפּצורייסן אַ פּסק.

— ביסט נישט מיד, שרהלע? — איזאַק האָט זי אַ גלעט געטאָן מיט די בליקן, שלינגענדיק דעם לעצטן ביסן פון פּלעצל.

— יהודית מאַכט מיך נישט מיד. אַ גאַנצע נאַכט קאָן איך עס ווידער איבערגיין. — דאָס איז נישט געווען קיין חניפה, אַזוי האָט זי אויך אַן אמת געפילט.

ער האָט צוגעשאָקלט צופרידן מיטן קאָפּ. זי האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. „אַן אוצר, אַן אמתער אוצר פאַרן טעאַטער". עס האָט איר געפרייט נישט צוליב זיין פּיעסע בלויז — פאַר דער פּיעסע איז שרהלעס שפּילן ניינציק פּראָצענט פון דערפאָלג, אין דעם צווייפלט ער נישט, — עס האָט אים געפרייט פאַרן טעאַטער בכלל. נישט בלויז פאַר זייער טעאַטער. פאַר דער טעאַטער־קונסט בכלל.

— „אַזאַ טאַלאַנט! אַזאַ טאַלאַנט!" — האָט ער זיך געטראַכט. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ער זאָל אויף אַ וועלכער עס איז בינע האָבן געזען אַ שוישפּילערין מיט אַזויפיל געפיל, אַזאַ איגערלעכן פייער און אַזויפיל אויסדריקלעכקייט. — „דאָס מיידל האָט דאָך נאָך כמעט קיין טעאַטער נישט געזען, קיינמאָל נישט געשפּילט... פון וואַנען נעמט זיך צו איר די פרייקייט פון באַוועגונג, די פילפאַרביקייט פון טענער, די גראַציע, די מאָס פון געבן אַזאַ אויסדרוק, אויף אַ האָר נישט מער און נישט ווייניקער, ווי עס פאָדערט די סיטואַציע". — ער האָט זיך אַנטציקט מיט איר, באַוווּנדערט זי. — „אורקראַפט! די איידלסטע, באַצויבערנדיקסטע אורקראַפט".

ער האָט אויסגעזופּט די לעצטע טראָפּנס פון קילנדיקן קוואַס און אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— חברה, צו דער אַרבעט!

די שפּילער האָבן זיך אויפגעריסן פון די ערטער, שרהלע האָט אויפגעטאַנצט און מאַנצנדיק זיך געלאָזט צום בערגעלע, וואָס האָט פאַר זיי געבילדעט די בינע.

געגרייט האָט זיך איזאַק איבערצורייסן אין אייניקע ערטער, צו מאַכן באַמערקונגען, וועלכע ער האָט זיך פאַרצייכנט אין זכרון. אָבער די פּראָבע איז גאָר אַוועק גלאַטיק, זי האָט אַלץ מער אָנגעהויבן אויסצוגלייכן די קנייטשן און פאַרווישן די וואָלקנס אויף זיין שטערן.

„צו אַלדי רוחות — האָט ער אַ צופרידענער געזידלט אין די מחשבות.
— וואָס פאַר אַ לייכטקייט און לעבעדיקייט! וואָס פאַר אַ פייער און איבערצייגונגס=קראַפט עס שטעקט אין זיי, אין די ממזרים! אַזוי האָב איך זיך טאַקע פאָרגעשטעלט די יידן פון יענע צייטן. ווי די בעסטיעס פילן עס אַרויס די אַנדערשקייט פון די פאַרצייטישע גריכן, מיט וואָס פאַר אַ גראַציע עס באַוועגן זיך די הויפלייט! וואָס פאַר אַ קראַפט עס שלאָגט פון די מיליטער=לייט. אַך, עכברושים! ווער וואָלט עס געוואַגט צו לייקענען, אַז דאָס איז קונסט, אמתע טעאַטער=קונסט אין דער געלייטערטסטער פאָרם פון שאַפן מענטשלעכע געשטאַלטן דורך אויפריכטיקער איבערלעבונג? ווי גוט וואָלט עס געווען איצט אַהערצוקריגן דעם דאַווידסאָנען און באַווייזן אים: נאַ, זע, וואָס מען קאָן מאַכן פון די פּורים=שפּילער... אַ שאָד, וואָס ער איז שוין אַוועק פון וואַרשע“.

יהודית טאַנצט פאַר האָלאָפערנעסן. די גאַנצע פּאַליאַנע איז אַרומגערינגלט. הונדערטער נייגעריקע אויגן שלינגען שרהלעס יעדע באַוועגונג. מען האָט דעם איינדרוק, ווי אַלץ אַרום וואָלט געלעבט מיט דעם טאַנץ, גאָרנישט אויסער אים עקזיסטירט נישט אויף דער וועלט...

— ראַטעוועט זיך! אַ כמאַרע גייט! — אַ פאַרצווייפלטער אויסגעשריי האָט זיך דערטראָגן פון דעם וועג, וואָס האָט געפירט פון פּראַגע.

אַ פאַרגליווערטע איז שרהלע געבליבן אין דער פּאָזע: מיט אַן אַרויפגעריסענעם קאָפּ, מיט אַ לאַנגן טיולענעם שאַל, וואָס האָט געפלאַטערט אין די אויפגעהויבענע הענט, איבערן קאָפּ — צעפּאַכעטע פליגל צו אַ פלי אין דער הייך.

פון דער אונטערשטער ריי צוקוקנדיקע האָט זיך דערהערט אַ טומל פון צעמישטע קולות און אָפּקלאַנגען פון אַ געשלעגעריי.

— כלי=קודש! שמשים! ציט זיך צוריק! געדענקט, מען וועט אייך נישט שאַנעווען! — הילכיקע קלעפּ האָבן זיך דערטראָגן.

איזאַק האָט זיך אויפגערייסן. דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין. געזען האָט ער גאָרנישט, אויסער אַ באַוועגונג פון קעפּ און גופים אין די לעצטע רייען.

— אָנצינדן די פּאַקעלן! נישט דורכלאָזן די שמשים! מאַכט אַ קיים!

— איזאַקס שטים האָט געקלונגען מיט דער מעכטיקייט פון אַ גרויסן גלאָק, וועלכן מען האָט פּעסט צעהוידעט.

דער ערשטער האָט בינעם אָנגעצונדן זיין פּאַקל, באַלד האָבן זיך פון פאַרשידענע זייטן מיט רויך אויפגעהויבן פלאַמען, וואָס האָבן באַלויכטן דאָס שלאַכט־פעלד.

— כלאַפּצי! נישט לאָזן זיך, פּשיאַקרעוו! — צו די אונטערשטע רייען האָט זיך אָנגעהויבן דורכרייסן סטאַניסלאַוו מיט אַ פּאָר פּעסטע יונגען.

ווייבערישע ספּודניצעס האָבן געפלאַטערט. מיידלעך האָבן זיך געלאָזט לויפן אין דער טיף פון דער קעמפּע, אין דער ריכטונג פון גראָכאָוו. באַלד נאָך זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ברייטע פּאָלעס פון שווארצע קאַפּאָטעס. די שפּילער האָבן פאַרגעסן וועגן זייערע ראָלן און געלאָזט זיך צום קנויל גופים ביים ברעג פון דער פּאָליאַנע. איזאַק האָט אַ שפּרונג געטאָן נאָך זיי, באַלד נאָך אים — בינעם און שלמהלע משרת, וואָס האָבן געפּאָכעט מיט זייערע ברעגענדיקע פּאַקעלן. איין שרהלע איז געשטאַנען אין איר פריערדיקער פּאָזע, מיט פאַרגליווערטע אויגן געשטאַרט פאַר זיך: אַ שטיינערנער דענק־מאָל, וואָס שטעלט פאָר אַן עקסטאַטישן מאַנען.

דער טומל פון געשלעג איז אַלץ אָנגעוואָקסן, פּאַלנדיקע קערפּערס האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס פון די קעמפנדיקע. דער האַלב־ראָד פון פאַרטיידיקער האָט זיך אָנגעהויבן שפּאַרן פאָרויס, דורכרייסן זיך דורך די שיטער־ווערנדיקע רייען פון די אָנגרייפנדיקע קאַפּאָטעס.

— יידן, על קידוש־השם! אויסוואָרצלען דעם מושב־לצים, די שמדניקעס! די נעסט פון זנות! — די כאָרכלענדיקע שטים פון זייוולען האָט געפּרוווט איבערצושרייען דעם טומל פון קאַמף, זי איז אָבער צערונען געוואָרן צווישן די קולות פון ביידע צדדים.

די רייען פון די אָנגרייפער האָבן זיך אַלץ מער איינגעבראָכן אונטערן דרוק פון די פאַרטיידיקער, צוריקגעצויגן זיך, איינגעשרומפּן געוואָרן. זייוולס שטים האָט זיי נישט באַוויזן איינצוהאַלטן. זייוול אַליין איז ארומ־גערינגלט געוואָרן דורך אַ פּאָר פּעסטע יונגען. דער גרויסער הוט זיינער איז שוין געלעגן צעטרעטן, ווייט פון אים. ער האָט זיך ווילד געשליידערט אויף אַלע זייטן, געפּאָכעט מיטן שטעקן איבער קעפּ, וואָס האָבן זיך געמוזט

צוריקציען, אויסבאַהאַלטן. דאָך האָט יעדע רגע זיזול דערפילט אַ שטויס פון אייניקע הענט. די לאַנגע, צעפלאָשעטע פאות פון אונטערן קאַפּל האָבן זיך געשלענגלט, ווי צוויי פלאַמען, אַרום זיין קאָפּ. ער האָט זיך געהאַלטן העלדיש, פלינק און שטאַרק צוריק דערלאַנגט קלעפּ, געשפּרונגען און געוואָרפן זיך, ווי א צעווילדעוועטער אָקס. ער האָט אָבער דערפילט, אַז די כוחות גייען אים אויס, געזען, ווי זיין מחנה פאַרקלענערט זיך כסדר — אָט־אָט צעפאַלט זי זיך, האָט ער מיט די לעצטע כוחות אַ רעווע געטאָן:

— נאַ פּאָמאָשטש! —

פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן אַ לאַנגע קייט פון צענדליקער פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרמען. אין ליכט פון די פאַקעלן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן זייערע קנעפּ, שנאָלן, אָדלערס אויף קאַסקעס... בולט האָבן זיך אָנגעזען די לאַנגע וואָנסן פון אָלעקסייעוון אויבן פאָן פון זיין ווייסן מונדיר. שאַרפע פייפן האָבן דורכגעשניטן די לופט און מיט אַ מאַגישער קראַפט פאַרהאַלטן די באַוועגלעכע הענט פון די שלאָגנדיקע.

— ראַ־זאַי־דיס! — האָט זיך דערהערט אלעקסייעווס שניידיקע שטים. איידער זי האָט נאָך באַוויזן אָפּצוקלינגען מיט א ווידערקול, האָט א בלאַנק געטאָן דאָס זילבער פון ארויסגעצויגענע שווערדן, אַ פלאַטער געטאָן דאָס ברוין פון נאַהייקעס. די קייט פון פּאָליציאַנטן האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די קעמפנדיקע, געשלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס, נישט איבערקלייבנדיק די צדדים.

אַ מהומה האָט באַהערשט דעם גאַנצן עולם. מען האָט אָנגעהויבן צו לויפן פאַר זיך, געזוכט אַ שפּאַרונע צווישן דער ריי באַוואָפנטע, כדי אויסצומיידן די קלעפּ. אַ קרייזל פּורים־שפּילער האָט געפּרוווט צו שאַפן א וואַנט אַרום איזאַקן. דאָס קרייזל איז באַלד אריינגענומען געוואָרן אין קלעם פון אַ צענדליק פּאָליציאַנטן מיט אָלעקסייעוון בראש. אונטערגעשטופּט מיט נאַהייקעס און שייטן פון שווערדן, האָט מען זיי באַפוילן צו גיין פאָרויס. דאָס פעלד איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון מענטשן. די שמשים און זייערע צוהעלפער, סתם פרומע יידן, האָבן איינער דעם צווייטן געהאָלפן זיך אויפצוהייבן, געזוכט די היטלעך, קאַפּעליושן, קאַפּלעך. די אויפגעהויבענע האָבן געשלעפּט צעקלאַפּטע און צעטרעטענע חברה, צוגעשלעפּט זיי צו די פּאָליציאַנטן און געשליידערט צו זייערע פיס, ווי מלחמה־טראָפּייען. ערשט איצט האָט מען געקאָנט באַמערקן, אַז אַ ביסל ווייטער, צווישן ביימער, שטייען איינגעשפּאַנטע וואָגנס, אויף וועלכע די פּאָליציאַנטן האָבן ארויפגעשטופּט די פאַרהאַלטענע און אַרויפגעוואָרפן די צעשלאָגענע. אַ קנאַק פון

ביימשן, און די פערד האָבן אָנגעהויבן שווער צו שלעפּן די אָנגעלאָדענע וואָגנס אין שטאָט אַריין.

פאַרשטעקט צווישן די ביימער איז געשטאַנען מרדכילע פּייערמאַן און צוגעקוקט זיך צו דער גאַנצער שלאַכט. די הענט האָבן זיך אים געריסן: אַ פּאָר טאָן — נישט מיט די שטעקעלעך איבער די סטרונעס — איבער די בערדיקע מאָרדעס פון די אָנגרייפער און גלאַטע פּיסקעס פון אלקסייעווס לייט. אָפּגעהאלטן דערפון האָט אים זיין צימבל — וואָס וועט דאן ווערן מיט דעם טייערסטן, וואָס ער פארמאָגט, זיין לעבן, זיין אינסטרומענט? ער האָט געוואַרט, ביז עס וועט אינגאנצן זיך אָפּרייניקן דאָס שלאַכט־פעלד געוואָלט צוגיין צו שרהלען און אויפוועקן זי פון גלייווער, אין וועלכן זי איז נאָך אַלץ געווען פארזונקען, נאָר אין דער האַלב־פינצטערניש האָט ער באַמערקט, ווי אויפן אָרט פון דער שלאַכט באַוועגט זיך עפּעס. געדוכט האָט זיך אים, אַז דאָס איז פון וואַלד אַרויס עפּעס אַ האָריקע חיה, דער בער, מיט וועלכן מען האָט אים געשראָקן, ווען ער איז אַ קליין קינד געווען.

דאָס איז גאָר געווען דער אויבערשמש זייוול, וועלכער האָט זיך געקנאָדערט איבער דער ערד, זוכנדיק זיין פאַרלוירענעם הוט. זייוול האָט זיך פאָרויסגערוקט צום מיט פון דער פּאָליאַנע, סאָפּענדיק און ברומענדיק, נישט ארויפקוקנדיק פון דער ערד. דעם הוט האָט ער אַלץ נישט געפונען. ער האָט זיך געפּרוווט אויפהייבן, נאָר עפּעס האָט אים געשטערט. האָט ער זיך מיט א טיפן קרעכץ אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און אָנגעהויבן צו ווישן דאָס פּנים. ווען די העלע לבנה, וואָס האָט זיך שוין פעסט ארויסגערוקט אויפן הימל, וואָלט אים גוט באַלויכטן, וואָלט מען געזען, אַז ער צעשמירט איבערן גאַנצן פּנים דאָס בלוט פון דער נאָז. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, גערופן גאָט פאַר אַן עדות, ווי ער איז זיך מקריב פארן דת, פאר דער קהילה, פאר זיינע באַלעבאַטים. פּלוצלונג איז פאַר זיינע אויגן אויפגעשווומען אַ בילד, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין אַ פאַרגיטיקונג פאר אַלע זיינע ווייטיקן, פאר אלע דערנידעריקונגען און צרות פון גאַנצן לעבן. ער האָט דערזען אויף א בערגל א פרויען־געשטאַלט. באַלויכטן פון דער לבנה, האָט זי אויסגעזען, ווי די ווייסל־פרוי, מיט וועלכער עס חתמעט זיך די שטאָט ווארשע. ער איז לכתחילה פארציטערט געוואָרן: — „וואָס איז דאָס פאַר אַ באַנעגעניש?“ — אָבער אָנשטרענגענדיק ביז ווייטיק די אויגן, האָט ער זי דערקענט:

— זי! די חצופה... פון די פּורים־שפּילער... — פרישע כוחות האָבן אָנ־

געפילט אַלע זיינע גלידער, געמאַכט זיי ווידער קרעפטיק און פלינק. ער האָט זיך אָנגעהויבן שטיל צו שאַרן צו דער געשטאַלט:

— זי זאָל מיר נאָר נישט אַנטרונען ווערן, טאַטע דערבאַרעמדיקער!

— האָט ער מתפלל געווען בלחש.

שרהלע איז געווען איינגעהילט אין דעם טיול פון טאַנץ, זוכנדיק אין אים א שוץ. זייוועלען האָט זי נאָך נישט באַמערקט, אָבער פאַר די אויגן האָט זי געהאַט דאָס בילד פון דער שלאַכט און אין די אויערן האָבן איר געקלונגען די קולות, פייפערייען...

אַ קאַץ, וואָס גרייט זיך צום שפרונג — אַזוי האָט זיך צו איר גערוקט זייוול. פאָרזיכטיק, עס זאָל קיין שאָרך נישט שטערן די שטילקייט, האָט ער זיך דערנעגטערט אַ צוויי טריט פון איר. דאַן ערשט האָט ער זיך אויפגעהויבן אין דער פולער הויך און אַ ברום פון אַ ווילדער חיה, וואָס כאַפּט אַ רויב, האָט זיך ארויסגעריסן פון זיין פארטריקנטער קעל.

מיט אויפגעריסענע אויגן האָט אים שרהלע אָנגעקוקט. דער מוח האָט ביי איר ווידער אָנגעהויבן צו אַרבעטן. עס האָט דאָרט דערוואַכט עפּעס אַ ווינקעלע פון די קינדער־יאָרן: מעשהלעך וועגן וואַלד־גזלנים און חיות... זי האָט לייכט צוריקגעבויגן איר קערפּער און איינגעקוקט זיך... האָט דערוואַכט אַן אַנדער ווינקעלע אין איר מוח: מעשהלעך, וועלכע זי האָט געלייענט אין די פּוילישע ביכלעך. די רויטקייט פון פּנים, די צעפּלאָשעטע רויטע האָר פון באָרד און פּאות האָבן איר דערמאָנט וועגן וואַלד־גאָט, פּאַן. אַ פּלאָנטערניש פון געדאַנקען האָט עס איר פארבונדן מיט האָלאָפערנעסן, פאַר וועלכן זי האָט ערשט נישט לאַנג געטאַנצט. — „דאָס האָט זיכער האָלאָפערנעס אָנגעשיקט דעם פּאַן, ער זאָל מיך פאַנגען"... — עס האָט זי אַ ריס געטאָן פון אָרט, זי האָט אָנגעהויבן פאַר זיך צו לויפן.

שווערע טריט זענען איר נאָכגעלאָפן, זי האָט זיך נישט אומגעקוקט, געוווּסט, אַז דאָס יאָגט זי נאָך דער פּאַן. אַ ווילדער אימפּעט האָט געטראָגן זייוועלען: איצט, ווען ער איז אַזוי נאָענט פון זיין קרבן, וועט ער זיך שוין נישט ארויסדרייען פון זייגע הענט. ער וועט איינקלעמען זיינע פינגער אין איר זינדיקן גוף.

דער פלאָטערנדיקער שאַל האָט שרהלען געטראָגן אויף פליגל. וווהין זי לויפט, האָט זי נישט געזען. עס האָט זי געבריט דער אָטעם פון פּאַן. אונטערגעיאָגט זיין סאָפּען און באָרכלען. זי האָט נישט געפילט, ווי זי טרעט אריין אין וואַסער, ווי דאָס וואַסער דערגייט איר ביז צום האַלבן קערפּער...

כאָרכלענדיק איז זייוול געבליבן שטיין ביים וואַסער. ער האָט געזוכט מיט די אויגן — ווו איז אים ערגעץ פאַרשוווּנדן דער קרבן? גישט שוין זשע מאַקע אַ ווייסל=פרוי, רחמנא=לצלן?

מרדכילע פייערמאַן האָט אראָפּגעלאָזט די הענט אויף די סטרונעס פון צימבל. טרויעריקע קלאַנגען האָבן זיך פון זיי אַרויסגעריסן און פאַנאַנדערגעגאַנגען אין חלל, ווי רעדער אויפן וואַסער.

שפילט, פורים־שפילער!

I

פארשטערט איז געווארן דער „שבת־נחמו“. געריכט האט מען זיך, אז אין די שולן און בתי־מדרשים וועט מען האלטן פייערדיקע רעדעס וועגן דעם גרויסן נצחון איבער די פורים־שפילער. באלעבאטים האבן זיך געגרייט דורכצופארן זיך איבער זייערע חוצפהדיקע משרתים, מייסטערס — איבער די געזעלן. יעדער האט געוואלט אויף זיין האנט און אויף זיין שטייגער דים־קאנטירן די געוואונענע שלאכט, וואס דארף איינמאל פאר אלע מאל אוים־ראטן דאס בייז פון דער קהילה קדושה. מען האט זיך געגרייט צו יובלען ארום זייוול שמש, אלס דעם הויפט־מארשאל פון דער געוואונענער שלאכט. מען האט שוין אפילו געוואלט שטערן די רו פון קראנקן „חמדת שלמה“, כדי צו דערפרייען אים מיט דער גוטער בשורה. נאר רב שכנא זאקאן האט נישט דערלאזט:

— אן עבירה צו מאטערן דעם חלוש, געבער...

אין דער אמתן האט רב שכנא געוואלט וואס לענגער אליין צונעמען די לויב־געזאנגען און טריומף־אויסרופן צוליב דער געוואונענער מלחמה — ער האט דאך גערופן זי אנצוהייבן, געשיקט די קנאים.

מיטאמאל איז אלין שטיל געווארן. מען האט זיך אנגעהויבן צו סודע: אין די ווינקלען, אפטרייסלען פון דעם דערהערטן, ציטערן פאר פחד, שלייכן זיך ביי די ווענט, ווי שאטנס. מען האט זיך געשראקן — צי שפרינגט נישט ארויס פון א ווינקל עפעס א פורים־שפילער אדער הברה־מאן און באפאלט נישט אינמיטן גאס א חשובן באלעבאס. וואס חשובער דער באלעבאס האט

זיך אַליין געפילט ביי זיך, אַלץ גרעסער איז געווען זיין פּחד, אַלץ מער האָט ער זיך באַמיט צו פאַררוקן זיך אין שאָטן.

צומאָרגנס נאָך דער שלאַכט האָט דאָקטאָר סטודענצקי — אַן אויפגעבראַכטער, צעפּלאָמטער, נישט צו דערקענען — געקלאַפּט אין די טירן פון די פּני און מיט גרויס ערגערניש און היץ דערציילט וועגן עפּעס אַ מעשה נוראה. באַלד האָט מען זיך אָנגעהויבן צו באַראַטן, באַשליסן. עס זענען געלאָפן שטאַפעטן צו נאַטשאַלסטוואָ און אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען אַלע פּורים־שפּילער און זייערע חברים, וואָס זענען נעכטן מיט אַזאַ פּאַראַד אַרייגעזעצט געוואָרן אין דער קאָזע — מיט דעם רימער סטאַניסלאַוו און די זייגיקע בתוכם — אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון אַרעסט. צעשלאָגענע, אָפּגעריסענע, אָבער שטאָלצע, מיט אויפגעהויבענע קעפּ, זענען זיי גרופּנווייז געגאַנגען אין זייערע היימען, באַגלייט מיט דערשטוינטע בליקן פון ווידערדערשראָקענע באַלעבאַטים:

— פאַרוואָס האַלט מען זיי נישט כאָטש אַ פּאָר מעת־לעת אין דער קאָזע? ס'וואָלט זיי אָנגעשראָקן, געלערנט דרך־ארץ...

ערגעץ־ווו איז זינט נעכטן פאַרשוונדן דער הויפּט־בעל־שמחה פון נצחון, זייוול שמש. זיין פּלוניתטע האָט שוין אָנגעהויבן אירע יללות, אַז זי פאַרבלייבט אַ וויסטע אַלמנה אָדער עגונה. קהל זאָל זיך מרחם זיין, יידן זאָלן האָבן אין זינען, אַז זי איז געבליבן אַליין מיט די קינדער, אָן איר טייערן, איינציקן מאַן, וואָס איז זיכער ערגעץ אומגעקומען אויף קידוש־השם.

ערשט אָבער ווען די פּורים־שפּילער זענען צוריקגעקומען אַהיים, ווען איזאַק מיט זיינע מענטשן האָבן אַריבערגעטראָטן די שוועל פון גוויאַזדאַס שטיבל און געטראָפן דאָרט אַ פאַרשטעקטן אין אַ ווינקל, איינגעקנוידערט: אין פאַרוויינטן מרדכילע פייערמאַן — ערשט דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוואַלד, וואָס האָט אויפגעציטערט גאַנץ וואַרשע. חברהלייט זענען געלאָפן אויפן מקום, אין די פישער־געסלעך ביי דער ווייסל. איידער עס איז נאָך פינצטער געוואָרן, האָט מען פון אַלע זייטן געזען איילן קיין פּראַגע, צו דער סאַסקע קעמפּע, חברה מיט לאַמטערנדלעך און פאַקלען אין די הענט.

יידן האָבן וויכע הערצער. יידענעס נאָך מער. די זעלבע, וואָס האָבן ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק געוואָרפן אַלע קללות פון דער תוכחה אויף די קעפּ פון די אויסגעלאַסענע פּורים־שפּילער, זענען איצט מיטאַמאָל געוואָרן קלאָג־מוטערס איבער אַזאַ יונגער, שיינער בלום, וואָס איז אַזוי שרעקלעך פאַרשניטן געוואָרן דורך די אכזריותדיקע מענער. ווייבער, וואָס האָבן

אַ גאַנץ לעבן נישט געוואַגט צו עפֿענען דאָס מויל פֿאַר זייערע הערן, האָבן איצט געקריגן לשון און געשליידערט זייערע מענער אין די פּנימער אַריין האַרבע ווערטער, באַזאַלצענע מיט הייסע טרערן. אַפֿילו ביילע אונגער האָט שוין געוואַגט צו זאָגן רב בערישן:

— דערפֿירט, האַ? ווי צו די יאָרן. אַ כּשרע יידישע טאָכטער, אַזאַ רחמנות... ווי, להבדיל, אַ שאַלעך אַ הינטל, ווי איז מיר!

רב בעריש האָט עס צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן צעראָפּגעשלונגען: און געקאַלטנט זיין באָרד, פֿאַרטאָן אין טיפֿע מחשבות, כּדי נישט צו הערן, וואָס זיין ווייב רעדט, אַז זי רעדט בכלל.

אין די אָרעמערע שטובן — באַזונדערס אין די, וווּ מען האָט געקענט שרהלען אָדער זיך איינגערעדט, אַז זיי האָבן זי געקענט, — האָט מען אַז אויפֿהער דערציילט וועגן אירע מעלות, וועגן איר יחוס, גראָטנקייט און גוטסקייט. אין די שטובן, וואָס האָבן געהאַט אַ שטיקל שייכות צו גוויאַז־דאַס סביבה, אָדער ווו די פּורים־שפּילער האָבן זיך שוין געהאַט דערוואָרבן סימפּאַטיע, האָט געפֿלאַקערט אַ העפֿטיקער צאָרן. מען האָט געוויינט, געשריגן, געשאָלטן, געפּאַטשט מיט די פֿויסטן, געדראָט, אַז „מען וועט האַקן קעפּ“. אמת, דער גרעסטער צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זייוול אויבער־שמיש — אים האָט מען געהאַלטן פֿאַרן הויפּט־שולדיקן פֿון דער טראַגעדיע. פֿון אים האָט מען געשווירן נקמה צו נעמען. גאָר צייטנווייז האָט זיך אַפֿילו ביי די פֿאַרזיכטיקע אַרויסגעריסן אַ האַרב וואָרט קעגן די מנהיגי הקהל, צומאָל — קעגן די רבנים און מורה־הוראהס:

— וואָס האָבן זיי געהאַט צו די אָרעמע קינדער, געבעך? וואָס פֿאַר־גינען זיי נישט דעם עולם דאָס ביסל קאַרגע פֿרייד, אַ ביסל הייטערקייט אין וויסטן לעבן...

מיט גוויאַזדאַס חבֿרה גופֿא האָט מען בכלל נישט געקאָנט רעדן קיין וואָרט. זיי האָבן אַלע געאיילט — ווער מיט אימפּעט, ווער מיט די לעצטע כּוחות — צו יענעם ווייסל־ברעג.

צו אויפֿרודערונג איז געוואָרן אין די פּוילישע געסלעך ביי דער ווייסל. פֿאַרשיידענע קלאַנגען האָבן זיך פֿאַרשפּרייט, געוואַקסן, צעוואַקסן זיך צו אַ מאָנסטרואַל בילד פֿון אַ פּאָגראָם. ביי אַ סך מאַרק־באַבעס איז די געשעע־ניש אויסגעוואַקסן צו אַ בלוטיקן אָנפֿאַל פֿון יידישע הענדלער און מיים־טערס אויף זייערע פּוילישע קאָנקורענטן. מען האָט שוין דערציילט, אַז דער הויפּט־ראַבין אַליין איז אַרויסגעלאָפֿן מיט אַ לאַנגן מעסער און אונטערן שוין פֿון די זשאַנדאַרמען געשאָכטן פּוילישע באַלמעלאָבעס. עס האָבן זיך

געפונען עדות, וואָס האָבן אַליין געזען, אַז דער רימער סטאַניסלאַוו לאַיעק האָט אַ צעשניטן פּנים מיט אַ חלף; אַנדערע האָבן דערציילט, אַז ביי יאַן דעם בעדנער זענען ביידע אויערן אָפּגעשניטן. „ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, דאַרף נקמה נעמען פאַרן פאַרגאָסענעם קריסטלעכן בלוט“! מען האָט געזידלט די מענער, וואָס זיי לאָזן אַזוי פּראַנק און פריי אַרומהוליען די יידישע מעסער־שטעכער.

— איר וואַרט ביז מען וועט קומען אין שטוב אַריין און שעכטן?

די מענער האָבן זיך פאַרטיידיקט, אַז דער גאַנצער יידישער רעוויר איז אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע, קאָזאַקן רייטן אַרום אויף די פערד און שלאָגן מיט נאַהייקעס יעדן, וואָס דערנענטערט זיך.

— דאָס גלייכסטע וועט זיין צו פאַרלעשן דאָס ליכט און לייגן זיך אין בעט אַריין...

דער שענקער פראַנטשישעק וואַראַ, וואָס האָט שוין געוווסט אויספיר־לעך וועגן די געשעענישן, האָט געהאַלטן אין איין באַרויקן, דערציילן דעם אמתן פאַרלויף פון דער טראַגעדיע אויף דער סאַסקע קעמפּע: — „מער פעלט נישט, די באָבעס זאָלן צעטראָגן זייערע אויסטערלישע מעשיות און מען זאָל אָנהייבן אין דעם צו גלויבן. אַ תל פון געשעפט! און כ'מעג זיך שוין געזעגענען מיט די פּלענער וועגן אַ טעאַטער אין דער גרויסער האַליע“...

צו סטאַניסלאַוון זענען די קלאַנגען דערגאַנגען, ווען ער האָט געזאַמלט די פישער, זאַמד־פירער, פליסאַקעס צו דער סאַסקע קעמפּע. ער האָט באַלד אַוועקגעשיקט אַ פּאָר פון זיינע יונגען — אַזעלכע, וואָס האָבן די קעפּ אין אָרדענונג און זענען פלינק אויף די צינגער — זיי זאָלן די רגע אַוועק אין די שענקען, גיין איבער כאַטעס און שטיבער פון זייערע באַקאַנטע און צעקלאַפּן די פּליאָטקע, וואָס קאָן אַרויסרופן אַ שריפה. וועגן דעם האָט ער טאַקע גלייך געמאָלדן איזאַקן און בינעמען, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן ביים ברעג פון דער קעמפּע.

— גוט, סטאַניסלאַוו, גוט האָסטו געטאָן. אַ ניי אומגליק, חלילה. — בינעם האָט דאָס מאָל געקלאַפּט מיט די ציין. עס האָט אים געפרעסטלט אין די ביינער, כאָטש דער אָוונט איז געווען אַ וואַרעמער. אַ מילד ווינטל האָט געגלעט די צעגליטע פּנימער... געפרעסטלט האָט אים נישט די לופט — דאָס נאָענטע וואַסער. ס'איז רואיק געפלאָסן, ווי געוויינלעך, און שרהלע...

משונהדיק רואיק איז דאָסמאָל געווען איזאַק. אַ גליווער איז געווען פאַרקילט אויף זיין פּנים זינט אַ פּאָר שעה. אין אַרעסט, זיצנדיק מיט אַלע־מען, איז ער געווען דער היפוך — דער אימרואיקסטער פון דער גאַנצער

חברה. עס האָבן אים נישט געשראָקן די שטרענגע ענטפֿערס פֿון די פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן געטראַכט, קוקנדיק אויף זיין אויסזען און קליידונג:

— ווער ווייסט? אפשר איז עס טאַקע אַ וויכטיקער מענטש, וועלכער איז דאָ צופעליק אַריינגעפֿאַלן? וואָס דער טייוול קאָן אָפּטאָן פֿאַר אַ שפּיצל, ווער ווייסט? אויסגיין שפּעטער וועט עס צו אונדזערע קעפּ...

נאָר זינט זיי זענען באַפֿרייט געוואָרן און דערהערט די שרעקלעכע בשורה פֿון מרדכילע פּייערמאַן, איז ער גאָר אַן אַנדערער געוואָרן. ער איז נישט אַריינגעפֿאַלן אין היסטעריע, ווי די מערהייט חברה, פֿאַרקערט — מאָמענטאַל זיך באַהערשט און אָנגעהויבן ווירקן: ער האָט פֿאַנאַנדערגעשיקט שטאַפּעטן צו די פֿריינד אין דער אַלטשטאָט, אַרויסגעגעבן פֿאַראָרדענונגען וועגן לאַמטערנס און פֿאַקעלן, צונויפֿגעזאַמלט די מענטשן און איבערגעגעבן זיי צו פֿירן אַהער, אויף דער קעמפּע. קיין איבעריק וואָרט איז דורך דער גאַנצער צייט נישט אַרויס פֿון זיין מויל, קיין סימן פֿון וואַקלעניש האָט זיך ביי אים נישט געזען: ער האָט געהאַט, ווייזט אויס, פֿאַר זיך אַ קלאָרן פּלאַן פֿון האַנדלען, אַ באַשטימטן וועג, וועלכן ער מוז דורכמאַכן — זוכן שרהלען. די גאַנצע וועלט האָט זיך איצט ביי אים אַריינגעפּרעסט אין דעם איינעם געדאַנק. ער איז גרייט געווען צו שטורמען הימל און ערד צוליב דעם. פֿון זיין פֿאַרגליווערט פּנים האָבן אַרויסגעשיינט גליענדיקע אויגן, וואָס האָבן געקאָנט אָנוואַרפֿן אַ מורא אויף יעדן, וועלכער טראַכט נישט אַזוי, ווי ער.

ביים ברעג האָט מען געגרייט שיפֿלעך, געשלעפּט נעצן, וויעסלעס, לאַנגע דרענגער. איזאַק האָט אַ פֿאַרשלאָסענער אין זיך באַטראַכט די גאַנצע באַוועגונג. ער האָט נישט באַמערקט, ווי שלמהלע משרת באַמיט זיך מיט זיינע פֿאַרשוואָלענע אויגן אַרויסצולייענען פֿון איזאַקס בליקן עפּעס אַ באַפֿעל, אַ ווונטש. ער האָט בלויז געקוקט אויף דעם בליסנדיקן וואַסער, באַמיט זיך דורכצודרינגען דעם אָפּשיין פֿון פֿאַקעלן, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין וואַסער, צו דערגרונטעווען — צי איז דאָ ערגעץ באַהאַלטן דער סוד. דער סוד, וואָס איז פֿאַר אים איצט אַלץ.

די ערשטע זוכערס, וואָס האָבן געניִשטערט צווישן די ביימער און קוסטעס פֿון דער קעמפּע, אין די גריבער און הינטער בערגלעך — זענען צוריקגעקומען פֿאַריאַכמערטע. מען האָט געטראַכט — אפשר האָט זיך מרדכילען אויסגעוויזן, אפשר האָט זיך שרהלע באַהאַלטן, ליגט ערגעץ פֿאַרשטעקט אַ פֿאַרחלשטע. מען האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער מינדסטער השערה, דער מינדסטער מעגלעכקייט — באין אופֿן נישט געוואָלט שלום מאַכן

מיטן געדאַנק, אַז שרהלע איז פאַרשוונדן אין דעם תהום פון וואַסער. אי־זאַק האָט אַלע מעלדונגען אויסגעהערט מיט דער זעלבער פאַרגליווערטקייט, נאָר טיפער זיך איינגעגראָבן מיט די בליקן אין די כוואַליעס.

— פאַרטיק, סטאַניסלאַוו? אַראָפּלאָזן די שיפלעך! גרייטן די נעצן. —

די שניידיקע קאַלטקייט פון איזאַקס שטים האָט בינעמען געמאַכט נאָך מער פרעסטלען. דער ערשטער איז אין שיפל אַריין איזאַק און איינגעשפּיזט די אויערן אין פליעסק פון די וויעסלעס.

II

אויף איזאַקס בעט איז געלעגן איינגעטוליעט אין אַ פּאָר דעקעס מרדכילע פייערמאַן און געפיבערט. פון זיין קעל האָבן זיך געריסן הייזע־ריקע, אָפּגעריסענע ווערטער, וועלכע קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, נישט געקאָנט דערגיין זייער מיין. פאַרשטענדלעך זענען נאָר געווען:

— שרהלע... וואַסער... — און אַ וויינגעשריי, וואָס האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן נאָך די ווערטער. אין צימער האָבן אַרומגעשלייכט פייגל און כאַוטשע. זיי האָבן געקאָכט עפּעס ביים קיכל און יעדע רגע געווישט די פאַרשוואָלענע אויגן, באַמיט זיך צו דערשטיקן דאָס כליפּען. ביים בעט איז האַלב דרימלענדיק געזעסן דער דאָקטאָר סטודענצקי — אויפגעכאַפּט זיך, אַ טאַפּ געטאָן דעם קראַנקן ביים דופק, אַ וויש געטאָן זיין נאַסן שטערן און ווידער איינגעדרימלט. דעם דאָקטאָרס יונג פּנים איז געווען צעאַקערט פון מידקייט און זאָרג. אַזאַ טאָג, אַזאַ טאָג! אַפילו די צייטן, ווען האַלב וואַרשע איז געלעגן קראַנק און ער איז געלאָפן פון איין חולה צום צווייטן, האָט ער אַזאַ טאָג נישט געהאַט, נישט געווען אַזוי דערשעפּט און צעבראָכן.

פאַרטאָג האָט מרדכילע פייערמאַן אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר און אָנ־געזאָגט די שרעקלעכע בשורה. לכתחילה האָט ער אַפילו נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער קלעזמער וויל פון אים, גערעכנט: משוגע געוואָרן, אָדער גאָר שי־כור נאָך אַ נאַכט פאַרברענגען אין אַ פריילעכער קאָמפּאַניע. ערשט ווען יענער האָט אויסגעטרונקען די חלשות־טראָפּנס און העשענדיק אָנגעהויבן צו דערציילן דעם פאַרלויף פון די געשעענישן פון פאָריקן אָוונט, האָט דער דאָקטאָר דערוואַכט. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, וואָס צו טאָן: לויפן זוכן די דערטרונקענע? — ער וועט סיידי גאָרנישט אויפטאָן. דעם אָרעמען מיידל וועט ער שוין נישט העלפן. מען דאַרף ראַטעווען די לעבע־

דיקע! — די צעווילדעוועטע פאַנאַטיקער, — מען זאָל זיי נאָך איצט אונטערהעצן, קאָנען זיי ווער ווייס וואָס אָפּטאָן אַפילו אין אַרעסט. מען מוז זיי תיכּף פון דאָרט אַרויסשלעפּן, ראַטעווען. מיט שרהלעס קרבן וועט ער אויפטרייסלען און אָנשרעקן די פּני, פאַרטרייבן די רו פון די פאַרפּעטסטע הערצער!

איידער עס האָט זיך נאָך געשטעלט דער נאָרמאַלער טאָג פון געשעפטן און שמועסן, איז שוין דער דאָקטאָר געווען ביי אַ פּאָר באַלעבאַטים, וואָס האָבן געוווינט אויף דער דאַנילאָוויטשעווסקע גאַס. ער האָט זיך ממש דורכגעריסן דורך די לאָקייען און סעקרעטאַרן, אייניקע פון די באַלעבאַטים פּשוט געצווונגען אים אויסצוהערן, כאָטש זיי זענען קוים אַרויס פון די בעטן און אַרומגעשפּאַנט אין די שלאָפראָק. ער האָט גערעדט האַרב, אויף יעדן פון די הערן אַרויפגעוואָרפן אַ טייל שולד פאַרן אומגליק, געשראָקן מיט די קאָנסעקווענצן, וואָס עס קאָן האָבן פאַר אַלע יידן אין וואַרשע די געשיכטע מיט צעשלאָגן און אַרעסטירן די פּאָליאַקן, וועלכע זענען געווען אויף דער קעמפּע.

— איר, די פאָרשטייער פון די וואַרשעווער יידן, זענט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן קרבן, פאַר די קרבנות, וואָס וועלן נאָך זיין...

אייניקע האָבן זיך גאָרנישט אויף קאַטאָוועס דערשראָקן פאַר זיינע דראָונגען. עפּשטיין האָט מורא געקריגן, אַז דער סקאַנדאַל קאָן אַרונטעררייסן דעם אָנזען פון די יידישע נגידים אין די אויגן פון מלכות און פון דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע.

„יעדער פריץ לאָזט גערן שמייסן זיין פּויער, וועט אָבער אויסרעדן דאָס ערגסטע אויף אַן אַנדערן פריץ, וואָס וועט טאָן דאָס זעלבע“. — האָט ער געטראַכט. ער איז מסכים געווען מיטן דאָקטאָר, אַז מען דאַרף דעם סקאַנדאַל וואָס גיכער פאַרווישן. טעפּליצן האָט בעיקר געאַרט, וואָס די אינטעליגענץ וועט זאָגן: דער אָנפאַל וועט ביי דער פּוילישער אינטעליגענץ שאַפן דעם איינדרוק פון ווילדקייט ביי די וואַרשעווער יידן. „גוטע פריינד“ קאָנען שוין צו דער ווילדקייט צוטשעפּען זיין, טעפּליצעס, נאָמען. „וואָס פאַר אַ סאַטיספאַקציע דאָס וואָלט געווען פאַר עטינגער־ראַווסקי“. ניין, דערצו טאָר מען נישט דערלאָזן, שנעל מוז מען אַלץ אויסגלייכן, פאַרגלעטן.

באַלד אין דער פרי זענען געלאָפן שטאַפעטן פון איין קאַבינעט צום צווייטן, באַשטעלט שמועסן, אסיפות. קיינער האָט אויף זיך נישט געוואָלט נעמען די שתדלנות פאַר די אַרעסטירטע, בכלל נישט געוואָלט, מען זאָל

מיינען, אַז ער איז אַרייַנגעמישט אין דעם עסק. זאָל עס טאָן קהל, זיי זענען דאָך, אייגנטלעך, פֿאַראַנטוואָרטלעך דערפֿאַר.

צום שטאַרקסטן האָבן טאַקע אַ ציטער געטאָן די הערצער פֿון די דאָזיקע זאָרעס. אַלע געפֿינען ערגסטע, פֿון אַלע זייטן, וועט מען איצט הענגען אויף זיי. האָבן זיי דען געטראַכט, אַז עס וועט דערגיין צו אַזאַ אומגליק? געמיינט — דערלאַנגען אַ פּאָר קלעפּ די הפקר־יונגען, די פּורים־שפּילער, אָנשרעקן אַ ביסל און לאָזן זיי פֿריי. מיטאַמאָל — אַזאַ סקאַנדאַל! און אַלץ איז שולדיק דער ראַבינאָט מיט די חסידים! זיי ווייסן נישט קיין מאָס אין זייער ווילדקייט!

— שוין זאָל הער פּאַפּראָצקי עפּעס טאָן, דער סקאַנדאַל זאָל איינגעשטילט ווערן. אויב עס דאַרף קאָסטן, איז מילא, וואָס טוט מען נישט לטובת הכלל? אָבער וואָס גיכער. און שאַ, שטיל. זאָל מען גאָר אויפֿהערן צו רעדן וועגן דעם.

געווען אַפֿילו אַ פּלאַן: אפֿשר קאָן מען בכלל פּאַרווישן די געשיכטע מיט דער נקבה? זי איז גאָרנישט דערטרונקען געוואָרן, גאָר אַפֿילו דאָרט נישט געווען — גאָר אַנטלאָפֿן מיט אַ שייגעץ. זאָל שוין פּאַפּראָצקי צוטראַכטן, וואָס ער וויל. זיי האָבן געגוג אַנדערע צרות און זאָרגן אויפֿן קאָפּ.

שטאַרק צום האַרצן איז דער ענין פּאַפּראָצקין נישט געווען, אָבער — אַ ברירה האָט ער? נישט באַקוועם איצט ווידער צו גיין: מיט אַ פּאָר טעג צוריק איינגעלייגט וועלטן, מען זאָל צעטרייבן, צעטרייבערן אַ ביסל די פּורים־שפּילער און איצט גאָר...

— אַ פֿאַרשאָלטענע דינסט! — האָט ער געגרעדט צו זיך, גייענדיק צום פּאָליצמייסטער מיט אַ פֿעטער מתנה. — אַלץ וועט מען מוזן אַרויפֿוואַרפֿן אויף די רבנים. זיי האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס...

אין חדר פֿון „חמדת שלמה“ איז רב שכנא זאַקאָן באַלד אין דער פֿרי באַלאַגערט געוואָרן דורך די מורה־הוראהס, וועלכע האָבן איצט אַלץ געוואָרפֿן אויף אים, אויף רב שכנאן.

— מיט אונדז זיך אַפֿילו נישט שואל־עצה געווען! אַלץ אויף אייגענער האַנט. קלאָמפּערשט דער ממלא־מקום פֿון רב!

רב שכנא האָט אָבער באַין אופֿן נישט געוואָלט אָננעמען די אַלע פֿאָרווורפֿן, אַלץ האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין פּאַנצער פֿון זיין אָנגעצויגענער ערנסטקייט און חשיבות. ער האָט געקנייטשט מיטן שטערן און שטרענג אַרויפֿגעצויגן די ברעמען:

— אַז מען האָט צו טאָן מיט אַזאַ פּרא=אדם, ווי זייוול שמש... זײַן אַרבעט! זײַנע און זײַנע באַהעלפּערס! זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, ס'זאָל זײַן אַזאַ פּרא=אדם.

בסך=הכל האָט זיך אָבער זייוול גאָרנישט געוויזן. ניִשט אין בית=הקהל, ניִשט בײַם רב. איינער פון די פּראַגער ייִדן, וואָס האָט געכטן אונטער זייוולס קאָמאַנדע געשטורעמט די נעסט פון זינד, האָט שוין באַוויזן צו דערציילן אין שטאָט אַן אויסטערלישע מעשה: נעכטן, שפּעט אין אָוונט, ווען מען האָט שוין לאַנג געהאַט אַוועקגעפירט די הפקר=יונגען, האָט ער אַליין געזען, ווי זייוול איז געלאָפן בגילוי ראש, ווי אַ ווילדע חיה, אין דער ריכטונג פון דער שמולעווינע גאַר... דערפון האָט זיך גענומען, וואָס שפּעטער האָט זייוולס פלוניתטע געקלאָגט, אַז זי איז געבליבן אַן אלמנה אָדער אַן עגונה, מען זאָל זיך מרחם זײַן איבער איר...

אַ קאָכעניש איז געוואָרן אין רעוויר. דער גרעסטער ברען פון אַ האַנדלס=טאָג פאַר יום=טובים האָט אויסגעזען אין פאַרגלײַך דערמיט צו זײַן אַ געמיטלעכער שמועס. העגט זעגען געפלויגן, ווי מען וואָלט זיך געשפּרונגען צו די גרגרתן. צדדים האָבן זיך געשלאָגן אין יעדן געזעמל און יעדער פון די ייִדן איז געווען אַן אַנדער צד: דער האָט געזידלט די חסידים, אַן אַנדערער — די מתנגדים, יענער — די דײַטשן, די דאָזאָרעס, אַפילו דעם ראַבינאַט. מען האָט ניִשט געשוינט — אין דער שטיל — די פּאָליציי, זשאַנדאַרמען, דעם פּאָליצמייסטער, אַפילו פּאַסקיעוויטשן אַליין. אייניקע האָבן געשריגן, אַז מען האָט שוין לאַנג באַדאַרפט פאַרטרײַבן דעם פּרא=אדם זייוולען, אַנדערע האָבן אויסגערעכנט אַלע מעשים גוראים פון דעם אָדער יענעם דאָזאָר. מען האָט פאַרגעסן וועגן דאַוועגען, וועגן אָנבײַסן. צו מיטיק האָט מען מורא געהאַט אַהיימצוגיין — יעדער האָט זיך קלאָר אויסגעמשלט, ווי עס וועט אויסזען דער מענה=לשון פון די ווײַבער...

די חמימה איז אַלץ געוואַקסן, מען האָט געזשלאָקעט גאַנצע קוואָרטן וואַסער פון די ברונעמס, און די געמיטער זענען נאָך הייסער געוואָרן. איינער האָט געלאָזט אַ קלאַנג וועגן דעם, וואָס עס רעדן די מאַרק=באַבעס וועגן די צעשלאָגענע פּוילישע יונגען אויף דער קעמפּע. דאָס האָט זיך געגעבן אַ פאַרשפּרייט איבערן רעוויר, ווי אַ וואַלד=שריפה אין אַ הייסן זומער=טאָג. אין דעם דמיון האָט מען שוין געזען דעם המון פון די ריבאַקעס און פון אַלטשטאָט גיין מיט העק און מעסערס אויפן רעוויר. מען האָט שוין בחוש געזען פליען אין דער לופטן פעדערן פון אויפגעריסענע קישנס און איבערבעטן, מען האָט שוין געפילט די קלעפּ, וואָס וועלן פאַלן.

ווען פֿאַרנאַכט צו עס האָבן זיך געעפֿנט די טויערן פֿון דער קאָזע פֿאַר די באַפֿרייטע חברהלייט, און זיי האָבן — אָפּגעריסענע און צעשלאָגענע — געצויגן צו דער מילע־גאַס, האָבן אַלע, וואָס האָבן זיך דאַן געפֿונען אויף די גאַסן, באַמיט זיך צו זיין אומבאַמערקט, ממש געוואָלט זיך אַריינקוועטשן אין די מויערן און אין ווענט פֿון די הייזקעס. פֿון אויער צו אויער איז גע־גאַנגען די ידיעה, אַז באַפֿרייט האָט מען זיי מיט גרויס פֿאַראַד, די פּאָלי־ציאַנטן האָבן סאַלוטירט פֿאַר זיי, ווי פֿאַר בכבודיקע געסט. מען האָט שוין דערציילט, אַז אַלעקסייעוון האָט דער פּאָליצמייסטער אייגנהענטיק גע־פּאַטשט און אים אַראָפּגעריסן די פּאַגאָנעס. אַנדערע האָבן גאָר געטענהט, אַז נישט אַלעקסייעוו, נאָר טריפּאָנאָוו... מען האָט געוווסט גענוי, אַז די שמשים וועלן קריגן געשמיסן „סקוואָז סטראָי“, און דער אויבערשמש זיוול וועט פֿאַרשיקט ווערן קיין סיביר. גוזמאות זענען געוואַקסן, אָנגעדראָלן געוואָרן, געשאַפֿן אַ ריזיקע כמאַרע פֿון שרעק איבערן רעוויר. הייַנט ווער ווייסט, ווי די חברהלייט וועלן זיך איצט נוקם זיין פֿאַר די קלעפּ, וואָס זיי האָבן נעכטן געכאַפּט, און דער עיקר — פֿאַר דער נקבה... מען דאַרף ממש רחמים פֿון הימל, די גאַנצע מעשה זאָל דורכגיין גלאַטיק.

עס האָט געברויזט. ביז טיפֿער נאַכט האָט מען געקאָנט הערן אין די שטובן אַן אַמפּערניש, קריגערייען. אָנגרייפֿערישע פֿרויען־שטימען און טי־פֿע מענערישע זיפֿצן:

— וואָס בין איך, נעבעך, שולדיק? ווער בין איך און וואָס בין איך? די דאָזאָרעס, רבנים, שמשים... וואָס זענען מיר, פּראָסטע מענטשן?

און אויף יענער זייט ווייסל, ביי דער קעמפּע און ווייט אַראָפּ מיטן שטראָם, האָבן צענדליקער שיפֿלעך געשניטן דאָס וואַסער, וויעסלעס האָבן געפּאַטשט די כוואַליעס, געגישמערט און געזוכט דעם גרעסטן קרבן פֿון דער נעכטיקער טראַגעדיע.

III

פֿייער־צונגען האָבן געלעקט די כוואַליעס פֿון בלייענעם וואַסער. אַ שטילע זומער־נאַכט. מען וואָלט געקאָנט קוים אויפֿכאַפּן אַ שעפּטש פֿון דעם שטיל פֿליסנדיקן וואַסער, ווען נישט דאָס פּאַטשן פֿון די וויעסלעס, דאָס איינשניידן זיך פֿון די שפּיצן שיפֿלעך אין דער ווייסל. צייטנווייז האָט זיך נאָך דערהערט פֿון אַ שיפֿל אַ טיפֿע ברוסט־שטים, וואָס האָט זיך מיט

אַ „האַ־האָ־אָ“ פֿאַרבײַגעטראָגן איבער די צענדליקער שיפֿלעך, אַ סימן, אַז מען זוכט נאָך ווײַטער, מען וויל נאָך אַלץ אַרויסרײַסן בײַ דער ווײַסל איר סוד.

לאַנג שוין זענען די שיפֿערס, באַלויכטענע דורך צאַנקענדיקן ליכט פֿון די פֿאַקעלן, אַרויסגעשווומען פֿון די וואַרשעווער וואַסער־גרענעצן. די פֿישער־נעצן האָבן זיך געטונקען העט הינטער מלאָטשין. דאָס האַרץ האָט שוין נישט אײנמאָל אַ צאַפּל געטאָן: אַ שווערע זאַך האָט אַראָפּגעצויגן די נעץ. אָבער באַלד האָט מען דערהערט אַ פּליעסק פֿון וואַסער — פֿון דער נעץ איז אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן אַ פֿוילנדיק שטיק האָלץ, אַ צעבראָכן מעבלשטיק אָדער כלי, וואָס איז פֿון ערגעץ־ווו — ווער ווייסט ווי לאַנג — דערשוומען אַהער.

אײַנגעגראָבן די אויגן אין דער בלײַאיקייט פֿון וואַסער, איז איזאַק געשטאַנען נעבן סטאַניסלאַוון, געקוקט און געהאָרכט: אפֿשר אַ סיגנאַל פֿון אַ שיפֿל, אַן אויסרוף, וואָס זאָל באַדײַטן „געפֿונען“. נאָר שעהן זענען פֿאַרבײַגעלאָפֿן, אַדורכגעגליטשט זיך איבערן וואַסער, אָנגעשלאָגן אין די הימלען, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן צו רויטלען דער פֿריער, זומערדיקער קאַיאָר — און קיין פּעולה איז נישטאָ.

אַן אַלטער פֿישער, וואָס איז אין אָוונט מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם אימפּעט פֿון די יונגע, אַוועק מיט זיי אויף דער זוכעניש, איז שוין אָפּגעשטאַנען. איצט איז ער געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף דעם אָנהאַלט פֿון די נעצן, באַטראַכט דאָס אַרומיקע שאַריען, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דער וואַסער־טונקלקייט און געזופֿט ווערטער דורך די שיטערע ציין:

— די ווײַסל־געטין איז האַרב... אוי, האַרב, ווי די דאָליע פֿון פֿליסאַקעס. האָט זי אַרײַנגעכאַפּט איר קרבן, לאָזט זי אים נישט אַרויס. טוליעט אים צו זיך, טוליעט, גלעט און שלעפּט אין אירע אָרעמס ווײַטער און ווײַטער, ביז העט אַהין, נאָך גדאַנסק, אין איר וואַסער־פּאַלאַץ, וואָס פֿאַרמאַכט דעם וועג פֿון ים־וואַסער אין טײַך אַרײַן...

וויעסלעס האָבן שטיל געפּליעסקעט, אויערן זענען געווען אײַנגעהאָרכט אין די טיפֿענישן, אויגן פֿאַרקוקט: צי וועט נישט אַ צאַפּל טאָן דאָס האַרץ פֿון דער נעץ? דעם אַלטן איז דאָס אַלץ נישט אָנגעגאַנגען, ער האָט ווײַטער געזופֿט די ווערטער — פֿאַר זיך, פֿאַרן וואַסער:

— וואָס ווייסט איר, שנעקעס, וועגן די סודות פֿון דער ווײַסל? בײַ אייך ענדיקט זיך אַלץ מיט דער קעניגין וואַנדאַ. און דאָ האָט יעדע כוואַליע איר אייגענע וואַנדאַ, איר קרבן, איר סוד... דורך אַ סך, אַ סך טויזנטער

יאָרן, פֿון די בערג ביזן ים, שעפּטשעט די געטין אויס, מיט אירע זיסע וואַסער־ליפּן, נעמען און לעבנס... זי האָט זיי פֿאַרצוקט. זי שפּילט זיך מיט זיי אין די טיפֿענישן, וואַרפֿט זיי ווי באַלעמס אויפֿן גאַנצן וועג פֿון איר שווימען. שווימען זיי זיך איבער די כוואַליעס מיט אימפּעט, מיט רוגזה... כאַפּט זי זיי ווידער אַריין אין די אָרעמס און פֿירט זיי אַוועק צוריק אין איר פּאַלאַץ. אַוועקגעבן דעם ים וויל זי זיי נישט. קריגט זי זיך מיט דער ים־געטין, לאָזט נישט דורך צו זיך אירע געזאַלצענע וואַסערן. „מיינס איז מיינס און דיינס איז דיינס“, — שרייט זי צו דער ים־געטין. ברוגזט זיך אָן די ים־געטין, שלײַדערט ביז אירע געזאַלצענע וואַסערן צו דער ווייסל. לאַכט זיך אויס דערפֿון די ווייסל־געטין און שלײַדערט צוריק די כוואַליעס. שלאָגן זיי זיך בײַ די ברעגן. כוואַליעס קנוילן זיך און שפּרינגען. ווערט אַ שטאָרם, קינדערלעך, אַ שטאָרם אויפֿן ים... די ווייסל־געטין לאַכט, טאַנצט מיט אירע קרבנות פֿאַר שׂמחה, רייצט זיך מיט דער ים־געטין. אַמאָל נאָר, זעלטן־זעלטן, געלינגט דער געזאַלצענער געטין אַרויסצורײַסן בײַ דער זיסער עפּעס פֿון איר פֿאַנג. צעבייזערט זיך דאַן די זיסע געטין, צעשפּרייט אירע אָרעמס און פּאַטשט מיט כעס די כוואַליעס. זיי אַנטלויפֿן פֿון איר מיט שרעק, לויפֿן אַרויס פֿון די ברעגן, העט־העט ווייט. ווערט אַ פֿאַרפֿלייצונג, קינדערלעך, אַ פֿאַרפֿלייצונג. ווילדע וואַסער־געווירבלען זוכן צו באַרואיקן די געטין מיט נײַע קרבנות. אײַער נײַע וואַנדאַ, קינדערלעך, איז זיכער ערגעץ בײַ דער ווייסל־קעניגין, זיכער. ווײַל דאָס וואַסער איז שטיל, רואיק, געמיטלעך. אָדער זי איז שוין גאָר ווייט־ווייט, שווימט אין די אָרעמס פֿון דער געטין צו איר אין פּאַלאַץ, הוידעט זיך אין די טיפֿענישן אַ רואיקע, אַ שלאָפֿנדיקע. שטיל... שטיל...

נעבן אַלטן פֿישער איז געזעסן בינעם און געטרייסלט זיך. פֿון אַלטנס רייד איז צו אים דערגאַנגען דאָס וואָרט „שטיל“, „שטיל!“ און אים האָט גראָד זיך אַלץ געוואָרפֿן, געברויזט, געשטורעמט.

— אומזיסט, אומזיסט, יונגערמאַן, טרייסלסטו זיך. דײַן וואַנדאַ איז גוט, זיס. זי שלאָפֿט אין די אָרעמס פֿון דער זיסער קעניגין. שטיל.., שטיל...

אויף אַן אַנדער שיפֿל האָט שלמהלע משרת אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין די הענט, אומרואיק געפּאָרשט די באַוועגונגען פֿון די פֿישערס, געזוכט דאָס שיפֿל מיט איזאַקן: וואָס קומט דאָרט פֿאָר?

און דאָרט איז איזאַק אַלץ געשטאַנען צונויפֿגעוואַקסן מיטן שיפֿל און געקוקט אין דער וואַסער־טיף. די פֿאַקעלן זענען פֿאַרלאָשן געוואָרן. א העל־

קייט איז געפֿלאָסן פֿון הימל און זיך אָנגעהויבן צו מיניען מיט דער גאָלדיקייט פֿון דער זון — ער איז אַליין געשטאַנען אומבאַוועגלעך. עטלעכע מאָל האָט שוין סטאַניסלאַוו אַ שווערן זיפֿץ געטאָן פֿאַר זיך. איזאַק האָט עס נישט געהערט. ערשט סטאַניסלאַווס ווערטער האָבן אָנגעהויבן דערגיין צו אים:

— אַזוי איז מיט דער ווייסל: פֿאַרשטעפּט זיך נישט איר קרבן אין געוויקסן, פֿאַרהאַלט זיך נישט ביי אַ זאַמד־באַנק, וועט קיין שום שיפֿל אים שוין נישט דעריאָגן. אין דער טיף שווימט זיך שנעלער, פֿרייער, אָן אָפּהאַלט. — די שטים זיינע האָט געקלונגען מאַט. ווערטער זענען געפֿאַלן שווער. ער האָט געזוכט ווערטער, וואָס זאָלן נישט ווי טאָן און גלייכצייטיק קלאָר מאַכן, אַז ס'איז אומזיסט די מי. די ווייסל איז אַן עקשן.

— כאָטש געפֿינען זי... ארויסשלעפּן זי פֿון וואסער... — איזאַקס ערשטע ווערטער פֿאַר דער גאַנצער צייט פֿון דער זוכעניש. זיי האָבן שוין געטראָגן אין זיך דעם צווייפֿל. אָפּגעהאַקט, קוים ארויסגעקוועטשט פֿון הייזעריקן האַלדז.

סטאַניסלאַוו האָט אים געוואָלט נאָכגעבן:

— אוודאי, ווען מען געפֿינט דעם טויטן קערפּער. אַ לוויה, באַערדיקט אויף אַ געהייליקט אָרט. — געטראַכט האָט ער זיך דערביי: וואָס וועט שוין אַרויסקומען דערפֿון? לעבעדיק וועט מען זי נישט מאַכן... פֿאַרשניטענע יונגע יאָרן.

— איר וואָלט די לוויה גאָרנישט געגעבן, נישט פֿאַר איר, איר איז שוין אַלץ איינס. — ס'האָט אויסגעזען, ווי איזאַק וואָלט געענטפֿערט אויף סטאַניסלאַווס מחשבות. — פֿאַר אונדז, פֿאַר זיי אַלע איז עס נייטיק. אויפֿצוטרייסלען פֿאַרשטיינערטע הערצער, אויפֿוועקן געוויסנס. ס'זאָל נישט זיין אומזיסט דער קרבן. אַן אויסלייזונג פֿאַר אַנדערע.

נאָר סטאַניסלאַוו האָט, גראָד ווי איזאַק, אין דער אמתן, שוין נישט געגלויבט אין אויסלייזונג דורך אַ קרבן פֿון אַ פֿאַרשניטן לעבן. ער האָט נישט געגלויבט אין דערלייזער, וואָס האָט זיך געבררענגט פֿאַר אַ קרבן, כדי די וועלט צו פֿאַרהיטן. אַלץ, וואָס טויט, איז טויט. געגלויבט האָט ער נאָר אין לעבן.

— ס'איז גרויסער טאָג. — האָט סטאַניסלאַוו מיט אַ זיפֿץ אָפּגעשלאָסן די פּעסטשטשעלונג. זיין סך־הכל וועגן טויט. באַדייט האָט עס: דאָס לעבן מוז גיין ווייטער. פֿאַרשטייסט, איזאַק?

צי האָט האָט ער עס טאַקע פאַרשטאַנען אָדער בלויז דערפילט? ער האָט נאָר אָנגעקוקט סטאַניסלאַוון מיט בקשה: „פאַרלאַנג נישט פון מיר דעם באַשלום. כ'בין נישט בכוח. איך וואָלט געזוכט ביז אומענדלעכקייט"...

דאָס האָט געגולגט פאַר סטאַניסלאַוון. שווער האָט ער זיך איבערגעדרוקט צו יאָאַנען, דעם פישער, וועלכן אַלע זיינע האָבן געהאַלטן פאַרן שטאַרקסטן, קלוגסטן און דרייסטן, שטיל אים עפּעס אַ זאָג געטאָן. פון יאָאַנס מויל האָט זיך באַלד דערהערט אַן אויסגעצויגענער „האָ=האָ=האָ=אָ", די שיפלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט. יאָאַן האָט פאַרקערעוועט אויף צוריק, קעגן שטראָם. מיט אַ שטאַרקערער פליעסקעניש האָט געענטפערט דאָס וואַסער. אַלע שיפלעך זענען אַוועק נאָך יאָאַנען.

בינעם האָט זיך איינגענורעט אין זיך. פון זיין טרייסלעניש האָט זיך אַרויסגעריסן אַ טיפער כּפּאַזם. איזאַק האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, איינגעבויגן און אַוועקגעזעצט אויפן דעק פון שיפל. בלויז זיינע אויגן האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דער וואַסערפלאַך: טאָמער, אפשר, צופעליק.

IV

די צעברענטע אלול=ערד האָט געבריט די טריט פון די דורכגייער. די ביר=גערטנדלעך און קוואַס=סוחרים האָבן נאָך קיינמאָל אַזאַ לייזעכץ נישט געהאַט. אין רעוויר האָט אָבער געהערשט אַ טויטקייט אין די ביר=גערטנדלעך. די קונים זענען אַריינגעלאָפן, אויפן שפרונג אויסגעטרונקען זייער קופעל ביר און ווייטער געלאָפן. מענטשן האָבן מורא געהאַט לענגער זיך צו פאַרהאַלטן, כדי נישט אָנצוהייבן אַ שמועס מיט אַ צופעליק=געטראָפענעם באַקאַנטן. מען האָט בכלל אויסגעמיטן שמועסן. נישט צוליב די נאָענטע ימים=נוראים, ווען אַ פרומער ייד וויל נישט פאַרגרעסערן דאָס צעטל פון זיינע חטאים, נאָר צוליב דער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אַ פּאָר וואָכן פריער געהאַט אָפּגעשפּילט אויף דער סאַסקע קעמפּע. שרהלעס שאָטן האָט געשוועבט איבערן רעוויר.

קיינער האָט וועגן דעם נישט גערעדט, קיינער האָט עס נישט געוואָלט דערמאָנען, נישט הערן וועגן דעם. ביי דער פלוניתטע פון זייוול שמש האָט מען פשוט פאַרשטאָפּט דאָס מויל, ווען זי האָט אָנגעהויבן צו רעדן. פון אים איז נאָך אַליין קיין שפּור נישט געפונען געוואָרן. זי האָט אָבער געמוזט שווייגן, אויסגיסן איר פאַרביטערט האַרץ אין די פיר ווענט פון איר חדר,

ווען קיין זייטיקער מענטש איז נישט געווען, ווען די קינדער האָבן אַפילו נישט געהערט. קהל פלעגט איר צוואַרפן אַ מתן בסתר, כדי זי זאָל זיך אויף דער ליכטיקער שיין נישט באַווייזן. יעדער איינער האָט זיך עפּעס געפילט מיטשולדיק אין שרהלעס טויט. אַפילו די, וואָס האָבן אין דער שטיל באַרעכטיקט די געשעעניש, איינגעטענהט צו זיך אליין:

— רעכט אַזוי! ס'האָט געמוזט דערצו קומען.

אַפילו זיי האָבן מורא געהאַט אָפן צו רעדן וועגן דעם, עס זאָל נישט דערגיין צו די אויערן פון די פּשוטע יידן, וועלכע זענען גרייט געווען צו דורסן יעדן פאַר וועלן באַרעכטיקן דאָס פאַרגעקומענע שפיכת־דמים.

רב שכנא זאַקאַן האָט זיך מער נישט באַוויזן אין חדר פון „חמדת שלמה“, כאָטש דער אַלטער רב איז כסדר געווען אַ חלוש.

— זאָל קומען רב שייע, ווער פון די מורה־הוראות עס וויל, איך גיי נישט! — ער פלעגט זיך באַהאַלטן ביי זיך אין דער היים, אַפילו די נאָז נישט אַרויסגעשטעקט אויף דער גאַס.

אין די אויפגעקלערטע הייזער האָט מען שטילערהייט זיך געקרימט אויפן פאַנאַטיזם פון די רעוויר־יידן:

— אַ מיאוסער סקאַנדאַל! מען מוז זיך שעמען צו באַווייזן פאַר די פּריצים און פּוילישע האַנדלס־לייט.

אין סאַלאָן פון די ראָזענס האָט העגריק אונגער כסדר געזיפצט: ציוויליזאַציע, אייראָפּע — דאָרט האָט אַזעלכעס הייגטיקע צייטן נישט געקאָנט פאַרקומען. רוססאָ, וואָלטער — איצט האָט ער דרייסט דערמאָנט נעמען, וועגן וועלכע מען האָט נישט באַדאַרפט רעדן צו הויך, אַפילו ביי די אויפגעקלערטע. ער האָט געפילט זיך שטאָלץ דערמיט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז ער טוט גאָר אַ העלדישע טאַט. ער איז ממש אַ קעמפער פאַר ליבערטיניזם, פאַר דער פרייהייטס־באַוועגונג. ער האָט אַפילו אַ פּאָר מאָל געפּרוווט צושיקן זיינס אַ שרייבער צו איזאַקן — טרייסטן אים, פאַרשלאָגן הילף. איזאַק האָט נישט געענטפערט.

לייבכע האָט זיך געטרייסט טעוועלע טעפּליץ: — „איך בין דאָ גאָר־נישט שולדיק. געוואָלט די פּורים־שפּילער זאָלן שפּילן ביי מיר אין סאַלאָן, וואָלט דאָך דאָן נישט געקומען צום אומגליק. האָט ער זיך איינגעקשנט דער לערער, דער קבצן“...

צווישן חסידים זענען געווען אַ סך, וואָס האָבן זיך געפּאַטשט אין די בייכער:

— אַ שיינע ריינע כפּרה!

צו זיי איז אָבער דערגאַנגען דער טיפער זיפץ פון רב איטשע מאיר אַלטער:

— אױ, אױ, אױ, אַ יידישע נשמה, נעבעך... — דאָס האָט פאַרמאַכט די מיילער.

די גרעסטע צערודערונג איז געווען ביי די דאָזאָרעס. אַפילו זייערע געלערנטע באהעלפערס, אַזעלכע, ווי טוגענדהאָלד, פּאַפּראָצקי, האָבן פאַרלוירן די קעפּ, געשעמט זיך פאַר זיך אַליין. טוגענדהאָלד האָט פאַרלוירן זיין שטענדיקע האָפערדיקייט און קווייטשיקייט, זעלטן פאַרלאָזט זיין היים אויף דער טוואַרדע און אינגאַנצן זיך פאַרטיפט אין שרייבן אַ נייעם חיבור וועגן דת און אויפקלערונג. דערמיט האָט ער געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך די באַנגעדיקע געדאַנקען. ער האָט אַפילו נישט צוגעלאָזט צו זיך דעם דאָקטאָר סטודענצקי, ווייל יענער פלעגט זיך אָן איבעררייס אומקערן צום אומשולדיקן קרבן; אויסגעמיטן רב איציקל דעם בעל־דיקדוק, וואָס האָט ביי יעדער געלעגנהייט גערעדט וועגן די גרויסע מעלות פון שרהלען און געקלאָגט שטיל, אינזיכדיק:

— אַפילו דאָס געביין נישט צו געפינען, ווײ, ווײ...

אַלע האָבן געוואָלט פאַרגעסן וועגן שרהלען און וועגן די פּורים־שפּילער. און ווען איינער פון די שמשים האָט געפרווט דערטראָגן וועגן די פּורים־שפּילער, אַז טראָץ אַלעם רודערט זיך ביי זיי, אַז זיי גרייטן זיך צו עפּעס און ווילן ווידער פאַרחידושן וואַרשע מיט עפּעס אַ שפּיצל, האָט מען דעם שמש גלייך פאַרמאַכט דאָס מויל:

— לאָזט אונדז געמאַכט, רב ייד...

און ביי די פּורים־שפּילער האָט זיך טאַקע געצודערט. אמת איז, אַז קיין געלעכטער האָט מען נישט געהערט זינט וואָכן. קיין שפּאַס, קיין וויץ האָט זיך קיינער נישט דערלויבט צו מאַכן. שלמה בדחן האָט מורא געהאַט צו קוקן אויף וועמען נישט איז — טאָמער וועט זיין בלויזער בליק אַרויסרופן אַ געלעכטער. בינעם איז ווידער געוואָרן דער באַזאַכטער אַפּוטרופּוס איבער דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט און איצט — דער הויפּט־פירער פון דער „מעוז לדל"־קאַסע. נאָר אַלץ האָט ער געטאָן מיט אַ שווערער כמאַרע אויפן פּנים. די גרעסטע ענדערונג איז אָבער געשען ביי איזאַקן — עפּעס אינגאַנצן אַן אַנדער מענטש געוואָרן. זיין היציקייט, זיין אויפגעפלאַמטקייט זענען אַן אַ שפּור פאַרשוונדן. מען האָט אים מער נישט געהערט שרייען, קיין זידלוואָרט אָדער שטעכווערטל איז מער נישט אַרויס

פון זיין מויל. פון זיין פנים איז אויף קיין איין רגע נישט פאַרשוווּנדן די פאַרגליווערטקייט, וואָס האָט זיך אויף אים אויסגעגאָסן זייט יענער נאַכט. די פאַרגליווערטקייט האָט באַקומען דעם אויסדרוק פון גרענעצלאָזער פאַר־ביסנקייט. ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרטאָן אין דער אַרבעט מיט די פּורים־שפּילער און אויסער דער אַרבעט האָט פאַר אים נישט עקזיסטירט קיין וועלט.

געאַרבעט האָבן זיי איצט ווידער איבער „משה" און איבער די אַלטע פּורים־שפּילן. „יהודית" איז אַוועקגעלייגט געוואָרן. פאַר איזאַקן איז די זאַך געווען פאַרבונדן נאָר מיט שרהלען. אָן איר האָט ער עס זיך נישט פאָרגעשטעלט אויף דער בינע, כאָטש דווקא איצט, נאָכן אומגליק מיט שרהלען, האָבן זיך געפונען אַ פּאָר דרייסטע מיידלער, אין וועלכע עס האָט זיך ממש אָנגעצונדן אַ פייער: שפּילן! אייגנע האָט עס געוואָלט צוליב העל־דישקייט, צולהכעיס שרהלעס מערדער; אַ צווייטע האָט געחלשט צו ווערן אַ שפּילערין, ווייל ס'איז נמאס געוואָרן דאָס שפּלדריקע לעבן פון אַ דינסט; אַ דריטע — כאָטש זי האָט עס פאַר זיך אַליין מורא געהאַט מודה צו זיין — האָפנדיק, אַז אויב זי וועט שפּילן דאָס, וואָס שרהלע האָט געזאָלט, וועט זי זיך דערנענטערן צו איזאַקן און מיט דער צייט אפשר אינגאַנצן פאַרנע־מען ביי אים שרהלעס אָרט. מעגלעך, אַז זיי וואָלטן טאַקע געקאָנט ווערן אמתע שוישפּילערינס. איצט האָט זיי אָבער איזאַק אַפילו נישט געוואָלט אויסהערן. שרהלע איז אומאויפהערלעך געווען מיט אים. ווען עפּעס האָט אים אויפגעקאָכט, האָט ער גלייך דערפילט דעם גלעט פון אירע דינע פינ־גער, דעם סאַמעטענעם בליק פון אירע אויגן — און דער כעס איז אין אים איבערגעקאָכט געוואָרן. ער האָט נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז ווער עס איז זאָל אים פאַרשטעלן שרהלעס געשטאַלט. דאָס, וואָס איז צעשוווּמען גע־וואָרן אין דער ווייסל, קאָן נישט פאַרטראָטן ווערן מיט עפּעס פון פלייש און בלוט, מיט עפּעס, וואָס גייט, שלאָפט, עסט, באַוועגט זיך — וואָס איז גוף. שרהלע איז שוין געווען בלויז בילד — דאָס אויסגעחלומטע בילד פון זיין לעבן.

לכתחילה האָט דוד טורקוס, וועלכער איז קורץ נאָכן אומגליק געקומען צו אים, צוריק דערוועקט אין אים דעם חשק צו טעאַטער, אריינגעטריבן אים אין אַמביציע: צולהכעיס די שוואַרצע שונאים גאָך אייפעריקער זיך נעמען צו דער אַרבעט. לכתחילה האָט ער געוואָלט איבערצייגן איזאַקן, אַז מען טאָר נישט רעזיגנירן פון אַזא געראָטן טעאַטער־ווערק, ווי „יהודית". אַזויפיל אַרבעט אריינגעלייגט געוואָרן, פאַרטיק כמעט... מען

דאַרף אויספּרוּוון די יונגע דאַמען, וואָס שטרעבן אַזוי צו טעאַטער. דאָס וועט ערשט זיין אַן אמתע פאַראייביקונג פון דער גאָטזעליקער אומפאַרגעסלעכער שרהלען. איזאַקס שטאָליק=קאַלטער בליק האָט אים באַלד געצוווּנגען צוריקצוציען זיך, מסכים זיין אויף די פאָרשטעלונגען, וועלכע איזאַק האָט געוואָלט באַנייען. ער, טורקוס, האָט אַ צוגעזאָגטע דערלויבעניש אויף פּופּצן פאָרשטעלונגען — מען קאָן זאָגן, זי איז שוין ביי אים אין קעשענע, גאַטשאַלקס וועט איצט קיין שטערונגען נישט מאַכן. אַפילו דער פינצטערסטער פאַנאַטיקער וועט נישט וואַגן אים צו שטערן, צוליב די שטימונגען, וואָס הערשן אין שטאָט.

די רייד, זיין גלויבן אין דער זאַך, אין וועלכער ער איז גרייט צו אנגאַזשירן זיין נאָמען און געלט, איזאַקס צוריק דערוואַכטער חשק צו דער אַרבעט, זיין עקשנותדיקע אַנטשלאָסנקייט צו דערפירן זי ביזן סוף — האָבן דערוועקט אַ פרישן חשק ביי די שפּילער. זייער אַמאָליקע פאַרשייטקייט, הפקרדיקייט, גאַסנייגערישקייט — דאָס אַלץ האָבן זיי פאַרלוירן. געוואָרן ערנסט און אריינגעטאָן אין דער אויפסניי אָנגעהויבענער טעאַטער=אַרבעט.

די יום=טובים זענען געווען אויפן שוועל פון רעוויר. די שפּילער האָבן זיך געגרייט אָנצוהייבן זייער טעאַטער.

V

ביים שחרית דאַווענען, דעם ערשטן טאָג ראש השנה, האָט אין דעם בית=המדרש אויף פראַנטשישקאַנער גאַס זיך עפּעס נישט געקלעפּט, דאָס געמיט איז געווען, ווי אַ שווערע פייסט וואָלט געהאָנגען איבער די קעפּ פון די מתפּללים. נישט צוליב דער פאָרכטיקייט פון די ימים=נוראים, ווען עס ווערט צוגעגרייט און געחתמעט דער גורל פון יעדן יידן אויפן גאָנצן יאָר, — די מורא איז דאָך מקדמונים געווען ביי יעדן פרומען ייד. דאָס=מאָל איז עס געווען אַ באַזונדערער פּחד. אויגן זענען פון הינטער די טליתים געשפּרונגען און קיינער האָט נישט געוווסט פאַרוואָס. די שרעק פאַר דער נקמה פון די פּורים=שפּילער? — אין דעם האָט שוין קיינער נישט געגלייבט: צופיל צייט אַוועק נאָכן אומגליק. העכסטנס קאָנען זיי אָפּשפּילן עפּעס א הפקר=מעשה. נו — אָפּשפּילן א פּורים=שפּיל ערגעץ אין אַ בודע אין רעוויר, נישט ווי יענעם מאָל אַנטלויפן אין אַ גוישער שענק אויף דער ניי=שטאָט. איז, מאַ! — יידן האָבן שוין גרעסערע בזיונות איבערגעלעבט

גיין, נישט דאָס האָט געשראָקן. נאָר וואָס? — האָט קיינער נישט געקאָנט געבן קיין באַשייד.

ערב ראש השנה האָט רב בעריש אונגער אַרויסגערופן צו זיך דעם גבאי און אויסגעפרעגט וועגן יעדן פּרט. וויאַזוי דאָס בית־המדרש איז צוגעגרייט, צי מען וועט נישט אָנלאָזן צופיל מתפללים און דער עיקר — צי דער בעל־תפילה וועט חלילה נישט זיין דער פאַראַיאָריקער חלוש, וואָס האָט קוים געקאָנט אַרויסקוועטשן פון זיך די ברכות.

— גיי, גלייב, אַז אַזעלכע תפילות וועלן דערגיין צו די שערי רחמים...

ס'איז אים דאַן געווען א חרפה פאר העגעכן, וואָס האָט צוליב געטאָן דעם טאַטן און דעם ערשטן טאָג ראש השנה געקומען אין זיין בית־המדרש — זאָלן יידן זען, וואָס פאר אַ זון ער, בעריש אונגער, האָט! זאָל מען טאָקע רעדן, אַז ער ווערט אַ מחותן מיט די ראָזענס! היי־יאָר וועט ער נישט האָבן דאָ דעם בחור זיינעם — ס'איז פאָרט צייט, ער זאָל זיך אַוועקבערטראָגן אין דער סינאַגאָגע אויף דאַנילאָוויטשעווסקאַ, צווישן די פּני פון שטאָט, וואָס זענען נאָענט צו מלכות און פאַרלירן דערביי גאָרנישט, חלילה, קיין חן אין די אויגן פון גאָט... אָבער פאַר אים אַליין, פאַר דער איבעריקער משפחה און פאַר אַלע מתפללים האָט ער געוואָלט האָבן אַ בעל־תפילה, וואָס זאָל ממש שפּאַלטן הימלען, רירן הערצער, אַרויסקוועטשן טרערן און שטאַרקן דעם בטחון.

אמת, גאַנץ פרי האָט מען שוין געפילט, אַז עס שטעלט זיך אַ הייסער טאָג, עס וועט טרוקענען אין די העלדזער און נישט איין ייד וועט זיך מוזן ראַטעווען מיט חלשות־טראָפּן. בעריש האָט פאַרשטאַנען, אַז אין עזרת־נשים וועט זיך טאָן חושך און האָט פון פאָרויס געוווּסט, אַז מיט ביילען וועט זיין געגנוג צרות. נאָר דערצו איז מען שוין געווינט. מיט די זינדיקע נשים האָט מען שטענדיק עגמת־נפש... אָבער, אַז באַלד ביים אָנהייב פון דאַוונען זאָלן צוויי יידן פאַרשוואַכט ווערן, לא עלינו, אויסברעכן דאָס עסן פון דער גאַנצער וואָך... מען זאָל זיי אין קרעמפּן מוזן אַרויספירן פון בית־המדרש, נאָכדעם ווי זיי האָבן געשטערט דאָס דאַוונען מיט זייער שילשול, — דאָס האָט נאָכנישט געטראָפן. איינער פון זיי איז אַפילו געווען א גאַנץ בכבודיקער באַלעבאָס. נישט, חלילה, פון הונגער, נישט קיין קראַנקער... איין גאָט ווייסט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

פון אָנהייב איז נאָך די צעמישעניש פאַרהילכט געוואָרן דורכן גייעם בעל־תפילה. ער האָט ממש איינגעריסן וועלטן. מילא, האָט ער נישט געהאַט דאָס מתיקות, דעם דריי פון אַלטן בעל־תפילה, אָבער אַ קול — די

ווענט האָבן געציטערט. בעריש איז שוין גרייט געווען בעת דער הפסקה צו זאָגן אַ גוט וואָרט דעם גבאי. דאָס איז נישט געווען ביי אים פון די לייכטסטע זאַכן אַרויסצוקריגן, שווערער נאָך, ווי געלט. בעיקר — די לעצטע יאָרן, ווען זיין ברודער נאַטשע איז געוואָרן אַזאַ אַדיר, אים אַליין איז אַוועק נישט צו פאַרזינדיקן און זיין כבוד איז אַזוי עולה לגדולה געוואָרן. בעריש איז באמת געווען צופרידן פון בעל=תפילה.

נאָר מיטאַמאָל, נאָך שמונה עשרה, האָט זיך אָנגעהויבן דעם בעל=תפילהס קול צו רייסן, ער איז אינגאַנצן אָפּגעשטאַנען, ווידער אָנגעהויבן. האָט ער שווער געכאַפּט דעם אָטעם, געצאַנקט, ווי די ליכט ביים עמוד. בעריש האָט בייז געצויגן דעם טלית, געשיקט שפּיזיקע בליקן אין די פּלייצעס פון בעל=תפילה, דורכגעשטאָכן ממש דעם גבאי מיט די אויגן. געזען, אַז די אומפאַרשטענדלעכע הפסקות, וואָס דער בעל תפילה מאַכט, ווערן עפּטער, מאַכן דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געמייקנט, — האָט בעריש אליין אונטערגעכאַפּט די תפילה, געוואָלט אונטעריאָגן דאָס דאַווענען.

משה דער גבאי האָט נישט געזען בערישעס בליקן. אָן דעם האָט ער זיך אַליין אויך גענוג באַאומרואיקט. עס זאָל פאַרשעמט ווערן, חלילה, דער ראש=השנה, וועט ער אינגאַנצן געשלאָגן ווערן דורך איטשע=מאיר אלטערס שטיבל, וואָס האָט שוין סייווי פון זיין בית=המדרש צוגענומען אַ סך באַלעבאַטים. עס איז אים אַ ווייטיק זיך צו טרעפן מיט אלקנהן, דעם גבאי פון אַלטערס שטיבל. יענער קוקט אויף אים, ווי אַ גאָנער, להבדיל. משה האָט געפּרוווט צו מונטערן און אונטערצוהאַלטן דעם בעל=תפילה מיט א הוסט, מיט אַ הויכן „נו=נו“. ס'האָט אַלץ נישט געהאָלפן, האָט ער עס מער נישט געקאָנט סובל זיין און פשוט זיך צוגערוקט צום עמוד:

— רב הענעך, שטייט נישט אָפּ... וועט איר שוין ביי דער הפסקה כאַפּן דעם אָטעם...

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. דער בעל=תפילה האָט זיך אייגעקנוידערט ביים עמוד, צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צום ברעטל און געמייקנט. רב משה האָט אים אַ לייכטן טרייסל געטאָן און יענער איז געפאַלן אויף דר'ערד — אַ קנויל פון טלית, קאַפּאָטע און ווייסע זאָקן.

— פארהלשט, לא עלינו! חלשות=טראָפּנס! האַלט אים אונטער!

דערשראָקענע שטימען פון אַלע זייטן. אַ כמאַרע פליגן האָט אָנגעהויבן צו טאַנצן פאַרן גבאים אויגן. מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך אָנגעבויגן איבערן בעל=תפילה. פון דעם שוואַרץ=ווייסן קנויל, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דר'ערד, האָט מען קוים געקאָנט אַרויסשיילן דאָס

באַבערדיקטע פּנים, פון וועלכן עס האָט זיך ריטשקעסווייז געגאָסן שוויים.

דער פּאַרמעט פון שטערן האָט זיך געביסן מיט די ציגל־פֿאַרבן אויף די באַקן. אין די מויל־ווינקעלעך האָט זיך אים געזאַמלט אַ שוים, געבלעזלט זיך צווישן די וואָנסן, פֿאַרשמירט די באָרד. די אויגן זענען געווען ווייטיקדיק פֿאַרקוועטשט, די הענט האָבן זיך איינגעגראָבן אין די בגדים איבערן בויך, פון האלדז האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פֿאַרשטיקטער „אוי“ — גאָרנישט פון אַ בעל־תפילה. אַ פּשוטער „אוי“ פון אַ מענטשן, וואָס איז אויף אַן אמת דורכגעזאַפּט מיט יסורים.

— אויף דער לופט אַרויס! אויף דער גאַס!

טליתים האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן די פּיס. אַ פּאָר מתפּלים האָבן קוים אַרויסגעשלעפּט דעם בעל־תפילה אין קליינעם פּאָליש, צו דער אָפּענער טיר, ער זאָל כאַפּן לופט.

די צעמישעניש איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז פון עזרת־נשים איז שוין מער קיין געוויין נישט דערגאַנגען, נאָר אַ פּחדפול שושקעניש. רב בעריש האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין שטענדער:

— נו, נו! נישט מפסיק זיין!

פון עזרת־נשים האָט זיך דערהערט אַ שניידיקער קוויטש:

— ראַטעוועט! איך עק זיך!

ווייבערישע קולות האָבן זיך מיטאַמאָל אַ הייב געטאָן איבערן גאַנצן בית־המדרש, ווי אַ סטאַיע צעפּלאָשעטע פייגל. מען האָט נישט געקאָנט דערהערן, וואָס מען שרייט — צי מען וויינט, צי מען איז מתפּלל, צי מען שלאָגט זיך דאָרט. די קולות האָבן פֿאַרטויבט רב בערישעס קלאַפּן אין שטענדער, דעם געזשום פון מענער־שטימען. קופּקעס, שייטלעך, שאַלן — ווייסע און שוואַרצע — האָבן זיך עפּעס באַוועגט, געבויגן, אָנגעשטויסן זיך איינער אין דער אַנדערער. ווי אַ בליץ האָט געגעבן אַ שנייד אַדורך די לופט אַ שפּיציקער אויסגעשריי פון רחלען, דער אַלטער הייבאַם:

— די כאָליערע, רחמנא־ליצלן... אַנטלויפט, נשים, אַ שרפה!

ווייבער האָבן זיך אָנגעהויבן צו שטויסן, שטופּן, יעדע האָט געוואָלט פריער זיין אין דרויסן. קוויטשערייען, הויכע שלוקעכצן, געוויינען. די שווערע, יום־טובדיקע קליידער זענען צעקנייטשט און צעריסן געוואָרן. יעדע איינע האָט מורא געהאַט, אַז אַן איבעריקע רגע אָטעמען די פֿאַרסמטע לופט קאָן שוין אָנשטעקן מיט דער הולאת. מען האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף שוואַנגערע אין די הויכע חדשים, נישט אויף זקנות, געטראָטן און געשפּרונגען איבער ליגנדיקע גופים. אין משך פון געציילטע מינוטן איז אין

עזרת־נשים געבליבן ליגן די ייִדענע, וואָס האָט זיך איינגעדרייט אין קראַמפּן, עטלעכע פאַרחלשטע פרויען, עטלעכע צעטרעטענע און צעשלאָגענע האָבן נאָך געפּויזעט צום ארויסגאַנג.

אונטן, אין בית־המדרש, איז דער ערשטער אויסגעשריי — „די כאַליערע" עפּעס נישט דערגאַנגען צו די מוחות. געטראָפן האָט זיי גיכער דער געשריי „שׂרפה". אייניקע זענען גלייך אין די טליתים געלאָפן צו דער טיר, געשפּרונגען איבער בענק, אַנדערע האָבן לויפנדיק אראָפּגעשלעפּט די טליתים, געוויקלט זיי אין געדראַנג. אין דער זעלבער צייט זענען אייניקע ייִדן פון די אונטערשטע בענק געלאָפן צו די לייכטערס און אייל־לאָמפּן, געלאָשן די קנויטן. זיי האָבן געפּרוווט צו באַרואיקן די מהומה:

— שאַט, שאַט, ייִדן... ס'ברענט נישט! ווו ברענט!

זייערע שטימען זענען דערטרונקען געוואָרן אין טומל פון די לויפנדיקע:

— אַ שׂרפה... ס'ברענט! ראַטעוועט זיך!

רב בעריש איז געווען אויסער זיך. ער האָט אַלץ געקלאַפּט אין שטענדער און געשריגן:

— נו, נו, רבותי!

פּלוצלונג האָט זיך בנימינדל, וואָס האָט ביז איצט מיט נייגער געקוקט אויף דער גאַנצער מהומה, פאַרקייכט אין געוויין. דאָס האָט שוין רב בערישן אינגאַנצן צעטומלט. ער האָט דערזען, אַז דאָס בית־המדרש איז כמעט אויסגעליידיקט. די מיושבדיקסטע באַלעבאַטים לייגן בחפּזונדיק צונויף די טליתים, כאַפּן די מחזורים און איילן צום אַרויסגאַנג. באַין ברירה, האָט ער שוין אויך צונויפגעלייגט דעם טלית, ביידע זיין געכאַפּט ביי די הענט און, אייַנשטילנדיק בנימינדלען, באַמיט זיך צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער פאַרלאָזט אין פולער רואיקייט דאָס מסוכנדיקע אָרט.

אין פּאָליש איז נאָך געשטאַנען דער גבאי מיט צוויי באַלעבאַטים. זיי האָבן זיך געפּאָרעט אַרום בעל־תפילה, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געקנוידערט אין קראַמפּן.

— ווילד! ווילד! אַ כאַליערע זאָל עם כאַפּן! — בייז האָט רב בעריש געקוקט אויפן גבאי.

— איר זאָלט עם נישט האָבן ארויסגעזאָגט אין אַ שלעכטער שעה, רב בעריש! — דער דרך־ארץ פאַרן חשובסטן באַלעבאָס פון בית־המדרש האָט זיך אָפּגעטאָן פון גבאי.

VI

אַ שרפה אין סטעפּ בושעוועט נישט שטאַרקער, ווי די כאָליערע האָט זיך פאַרשפּרייט אין רעוויר. וועגעלעך, ביז איבער די ברעגן אָנגעפּילטע מיט איינגעקנוידערטע גופים, זענען קוים געשלעפּט געוואָרן דורך צוויי אויסגעפּאַשעטע פערד צו דער גרינער גאַס, צום יידישן שפּיטאָל. קיין פריי בעטל איז שוין דאָרט נישט געווען, יעדעס ברעט אויף דער פאָדלאָגע פון די שפּיטאָל־זאַלן און קאָרידאָרן איז געווען פאַרנומען דורך קראַנקע. די דאָקטוירים, פעלדשערס און קראַנקן־וועכטער זענען געפאַלן פון די פיס, נישט באַוויזן אַפילו צו באַקוקן אַלע קראַנקע, וואָס זענען געברענגט געוואָרן. זיי האָבן פּשוט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — די מגפה איז שטאַרקער, ווי זייערע רפואות. די מהומה אין רעוויר איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז יעדער פאַל פון אַ פאַרשלאַפונג, יעדער קאַליע געוואָרענער מאָגן, איז אָנגענומען געוואָרן פאַר כאָליערע. מען האָט באַלד געשלעפּט דעם חולה צו די שפּיטאָל־וועגעלעך, וועלכע האָבן אָן אויפהער געקרייזט איבער די גאַסן.

באַלד די ערשטע טעג נאָך ראש השנה האָבן אָנגעהויבן צו וואַנדערן עגלות אַראָפּ צו, נאָך די אָקאָפּעס, צום יידישן בית־עולם. נאָכמער — קיין פראַגע, ווו מען האָט מקבר געווען די, וואָס האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַר דער קרקע. אַזעלכע איז געווען מער, ווי אַנדערע. פון שפּיטאָל, פון דער גרינער גאַס, האָט מען אַליץ מער גזזען פאָרן עגלות, נאָך וועלכע עס זענען נאָכגעגאַנגען — אָדער טאַקע נאָכגעלאָפן — איינצלנע מענטשן. די עגלות האָבן זיך געאיילט, געוואָלט שנעלער אַרויספירן די געפּערלעכע משא. עס האָבן זיך באַפרייט ערטער אין שפּיטאָל און באַלד זענען געווען עטלעכע בעלנים אויף אַ באַפרייט אָרט. דער קריסטלעכער אויפזעער איבערן שפּיטאָל, דאָקטאָר פראַנטשישעק בראַנדט, וועלכער פלעגט אין רואיקע צייטן זעלטן אַריינקוקן אַהין, איז איצט פון דאָרט נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט זיך כסדר באַראַטן מיטן אָנגעזעענסטן יידישן קאָלעגע זיינעם, דעם דאָקטאָר קעלער, וועלכער האָט זיך שוין אַרומגעדרייט ווי אַ שאָטן אין זיין קאַבינעט. דאָקטאָר בערנשטיין האָט געמוזט אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקן זיין פּריוואַטע פּראַקטיק — סיווי וואָלט מען אים איצט נישט אַריינגעלאָזט אין אַ בעסערער שטוב אויסערן רעוויר: — „ער קאָן נאָך מיטשלעפּן די מגפה“... מען האָט אַפילו צוגעלאָזט אין שפּיטאָל אַריין פרישע אָנגעקומענע דאָקטוירים פון דער פּראָווינץ. פאַרגעסן וועגן דער מורא פאַר קאָנקורענץ, צוליב וועלכער מען האָט ביז איצט זעלטן צוגעלאָזט נייע יידישע דאָקטוירים

קיין וואַרשע. אַפילו דער יונגיטשקער דאָקטאָר קינדערפרוינד, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אַרויסגעריסן פון זיין זאַמאָשטש, האָט באַלד געקריגן אַ מעגלעכ־קייט צו ווערן אַ דאָקטאָר אין וואַרשעווער שפּיטאָל. איין דאָקטאָר סטודענ־צקי איז ווייטער געבליבן אין דרויסן, געלאָפן פון שטוב צו שטוב, פון קאַיאָר ביז שפּעטער נאַכט באַקוקט קראַנקע, פאַרשריבן רפואות, געגעבן עצות און אינערלעך אייננעשרומפּן געוואָרן פון הילפלאָזיקייט. גליקלעך איז ער געווען, ווען ער האָט געפּאַקט אַ פּאַל פון אַן אַנדער חולאת, מעג זיין די שווערסטע — אַבי נישט די כאָליערע. נאָר אַזאַ גליק האָט אים זעלטן גע־טראָפן. ער האָט געוואָרנט די געזונטע צו פאַרהיטן זיך, געעצהט צו רייניקן דעם שמוץ פון די שטובן, פאַרברענען דאָס מיסט, וואַשן זיך, נישט צורירן זיך צו קראַנקע און זייערע זאַכן, אָפּגרענעצן זיך פון די כאָליערע־קראַנקע, אַוועקפירן זיי אין שפּיטאָל אַריין. געענטפערט האָבן אים מערסטנטייל פאַר־לוירענע אָדער אויסגעלאָשענע בליקן:

— „פאַרלאַנגסט פון אונדז אוממעגלעכע זאַכן...“

אין דער אמתן: ווי זאָל מען זיך נישט צורירן צו די זאַכן פון קראַנקן אין דער חורבה אויף דזשיקע־גאַס, וווּ איין שטרויזאַק איז געלעגן האַרט נעבן צווייטן און אין אַ שמאָלן חדרל האָבן זיך געגעסטיקט צען נפשות? פאַרברענען דעם שמוץ — וואָלט מען דאַרפן צו פאַרברענען דאָס גאַנצע האָב און גוטס פון אַלע שכנים — זייערע מלבושים, וואַרשטאַטן, קוישן מיט סחורה — די גאַנצע חורבה, די גאַנצע גאַס. פון אומעטום האָט זיך געטראָגן אַן אומדערטרעגלעכער עיפוש און צעפוילעניש.

— ס'איז אים גרינג צו זאָגן וואַשן זיך! פון ברונעם קאָן מען שוין קיין וואַסער נישט אַרויסשלעפּן... דאָס ראָד דרייט זיך און דרייט זיך און דרייט קוים אַרויס אַ געדיכטן שליים אויפן דנאָ פון עמער... כאָטש גיי, שלעפּ וואַסער פון דער ווייסל...

אַחוץ דעם — מען ווייסט נישט פון וואַנען — האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די ברונעמער זענען פאַרסמט.

— די גאַנצע מגפה נעמט זיך פון זיי!... מען האָט שוין געהערט אַזעל־כע זאַכן. אַ שטיקל אַרבעט פון די שונאי־ישראל, ווילן פון אונדז אַ תל מאַכן.

דער דאָקטאָר בראַנדט האָט פאַרלאַנגט פון זיינע יידישע קאָלעגן ענער־גישע שריט — זיי האָבן הילפלאָז צעגומען די הענט. האָט ער געשריבן ראַ־פּאָרטן צו דער מאַכט: מען מוז אַלע מיטלען אָנווענדן צו דערשטיקן די מגפה, זי קאָן זיך לייכט אַריבערטראָגן אויסער די גרענעצן פון רעוויר — אין דער ניישטאָט, אין דער אַלטשטאָט, נישט שאַנעווען אַפילו די אייננווי־

נער פון די פּאַלאַצן, מיטן קעניגלעכן שלאָס און בעלוועדער איינגעשלאָסן.

די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט — אָפּשליסן דעם רעוויר. זאָל קיינער, וואָס טראָגט אין זיך דעם סם פון דער מגפה, נישט קומען אין באַרירונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט!... אָבער דאָס איז נאָך אויך ווייניק. די לופט, דער עיפּוש פון רעוויר — דערצו נאָך אין אַזעלכע הייסע טעג אָן רעגן — קאָנען אַליין אַריבערטראָגן דעם סם. „זאָל יעדער, וואָס וויל נישט זיין אויסגעשטעלט אויף דער כאָליערע, אַוועק ווייטער פון וואַרשע, ביז די שרפה וועט זיך איינשטילן, ביז די רעגנס און שנייען וועלן נישט אָפּשווענקען דעם שמוץ, וואָס פאַרסמט די לופט“...

האָבן טאַקע אָנגעהויבן וואַרשע צו פאַרלאָזן שווער באַלאָדענע קאָטשן, אַוועק אין גיטער, אין הויפן, אין די דאָרפישע פּאַלאַצן. נאָר וואָס צוריקגעקומענע פון די זומער־וווינונגען, האָבן שנעל געאיילט צוריק אַהין. אין דער ערשטער ריי האָט מען געזען די קאָטשן פון די עטינגערס, עפּשטיינס, בערעקסאָנס, ראָזענס, טעפּליצעס, פרענקעלס, וואָס האָבן אַוועקגעפירט די משפחות. מילא, די קעפּ פון די פאַמיליעס האָבן געמוזט פאַרבלייבן. די געשעפטן קאָן מען נישט לאָזן אויף הפקר. נאָר נישט צו קומען אין באַרירונג מיט דער פאַרסמטער לופט פון רעוויר. וואָס מען דאַרף דאָרט, איז דורך שליחים. און מיט זיי אויך אַלץ פונדערווייטנס, אָפּגעטיילט מיט אַ וואַנט פון ציגאַרן־רויך. אַפילו פון דער פראַנטישיסקאַנער און נאַלעווקעס זענען שוין געפאָרן אָנגעשטאָפּטע וואָגנס: מענטשן, קישנס און איבערבעטן. אַלץ אויסער דער שטאָט — אין אַ שטעטל, אַ דאָרף, אַ וואַלד. קודם כל — בעריש אונגערס משפּחה מיט משרתים און קעכינס. מילא, בעריש וועט זיך שוין דורך דער צייט מוזן געפינען אַ מקום מקלט ביי זיין ברודער נאַטשע. יענער מאַכט חוזק פון דער גאַנצער מגפה, האָט נישט בדעה זיך צו רירן פון אָרט:

— אונגער איז שטאַרקער פון דער מגפה! — טענהט ער.

אַ שרעק האָט אָנגעוואָרפן אויף די פּני דער דאָקטאָר סטודענצקי. ער האָט געפונען צייט אַריינצוכאַפּן זיך אין די גרויסע קאַנטאָרן, אָנשרעקן זייערע באַלעבאַטים מיט די ערגסטע פאָלגן, אויב מען וועט נישט זען עפּעס צו טאָן, העלפן. עפּשטיין האָט געהאַלטן, אַז ער האָט שוין זיינס געטאָן. איז ער דען נישט דער אָפּיעקון איבערן שפּיטאָל? לאָזט ער זיך דען נישט קאָסטן שווערע צענער טויזנטער אויף אויסצוהאַלטן דעם שפּיטאָל? אי, די ענגשאַפט, שמוץ אין רעוויר....

— כ'האָב שטענדיק געטענהט: נישט צולאָזן קיין וואַרשע אַזאַ אָנגע־לויף פון קבצנים, שמאַטע־יידן. וואָס קאָן איך נאָך מער טאָן?

ערנסטער האָט אויפגענומען דאָקטאָר סטודענצקיס רייד רב טעוועלע טעפּליץ. ער האָט זיך גלייך באַראַטן מיט זיין פריינד, דעם פאַרגעמען דאָק־טאָר יוזעף וואָלף. יענער האָט באַשטעטיקט: די איינציקע רעטונג איז — ריינקייט אין רעוויר, בעסערע וווינונגען, בעסערע באַשפּייזונג. טעפּליץ האָט צעגומען די הענט:

— בין איך עס בכוח? אַ גייע שטאָט דאַרף מען אויפבויען, פאַר טויזנטער און טויזנטער מענטשן. געבן עסן צו זעט אַזאַ המון? איבער מיינע כוחות.

ער האָט באַדויערט און מיטגעפילט: — יאָ, יאָ, עס פעלט ציוויליזאַ־ציע, טאַקע פרנסה אויך, ביי די אָרעמע גלויבנס־גענאָסן. איך אַליין בין עס אָבער נישט אימשטאַנד צו ענדערן.

פונדעסטוועגן האָט ער געהאַלטן, אַז מען דאַרף כאָטש אַרויסלאָזן אַן אויפרוף וועגן ריינקייט, היגיענע, וועגן וועלכער די מענטשן האָבן קיין אַנונג נישט... אויפקלערן זיי — דאָס איז אַ חוב! גלייך האָט ער זיך טאַקע פאַר־שטענדיקט מיטן מחותן, מיט עפּשטיינען, און ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן צווישן זיי: צו וויסן טאָן דעם דאָקטאָר קעלער, ער זאָל אַרויסגעבן אַן אויפ־רוף צו דער באַפעלקערונג, וויאַזוי אָפּצוהיטן ריינקייט, וויאַזוי זיך נוהג צו זיין בעת דער מגפה, כדי נישט באַרירט צו ווערן פון איר און מיט גאָטס הילף זי פאַרטרייבן פון דער שטאָט. זאָל שוין דער דאָקטאָר צונויפשטעלן עפּעס אַ לייטישן בריוו — אַלע הוצאות דעקן זיי.

שוין אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען די מויערן, ווענט, פּלויטן פון רעוויר באַקלעפּט געוואָרן מיט גרויסע פּאַפּירענע פּלאַכטעס, אויף וועלכער עס איז מיט יידישע אותיות אָנגעוויזן געוואָרן בפירוש, וויאַזוי יידן דאַרפן זיך אויפ־פירן און האַלטן, כדי נישט אָנגעגריפן ווערן פון דער מגפה. זעלטן ווער עס האָט געהאַט אַ קאָפּ צו לייענען די פּלאַכטעס. די, וואָס האָבן שוין יאָ גע־לייענט, האָבן נישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס רעדט זיך דאָרט. זיי האָבן נאָר אַרויסגעדרונגען, אַז די מגפה איז אַ גרויסע סכנה פאַר יעדן פון זיי. אָבער דאָס האָבן זיי געוווסט אָן די פּלאַכטעס.

די אויפרופן זענען דאָקעגן געגוי געלייענט געוואָרן דורך די מורה־הוראהס און שמשים. אַ הייליקער צאָרן האָט אין זיי אויפגעפלאַקערט:

— ס'טייטש. די גבירישע אַפּיקורסים רייסן זיך אַריין אין אונדזער גבול! דאָס זענען גאָט־זאַכן! דאָס איז שייך צו אונדז!

איז מען זיך טאַקע באַלד צוזאַמענגעקומען אויף אַן אסיפה ביים „חמדת שלמה“, וועלכער איז נאָך אַלץ נישט אויפגעשטאַנען פון זיין שלאָפקייט. ער איז אויך אויפגעבראַכט געוואָרן פון דער חוצפה פון די גבירישע דייטשלעך. געדעכנט האָט אַפילו דער „חמדת שלמה“ — נישט איין נאַכט האָט ער זיך שוין געטרוקנט דעם מוח מיט דער מגפה, כסדר מתפלל געווען — געדעכנט האָט ער: דאָס גלייכסטע איז אַ חופה אויפן בית־עולם. אַ שוואַרצע חופה, וואָס איז מקדמונים געווען אַ שוץ קעגן מגפות. די מורה־הוראהס זענען מסכים געווען: אַזאַ זאַך באַרואיקט די געמיטער, אַ ייד האָט ליב אַזאַ מצווה. און ס'איז טאַקע אַ סגולה קעגן דער מגפה אויך. חופות וועט מען דאַרפן שטעלן אויף ביידע בית־עלמינס — דעם וואַרשעווער און פראַגער. נאָר אַחוץ דעם, מוז מען ענטפערן מיט אַ כרוז. מען טאָר נישט גלאַט אַזוי דורכלאָזן די חוצפה פון די אַפיקורסים!

האָט מען זיך טאַקע באַלד אַוועקגעזעצט און געשריבן. דער „חמדת שלמה“ האָט דיקטירט פסוקים פון תנ"ך, פון גמרא, פון ספרי הכמים וועגן ריינקייט, אָפּגעהיטנקייט און התנהגות פון יידן. צוגעזאָגט: בשכר זה וועט זיך דער אייבערשטער מרחם זיין ובזכות זה אָפּשטעלן די מגפה. די מורה הוראהס האָבן די פסוקים פאַרוואַסערט מיט אַ ביסל יידיש־לשון און ס'איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ כרוז, געחתמעט דורכן „חמדת שלמה“, רב איטשע מאיר אַלטער און די מורה־הוראהס. אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט אַ קול־קורא, וואָס האָט געקאָנט רירן וועגט, געענדיקט מיט ברכות, וואָס האָבן געקאָנט שפּאַלטן הימלען. מען האָט עס גלייך געלאָזט אָפּדרוקן און פאַרקלעפּט דערמיט די אויפרופן פון שפּיטאָל. די פשוטע יידן האָבן דערפון נאָך ווייניקער געקאָנט אַרויסדרינגען. ס'איז נאָר קלאָר געוואָרן, אַז עס האַלט טאַקע זייער שמאָל, אויב ביידע צדדים רייסן אַזוי איין וועלטן. צו דער שוואַרצער חופה אויפן בית־עולם האָט מען זיך שוין נישט געאיילט, כאָטש די שמשים האָבן גערופן, קלאַפּנדיק אין אַלע פענצטערס און לאָדן. מען האָט זיך אַפילו נישט אינטערעסירט, צי די חופה איז פאָרגעקומען. צו דער לוויה פון דעם מורה־הוראה רב יחיאל, וועלכער איז געשטאָרבן פון דער כאָליערע אַ פּאָר טעג נאָכדעם, ווי ער האָט אונטערגעשריבן דעם כרוז, איז קוים געקומען אַ מנין יידן. אַפּנים דאָס אויך זיינע מקורבים, צוויי מורה־הוראהס און אַ פּאָר שמשים.

דער רעוויר האָט נאָך אַזאַ מגפה נישט געדענקט. אַפילו די פון פאַר פינף יאָר איז געווען אַ קינדער־שפּיל לגבי דער איצטיקער.

— זינדיק, זינדיק איז די שטאָט! — האָבן געקלאָגט פרומע יידן.

ווען איינער האָט אָבער געפּרוּווט אָנצווייזן אויפן מקור פון זינד — די פּורים־שפּילער, איז זיין וואָרט געפאַלן אין אַ פּוסטקייט. רב מרדכילע, דער אַלטיטשקער מאַרקגייער און חסיד, האָט, ווי פאַר זיך, געענטפערט:

— אפשר, אפשר טאַקע גאָר פאַרקערט. פאַר דער אומשולדיקער נשמה, וואָס קהל האָט דערטרונקען.

VII

שלמהלע משרת איז אַרומגעגאַנגען אָנגעכמורעט. לעצטנס קאָן ער גאָרנישט צוטרעפן דעם לערער. וואָס ער זאָל אים נישט דערציילן וועגן דער מהומה אין שטאָט, וועגן די גערעדערייען, נעמט ער אויף אַלץ קאַפּויער. דאַכט זיך אַזאַ ידיעה: אין שטאָט האָט מען שטאַרק אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער מגפה, ווי וועגן אַ שטראָף פאַר שרהלעס אומקום — האָט יענער אָפּגעפּטרט מיט אַ ברום:

— פינצטערע מענטשן! אַ שטראָף... אַ שטראָף פאַר הונגער, פאַר דלות, פאַר פייכטע קעלערשטובן, פאַר דער פאַראַווירטער לופט...

ס'האָט שוין אָנגעהויבן שלמהלען צו בויערן אַ געדאַנק, אַז דער לערער האָט גאָרנישט אַזוי ליב געהאַט שרהלען. ווי דען קאָן מען עס אַנדערש פאַרשטיין? נישט קיין טרער לאָזן נאָך איר, נישט אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן. אפשר ווייל ער איז צופיל געבילדעט? אַ פּראָסטער מענטש, אַז ס'טוט אים וויי, רעדט ער זיך אַראָפּ פון האַרצן און ס'ווערט אים לייכטער. און ער — פאַרשלאָסן אין זיך, פאַרטאָן אין די ביכער, אין דער אַרבעט, אין צוגרייטן טעאַטער־שפּילן... ווי קאָן ער איצט בכלל טראַכטן וועגן טעאַטער־שפּילן? נאָך שרהלעס טויט, די כאָליערע בושעוועט אַרום, מענטשן פאַלן, ווי די זאַנגען נאָך אַ האָגל.

איזאַק האָט אָבער שלמהלעס פאַרדרוס נישט באַמערקט — ער האָט בכלל גאָרנישט באַמערקט. בלויז — ווי די שפּילער באַוועגן זיך, רעדן, זינגען... ווי קאָן מען איצט זינגען פריילעכע לידער, חוזק־לידער, באַלעקן זיך מיט דעם ברחנס וויצן? — ער, שלמהלע, האָט עס נישט געקאָנט פאַרשטיין. סיידן דאָס האַרץ איז ביי אים אויסגעטרוקנט, ביים לערער... ניין, דאָס האַרץ איז ביי אים נישט אויסגעטרוקנט. והא ראיה — וואָס ער טוט אַלץ פאַר די, וואָס קומען נאָך הילף צו דער „מעות־לדל"־קאַסע. די קאַסע איז דאָך הויל און לייזיק און דער לערער קריגט אַרויס געלט, בדי צו העלפן די משפחות

פֿון קראַנקע. ער האָט שוין אַרויסגעצויגן אַ היפּשע אַפּותיקא ביי דעם טורקוסן, וואָס האָט זיך איינגעעקשנט צו מאַכן פֿון די פּורים=שפּילער אַן אמת טעאַטער, — טאַקע אויפֿן חשבון פֿון דעם טעאַטער. געפֿועלט ביי זיך צו בעטן געלט ביים יונגן הער, זיין אַמאָליקן חבר, דעם אונגער. וווּסט עס דער רוח!

איזאַקן איז טאַקע נישט לייכט אָנגעקומען צו פֿועלן ביי זיך אָנצושרייבן דאָס בריוול צו העגריק אינגער. נאָר די פֿאַרצווייפֿלטע בליקן פֿון די בעטגדיקע האָבן אים אַריינגעלייגט די פּעדער אין האַנט אַריין. די גליקלעכע אויגן פֿון די, וואָס האָבן באַקומען הילף און די ערשטע פּאָר הונדערט גילדן, וועלכע העגריק האָט אַריינגעשיקט, האָבן אים ווידער באַוויגן אָנצושרייבן אַ וואָך שפּעטער דאָס צווייטע בריוול.

די צאָל בעטנדיקע איז אַלץ געוואַקסן. די כאָליערע האָט קודם כל זיך פֿאַרקליבן אין די קעלערשטובן, אין די קאַנורעס, וווּ עס האָבן געוווינט די מערסטע אַמאָליקע קליענטן פֿון גוויאַזדאַן. יעדן טאָג האָט מען פֿון דאָרט אַרויסגעשלעפּט אויף וועגעלעך צענדליקער קרבנות. אַ סך האָט מען געפֿירט גלייך אויפֿן פּראַגער בית=עולם אַרויס, ווו מען האָט זיי שוין נישט מקבר געווען באַזונדער, נאָר בחברותא, אין פֿריער צוגעגרייטע גרויסע ברידער=קברים.

— אפֿילו אין קבר קאָנען זיי זיך נישט אויסגלייכן די ביינער. — האָט שלמה בדחן ביטער אַ שפּאָס געטאָן.

ווער האָט זיך אָבער געקאָנט אומקוקן אויף טויטע, אַז מיט די לעבעדיקע האָט מען זיך נישט געהאַט ווען צו פֿאַרנעמען.

אמת, די מגפֿה האָט נישט געשוינט קיינעם. זי האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין באַלעבאַטישע שטובן, אַרויסגעכאַפּט קרבנות פֿון די פּוילישע ריבאַקעס און גיישטאָט. האָט מען נאָך שטרענגער פֿאַרמאַכט דעם רעוויר. פּאָליציילייט האָבן געהאַלטן אַ פֿאַרשטאַרקטע שמירה ביי די גרענעץ=הייזער נאָענט צו די פּוילישע גאַסן. נאָר דאָקטוירים, פֿעלדשערס און ספּעציעלע שליחים האָבן געקאָנט אַריין און אַרויס פֿון באַדראָטן געביט.

אין שפּיטאָל האָט מען אַוועקגעפֿירט די ערשטע קרבנות פֿון גוויאַזדאַס סביבה. מיטן טויט האָט זיך געראַנגלט זימל דער מאַליאַזש. עס האָט שוין אויסגעהויכט איר נשמה שרהלעס חברטע, כאַווטשע. פֿאַרווייַנטע, געשוואָלענע אויגן האָט מען כסדר געזען פֿאַר זיך. און דער לערער האָט ווייטער צוגעגרייט פּורים=שפּילן.

— די מגפה וועט אַריבער, קינדער, נאָר דער דלות וועט נאָך גרעסער זיין. מיר וועלן מוזן העלפן, העלפן יעדן, דאַרף מען געלט, א סך געלט. ס'וועט גאָרנישט זיין צופיל! — האָט ער געמונטערט די שפּילער. — די מוי־טע וועלן מיר נישט לעבעדיק מאַכן. די לעבעדיקע וועט מען אָבער דאַרפן לייכטער מאַכן דאָס לעבן.

אַ שטילקייט האָט פאַרצויגן די מיילער, געבליבן הענגען אין דער לופט.

— אין לעבעדיקער, פּורים־שפּילער! ווייזט, וואָס איר קאָנט! — ווי־דער האָט זיין שטים געקלונגען פעסט, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

דאָס האָט שוין שלמהלע משרת נישט געקאָנט פאַרטראָגן. ער האָט זיך געוואָלט אויפרייסן פון אָרט, אַרויסגיין פון חדר, כדי צו באַווייזן דעם לערער, ווי שטאַרק ער איז אויפגעבראַכט צוליב דער אויפפירונג זיינער. עפּעס אַ שווערקייט האָט אים אָבער צוריקגעצויגן צום בענקל, אַ דריי גע־טאָן אין די גערערעם. ער האָט ווידער געפּרוווט — אַ היץ האָט אים געזעצט אין פּנים אריין. די ליפּן זיינע זענען געווען אָפּגעסמאַליעט, ווי א פלאַם וואָלט זיי באַלעקט און איבערגעלאָזט אין די מויל־ווינקלען אַ וואַרעמען אַש. אין מויל האָט זיך אָנגעזאַמלט אַן איבלקייט און ער האָט געמוזט שנעל אַרויס־לויפן.

קיינער האָט עס נישט באַמערקט. אין דעם גערדראַנג האָט זיך אַ מענטש נישט אָנגעזען. צוריקגעקומען איז ער אינגאַנצן דערשעפּט און אָוועקגעפאַלן אין ווינקל ביי דער טיר.

— איך אויך? שוין, פאַרטיק? — פאַרצווייפלונג האָט געפלאַטערט אין שלמהלעס מוח און מיט שווערע שוואַרצע פליגל אים אָנגעהויבן צו פאָכען פאַר די אויגן.

— בינעם, בינעם... — געוואָלט האָט ער שטיל אַ רוף טאָן זיין חבר, טיילן זיך מיט דער מורא, אפשר וועט ער אים באַרואיקן. פון זיין האַלדז איז נאָר אַרויס אַ דינער, פאַרשטיקטער קרעכץ.

דווקא דאָס האָט איזאַק דערהערט. אין דעם טומל, אין די הויכע רייד פון די פּורים־שפּילער האָט זיך שלמהלעס זיפץ דורכגעריסן צו אים, ווי דאָס געוויין פון אַ קליין קינד, וועלכער דערגייט צו אַ מאַמען דורך ווענט.

— ס'איז דיר עפּעס, שלמהלע? זעט, ווי ער האָט זיך געענדערט אויפן פּנים! — וואַרעמקייט און זאָרג האָט זיך געהערט אין איזאַקס שטים.

די וואַרעמקייט האָט שלמהלען אַרומגענומען און איינגעטוליעט. עס האָט זיך אים פאַרגלוסט צו שמייכלען — האָבן זיך טרערן אַ קייקל געטאָן איבער די באַקן. ער האָט זיך פאַרשעמט: — „אַ בורילע זאָל וויינען!...“—

ביז משיח וועט קומען וועלן די פּורים־שפּילער חוזקן פון אים. ער האָט געוואָלט אויפהייבן אַ האַנט, שנעל אָפּווישן די טרערן. די פינגער זענען געווען ווי טשוועקעס, אַריינגעהאַקטע אין ברעט פון דער באַנק. אַלע מוסקולן האָט ער אָנגעשטרענגט זיך אויפצוהייבן, אויסצודרייען דאָס פּנים. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר די בליקן, וואָס זענען פון אַלע זייטן געווען אָנגעשפּיזט אויף אים.

— מיר איז גאָרנישט, כ׳וויל ווייטער מיט אייך שפּילן — מעג זיין פאַר אַ יידענע, לאַכט נישט פון מיר, חברה... — די ווערטער האָבן זיך געקנוילט אין זיין מוח און ביז זיי זענען דערגאַנגען צו דער צונג, האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שווערן קרעכץ.

VIII

ערשט איצט איז איזאַק געוואָרן אַ רעטעניש פאַר די פּורים־שפּילער. זיי האָבן זיך געדרייט ווי די שאָטנס אַרום זיין חדר און נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם פלוצלונגדיקן איבערברוך אין אים.

— ס׳זעט אויס, ווי דער משרת וואָלט אים געווען ליבער פון שרה־לען. — שלמהלע בדחן האָט עס געזאָגט זייער ערנסט. פאַר בינעמען האָט עס אָבער געקלונגען שפּאַסיק, ווי אַלץ, וואָס דער בדחן האָט געזאָגט.

— אַ צייט אויף וויצן. פּוסטער קאָפּ! — ער האָט בייז אַ קוק געטאָן אויף דעם בדחן. דעם כעס האָט ער אויסגעלאָזט צום קליינעם גדליהו, וואָס האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געפּלאָנטערט אויפן הויף — ווער דאַרף דיך דאָ, שנעק? וואָלסט בעסער אַרומגעהאָפּסלט ביי דער ווייסל. געזינטער פאַר דיר!

גדליהו האָט זיך ווייניק געמאַכט פון בינעמס כעס. צום יאָגן איז ער שוין געוווינט — פון אומעטום יאָגט מען אים. איז באשר בכן? דאָ איז אַזוי לעבעדיק, אַזויפיל מענטשן קומען. און אַזויפיל לוויות. מען וויינט שוין אַפילו נישט. וואָס איז דאָ צו וויינען? די גאַנצע שטאָט פירט מען דאָך כמעט אַרויס. ער באַווייזט אַפילו נישט נאָכצולויפן יעדן וועגעלע, יעדע לוויה — איז וואָס וויינען? די פּורים־שפּילער וועלן דאָך ווייטער שפּילן. ער אַליין וועט אויך שפּילן. דער לערער וועט זיי ווידער נעמען אין דער אַר־בעט אַריין... ניין, ער וועט נישט אַוועק פון דאַנען.

אָבער דער לערער האָט זיי גאָך אַלץ נישט גענומען אין דער אַ־בעט אַריין. ער איז געלעגן ביי זיך אין חדר — איין בינעם האָט געמעגט אַריין

צו אים. און מיט בינעמען האָט ער אויך כמעט נישט גערעדט. גערעדט האָט ער בלויז מיט זיך: שטילערהייט, אין זיך, אַליין זיך געאַמפּערט. וועגן גוויאַזדאָן, וועגן שרהלען, וועגן שלמהלען, טעאַטער, פּורים־שפּילער...

— „אין דער אמתן, וואָס האָט מיך אַזוי שטאַרק צענומען שלמהלעס טויט? — האָט ער זיך געפרעגט. — צי איז עס טאַקע צוליב שלמהלען? מיט שרהלען איז אוועקגעשוומען א שטיק פון מיין לעבן. האָב איך אויפֿ־בנייען זיך גענומען צו דער אַרבעט. נאָך פאַרביסענער, נאָך עקשנותדיקער. כ'האָב געוואָלט מיטן טעאַטער שטעלן שרהלען אַ לעבעדיקן דענקמאָל. זי זאָל לעבן אין טעאַטער. און איצט...“

נישט שוין זשע איז די שוואַכקייט — דער ערשטער ריס פון דער מגפה אין זיין אָרגאַניזם? גאַנץ מעגלעך. ער איז דאָך כסדר געווען צוזאַמען מיט שלמהלען, געגעסן מיט אים, געאָטעמט מיט דער זעלבער לופט, גענומען צום מויל די זעלבע כלים... שלמהלע משרת! דער ערשטער מענטש, וואָס האָט אים באַגעגנט אין וואַרשע נאָכן צוריקקומען פון נע־ונד. דער ערשטער מענטש, וואָס האָט אים אַרויסגעוויזן אַז אָפּן מענטשלעך האַרץ. ער האָט דאָך אים צונויפגעפירט מיט דעם אַלעם, מיט וואָס ער האָט געלעבט די לעצטע יאָרן — מיט גוויאַזדאָן, מיט די פּורים־שפּילער, מיט שרהלען.

—'או—ו—ף! אַ היץ באַפאַלט מיך. אין דרויסן איז היים. די פענצ־טער זענען שוין אַ פּאָר טעג נישט געעפנט געוואָרן. אַ געדיכטע לופט.

עס האָט זיך אים אָנגעהויבן אויסצוווייזן, אַז די לופט כוואַליעט זיך, כוואַליעט זיך, פאַרוואַנדלט זיך אין וואַסער־כוואַליעס.

— „איך מוז טאַקע זיין קראַנק. דער דאָקטאָר האָט געוואָרנט. אפשר איז ער טאַקע גערעכט? ס'איבלט; ס'דרייט אוים די געדערעם. אַ שווער־קייט, אַ היץ. און אפשר איז עס גאָר אַז איינרעדעניש? — ער האָט זיך געפּרוּווט צו שטאַרקן מיט דעם געדאַנק. — די ווירקונג פון דער שרעק, וואָס דער דאָקטאָר האָט אָנגעוואָרפן? אַ ווילער מענטש, דער סטודענצקי, נאָר עפּעס קאָן איך אים נישט צעקייען, ווי אייגער פון אונדז, אַ פּשוטער, האַרציקער פאַלקסמענטש. און מיטאַמאָל שלאָגט פון אים עפּעס אַ פרעמד־קייט... צוויי נשמות זיצן אין זיין גוף. ער ראַנגלט זיך צווישן צוויי וועלטן. צווישן די קעלערשטובן, די קאַגורעס, און צווישן זאַלן, פּאַלאַצן פון יענער זייט. ציטעריק, ווי אַ מענטש, וואָס הענגט אין דער לופטן... אפשר דערפאַר האָט ער מיך אַזוי אָנגעשראָקן?...

ס'איז אים לייכטער געוואָרן. כ'האָט זיך פרייער געאָטעמט, האָט ער באַלד אָנגעהויבן צו פילן זיך שטאַרק ביי זיך.

— מאַקע נישט באַדאַרפֿט פֿאָלגן דעם דאָקטאָר. נישט איבעררייסן די אַרבעט! אין דער אַרבעט פֿאַרגעסט מען זיך, מען פֿאַרגעסט דעם ווייטיק.

זיין מוח האָט אָנגעהויבן שנעל צו אַרבעטן: — „מען טאָר נישט נאָכגעבן, נישט אָפּטרעטן, ביזן לעצטן אָטעם! טורקוס האָט ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק צו ווּיסן געטאָן, אַז ער זאָגט זיך נישט אָפּ פֿון זיין פּלאַן. גלייך ווי די מגפֿה וועט פֿאַרביי, דאַרף מען זיך ווידער נעמען צום טעאַטער. ער וועט נישט אָפּטרעטן. אַ באַווייז: די הונדערטער גילדן, וואָס ער שיקט אַריין, אַ נייער אדרעויף. ער איז געראַכט, טורקוס. נישט אָפּטרעטן. מען מוז גובר זיין די שוואַכקייט, אַ נעם טאָן זיך אין די הענט, צו דער אַרבעט! צו דער אַרבעט!"

מיט אַ לייכטקייט איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בעט, צוגעלאָפֿן צום פֿענצטער, אויפֿגעפּראַלט עס. ער האָט געשלונגען די לופֿט פֿון דרויסן מיט אַן אָפֿן מויל. פּאָר זיינע אויגן האָבן געשוועבט באַקאַנטע פּנימער: בינעם אַמפּערט זיך מיט שלמה ברדחן, בערל פּאָכעט מיט די לאַנגע הענט, דער קליינער גדליהו שפּרינגט אַרום זיי, ווי ער וואָלט זיך געשפּילט אין קאַמערקאַמער־הויז...

— בינעם! בי — — — — —

אַ היץ איז אים ווידער באַפֿאַלן, אַדורך אַלע גלידער, אַ דריי געטאָן אין האַלדז און אין די געדערעם. עפּעס האָט אים אַ שטויס געטאָן פֿאָרויס. ער איז געבליבן הענגען אַן איבערגעבראָכענער איןביידע זייטן פֿענצטער.

וואָס איז געשען ווייטער, האָט ער נישט געדענקט. ווען ער איז צו זיך געקומען, האָבן אָנגעהויבן אַרויסשווימען פֿאַר אים פֿאַרשווומענע פּנימער פֿון גרויסע פֿייערדיקע קרייזן, וועלכע האָבן זיך געדרייט פֿאַר זיינע אויגן. די פּנימער האָבן זיך געצאַפּלט, ווי אַ גאַלאַרעטע. די צאַפּלדיקע מאַסע האָט זיך צוביסלעך באַרואיקט, פֿאַרגליווערט געוואָרן. אַהאַ, דער דאָקטאָר סטודענצקי, בינעם, שלמה ברדחן.

— ס'איז מיר נישט גוט געוואָרן? — ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט די ווערטער.

— די מינוט גלייך אין שפּיטאָל אַריין! — אָפּגעהאַקטע פֿאַראָרדענונגען פֿון דאָקטאָר, ווי יעדע רגע וואָלט געהאַט אַ דעציזירנדיקע באַדייטונג.

בינעם, שלמה ברדחן מיט נאָך צוויי יונגען האָבן אים געפּרוווט אַ נעם טאָן אויף דער דעקע, ווי אויף אַ טראָגבעטל.

— וואָרט, וואָרט, כ'וויל עפּעס זאָגן, — ווערטער זענען געפֿאַלן פֿון

זיין מויל, ווי בלעטער פון אַ שפּעט־האַרבסטיקן בוים, — אויף יעדן פאַל לאָמיר זיך געזעגענען. ווען מען גייט אַהין, ווייסט מען נישט, צי מען וועט קומען צוריק...

דאָקטאָר סטודענצקי האָט אים געפּרוווט צו באַרואיקן:

— נישט די כאָליערע... סתם אַ פאַרשלאָפונג... איר וועט גיך צוריק־קומען.

— טרייסט מיך נישט, דאָקטאָר, — ביי דער אָפּשוואַכונג האָט אי־זאַקס שטים געקלונגען זיכערער, — כ'בין רואיק... און גרייט.

ער האָט זיך אויפגעזעצט, אונטערגעשפּאַרט דורך בינעמען און שלמהן. זיינע צעפלאַמטע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין זיי:

— צי כ'וועל צוריקקומען, — צי ניין, איר וועט ווייטער... שפּילן טע־אַטער. בינעם, אין שופלאַד ליגן מיינע כתבים, טעאַטער־שטיק, פּורים־שפּילן. היט זיי אָפּ... שפּילט, פּורים־שפּילער! שפּילט...

אין דרויסן האָט דאָס פערדל אומגעדולדיק געקלאַפּט דעם זאַמד, גע־דרייט זיך, באַוועגנדיק דעם סקריפּענדיקן דישעל פון שפּיטאָל־וועגעלע.

סוף

אינהאַלט:

ערשטער טייל:

א. צוריק אהיים 7
ב. וואַרשעווער גאַסן 30
ג. יאָסל גוויאַזדאַ 75
ד. די סאָסקע קעמפּע 111

צווייטער טייל:

ה. שרהלע 149
ו. די פורים־שפּיל 197
ז. קהלס צאָרן 235
ח. שפּילט, פורים־שפּילער 283

ביכער פון דעם זעלבן מחבר
דערשינענע אין פאַרלאַג „יידיש בוך"

1) יידיש טעאַטער אין פּוילן — 1951

2) די מאַמע אסתּר־רחל — 1953

3) סאַטיריש דראַמאַטורגיע — 1955

4) וואַרשע, דאָס וויגעלע פון יידישן טעאַטער — 1956